STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03328

DER SHTEKHEDIGER

E. L. Voynich

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער שטעכעדיגער

היסטאַרישער ראמאן פון ע. ל. וואיניטש

איבערזעצט אויס דעם ענגלישען פון נ. קאפלאן.

ליטעראַרישער פערלאג, ניו יאָרק.

1/5071

געווידמעט צו דעם אנדענקען פון מיין
אונפערגעסליכער און אידעאלער פרוי און
פריינדין ב ע ס ס י ק א פ ל א ן.

דער איבערזעצער.

יאנואר 10, 1917

By Permission of
HENRY HOLT & CO.
New York
Publishers of the English Original.

מיינונג פון ש. יאנאווסקי

(רעדאקטאר פון „פרייע ארבייטער שטימע“).

דער ראמאן „דער שטעכעדיגער“ איז אן איבערזעצונג פון דעם ענגלישען ראמאן „דהי געדפליי“ פון ע. ל. וואיניטש, און איבער וועלכען די קריטיק האט שטארק גערעדט.

דער נאמען פון דעם פערפאסער פון דיעזען ראמאן איז ניט אן אל־וועלטליכע בעריהמטהייט דערווייל, חאטש ער איז שטארק בעקאנט און געאכטעט אין דער ליטעראַרישער וועלט.

„נור וואס איז אין א נאמען?“ דער עיקר איז דאך דאס ווערק זעלבסט. און וועגען דעם ווערק אליין, שיינט אונז, קענען גאר ניט זיין קיין צוויי מיינונגען, אז עס איז איינס פון די בעדייטענסטע, וועלכע זיינען ערשיענען אין די לעצטע יאהרען.

דער ראמאן איז אינטערעסאנט אין דעם בעסטען זין פון ווארט. דער שרייבער פון דיעזע צייליען האט איהם גענומען איבערלעזען אויף די רע־קאמענדאציאן פון דעם איבערזעצער נ. קאפלאן. מיר האבען דעם ראטה גע־פאלגט, און חאטש ער, דיעזער ראטה, האט אונז געקאסט א גאנצע שלאפ־לאזע נאכט, ווייל אנהויבענדיג עס צו לעזען, האבען מיר עס שוין ניט גע־קאנט ניט ענדיגען, האבען מיר דאך געפיהלט זיך אמת פערפפליכטעט צו אונזער פריינד.

און מיט וואס איז עס דיעזער ראמאן אזוי אינטערעסאנט. אפשר מיט זעהר טשיקאווע ליעבעס־סצענעס? אדער מיט געוואלדיגע געהיימניסע און נסים?

ניין! געוויס. א ראמאן אהן דעם עלעמענט פון ליעבע געהט ניט. און די ליעבע, וועלכע ווערט געשילדערט אין איהם, איז העכסט אינטערע־סאנט און ניט אזוי דורך איהר שרייענדיגקייט, נור דוקא צוליעב איהר שטילע צניעות'דיגקייט; אבער דאס איז בשום אופן ניט דער הויפט־אינ־טערעס. דאס שפאנענדע אין דיעזען ראמאן איז דער טיטאנישער קאמפף פון א נייער וועלט, וואס דארף ערשט געבארען ווערען, מיט אן אלטער, וואס האלט ביים אבשטארבען. דאס מערקווירדיגע אין דיעזען ראמאן זיינען די

פערשיעדענע טיפען, וועלכע די דראנג־און־שטורם־צייט ברענגט דא אין אזא געוואלדיגען קאנפליקט.

די פאסירונגען, וועלכע ווערען געשילדערט, זיינען מעהר אדער ווע־ניגער היסטארישע. דאס זיינען שילדערונגען פון דער צייט, ווען אין איטא־ליען האט מען געקעמפפט פאר פרייהייט, פאר א רעפובליקאנישען רעזשים. און מערקווירדיג, גאר אפט ביים לעזען, פערגעסט איהר, אז דא רעדט זיך וועגען איטאליען, און עס דוכט זיך אייך, אז דאס אלעס שפיעלט זיך אב אויף דעם רוסישען באדען. ווי עכט רוסיש דאס איז אונזער העלד, דער שטעכעדיגער! ווען איהר הערט זיינע טענות אין דער פערטהיידיגונג פון טעררארידם, וואלט איהר געשווארען, אז דאס איז א מאקסימאליסט פון ניין און ניינציגער פראבע. און ווי בעקאנט זיינען אונז די אלע אנדערע כא־ראקטערע, וועלכע ווערען געשילדערט אין דיעזען גרויסען ראמאן! עס פעהלט זאגאר ניט דער בייגעשמאק פון דער אזוושטשינא.

דער ראמאן „דער שטעכעדיגער“ איז פול מיט לעבען, מיט קאמפף; ער איז אן אמת־רעאליסטישער ראמאן. עס איז דארט גאר ניט איבערטריבען. דאס מיינט אבער ניט, אז איהר האט נור צו ערווארטען א טרוקענע כרא־ניק פון פאסירונגען. ניין, די פאסירונגען ווערען ערשט אמת רעאל, אמת אמת'דיג מיט דער הילפע פון א רייכער פאנטאזיע.

וואס אנבעטרעפט די איבערזעצונג, ווי זי איז געמאכט געווארען פון פריינד נ. קאפלאן, קענען מיר זאגען גאנץ געוויסענהאפט, אז זי איז דיא בעסטע, וואס קען זיין. א זעהר שעהנער, גלאטער, פליסיגער אידיש, און דער ראמאן לייענט זיך ניט א הארעלע ערגער, ווי אין אריגינאל. בקיצור, אין דעם קומענדען ראמאן ווארט אויפ'ן לעזער גאר א זעהר שעהנער גייסטיגער און עסטהעטישער מאהלצייט.

1

דער יונגער סטודענט אַרטהור איז געזעסען אין דער ביבליאָטהעק פון טהעאָלאָגישען סעמינאַריום אין פּיזא און דורכגעבלעטערט אַ בארג מיט מאַנוסקריפּטען פון רעליגיעזע דרשות. עס איז געווען אַ הייסער טאָג אין תמוז. די פענסטער זיינען געווען אין גאַנצען אָפען און די פאָרהאַנגען האַלב אַרונטערגעלאָזען. דער רעקטאָר פון סעמינאַריום, מאָנטאַנעלי, אַ קאַטוילישער גייסטליכער, איז געזעסען נעבען איהם און עטוואָס געשריבען. פּלוצלונג האָט ער אויפגעהויבען די קאָפּ פון דער אַרבייט און געוואָרפען אַ צערטליכען בליק אויף דער שוואַרצער קאָפּ האָר, וועלכע איז געווען איבערגעבויגען איבער די פּאַפּירען.

— קענסט ניט געפינען, קאַרינאַ*)? לאָז עס איבער, איך וועל נאָך אַ מאָהל אָנשרייבען דיזעלבע שטעלע. וואַהרשיינליך איז עס וואו פערלאָרען געגאַנגען, און איך האָב דיך אומזיסט בעמיהט.

מאָנטאַנעלי'ס שטימע איז געווען ניט זעהר קיין הויכע, אָבער אַ סאָלידע, בויגזאַם און רייך אין שאַטירונגען, ווי ביי אַ געבאָרענעם רעדנער. דער ריינער זילבערנער קלאַנג איהרער האָט צוגעגעבען זיין אויסשפּראַכע אַ בעזאָנדערען פּראַכט און יעדעס מאָל, ווען דער רעקטאָר פלעגט זיך ווענדען צו אַרטהור'ן, האָט זיך אין דעם טאָן געהערט אַן אונענדליכע צערטליכקייט.

— ניין, פּאַדרע*), איך וועל עס געפינען, איך בין זיכער, דאָס די דרשה ליגט דאָ ערגעץ. ווען איהר וועט עס אַ צווייטען מאָל אָנשרייבען, וועט איך קיינמאָל ניט געלינגען אויפצושטעלען ריכטיג דאָס זעלבע.

מאָנטאַנעלי האָט ווייטער אָנגעפאַנגען זיין איבערגעריסענע אַרבייט. ערגעץ־וואו פון דרויסען, הינטער'ן פענסטער, האָט זיך געהערט דאָס איינ־אַרטיגע זשומען פון אַ ביהן, די שטילקייט אין גאַס איז אָפּט איבערגע־ריסען געוואָרען דורך אַ לאַנגען, אומעדיגען אויסגעשריי פון אַ הייזעריגער פּעדלער שטימע: „סטראָבערים! סטראָבערים!....

„וועגען דער קורירונג פון קרעציגע" — אָט איז עס! אַרטהור האָט זיך אויפגעהויבען פון פּלאַץ און איז מיט שטילע טריט צוגעגאַנגען צום פּאַטער. פון קליינעם וואוקס, שוואַך אין אויסזעהן, איז ער גיכער געווען עהנליך צו אַן איטאַליענער פון 16טען יאָהרהונדערט, איידער צו אַ יונגען מאַן פון די דרייסיגער יאָהרען, וועלכער שטאַמט פון אַן ענגלישער פאַמיליע. עפּעס צופיעל איז אַלעס אין איהם געווען שעהן און עדעל. יעדעס גליעד זיינע איז געווען ווי געטאָקט, און ווען ער איז געזעסען רוהיג, האָט מען איהם גיכער געקענט אָננעהמען פאַר אַ שעהנע מיידעל, וועלכע האָט זיך איבערגעטהאָן אין מענער־קליידער. די פלינקע בעוועגונגען זיינע פלע־

*) קאַרינאַ בעדייטעט אין איטאַליעניש זוהן, פּאַדרע — פּאַטער.

גען אָבער עראינערען אַ היימישע פּאַנטערע, וואָס ציינט נים אַרויס איהרע נענעל.

— ווירקליך געפונען? וואָס וואָלט איך געטהאָן אָהן דיר, אַרטהור, איך וואָלט אימער אַלעס פערלאָרען. נו, זאָל זיין גענוג, ביי דעם וועל איך זיך אָבשטעלען און מעהר דערוויייל נים שרייבען. קום, מיר וועלען זיך הורכגעהן אַ ביסעל אין פּאַרק און איך וועל דיר העלפען זיך פאַרנאַנדער־צונעהמען אין דיין ארבייט. וואָס איז דיר דאַרטען נים פערשטענדליך?

ארטהור האָט שטודירט פילאָזאָפיע אין אוניווערסיטעט, און יעדען מאָל ווען איהם איז אויסגעקומען אָנצוטרעפען אַ שווערע פּראָבלעמע, פלעגט ער זיך ווענדען נאָך אַן ערקלעהרונג צום פּאַדרע. קיין שילער פון סעמי־נאַריום איז אַרטהור קיינמאָהל נים געווען, נאָר מאָנטאַנעלי איז ביי איהם געווען פערערכענט אַלס אויטאָריטעט אין אַלע צווייגען פון וויסענשאַפט.

— נו, יעצט וועל איך געהן — האָט אַרטהור אויסגערופען, ווען די שווערע שטעלע אין דער פילאָזאָפיע איז איהם קלאָר געוואָרען — פילייכט אָבער בין איך אייך נויטיג?

— ניין, פאַרלויפיג האָב איך מיין ארבייט געענדיגט, מיר וואָלט זיך אָבער וועלען דו זאָלסט סתם אזוי פערבלייבען אַ ביסעל מיט מיר. ביזטו פריי?

— אָ, יע!

אָנשפּאַרענדיג זיך אָן אַ בוים, האָט אַרטהור פערוואָרפען אין דער הויך דעם קאָפּ און געקוקט דורך די געדיכטע צווייגען אין דער פינסטער אויף די ערשטע שטערען, וועלכע האָבען שוואַך געבלישטשעט אין דער טיפעניש פון קלאָרען הימעל. פון דער מוטער זיינער, וועלכע איז געווען אַ געבירטיגע פון קאָרניש, האָט אַרטהור גע׳ירש׳נט אַ פּאָר שעהנע געהיימניספולע אויגען, וועלכע האָבען טרויעריש ארויסגעקוקט פון אונטער די דונקעלע ברעמען. מאָנטענעלי האָט נים געקענט פערטראָגען דעם שאַרפען בליק פון דיעזע אויגען און האָט זיך אָבגעקעהרט.

— וואָס פאַר אַ מיעדער אויסזעהן ביי דיר איז, קאַרינאָ — האָט ער שטיל געזאָגט.

— וועל, וואָס קען איך מאַכען?

אין אַרטהור׳ס שטימע האָט זיך געהערט אַ שטאַרקע מיעדקייט און מאָנטענעלי האָט עס גלייך בעמערקט.

— דו דאַרפסט זיך נים שטאַרק איילען צוריק אָנצופאַנגען לערנען. דער מוטער׳ס קראַנקהייט און די פיעלע שלאָפלאָזע נעכט נעבען איהר בעט האָבען דיך, נאַטירליך, צופיעל אָנגעשטרענגט, און עס איז דאַרום נויטיג פאַר דיר צו האָבען אַ לענגערע צייט רוהע איידער דו וועסט דאַרפען צוריק־פאָהרען נאָך ליוואָרנאָ.

— אָ, פאדרע, וואָס איז די פּעולה? איך קען אַלענפאַלס ניט, נאָך דער מוטער'ס טוידט, פערבלייבען אין דיזער אונגליקליכער הויז. יוליא וועט מיך טרייבען צו משוגעת.

יוליא איז געוועז די פרוי פון זיין עלטערען שטיף־ברודער און זי פּלעגט זיך בענוצען מיט יעדער געלעגענהייט אום איהם צו פערביטערען דאָס לעבען.

— עס איז גאָרניט נויטיג פאַר דיר זיך אָבצושטעלען ביי קרובים — האָט מאַנטאַנעלי ווייך ערווידערט — דאָס וואָלט אָהנע צווייפעל זיין פאַר דיר דאָס ערגסטע. דו קענסט אָבער אריינפאָהרען צו דיין פריינד, דעם ענגלישען דאָקטאָר. דאָרטען וועסטו פערברענגען אַ מאָנאַט און דו וועסט נאָכהער זיין פעהיג ווייטער צו ארבייטען.

— ניין, פאַדרע, גלויב מיר, איך קען עס ניט! די וואָרענס זיינען זעהר גוטע און פריינדליכע לייטע, אָבער זיי פערשטעהען מיך ניט. זיי פיהלען מיט מיין טרויער, אָבער זיי דערמאָהנען אימער אין זייערע טרייסט־ווערטער מיין מוטער.... דזשעמאַ איז שוין ניט אַזוי. ווען מיר זיינען נאָך געוועזען קינדער, פּלעגט זי שוין דאַן פיהלען וואָס און ווען מען דאַרף אין אַ געשפּרעך ניט בעריהרען; אַנדערע זיינען אָבער ניט אַזוי עמפּפינדליך. דאָס אַליין איז אָבער נאָך ניט אַלעס.

— וואָס איז דען נאָך, זוהן מיינער?

ארטהור האָט אָבגעריסען אייניגע בלעטלאַך פון אַן ארונטערגעפאַלענעם צווייג און עס נערוועז געפּליקט אין זיינע הענד.

— איך קען ניט פערטראָגען יענע שטאָדט — האָט ער אָנגעפאַנגען נאָך אַ קורצען שטילשווייגען — דאָרטען געפינען זיך די געשעפטען, וואו מיין מוטער פלעגט מיר קויפען שפּיעלצייג, ווען איך בין נאָך אַ קינד געוועזען, דער האַפען, וואו איך פּלעג מיט איהר אָפט שפּאַצירען, איידער זי איז נאָך קראַנק געוואָרען, וואו איך זאָל ניט געהן, וועט מיר אַלעס עראינערען אָן איהר. דערצו נאָך דער בית־עולם.... ניין, איך קען דאָרטען ניט וואוינען, עס איז מיר שווער צו זעהען דאָס אַלעס...

ארטהור איז אַנשווייגען געוואָרען. עס איז שוין געוואָרען שטאַרק דונקעל. אַלעס ארום האָט זיך אָנגעהויבען צו בעדעקען מיט פינסטערע שאָטענס. מאַנטאַנעלי איז געשטאַנען מיט אַן אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ, אָנ־האַלטענדיג זיך מיט זיין רעכטער האנד פאַר'ן ווינקעל פון באַנק. דאָס געזיכט זיינע איז געוועזען טוידט־בלאַס. ארטהור האָט זיך אָבגעקעהרט מיט אַ געפיהל פון עהרפורכט און בעוואונדערונג פאַר דיזער טיעף־פיהלענדער נשמה.

— אָ, גאָט! — האָט ער געטראַכט — ווי קליינליך און עגאָאיסטיש

איך בין נעגען איהם! ווען מיין שמערץ וואָלט זיין זיין אייגענער, וואָלט ער ניט געקענט טיעפער אויסדריקען זיינע געפיהלען.

מאָנטאנעלי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און זיך אומגעקוקט.

— גוט, איך וועל דיר מעהר ניט ראטהען אהין צו פאָהרען, וועניגסטענס יעצט — האָט ער געזאָגט מיט אַ צערטליכען טאָן — פערשפּרעך מיר אָבער, דאָס דו וועסט זיך גוט אויסרוהען און אויסניצען די צייט פון דיין וואַקיי־שאָן אום זיך פאָלקאָם צו ערהאָלען אין געזונד.

— און וואו דענקסט איהר צו פאָהרען, פאַדרע, ווען דער סעמינאַריום וועט זיין צו?

— מיר וועט אויסקומען, ווי אימער, צו פיהרען די שילער אין די בערג. אין מיטען אויגוסט, ווען עס וועט זיך צוריקקעהרען פון זיין וואַקיישאָן מיין געהילפע, וועל איך דאַן אונטערנעהמען אויף אַ קורצע צייט אַן עקס־קוירשאַן איבער די אַלפּען בערג. פיעלייכט ווילסטו מיט מיר מיטפאָהרען. מיר וואָלטען זיך אַוועקגעלאָזען אויף אַ לאַנגע רייזע איבער די בערג און דו וואָלסט דערווייל האָבען אַ גלענצענדע געלעגענהייט זיך צו בעשעפטיגען מיט באָטאַנישע פאָרשונגען פון די אַלפּישע גראָזען. איך האָב בלויז מורא אַז דו וועסט זיך פיהלען לאַנגווייליג מיט מיר.

— פאַדרע! — האָט ארטהור אויסגעשריען,, אַ פּאַטש טהוענדיג מיט די הענד פון פרייד — איך וואָלט אַלעס אין דער וועלט אָבגעגעבען אום צו קענען אייך דאַן בעגלייטען. נאָר... איך בין ניט זיכער...

— דאָס מיסטער בערטאָן וועט דיר ערלויבען — ווילסטו זאָגען?

— געוויס ער וועט זיין נעגען דעם. נאָר דאָס וועט מיך ניט אָבהאַלטען. מיר איז שוין 18 יאָהר און איך קען טהאָן, וואָס מיר געפעהלט. נאָך אַלע־מען, איז ער מיר ניט מעהר ווי אַ שטיעף־ברודער און איך זעה ניט איין די אורזאַכע ווארום איך דאַרף זיך אימער רעכענען מיט זיינע פערלאַנגען. דערצו איז ער דאָך אימער געווען אזוי גראָב נעגען מיין מוטער.

— אויב אָבער ער וועט זיין שטאַרק דאַגעגען, וועט זיין גלייכער פאַר דיר נאָכצוגעבען. די לאַגע דיינע אין הויז קען נאָך ערגער ווערען, אויב...

— ניט אזוי געפעהרליך, — האָט איהם ארטהור היציג איבערגעשלאָ־גען — זיי האָבען מיך קיינמאָהל ניט געליעבט און וועלען מיך ניט ליעבען וואָס איך זאָל ניט טהאָן. און פאַרוואָס זאָל וויעדער דזשיימס ניט איינ־שטימען, אז איך זאָל פאָהרען מיט אייך, מיט מיין גייסטיגען פאָטער?

— פערגעס ניט — ער איז אַ פּראָטעסטאַנט. אַלענפאַלס איז גלייכער איהם אָנצופרעגען און הערען וואָס ער וועט זאָגען. אַ ביסעל מעהר געדולד, זוהן מיינער. אין אונזערע האַנדלונגען דאַרפען מיר זיך ניט אימער רעכע־נען מיט דעם, אויב מען ליעבט אונז אָדער מען האַסט אונז.

דיזע קורצע בעמערקונג האט אויף ארטהור'ן געמאכט א ווירקונג. ער איז לייכט רויט געווארען.

— יע, איך ווייס — האט ער געענטפערט מיט א זיפץ — עס איז אבער אזוי שווער....

מאנטאנעלי האט געפונען פאר נויטיג איבערצובייטען דעם געשפרעך.

— דו ווייסט, איך האב זעהר בעדויערט, וואס דו האסט ניט געקענט קומען צו מיר דינסטאג. עס איז ביי מיר דאן געווען דער עפיסקאפ פון ארעצא און מיר האט זיך זעהר געוואלט דו זאלסט איהם זעהן.

— יענעם טאג האב איך גראדע פערשפראכען צו זיין ביי איינעם א סטודענט. אין זיין הויז איז דאן געווען א פערזאמלונג און מען האט אויף מיר געווארט.

— וואס פאר א פערזאמלונג?

דיזע פראגע איז פאר ארטהור'ן געווען אונערווארטעט און ער איז געבליבען ווי צומישט.

— דאס... דאס איז אייגענטליך ניט געווען קיין פערזאמלונג. זאנ־דערן..... — האט ער געוואלט פעררעכטען, נערוועז זיך פערהיקענדיג — עס איז געקומען צופאהרען א סטודענט פון זשענעווא און געהאלטען א רעדע פאר אונז, א לעקטשור....

— וועגען וואס?

ארטהור איז געבליבען אין שטארקער פערלעגענהייט.

— פאדרע, איהר וועט דאך מיר ניט פרעגען דעם נאמען פון סטודענט? איך האב פערשפראכען...

— איך וועל דיך וועגען דעם ניט פרעגען. האסטו איינמאהל פערשפראכען צו האלטען בסוד, דארפסטו עס קיינעם ניט זאגען. איך דענק אבער, אז דו קענסט מיר אנטרויען וועגען וואס ער האט גערעדט.

— געוויס, פאדרע, ער האט גערעדט וועגען אונזער פפליכט צום פאלק.... וועגען די פפליכטען צו אונז אליין, ווי אויך מיט וואס מיר קענען העלפען....

— העלפען! וועמען?

— דאס פאלק... און....

— און?.....

— איטאליען.

א לאנגע צייט האבען זיי ביידע געשוויגען. דאן האט מאנטאנעלי אומגעקעהרט זיך צו איהם מיט אן ערנסטער מינע אויף זיין געזיכט און וויע־דער בענייט דעם געשפרעך.

— זאג מיר, ארטהור, ווי לאנג איז עס זייט דו האסט אנגעהויבען וועגען דעם צו דענקען?

— זייט לעצטען ווינטער.

— נאָך פאַר דער מוטער׳ס טוידט? און זי האָט דערפון גאָרניט געוואוסט?

— ניין. איבעריגענס האָט עס מיר דאַן ניט אַזוי אינטערעסירט.

— און יעצט? ...

ארטהור האָט אַ פיהר געטהאָן מיט׳ן האַנד איבער׳ן צווייגעל, אַבּ־רייסענדיג פון איהר איינינע רינגעלאַך.

— פאַסירט האָט עס אַט ווי, פאַדרע, — האָט ער אָנגעפאַנגען, אַרונ־טערלאָזענדיג די אויגען.. פאַריגען הערבסט, ווען איך האָב זיך פּערפער־טיגט צו די איינטריטס־עקזאַמענס אין אוניווערסיטעט, בין איך בעקאַנט געוואָרען מיט פיעלע סטודענטען און איינער פון זיי האָט מיר דאַן וועגען דאָס אַלעס דערצעהלט... און האָט מיר געגעבען דאַן געוויסע ביכער צום לעזען. בעזאָנדערס שטאַרק האָט עס מיר אָבער אין יענער צייט ניט גע־צויגען. עס האָט זיך מיר דאַן געוואָלט וואָס שנעלער אַהיים צו קומען, צו דער מוטער. זי איז דאָך געווען דאַרטען אין ליוואָרניא אַזוי איינזאַם און עלענד אין דער היימישער געפענגניס... נאָכהער איז אָנגעקומען דער ווינ־טער... די מאַמע איז קראַנק געוואָרען און דאַן האָב איך אָן אַלעס פערגע־סען. עס האָבען מיר ניט אינטערעסירט ניט די סטודענטען, ניט די ביכער. ווען דיעזע פראַגען וואָלטען מיר דאַן שטאַרק אינטערעסירט, וואָלט איך עס געווים אנפערטרויט דער מוטער, אָבער זיי זיינען מיר גאָר אין גאַנצען פון זינען ארוים... נאָכהער, ווען עס איז געוואָרען קלאָר, דאָס די מוטער לעבט איבער איהרע לעצטע טעג, בין איך די גאַנצע צייט פון איהר ניט אָבגעטראָטען. איך פלעג זיצען נעבען איהר גאַנצע נעכט, בלויז בייטאָג, ווען דזשעמאַ וואַרען פלעגט קומען, בין איך געגאַנגען שלאָפען... אין דיעזע לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט האָב איך עס אָנגעפאַנגען נאָכצודענ־קען וועגען דעם אינהאַלט פון די ביכער און וועגען דעם וואָס די חברים האָבען מיר דערצעהלט. איך האָב זיך בעמיהט קלאָר צו מאַכען אין מיין געדאַנק, אויב זיי זיינען גערעכט און פלעג זיך זאָגאַר שטעלען די פראַגע: וואָס וואָלט קריסטוס וועגען דעם אַלעס זאָגען?

— אַזוי, האָסטו זיך אויך צו איהם געווענדעט? מאַנטאַנעלי׳ס שטי־מע האָט געקלונגען ניט אין גאַנצען זיכער.

— אָפט, פאַדרע. איך פלעג איהם בעטען מיר צו געבען אַן עצה, וואָס צו טהאָן. אָבער איך האָב קיינמאָל פון איהם קיין תשובה ניט בע־קומען.

— און האָסט מיר וועגען דעם גאָרניט געזאָגט, ארטהור. אָבי איך האָב אימער געדענקט, דאָס דו האָסט צו מיר צוטרויען.

— פאַדרע, איהר ווייסט דאָך, ווי שטאַרק איך בין אין אייך אנפער־

טרויט! עס גיבען אָבער זאַכען, וועלכע מען קען קיינעם ניט זאָגען. מיר האָט אויסגעוויזען, דאָס קיינער קען מיר אין דעם ניט העלפען — ניט איהר און ניט די מוטער. עס איז מיר נויטיג געווען אַן אונמיטעלבאַרער ענטפער פון גאָט אַליין, ווייל דאָ האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ פראַגע פון מיין לעבען, פון מיין נשמה.

מאָנטאַנעלי האָט זיך אָבגעקעהרט אַן אַ זייט און אַרומגענומען מיט אַ דורכדרינגענדען בליק די געדיכטע פינסטערניס. זיין דונקעלע פיגור האָט זיך ווי אַ געהיימניספולער גייסט אָבגעשפּיעגעלט אויף דעם נאָך מעהר דונקעלען פאָן פון די צווייגען.

— נו, און נאָכהער?

— נאָכהער?... איז זי געשטאָרבען... 2 טעג פאַר איהר בעערדיגונג האָב איך וועגען קיין אַנדער זאַך ניט געקענט דענקען. נאָכדעם בין איך אַליין קראַנק געוואָרען. איהר געדענקט, איך האָב דאַן ניט געקענט קומען צו אייך זיך מתודה זיין?

— איך געדענק.

— אין יענער נאַכט האָב איך זיך אויפגעהויבען פון מיין געלעגער און אריינגעגאַנגען אין דער מוטער'ס צימער. זי איז געווען לעדיג, אין ווינקעל בלויז איז געשטאַנען אַ גרויסע איקאָנע (גאָטעס בילד). מיר האָט זיך דאַן געדוכט, אַז גאָט וועט מיר העלפען.... איך בין געפאַלען אויף די קניע און געוואַרט... אַ גאַנצע נאַכט האָב איך אַזוי געוואַרט... אין דער פריה, ווען איך בין צו זיך געקומען.... אָך, פּאַדרע! איך בין ניט אים שטאַנד אייך צו ערקלערען, וואָס איך האָב אין דעם מאָמענט געפיהלט און געזעהן.... איך געדענק עס קוים אַליין. איך ווייס בלויז, דאָס גאָט האָט מיר געענטפערט. אין יענער נאַכט איז מיר אַלעס קלאָהר געוואָרען און איך וואָג ניט איבער־צוטרעטען זיין ווילען.

נאָך אַ לאַנגען שטילשווייגען האָט מאָנטאַנעלי זיך אומגעקעהרט מיט'ן פּנים צו אַרטהור'ן און אַרויפלעגענדיג די האַנד אויף זיין אַקסעל, האָט ער ענדליך אַרויסגערעדט:

—זאָל מיר גאָט אויסהיטען, זוהן מיינער, צו בעהויפּטען, דאָס ער האָט דאַן ניט גערעדט צו דיין נשמה. געדענק אָבער אונטער וועלכע אומ־שטענדען דאָס אַלעס איז פאָרגעקומען. נעהם ניט אַן די טרויעריג־גע־שטימטע קראַנקע איינבילדונג פאַר אַ פייערליכען גאָטעס־רוף. אויב עס איז ווירקליך געווען זיין ווילען דיר צו ענטפערען, טייטש ניט אויס פאַלש זיינע ווערטער. זאָג מיר, אַרטהור, וואוהין רופט דיך דיין הערצליכע נייגונג?

אַרטהור האָט זיך אויפגעהויבען פון פּלאַץ און אויסגערופען מיט אַ פייערליכען טאָן, ריכטיג ווי ער וואָלט ווידערהאָלען אַ פּסוק פון קאַטעכיזם:

— אַבצוגעבען דאָס לעבען פאַר איטאַליען, העלפען דאָס לאַנד צוא בעפרייען זיך פון שקלאַפעריי און אונגליק, פעריאַגען די עסטרייכער און בעשאַפען א פרייע דעמאָקראַטישע רעפובליק מיט דעם איינציגען קעניג — קריסטוס.

— אַרטהור, בעדענק זיך נור וואס דו רעדסט! דו ביזט דאָך זאָגאר ניט קיין איטאַליענער.

— דאָס מאַכט קיין אונטערשיעד. איך בלייב דאָס, וואס איך בין. איך האָב געזעהן און זיך איבערגעגעבען.

— דו האָסט דאָך ניט לאַנג גערעדט וועגען דעם וואס קריסטוס האָט געזאָגט.... — האָט לאַנגזאַם אַרויסגערעדט מאָנטאַנעלי.

— קריסטוס האָט געזאָגט: „ווער עס פערלירט זיין נשמה צוליעב מיר, דער געווינט איהר", האָט אַרטהור איהם איבערגעשלאָגען.

מאָנטאַנעלי האָט זיך אַ ציה געטהאָן מיט איין האַנד צו יער צווייגעל און מיט דער צווייטער האָט ער צוגעדעקט זיינע אויגען.

— זעץ זיך אויף אַ מינוט, קאַרינא, — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט.

אַרטהור האָט זיך לאַנגזאַם אַראָבגעלאָזען אויפ'ן באַנק. מאָנטאַנעלי האָט איהם אָנגענומען פאַרביידע הענד און זיי לאַנג, פעסט געדריקט.

— יעצט קען איך מיט דיר ניט אַרגומענטירען.... עס איז אַלעס פאַר־געקומען אזוי פּלוצלונג.... איך האָב גאָר וועגען דעם ניט נאָכגעדענקט... איך מוז האָבען צייט זיך פאַרנאַנדערצוטהמען... ווען עס איז, וועלען מיר די פראַגע בעשפּרעכען גרינדליכער. פאַרלויפיג וואָלט איך דיך בעטען איין זאַך צו געדענקען: אויב דו וועסט אַריינגעצויגען ווערען אין דעם רעוואָ־לוציאָנערען שטראָם און פערלאָרען געהן, וועט עס מיין האַרץ ניט אויס־האַלטען.

— פּאַדרע!

— ניין. שלאָג מיך ניט איבער, לאָז ענדיגען. איך האָב דיר שוין אַמאָהל געזאָגט, דאָס אויסער דיך האָב איך קיינעם ניט אויף דיעזער וועלט. עס שיינט, דו האָסט ניט אין גאַנצען בעגריפען וואָס אַזעלכעס בעדייטעט. דיר איז עס שווער צו פערשטעהן, דו ביזט דאָך נאָך אזוי יונג. אַרטהור, זוהן מיינער, איך קען אָהן דיר איינפאַך ניט לעבען. איך בין פערטיג זיך צו אָפּפערען, אום נאָר דיך אָבצוהאַלטען פון אַ פאַלשען שריט אין לעבען. איך בין אָבער אָהנמעכטיג יעצט... איך פאָדער ניט פון דיר קיינע פער־שפּרעכונגען... געדענק בלויז, וואס איך האָב דיר געזאָגט און זיי פאָרזיכטיג. בעקלעהר זיך גוט, איידער דו בעשליסט.... טהו עס פון מיינעטוועגען, טהו עס צוליעב דיין פערשטאָרבענער מוטער...

— איך וועל וועגען דעם נאָכדענקען. דערווייל, פּאַדרע, טהוט תפילה פאַר מיר און פאַר איטאַליען.

ער האָט זיך אָראָבגעלאָזען אויף די קניע און מאַנטאַנעלי האָט ארויפ־געלעגט די הענד אויף זיין איינגעבויגענער קאָפּ. עס זיינען אריבער אייניגע מינוט... אַרטהור האָט זיך אויפגעהויבען, אַ קוש געטהאָן מאַנטאַ־נעלי'ס האנד און לאַנגזאַם אַוועקגעגאַנגען איבער דער פייכטער, מיט טהוי־בעדעקטער גראָז. מאַנטאַנעלי איז געבליבען אליין... לאַנג, לאַנג איז ער געשטאַנען בעוועגלאָז און געקוקט ווייט אין דער פינסטערנעס...

— גאָט'ס צאָרן האָט זיך אויף מיר אויסגעגאָסען — האָט איהם אַ בליץ געטהאָן אַ געדאַנק אין קאָפּ — איך האָב בעשמוצט זיין הייליגטהום... לאַנג האָט ער מיך געשאָנעוועט, אָבער ענדליך איז עס געשעהן...

2

מיסטער דזשיימס בארטאָן איז ניט געווען שטארק צופריעדען פון זיין שטיפברודער'ס פּלאָן צו מאַכען מיט מאַנטאַנעלי'ן אַ רייזע איבער שוויי־צאַריען. עס האָט אָבער ניט געפּאַסט איהם צו ענטזאָגען אין אַזאַ אונשול־דיגע ביטע, ווי אַ שפּאַציער מיט דעם עלטסטען פּראָפעסאָר פון רעליגיאָן, בפרט נאָך ווען דיעזע רייזע האָט פערפאָלגט אויך אַ וויסענשאַפטליכען צוועק. דערצו האָט מר. בארטאָן שטארק מורא געהאַט, אַז אַרטהור זאָל אַמאָהל ניט צושרייבען זיין געגנערשאַפט צו זיינע רעליגיעזע אָדער ראַסען־פּאַראורטהיילע. דאָס וואָלט איינפאַך געווען אַ חרפּה פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, וועלכע האָט אימער שטאָלצירט מיט איהר טאָלעראַנץ. שוין העכער הונדערט יאָהר, ווי די גרויסע פירמע „בארטאָן און זיהן" האָט זיך געגרינדעט, און זייט דאַן איז די פאַמיליע בעשטאַנען פון איבערצייגטע פּראָטעסטאַנטען, דאָך פלעגען זיי זיך שטענדיג האַלטען ביי דער מיינונג, דאָס אַלס ענגלישע „דזשענטעל־לייט" דאַרף מען זיין עהרליך און טאָלעראַנט צו פּאַפּיסטען.

עס האָט געראַדע געדאַרפט פּאַסירען, דאָס דער הויפּט פון דער הויז זאָל נאָך זיין ערשטער פרוי'ס טויד הייראַטהען אַ יונגע מיידעל — די גובערנאַנטין פון די איינגערע קינדער. פון יענער צייט אָן האָט אין דער פאַמיליע קיינמאָהל קיין שלום ניט געהערשט. די עלטערע צוויי זיהן, דזשיימס און טהאָמאַס, האָבען מיט דער שטיף־מוטער ניט געקענט שטימען און פלעגען זיך אימער אַרומרייסען. שפּעטער, ווען דער אַלטער איז גע־שטאָרבען, זיינען די פערהעלטניסע צווישען זיי נאָך ערגער געוואָרען. אימער שלעכט בעהאַנדלען און אָפען ארויסצייגען זייער שנאה צו איהם. אַרטהור האָט דורך דעם זעהר שטארק געליטען. די ברידער פלעגען איהם וואָס אנבעלאַנגט אָבער געלד אויף לעבענסמיטעל, פלעגען זיי איהם אימער געבען מיט דער פולער האַנד אויף אַלעס, וואָס ער האָט נור געדאַרפט.

אויף זיין בריף צו די עלטערע ברידער האָט אַרטהור ערהאַלטען אַ קאַלטע תשובה. דאָס איהם איז ערלויבט אויסצוניצען זיין וואַקיישען, ווי

ער געפינט אָם בעסטען. אין דעם בריעף איז געווען א טשעק אויף א גענוגענדע סומע געלד.

מאָנטאַנעלי'ס שטימונג איז יעצט געווען א פיעל בעסערע. נאָך יענעם אויפרעגענדען געשפרעך, וואס ער האָט אין פּארק געהאַט מיט ארטהור'ן, האָט ער זיך שוין ביסלעכווייז בערוהיגט און ער האָט געקוקט אויף אַלעס, וואָס איז פּאָרגעקומען, מיט גאַנץ אַנדערע אויגען. ארטהור איז נאָך יונג און אונערפאהרען, האָט ער זיך געטראַכט, זיין בעשלוס איז נאָך ניט אַזוי פעסט און עס איז דאָ גענוג צייט איהם איבערצורעדען און איבערצייגען מיט לאָגישע ארגומענטען, ער זאָל זיך אָבווענדען פון דעם געפעהרליכען וועג, אויף וועלכען ער האָט זיך אַזוי אונבעזאָנען אוועקגע־לאָזען.

לויט זייער פּלאַן איז זיי אויסגעקומען אָבצושטייגען אויף אייניגע טעג אין זשענעווא. ארטהור האָט אָבער אויסגעזעהן צו זיין אונצופריעדען מיט דעם. די ווייסע בלענדענדע גאַסען און די שטויביגע וועגען נעבען ים, וואו עס האָבען זיך ארומגעדרעהט אַלערליי טוריסטען, האָבען אויף איהם ארויפגעיאָגט אַן אומעט. מאָנטאַנעלי האָט איהם בעאָבאַכטעט מיט א רוהיגען שמייכעל.

— וואָס,קארינא? דיר געפעהלט דאָ ניט איבעריג דער פּלאַץ?

— איך האָב נאָך ניט פארנאַנדערגענומען זיך אין מיינע איינדריקע. עס איז אַזוי פערשיעדען פון דעם, וואס איך האָב ערוואַרטעט. אָט דיעזער טייך איז פּראַכטפאָל, שעהן זיינען אויך די קאָנטורען פון די ארומיגע בערג.

זיי זיינען דאַן ביידע געשטאַנען אויפ'ן אינזעל רוססאָ, און ער האָט אָנגעצייגט מיט'ן האַנד אויף די שפּיצען פון די סאַוואָישע אַלפּען־בערג.

— די שטאָדט אָבער... אַזאַ אָנגעקראָכמאַליעטע, אָנגעצוויגענע... ריכ־טיג ווי אַן אָנגעבלאָזענער פּראָטעסטאַנט. ניין, עס ציהט מיר ניט דאָס הארץ צו דער שטאָדט. יעדעס מאָהל, ווען איך קוק אויף איהר, עראינער איך זיך אָן יוליען.

מאָנטאַנעלי האָט זיך פאַרנאַנדערגעלאַכט.

— אָרעמער פריינד מיינער, איך האָב מיט דיר אמת מיטלייד!... ווער צווינגט אונז אָבער דאָ צו פערבלייבען? מיר וועלען זיך נאָך היינט דורכ־פאָהרען א ביסעל אויף א שיפעל איבער'ן וואַסער און מאָרגען פריה, מאַרש אויף די בערג.

— פיליכט, פאַדרע, וואָלט איהר נאָך דאָ וועלען זיין א ביסעל, צו וואָס זאָלט איהר זיך שטערען?

— טהייערער מיינער, איך האָב דאָס שוין אַלעס געזעהן א צעהנדליג מאָהל און יעצט איז מיין איינציגער וואונש צו זעהן, דו זאָלסט האָבען פערגניגען. וואוהין וואָלסטו געוואָלט געהן?

— אויב אייך איז אַלץ איינס, וואָלט איך וועלען זיך דורכפאָהרען ווייט ארויף איבער'ן וואַסער.

— איבער'ן טייך ראָן?

— ניין, איבער אַרווע, זי פליסט אזוי שנעל...

אויב אזוי, פאָהרען מיר נאָך שאַמאַני.

די גאַנצע איבעריגע צייט פון טאָג ביז שפּעט אין אָבענד האָבען זיי פערבראַכט אויפ'ן וואַסער. ארטהור האָט ליידענשאַפטליך געליעבט דיא רוישענדע, שנעל־פליסענדע וואַסערען. ער פלעגט איינפאַך ענטציקט ווערען זעהענדיג די שטורמישע וואַלען.

— אין דיעזען שטראָם איז דאָ אזוי פיעל פייער, אזא היץ — האָט ער זיך אויסגעדריקט.

אויפ'ן צווייטען טאָג, בעגינען, האָבען זיי זיך אַוועקגעלאָזען נאָך שאַמאַני. די גאַנצע צייט, וואס זיי זיינען געגאַנגען איבער דעם פרוכט־באַרען טהאָל, איז ארטהור געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. ווען אָבער עס האָבען זיך בעוויזען די הויכע שפּיציגע בערג, וועלכע האָבען זיך נאָכהער ווי ארום געוויקעלט אַרום זיי אין ענגען קרייז, איז ער געוואָרען ערנסט און שווייגענדיג. איבער נאַכט פלעגען זיי זיך אָבשטעלען אין די איינפאָהר־הייזער אָדער אין די קליינע דערפלאַך, וועלכע זיי פלעגען פערבייגעהן און גאַנץ פריה זיינען זיי שוין ווידער געווען אויף דער רייזע. די שעהנע לאַנדשאַפטען פלעגען אין ארטהור'ן ארויסרופען גרויס בעגייסטערונג, און דער ערשטער וואַסער־פאַל, וועלכען זיי האָבען אויפ'ן וועג בעגעגענט, האָט איהם געבראַכט צו דער גרעסטער שטופע פון ענטציקונג. ער האָט אַזוי געשיינט פון שמחה, דאס עס איז אַ פערגעניגען געווען אויף איהם צו קוקען. ווען אָבער זיי האָבען זיך אָנגעהויבען צו דערנעהנטערען צו די הויכע מיט שנעע־בעדעקטע שטיינערנע בערג, האָט זיך ביי איהם דיעזע אינגעלשע פרייד פערוואַנדעלט אין אַ טרוימערישער שטימונג. עס האָט אויסגעזעהן, ווי צווישען איהם און די נאַטור־ערשיינונגען עקזיסטירט אַ געוויסע פער־וואַנדשאַפט. שטונדען לאַנג איז ער געווען בערייט צו ליגען בעוועגלאָז אין דונקעלען, געהיימניספולען וואַלד און קוקען מיט ברייט־געעפענטע אויגען דורך די הויכע גלייכע בוימער, אויף זייערע, פון דער זון בלישטשענדע שפּיצען און אויף די נאַקעטע שטיינערנע בערג. מאָנטאַנעלי פלעגט אויף איהם אין אַזעלכע מינוטען קוקען מיט בעוואונדערונג און קנאה.

ווען די זון האָט געהאַלטען ביים פערגעהן, האָבען זיי ארויפגעקלעטערט אויפ'ן שפּיץ פון אַ הויכען בארג און געוואַרט אויף דער הערליכער ערשיי־נונג. ארטהור האָט געהאַלטען פערריסען די קאָפּ און געקוקט מיט דער גרעסטער איבערראַשונג אויף דיעזען בילד, וועלכער איז ווירקליך פּראַכטפאָל אויף די אַלפּען.

— זאָג מיר, וואָס זעהסטו דאָרט אַזוינס, קאַרינאַ?

— וואָס איך זעה, פאַדרע?... איך זעה אַ גרויסע ווייסע פּינור אין אַ בלויער פוסטקייט, וועלכע האָט ניט קיין אָנפאַנג און קיין סוף. איך זעה, ווי זי ווארט יאָהרהונדערטע נאָך יאָהרהונדערטע אויף דער ערשיינונג פון געטליכען גייסט.... דאָס אַלעס זעה איך דונקעל ווי דורך אַ גלאָז.

מאָנטאַנעלי האָט אַ זיפץ געטאָהן.

— אַ מאָהל האָב איך אויך דאָס זעלבע געזעהן.

— און יעצט זעהט איהר עס ניט?

— ניין, איך וועל עס ניט מעהר זעהן. איך ווייס, דאָס דאָרטען איז אַלעס דאָ וואָס דו זאָגסט, אָבער מיינע אויגען זעהען יעצט גאַנץ אַנדערש.

— וואָס, צום ביישפּיעל?

— וואָס, קאַרינאַ? איך זעה אַ בלויען הימעל און אַ באַרג מיט שנעע אויפ'ן שפּיץ, ווען איך קוק אין דער הויך, און אונטען — אַן איינפאַכען טהאָל.

ארטהור האָט זיך אַרונטערגעלאָזען אויף די קניע און איינגעבויגען זיך איבער'ן גלייכען ברעג פון אָבגרונד. די זון, רויט ווי אַן אָנגעברענ־טער קויהל, האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען צו בעהאַלטען, און מיט איהר צו־זאַמען איז אויך אַוועק דאָס ליכט און דאָס לעבען פון דער ערד. אויפ'ן טהאָל האָט זיך אָנגערוקט אַ מורא'דיגע פינסטערנעס, פול מיט מיסטישע שרעקענס־בילדער. די שפּיציגע פעלזען פון די בערג האָבען אויסגעזעהן ווי ציין פון אַ משונה'דיגער בעשעפעניש, וואָס וואָלט זיך וועלען אַרויפ־וואַרפען פון איהר בעהעלטעניש אויף אַ קרבן און אַוועקשלעפען עס אונטען אין מויל פון טיעפען טהאָל. פון וואַנען עס האָט זיך געהערט דאָס קרעכצען פון די בוימער און די וואַהנזיניגע קולות פון אַ שטאַרק רוישענדען שטראָם, וועלכער האָט זיך מיט פערצווייפלונג געשלאָגען אָן דער שטיינערנער וואַנד, וואָס האָט איהם געהאַלטען ווי געשמידעט.

— פאַדרע! — ארטהור האָט זיך אויפגעהויבען, ציטערענדיג פון שרעק און איז אָבגעגאַנגען פון אָבגרונד — דאָס איז דער גהינם — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט.

— ניין, זוהן מיינער — האָט מאָנטאַנעלי ווייך ערווידערט — דאָס איז גיכער עהנליך צו דער מענשליכער נשמה.

— צו די נשמות פון יענע, וועלכע בלאָנדזשען אַרום אין דער פינסטער אונטער'ן שאָטען פון אייביגען טוידט.

— צו די נשמות פון די, וואָס געהען טאָג טעגליך פאַר דיר פערביי.

ארטהור האָט ציטערנדיג געקוקט אונטען אויף די פינסטערע שאָטענס.

— קום, לאָמיר געהן, קאַרינא. עס ווערט שטאַרק פינסטער און מיר

קענען נאָך נאכהער פערבלאָנדזשען — האָט מאַנטאַנעלי געזאָגט, צוריה־רענדיג זיך צו זיין אקסעל.

— ריכטיג ווי א בר מנן — האָט ארטהור זיך אָבגערופען, אָבקעהרענ־דיג זיך פון דעם בלאָסען געשפענסט, וואָס האָט זיך ווי אָבגעשפיעגעלט פון דעם פינקלענדען, אין דער געדיכטער פינסטערנעס, שנעע־בארג.

זיי האָבען זיך פאַרזיכטיג ארונטערגעלאָזען פון בארג און אוועק מיט שנעלע טריט צו דער גאַסטהויז, וואו זיי האָבען געוואָלט איבערנעכטיגען.

אין הויז איז שוין ארטהור געווען גאַנץ אנדערש. ער האָט זיך שנעל בעפרייט פון דער דריקענדער שטימונג, וועלכע די פינסטערנעס האָט אויף איהם ארויפגעיאָגט און איז שוין געווען אין אַ גאַנץ אנדער שטימונג.

— אָ, פאַדרע, בעטראַכט נאָר דיעזען נארישען הינטעל!... ער קען טאַנצען אויף די הינטערשטע פיסלאך.

ער איז יעצט געווען אין גאַנצען ארייננגעטהאָן אין דעם הונט און זיינע קונצען, ווי פריהער אין דער בעאָבאַכטונג פון דעם זונען־אונטערגאנג. אין דער צייט, ווען ארטהור איז געווען פערטיעפט אין זיין שפיעל, איז די בעל־הבית'טע פון הויז, אַ געזונדע פרוי מיט רויטע באַקען און שטאַרקע מוס־קולען, אָנגעטהאָן אין אַ ווייסען פארטוך, געשטאַנען נעבען איהם און גע־שמייכעלט.

— ווי עס ווייזט אויס, האָט ער ניט קיין סך דאגות, ווען ער קען אזוי שטיפען — האָט זי אַ זאָג געטהאָן צו איהר טאָכטער אויף איהר מוטער־שפּראַך — וואָס פאַר אַ פיינער יונג!

ארטהור איז רויט געוואָרען ווי אַ ישיבה־בחור, און די בעל־הבית'טע, טרעפענדיג, דאס ער האָט פערשטאַנען, איז אוועקגעגאַנגען מיט אַ שעה־מעדיגען געלעכטער. ביים סאַפּער האָט ארטהור געהאַלטען אין איין רע־דען וועגען די פּלענער פון זייערע ווייטערע רייזען, וועגען דעם ווי זיי וועלען קלעטערען אויף די בערג און קלייבען פערשיעדענע גראָזען.

ווען מאַנטאַנעלי האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דער פריה, איז שוין ארטהור דאָרטען ניט געווען. ער איז נאָך גאַנץ בעגינען אוועק אויף די בערג העל־פען גאַספּאַרען פאַשען די בערג־ציגען. לאַנג איז אָבער ניט אויסגעקומען אויף איהם צו וואַרטען מיט'ן פריהשטיק. ער האָט זיך שנעל צוריקגע־קעהרט, ארייגלויפענדיג אין צימער אָהן אַ הוט.

אויפ'ן פּלייצע ביי איהם איז, ווי אַ פויגעלע, געזעסען אַ דריי יאָהריגע מיידעלע און אין האַנד האָט ער געהאַלטען אַ גרויסען בוקעט מיט ווילדע בלומען.

מאַנטאַנעלי האָט געקוקט אויף איהם מיט אַ גליקליכען שמייכעל. וואָס פאַר אַ מערקווירדיגער קאָנטראַסט עס איז צווישען ארטהור'ן פון ליוואָרנאָ און פּיזאַ און דיעזען!

— וואו ביזטו עס געווען, משוגענער דו? געווים געלאָפן איבער די בערג מיט אַ לעדיגען מאָגען?

— אָ, פּאַדרע, ווי פרעהליך עס איז געווען!... די בערג זיינען ביי דעם ערשטען מאָרגענשטערען אזוי גרויסאַרטיג און אונטער די פיס איז אזוי פיעל טהוי!... קוקט! זעהט נאָר!

ער האָט זיך איינגעבויגען און געציינט זיינע נאַסע שמוציגע שיך.

— מיר האָבען געהאַט מיט זיך ברויט מיט קעז און דאָרטען האָבען מיר געקראָגען ציגענע מילך... יעצט בין איך שוין אָבער ווייטער הונגעריג און מען דאַרף אויך עטוואָס געבען אַט דיעזער קליינער פּערזאָן. דו ליעבסט האָניג, אַננעט?

ער האָט זיך אוועקגעזעצט, גענומען די מיידעלע אויף זיינע קניע און געוואָלט איהר העלפען איינצובינדען די בלומען, אָבער מאָנטאַנעלי האָט איהם איבערגעשלאָגען אין מיטען.

— לויף שנעלער און טהו זיך איבער, איך וויל ניט, דו זאָלסט זיך פערקיהלען. קום צו מיר, אַננעט. וואו האָסטו איהר אויסגעזוכט, ארטהור?

— געבען דאַרף, זי איז די טאָכטער פון יענעם בויער, וועלכען מיר האָבען נעכטען בעגעגענט, געדענקסט? ער איז דער שוסטער פון דער היגער געמיינדע. וואָס פאר אַ ליעבע אויגען ביי איהר איז, ניט אמת? זי האָט אין קעשענע אַ לעבעדיגע טשערעפּאַכע, וועלכע זי רופט „קאַראָליין."

ארטהור האָט איבערגעביטען די נאַסע שיך און זאָקען און איז ארונטערגעקומען צום פריהשטיק. די מיידעלע איז געזעסען ביים פּאַדרע אויף די קניע, פּלוידערענדיג אָהן אויפהער וועגען דער טשערעפּאַכע, וועלכע זי האָט געהאַלטען אין איהר קליינער ווייכער הענטעלע מיט'ן בויך ארויף, אום דער מאָנסיער זאָל זיך וואונדערען ווי עס ריהרען זיך ביי איהר די פיסלאַך.

— זעהט, מאָנסיער — האָט זי געזאָגט אין איהר ווענינ פערשטענדליכער קינדערשער שפּראַך — זעהט וואָס פאר אַ שיכעלאַך קאַראָליין האָט.

— איך האָב קיינמאָהל ניט געדענקט, פּאַדרע, איהר זאָלט אזוי גוט קענען אַמוזירען קינדער — האָט ארטהור געזאָגט שפּעטער, ווען זיי זיינען שוין געווען אויפ'ן וועג. דאָס קינד האָט אויף איין מינוט די אויגען פון אייך ניט אראָבגענומען. איהר ווייסט וואָס איך דענק...

— נו?

— מיר שיינט, דאָס עס איז צום בעדויערען, וואָס די קירכע פערבאָט גייסטליכע צו הייראַטען. איך קען גאָר ניט פערשטעהן דעם שכל דערפון. קינדער־ערציהונג איז זעהר אַן ערנסטע פראַגע. מיין מיינונג איז, אַז וואָס העכער דעם מענשענס בערוף און וואָס ריינער זיין לעבען איז, אַלץ פּאַסענדער איז ער צו זיין אַ פאָטער. פּאַדרע, איך בין זיכער, דאָס ווען איהר

זאָלט ניט זיין געבונדען דורכ׳ן נדר און זיין פערהייראַט. וואָלטען אייערע קינדער געווען זעהר...

— הער אויף! — האָט מאַנטאַנעלי איהם שנעל איבערגעשלאָגען אין אן אויפגערעגטען טאָן.

— פאַדרע — האָט ארטהור ווידערהאָלט, זייענדיג בעטריעבט פון מאַנטאַנעלי׳ס פינסטערען קוק — איז עס ניט וואהר. וואָס איך האָב גע־זאָגט? געווים האָב איך געקענט אַ טעות האָבען. איך האָב בלויז גע־זאָגט, וואָס איך דענק.

— דו בעגרייפסט מעגליך ניט דעם זין פון דיינע ווערטער — האָט מאַנטאַנעלי ווייך ערווידערט. — אין איינינע יאָהר ארום וועסטו האָבען אַן אנדער מיינונג וועגען דעם... אָבער, פיליכט וועלען מיר רעדען וועגען עטוואָס אנדערש?

דאָס איז געווען דער ערשטער דיסאָנאַנס אין דער פולער האַרמאָני, וועלכע האָט געהערשט צווישען זיי אין דער גאַנצער צייט פון די פייער־טעג.

פון שאמאני האָבען זיי זיך אוועקגעלאָזען איבער טעט נואר נאָך מאַר־טיני און אַזוי ווי עס איז געווען אַ שטיקענד הייסער וועטער, האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט רוהען אין אַ האָטעל. נאָך מיטאָג זיינען זיי ארוים אויף דעם שאָטענדיגען גאַניק. ארטהור האָט ארויסגעבראַכט אַהין אַ קעסטעל מיט געזאַמעלטע געוויקסע און פערפיהרט מיט מאַנטאַנעלי׳ן אַ געשפּרעך איבער באָטאַניק. אויפ׳ן גאַניק האָבען זיך אויך געפונען צוויי ענגלישע מאָהלער. איינער פון זיי האָט אָנגעוואָרפען אַ בילד פון דער נאַטור און דער צווייטער איז געזעסען נעבען איהם אין אַ פוילער פּאָזע און עטוואָס גערעדט אין ענגליש, דענקענדיג, דאָס זיינע שכנים פערשטעהען געווים ניט דיזע שפּראַך.

— הערט אויף צו פּאַטשקען, ווילי — האָט ער געזאָגט. — מאָהלט בעסער אָט דיעזען בילד־שעהנעם איטאַליענישען יונגען מאַן, וועלכער ווערט ענטציקט פון זיינע גראָזען. בעטראַכט נאָר די ליניע פון זיינע ברעמען. גיט איהם אין האַנד אַ צלם און טהוט איהם אָן אַ מאַנטעל פון אַ רוימישען פּריסטער, און איהר וועט האָבען פאַר זיך אַ פאַלשטענדיגען טיפּ פון אַ קריסט פון דער ערשטער עפּאָכע.

— אויך מיר אַ מאָדעל פאַר אַ קריסט! איך בין נעבען איהם געזעסען ביי מיטאָג, האָט ער מיט דער זעלבער ענטציקונג געקוקט אויף דער גע־בראָטענער הוהן, ווי יעצט אויף די שמוציגע גראָז. זיין אויסזעהן איז פון דעסטוועגען זעהר אַ ליעבער. ער האָט אַ וואונדערבאַר־שעהנעם קאָליר אין געזיכט. אין איהם פעהלט אָבער די מאַיעסטעטישע שעהנהייט, וועלכע ליגט אויסגעגאָסען אויפ׳ן פנים פון זיין פאָטער.

— פון וועמען?

— פון זיין פאטער, וואס זיצט דא פאר אייערע אויגען. וואס פאר א פראכטפאלע גזיכט ביי איהם איז!

— אך, איהר נאאיווער מעטאדיסט! צו דען קענט איהר ניט זעהן, אז ער איז א קאטוילישער גייסטליכער?

— א גייסטליכער? א, יע! עס איז מיר גאר פון זינען ארויס, זיי גיבען א נדר צו בלייבען אונפערהייראט. אויף אזא אופן איז דיעזער איינ־געל וואהרשיינליך זיינער א קאזען.

— וואס פאר א אידיאטען זיי זיינען! — האט ארטהור בעמערקט אין דער שטיל, ווארפענדיג אויף זיי א בייזען בליק — פון דעסטוועגען איז זעהר אנגענעהם, וואס זיי געפינען אין מיר אן עהנליכקייט צו אייך. איך וואלט וועלען זיין אייער קאזען אויף אן אמת... וואס איז מיט אייך, פאדרע? איהר זעהט אויס אזוי בלאס!

מאנטאנעלי האט זיך אויפגעהויבען פון פלאץ און צוגעלעגט די האנד צום שטערען.

— איך לייד אפט אויף קאפ־שמערצען — האט ער מיט א זעהר שוואכע שטימע ארויסגערעדט — איך וועל זיך יעצט אביסעל צולעגען, וועט עס איבערגעהן... עס איז פון היץ וואהרשיינליך.

— —

צוויי וואכען האבען זיי פערבראכט אויף דער פרייער נאטור און יעצט זיינען זיי שוין געוועזען אויפ׳ן וועג צוריק נאך איטאליען. די גאנצע צייט פון זייער וואקיישאן איז געוועזען א פראכטפאלער וועטער, זיי האט זיך איינגעגעבען צו מאכען אייניגע אינטערעסאנטע עקסקורזיאנס. די איינ־דריקע פון די נאטור־שעהנהייטען זיינען שוין יעצט ביי זיי אבגעקיהלט גע־ווארען א ביסעל.

מאנטאנעלי׳ן האט אלץ געפלאגט דער געדאנק וועגען דעם פארשטע־העגדען „מעהר גרינדליכען געשפרעך" מיט ארטהור׳ן. די פייער־טעג זיי־נען געוועזען די בעסטע צייט פאר דעם. ווען זיי האבען גערייזט צוזאמען איבער דער ארווע, האט מאנטאנעלי אומישנע אויסגעמיעדען אין זייערע געשפרעכען די טהעמא, וועלכע זיי האבען פריהער דיסקוטירט אין פארק. איהם האט געשיינט, דאס עס וועט זיין צו גרויזאם צו פערדונקלען די ערש־טע גוטע איינדריקע, וועלכע די שעהנע נאטור און די אלפען האבען גע־מאכט אויף ארטהור׳ס קינסטלערישער נשמה. אבער פון דעם טאג, ווען זיי זיינען אנגעקומען אין מארטיני, האט ער יעדען פריהמארגען געדענקט: „היינט וועל איך שוין מיט איהם רעדען". ווען עס איז אריבער דער טאג, פלעגט ער עס אבלעגען אויף מארגען, און אזוי איז אריבער די גאנצע צייט ביז דעם לעצטען אבענד. דאן האט זיך מאנטאנעלי ארומגעזעהן, דאס ער האט בלויז די לעצטע געלעגנהייט און מוז זיך בעשליסען יעצט מיט איהם

צו רעדען, אויב ער וויל ניט פערלירען די מעגליכקייט. איהם האט זיך גע־וואלט וועניגסטענס קלאר מאכען ווי ווייט זיין טהייערער אינגעל איז שוין אריינגעצויגען געווארען אין די בלאטעס פון דער איטאליענישער פאליטיק.

— דער רעגען האט שוין אויפגעהערט — האט ער געזאגט — קום ארויס א ביסעל שפאציערען נעבען וואסער. איך האב מיט דיר עטוואס צו רעדען.

געהענדיג ביים ברעג, האבען זיי זיך אויסגעזוכט א רוהיגען, שטילען פלאץ אויף א נידריגער שטיינערנער וואנד. ניט ווייט פון זיי איז גע־וואקסען א ראזען־קוסט, בעדעקט מיט העל־רויטע יאגאדעס; 2־3 צווייג־לאך מיט פערשפעטיגטע געל־ווייסע בלימעלאך, זיינען געווען ארונטערגע־בויגען צו דער ערד, ווי זיי וואלטען זיין בעלעסטיגט מיט שווערע זארגען. אויף דער גרינליכער אויבערפלעכע פון טייכעל האט זיך געוויגט דורך דעם לייכטען בלאזען פון ווינד א קליינע שיפעל. הויך אויף מאונט סאליוואטאר, אין א פענסטער פון א געוויסער געביידע, האט, ווי א גאלדענע אויג, גע־בלישטשעט א קליינער פייערעל. די בלימעלאך ארום האבען מיט אראב־געלאזענע קעפלאך געדרעמעלט אונטער די בעוועגלאזע וואלקענס פון גרויען אלול׳דיגען אבענד. פון צייט צו צייט פלעגט זיך הערען א שטילער געררויש פון די קליינע וואסער־וואלען, וועלכע פלעגען זיך ווייך אנקלאפען אן די נעבען ברעג אנגעווארפענע שטיינדלאך.

— יעצט האב איך א גוטע געלעגענהייט רוהיג און גרינדליך זיך דורכצורעדען מיט דיר. שפעטער וועל איך עס ניט האבען פאר א לאנגע צייט —האט מאנטאנעלי אנגעפאנגען — דו וועסט זיך אומקעה־רען צוריק צו דיין ארבייט אין אוניווערסיטעט, צו דיינע פריינד, און אויך איך וועל זיין דיעזען ווינטער שטארק בעשעפטיגט. אלץ, וואס איך וויל יעצט, איז איינמאהל פאר אלע מאהל קלאר פעסטצושטעלען די בעציהונ־גען צווישען אונז ביידע, און אויב...

ער האט זיך אויף א מינוט אבגעשטעלט און נאכהער לאנגזאם פארט־געזעצט:

— אויב דו פיהלסט, דאס דו קענסט זיך אנפערטרויען אן מיר ווי אמאל, זאג מיר, זאג דייטליכער ווי יענעם אבענד אין גארטען אין סעמי־נאריום, ווי ווייט ביזטו אוועק?

ארטהור האט זיך רוהיג צוגעהערט צו דעם פאדרע׳ס ווערטער, קוקענ־דיג אויף די בעוועגליכע וואסער־שטראמען, און האט גאר־ניט געענטפערט:

— איך וואלט וועלען וויסען, אויב נאר דו מעגסט ענטפערען —האט מאנטאנעלי ווייטער געזאגט — צו ביזטו געבונדען דורך א שבועה, אדער אפשר.....

— איך האָב גאָר ניט וואָס צו זאָגען, פּאַדרע. מיט קיין זאַך בין איך ניט געבונדען, נאָר איך פיהל אַ שטאַרקע פליכט....

— איך פערשטעה דיך ניט...

— וואָס קומט אַרויס פון די שבועות? ניט זיי בינדען דעם מענשען. ווען איהר פיהלט און פיהלט שטאַרק, דאָס איך האָט בעהערשט אַן אידעע, איז עס גענוג. ווייטער קען קיין זאַך אייך ניט בינדען.

— דענקסטו, אַז דיזע זאַך.... דיזער געפיהל איז ביי דיר שוין אַזוי שטאַרק, דאָס קיין זאַך קען איהם ניט מעהר ענדערען? בעטראַכט גוט, אַרטהור, איידער דו גיבסט מיר אַ תשובה.

אַרטהור האָט זיך אומגעקעהרט און אַ קוק געטהאָן מאָנטאַנעלי'ן גלייך אין די אויגען.

— פּאַדרע, איהר האָט מיך אייניגע מאָהל געפרעגט, אויב איך האָב צו אייך צוטרויען, איך וואָלט וועלען וויסען, אויב איהר טרויט מיינע רעד. איך וואָלט אייך אַלעס געזאָגט, אויב עס וואָלט נאָר געווען וואָס צו זאָגען, אָבער גלויבט מיר, עס איז ניטאָ וואָס. בעסער געזאָגט, עס האָט קיין זין ניט צו פיהרען וועגען דעם אומזיסטע געשפּרעכען. איך האָב ניט פערגעסען דאָס, וואָס מיר האָבען יענעם אבענד גערעדט, און וועל עס קיינמאָהל ניט פערגעסען, אָבער דאָך מוז איך געהן דעם וועג, וועלכען איך האָב זיך אויסערוועהלט; עס ציהט מיר צו דער ליכטיגקייט, וועלכע איך זעה פאַר מיינע אויגען.

—דו האָסט רעכט, קאַרינאַ, גענוג.... מעהר וועלען מיר וועגען דעם ניט רעדען. מיט ווערטער וועט מען דערצו סיי ווי סיי גאָר ניט העלפען... זאָל זיין אַזוי... קום, מיר וועלען געהן...

3

דער הערבסט ווי אויך דער ווינטער זיינען פאַר אַרטהור'ן אוועק אָהן וועלכע עס איז בעזונדערע פּאַסירונגען. ער האָט זיך די גאַנצע צייט פלייסיג געלערענט און איהם איז ווייניג געבליבען צייט אויף עטוואָס אַנדערעס. בלויז איין מאָהל אין 4-3 טעג פלעגט ער זיך אָברייסען פון זיין בעשעפטיגונג און אַריינלויפען בעזוכען מאָנטאַנעלי'ן. דאָס רוב פלעגט ער אַריינקומען צו איהם מיט אַ בוך און בעטען איהם צו ערקלערען געוויסע אונפערשטענדליכע שטעלען. אין דיזע פעלע האָט זיך זייער געשפּרעך בעגרענעצט בלויז מיט דעם בעטרעפענדען אינהאַלט. צווישען זיי איז ווי פאַרגעקומען אַ קוים בעמערקבאַרע צושפּאַלטונג. מאָנטאַנעלי האָט עס אינסטינקטיוו געפיהלט און איהם האָבען דאַרום אַרטהור'ס וויזיטען פערשאַפט יעצט מעהר שמערצען, ווי פריידען. די שטענדיגע אַנשטרענגונג זיך אַרויסצייגען גלייכגילטיג און זיך האַלטען ווי עס וואָלט גאַרניט פּאַסירט, איז געווען פאַר איהם אונערטרעגליך. אויך אַרטהור האָט בעמערקט אַ

געוויסע ענדערונג אין דעם פאדרע'ס בעציהונג צו איהם, אבער ער האט ניט געגוי פערשטאנען די בעדייטונג דערפון. פיהלענדיג, דאס דיעזע ענדערונג האט א געוויסע שייכות צו דער בעאונרוהיגענדער איהם פראגע וועגען זיינע נייע אידעען, פלעגט ער זיך בעמיהען אימער אויסצומיידען זיי; זיין אייגענער געדאנק פלעגט איהם אבער ווי אויף צו להכעיס אלע מאל צוריקפיהרען צו זיי, דאך האט ער מאנטאנעלי'ן אזוי היים נאך קיינמאל ניט געליעבט, ווי יעצט. פון דעם פינסטערען יאוש־געפיהל, פון דער שרעקליכער פוסטקייט אין הארצען, וועלכע ער פלעגט מיט אלע כוחות שטרעבען צו פערטויבען דורך זיין פערטיעפען זיך אין שטודיום מיט טהעאלאגיע איז ניט געבליבען קיין שפור, ווי ער איז נאר געקומען אין בעריהרונג מיט יונג־איטאליען. עס זיינען דאן ווי דורך א צויבער פערשוואונדען די געשטאלטען פון זיין קראנקער פאנטאזיע און דער צווייפעל, פון וועלכען ער פלעגט זוכען רעטונג אין תפלות. די סטודענטען־בעוועגונג האט זיך איהם פארגעשטעלט מעהר אלס רעליגיעזע, איידער אלס פאליטישע בעוועגונג. דער ערהאבענער ריינער אידעאל, וועלכער פלעגט אנפילען איהם מיט ענטהוזיאזמוס, האט צוגעגעבען זיין כאראקטער מעהר גלייכגעוויכט און פערפאלקאמונג; עס האט זיך אין איהם אויך איינגעווארצעלט א געפיהל פון פריעדען און ליעבע צו זיינע מיטמענשען. ער האט אנגעהויבען צו געפינען אין די מענשען גאנץ נייע ליעבענסווירדיגע זייטען, זאגאר אין די, וועלכע זיינען גאר פריהער פאר איהם געווען אבשטויסענד. מאנטאנעלי, וועלכער איז אין פערלויף פון 5 יאהר געווען זיין אידעאל, האט זיך איהם יעצט פארגעשטעלט אלס מעכטיגער נביא פון א נייעם גלויבען. ער פלעגט זיך ליידענשאפטליך צוהערען צו דעם פאדרע'ס דרשות, וועלענדיג געפינען אין זיי אן עהנליכקייט צו די רעפובליקאנישע אידעאלען. לעזענדיג די עוואנגעליע, פלעגט ער שעפען נחת פון דעם דעמאקראטישען גייסט, מיט וועלכען דער קריסטענטהום איז געווען דורכגעדרונגען אין איהר ערשטער עפאכע.

אין איינעם פון די ערשטע טעג אין יאנואר איז ארטהור ארייגעגאנגען אין סעמינאריום אבצוגעבען א געוויסען בוך, וועלכען ער האט דארפטען געליהען. ניט געפינענדיג מאנטאנעלי'ן אין הויז, איז ער אליין ארייגעגאנגען אין זיין ארבייטס־צימער, אוועקגעלעגט דאס בוך און זיך געקליבען אוועקצוגעהן, ווען זיין בליק איז פלוצלינג געפאלען אויף א בוך, וועלכער איז געלעגען אויפ'ן טיש. דאס איז געווען די „מאנארכיע" פון דאנטע. ארטהור האט אין איהם ארייגעבליקט און האט זיך ביסלעכווייז אזוי פערטיעפט אין דעם אינהאלט, דאס ער האט גארניט בעמערקט, ווי די טיהר האט זיך געעפענט הינטער איהם. ער האט בלויז דאן זיך אויפגעהויבען, ווען ער האט דערהערט די בעקאנטע שטימע פון פאדרע.

— איך האָב זיך היינט אויף דיר ניט גערעכט — האָט מאַנטאַנעלי געזאָגט, וואַרפענדיג אַ שנעלען בליק אויפ'ן קעפּעל פון בוך — איך האָב געהאַט בדעה שיקען אָנפרעגען, אויב דו קענסט קומען אבענדס מיר בע־זוכען.

— עטוואָס וויכטיגעס? איך בין גראַדע היינט אבענד ערגעץ איינ־געלאַדען, איך קען זיך אָבער אָבשטעלען, אויב...

— ניין, מען דאַרף ניט. עס איז רעכט אויך מאָרגען. איך האָב דיך געוואָלט זעהן, ווייל איך פאָהר דיענסטאַג אוועק. מען רופט מיך ארויס אין רוים.

— אין רוים, אויף ווי לאַנג?

— אין'ם בריעף, וואָס איך האָב בעקומען פון וואַטיקאַן, שרייבט מען מיר, דאָס איך וועל דאַרטען דאַרפען זיין ביז נאָך פּסח. איך וואָלט דיר עס גלייך געגעבען צו וויסען, אָבער איך בין געווען שטאַרק פערנומען מיט דער ארבייט אין סעמינאַריום ווי אויך מיט די פאָרבעריייטונגען אויפצו־נעהמען דעם נייעם רעקטאָר...

— פּאַדרע, איך וויל האָפען, דאָס איהר וועט ניט אין גאַנצען פער־לאָזען דעם סעמינאַריום?

— עס וועט מעגליך אויסקומען, איך וועל אָבער נאָך וואהרשיינליך צוריקקומען אהער, וועניגסטענס אויף אַ געוויסע צייט.

— וואַרום ווילט איהר זיך ניט אָבשטעלען דאָ?

— ווי זאָל איך דיר זאָגען... עס איז נאָך ניט אָפיציעל, אָבער מען לעגט מיר פאָר אַן עפּיסקאָפּ־אַמט.

— אין וועלכען פּלאַץ איז עס?

— צוליעב דעם פאָהר איך עס נאָך רוים. עס איז נאָך ניט בעשלאָסען.

— און דער נייער רעקטאָר איז שוין בעשטימט?

— יע, זיין נאָמען איז פּאַטער קאַרדי. מאָרגען קומט ער אהער צו־פאָהרען.

— ווי אונערוואַרטעט דאָס אַלעס איז פאָרגעקומען!

— די בעשליסע פון וואַטיקאַן ווערען ניט געמעלדעט ביז דעם לעצ־טען מאָמענט.

— זייט איהר בעקאַנט מיט דעם נייעם רעקטאָר?

— פּערזענליך ניט, מען לויבט איהם אָבער זעהר. הערר בעלאַני שרייבט, דאָס ער איז אַ זעהר געלעהרטער מאַן.

— די סעמינאַריום וועט פיעל פערליערען מיט אייער אוועקפאָהרען פון דאַנען.

— די סעמינאַריום ווייס איך ניט, נאָר דו וועסט געוויס פיהלען מיין אָבוועזענהייט: פיעלייכט ניט וועניגער, ווי איך — דיינע.

— ביזטו פערנומען נאָך מיטאָג? — האָט ער פאָרטגעזעצט נאָך א קורצער ווײַלע — אויב דו האָסט ניט קיין בעזאָנדערע ארבייט, זיי א ביסעל מיט מיר. איך וויל דיך זעהן וואס מעהר ביז מיין אברייזען.

— איך וועל זיך אבשטעלען, אָבער ניט אויף לאנג. 6 אוהר דארף איך זיין....

— אויף דער פערזאמלונג?

ארטהור האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— וואס האב איך געוואָלט זאָגען — האָט מאנטאנעלי איבערגעביטען דעם געשפּרעך — מען דארף דאָך דיך בעזאָרגען מיט א גייסטליכען פאר דער צייט פון מיין אבוועזענהייט. ביזטו איינפערשטאנען צו נעהמען אלס אזעלכען איינעם פון די פּריסטער פון סאנט קאטרין?

— יא, פּאדרע, איך בין צופריעדען.

זיי האָבען גערעדט נאָך וועגען עטוואס. נאכהער האָט זיך ארטהור אנגעהויבען צו אײַלען.

— מיר איז שוין צייט צו געהן, פּאדרע. מען וואַרט אויף מיר.

א פינסטערער שאָטען האָט בעצויגען מאנטאנעלי'ס געזיכט.

— שוין? און מיר איז געווען אזוי פרעהליך מיט דיר צו פערברענגען. נו, וואס קען מען מאכען, געה געזונד...

— זייט געזונד, פּאדרע. איך וועל מאָרגען אייך ווידער בעזוכען.

— קום פריהער, אום איך זאָל קענען זיין מיט דיר אליין, ווייל מאָרגען קומט שוין צופאָהרען פּאטער קארדי. ארטהור, איך בעט דיך, זיי פאָרזיכטיג און טהו ניט קיין איבעראײַלטע שריט ביז מיין צוריקקעהרען. דו קענסט זיך ניט פאָרשטעלען, ווי עס שרעקט מיר דאס הארץ פאר דיר, וואס איך לאָז דיר איבער אליין. נו, זיי געזונד.

די ערשטע פּערזאָן, וועלכע ארטהור האָט בעמערקט אריינקומענדיג אין צימער, וואו עס איז געווען די סטודענטען פערזאמלונג, איז געווען דאָקטאָר וואָרען'ס טאָכטער, זיין יוגענד־פריינד, דזשעממא. זי איז געזעסען אין ווינקעל נעבען פענסטער און מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט זיך צוגעהערט צו די רייד פון א הויכען לאָמבארדינעץ אין אן אבגעטראגענעם קאָסטיום — איינער פון די איניציאטאָרען פון דער בעוועגונג. פאר די לעצטע פּאָר מאָנאטען איז דזשעממא שטארק פערענדערט געוואָרען און האָט אויסגעזעהן כמעט ווי אן ערוואקסענע פרויענצימער. בלויז די צוויי געדיכטע שווארצע צעפּ, וועלכע זיינען אראָבגעהאנגען איבער איהרע פּלייצעס, האָבען נאָך דערמאָנט די פריהערדיגע שוהל־מיידעל. זי איז געווען אנגעטהאָן אין גאנצען אין שווארצען און אויפ'ן ברוסט האָט זי געהאלטען א צווייגעל פון קיפּארים, די עמבלעם פון יונג־איטאליען. דער לאָמבארדעץ האָט מיט פייער געשילדערט די טרויעריגע לאגע פון די אָרימע קאָ־

לאברישע בויערען און זי איז געזעסען שווייגענדיג, מיט אראבגעלאזענע אויגען און געשלונגען יעדעס ווארט זיינעם. ארטהור'ן האט זיך געדוכט, דאס ער זעהט פאר זיך א פערטרויערטען בילד פון דעם פרייהייטס־גייסט, וועלכער בעוויינט די פערלארענע רעפובליק. (יוליא וואלט אין איהר גע־זעהן וואהרשיינליך ניט מעהר ווי א הויכע דארע מיידעל מיט ניט קיין שעהנע מאניערען, א בלייכעס געזיכט, ניט רעגעלמעסיגע נאז, און אן אל־טער, צו־קורצער קליידעל).

— ווי קומט איהר דא, דזשעם? — האט ארטהור א זאג געטהאן, צוגעהענדיג צו איהר, ווען דער לאמבארדעץ האט געענדיגט און איז אבגע־גאנגען אין צווייטען ווינקעל.

— דאס זייט איהר, ארטהור! — האט זי אויפגעהויבען די קאפ כמעט מיט שרעק — איך האב גאר ניט געוואוסט, דאס איהר בעלאנגט...

— און איך האב קיינמאהל ניט ערווארטעט אייך דא צו טרעפען. זייט ווען געהערט איהר...

— איהר האט ניט פערשטאנען — האט זי שנעל איבערגעשלאגען זיי־נע ווערטער. — איך בין נאך פארלויפיג ניט קיין מיטגליעד. מיר איז בלויז אויסגעקומען צו ערפילען צוויי־דריי קליינינקע אויפגאבען. פארגע־קומען איז דאס דאן, ווען איך האב זיך געטראפען מיט בינ'ן... קענט איהר קארלא ביני?

— געוויס.

ביני איז געווען דער ארגאניזאטאר פון ליווארנסקער אבטהיילונג און איהם האט געקאנט די גאנצע יונג איטאליען.

— ביני האט אמאל אנגעפאנגען מיט מיר וועגען דעם צו רעדען און איך האב איהם געבעטען מיטצונעהמען מיך ווען עס איז אויף א סטודענטען פערזאמלונג. ווען איך בין געווען אין פלארענץ מיט א וויזיט צו מיינע שוהל־פריינדינען, די רייטס, האט ער מיר אנגעשריבען א בריעף און מיר געבעטען זיך אבצושטעלען אין פיזא, ווען איך וועל צוריקפאהרען. איך האב אזוי געטהאן, און יעצט בין איך דא, ווי איהר זעהט... א, מען פאנגט שוין באלד אן!

די לעקטשור איז געווען וועגען דער אידעאלער רעפובליק און ווי די יוגענד איז פערפליכטעט זיך צו איהר פארצובערייטען. די טהעמא איז געווען ניט זעהר דייטליך ארומגערעדט, ארטהור האט אבער ניט פערפעהלט קיין איינציגען ווארט און האט די גאנצע צייט די אויגען ניט אראבגענומען פון רעדנער. אין דיעזען פעריאד פון לעבען גלויבט מען גערן אלעס וואס געהט ארויס פון מויל פון א פאפולערען רעדנער און ווען מען איז נאר עמפפינדליך, פערדייעט מען שנעל יעדען נייעם אידעאל אהן איבערלעגונג.

ווען די לעקטשור איז געווען צו ענדע און די סטודענטען האבען אנגע־פאנגען זיך צו פערנאנדערגעהן, איז ארטהור צוגעגאנגען צו דזשעממא׳ן.

— איך וועל אייך בעגלייטען אהיים, דזשים. וואו האט איהר זיך אבגעשטעלט?

— ביי מאריעטען.

— די געוועזענע אויפזעהערין פון אייער הויז?

— יע, זי וואהנט ניט ווייט פון דאנען.

א געוויסע צייט זיינען זיי געגאנגען שווייגענדיג. פלוצלינג האט אר־טהור א פרעג געטהאן:

— אייך איז שוין וואהרשיינליך א יאהר 17 יעצט?

— עס איז מיר געווארען 17 אין אקטאבער.

— איך האב אימער געדענקט, דאס פון אייך וועט ארויסוואקסען א פריילין וואס יאגט זיך ניט נאך טהייערע קליידער און בעלער. טהייערע דזשים, ווען איהר זאלט וויסען, ווי אפט איך פלעג זיך שטעלען די פראגע, אויב איהר וועט אמאהל זיין אין אונזערע רייהען.

— דאס זעלבע האב איך וועגען אייך געדענקט.

— איהר האט פריהער געזאגט, דאס איהר האט ערפילט א געוויסע אויפגאבע פאר ביני׳ן און איך האב גאר ניט געוואוסט, דאס איהר קענט איהם.

— דאס, וואס איך האב געטהאן, איז ניט געווען פאר ביני׳ן, נאר פאר אן אנדערען.

— פאר וועמען־זשע?

— פאר דעם זעלבען, וועלכער האט היינט גערעדט — פאר באללא.

— איהר קענט איהם דען אזוי גוט?

ארטהור האט די לעצטע ווערטער ארויסגערעדט מיט א געפיהל פון אייפערזוכט. איהם איז אין אלגעמיין שווער געווען צו הערען באללא׳ס נאמען. דאס איז געווען דערפאר, וואס דער קאמיטעט פון יונג־איטאליען האט באללא׳ן איבערגעגעבען א געוויסע פעראנטווארטליכע ארבייט און עס ניט אנפערטרויט איהם, ארטהור׳ן, האלטענדיג איהם נאך פאר צו יונג און אונערפאהרען.

— איך קען באללא׳ן זעהר גוט און ער געפעהלט מיר גראדע. ער האט א לאנגע צייט געוואהנט אין ליווארנא.

— איך ווייס... ער איז אהין געקומען אין נאוועמבער.

— יע, צו יענער צייט האט מען דארטען ערווארטעט א שיף מיט א טראנספארט... ארטהור, דענקט איהר ניט, דאס אייער הויז וואלט פאר דיע־זער ארבייט זיין זיכערער ווי אונזערע? קיינעם וועט קיינמאל ניט איינ־

פאלען חושד צו זיין א פאמיליע פון רייכע שיף־אייגענטהימער. אויסער דעם קענט איהר יעדען איינציגען אויפ'ן האפען.

— שטילער! ניט אזוי הויך, טהייערע! הייסט עס, די ליטעראטור פון מארטעל איז געווען בעהאלטען ביי אייך.

— נאר איין טאג.... פיליכט אבער האב איך עס אייך ניט גענדארפט זאגען?

— ווארום? איהר ווייסט דאך, דאס איך בין א פארטיי־מיטגליעד. דושים, טהייערע, קיין זאך אין דער וועלט מאכט מיר ניט אזוי גוט פיהלען ווי דער בעוואוסטזיין, דאס איהר און דער פאדרע זיינען מיט אונז פעראייניגט.

— אייער פאדרע! צו דען איז אויך ער...

— ניין, זיינע איבערצייגונגען זיינען ניט אין גאנצען דיזעלבע, ווי אונזערע. מיר האט אבער אמאהל געשיינט... איך האב געהאפט....

— אבער, ארטהור, ער איז דאך א גלח!

— איז וואס? אין אונזער פארטיי זיינען דא אויך גלחים, צוויי פון זיי שרייבען זאגאר אין אונזערע צייטונגען. די אויפגאבע פון די גייסטליכע איז דאך צו פיהרען די וועלט צו העכערע אידעאלען און מיר זיינען דאך די, וועלכע שטרעבען דערצו. דער אידעאל אונזערער איז, אויב איהר ווילט, גיכער א פראגע פון רעליגיאן און מאראל, ווי א פאליטישע. קענט איהר זיך פארשטעלען שקלאפעריי ביי מענשען, וועלכע זיינען אין הארצען פריי און פיהלען די פעראנטווארטליכקייט צו דער געזעלשאפט?

דושעמא האט זיך ביי די לעצטע ווערטער א ביסעל פערקרימט.

— מיר שיינט, אייער לאגיק הינקט אין דעם פונקט אביסעל אונטער. דער גלח לערענט דאך די רעליגיעזע דאקטרין. איך זעה ניט איין, וואס דאס האט אלגעמיינעס מיט דעם פערלאנג צו פערטרייבען די עסטרייכער.

— דער גלח איז דער פרעדיגער פון קריסטענטהום און קריסטוס איז געווען דער גרעסטער רעפארמאטאר.

— איהר ווייסט, איך האב גראדע גערעדט וועגען גלחים מיט מיין פאטער, און ער...

— אייער פאטער איז דאך א פראטעסטאנט, דושים.

נאך א קורצען שטילשוויייגען, האט דושעממא פלוצלונג אויפגעהויבען די קאפ און געווארפען אויף איהם אן אפענעם פריינדליכען בליק.

— זאלען מיר בעסער אויפהערען וועגען דעם צו רעדען. ווי נאר דער געשפרעך ריהרט אן פראטעסטאנטען, ווערט איהר אונערטרעגליך.

— דאס איז ניט וואהר. די פראטעסטאנטען דאגעגען זיינען אונערטרעגליך, ווען זיי רעדען וועגען קאטאליקען.

— זאל זיין אזוי. מיר האבען זיך שוין אבער צופיעל וועגען דעם גע־

קריגט, אום עס זאָל לוינען ווידער אַנצופאַנגען. וואָס פאַר אַ מיינונג האָט איהר וועגען היינטיגער לעקטשור?

— מיר איז בעזאָנדערס געפעלען געוואָרען די לעצטע טהייל. איך האָב מיט פערגעניגען זיך צוגעהערט, ווי ער האָט אַזוי היים אַגיטירט, דאָס יעדער פון אונז דאַרף זעהן ווי ווייט מעגליך דורכצופיהרען אין לעבען די אידעען זיינע און ניט נאָר טרוימען וועגען זיי. „דער קעניגרייך פון גאָט איז אינווענינ אין אונז“, — האָט געזאָגט קריסטוס.

— און מיר איז, דאַגעגען, די טהייל ניט געפעלען געווען.

ער האָט ברייט אַרומגערעדט די אידעאַלע בעשטרעבונגען און געפיהלען, וועלכע דאַרפען לעבען אין אונזער האַרץ און שכל און קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגען דעם וואָס מיר דאַרפען טהאָן.

— ווען דער קריזיס וועט זיך אָנפאַנגען, וועלען מיר האָבען אַרבייט איבער'ן האַלז. דערווייל מוז מען האָבען געדולד. גרויסע איבערקעהרע־נישען ווערען ניט געמאַכט אין איין טאָג.

— וואָס די אַרבייט איז וויכטיגער, אַלץ מעהר גרינדע דאַפיר באַלד צו איהר צוצוטרעטען. איהר זאָגט, מען דאַרף זיך פאַרבערייטען צו דער פרייהייט. קענט איהר נאָך אַ צווייטע פערזאָן, וועלכע איז אַזוי גוט געווען פאַרבערייטעט, ווי אייער מוטער? איז זי ניט געווען די בעסטע און ערעלסטע פרוי אין דער וועלט? האָט זי ניט געהאַט אַ נשמה פון אַ מלאך? און וואָס איז איהר פון דעם אַלעם ארויסגעקומען? זי איז געווען אַ שקלאַ־פין ביז איהר לעצטען טאָג און אויסגעשטאַנען פון אייערע ברידער און שוועגערינס די גרעסטע ליידען און בעליידיגונגען. ווען זי זאָל ניט בעזי־צען אַזאַ ווייכע האַרץ און ניט האָבען אַזוי פיעל געדולד, וואָלט איהר לעבען געווען פיעל גליקליכער. קיינער וואָלט ניט האָבען די העזה איהר גראָב אַנצוטרעטען. דאָס זעלבע קען מען זאָגען אויף איטאַליען. ניט אין געדולד נויטיגט זי זיך, פערקעהרט, זי דאַרף קעמפּפען פאַר איהרע אינטע־רעסען.

— טהייערע דזשים, איטאַליען וואָלט שוין לאַנג פריי געווען, ווען בעס און ליידענשאַפט זאָלען איהר קענען העלפען. ניט דאָס ברויכט זי, נאָר ליעבע.

ביי דיעזע לעצטע ווערטער איז איהם דאָס גאַנצע בלוט אריין אין פּנים. דזשעממאַ האָט עס ניט בעמערקט, זי האָט געקוקט אין אַ צווייטער ריכ־טונג. איהרע ברעמען זיינען געווען פערקנייטשט און די מויל שטאַרק צו־זאַמענגעדריקט.

— איך שיינט, דאָס איך בין אונגערעכט — האָט זי געזאָגט נאָך אַ קליינער פּאַוזע — ניין, דער אמת איז אויף מיין זייט און איהר וועט זיך

אין דעם אין א געוויסען טאָג אליין איבערצייגען... אַט איז אונזער הויז, ווילט איהר פיליכט אריינגעהן ?

— ניין, עס איז שוין שפּעט. אַ גוטע נאַכט, טהייערע !

ער האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען איהר, שטאַרק דריקענדיג איהר האַנד.

— „אין נאָמען פון גאָט און פון דאָס פאָלק"....

— „יעצט און אימער" — האָט זי לאַנגזאם נאָכגעזאָגט דעם ניט־גע־ענדיגטען דעוויז פון יונג איטאַליען.

.4

ארטהור האָט זיך יענעם טאָג צוריקגעקעהרט אהיים זעהר אַ גליקליכער. אַלעס האָט זיך אַזוי גוט צוזאַמענגעלעגט. אויף דער פערזאַמלונג האָט מען געמאַכט אַנדייטונגען אויף אַ בעוואָפענטען אויפשטאַנד. דזשעממאַ איז געווען זיינע אַ פּאַרטיי־גענאָסין. זיי וועלען ביידע צוזאַמען ארבייטען און אפשר צוזאַמען שטאַרבען אין פרייהייטס־קאַמפּף. דער פּאַדרע וועט זעהן און אָנהויבען צו גלויבען. אויפ'ן צווייטען טאָג האָט ער זיך אויפ־געכאַפּט אַ ביסעל אָן אָבגעקיהלטער. ער האָט זיך דערמאָהנט, דאָס דזשעממאַ קלייבט זיך צו פאָהרען נאָך ליוואָרנאָ און דער פּאַדרע — נאָך רוים. יאַנואַר, פעברואַר, מערץ — 3 לאַנגע מאָנאַטען ביז פּסח ! דזשעממאַ וועט נאָך פיליכט ביז יענער צייט אונטער דעם פּראָטעסטאַנטישען איינ־פלוס..... ניין, דזשעממאַ וועט קיינמאָהל ניט זיין עהנליך צו די איבעריגע לייכטזיניגע מיידלאַך פון ליוואָרנאָ, וועלכע האָבען ליעב צו קאָקעטירען און פאַנגען מיט זייער קאָקעטישען שמייכעל די הערצער פון די טוריסטען און די פליכעוואַטע שיעף־אייגענטהימער : ביי איהר איז גאָר אַן אַנדער נאַטור. זי וועט זיך פיליכט אָבער פיהלען אונגליקליך איינע אליין צווי־שען די אַלע הילצערנע מענשען... אַ, ווען די מאַמע וואָלט עס יעצט געלעבט!

אבענדס איז ער אריינגעגאַנגען אין סעמינאַריום און געטראָפען מאָנ־טאַנעלי'ן רעדענדיג מיט דעם נייעם רעקטאָר. זיי האָבען ביידע אוים־געזעהן מיעד און צוטראָגען.

— אַט איז ער אַליין — דער סטודענט, וועגען וועלכען איך האָב מיט אייך גערעדט — האָט מאָנטאַנעלי געזאָגט טרוקען, פאָרשטעלענדיג אַר־טהור'ן צום נייעם רעקטאָר. — איך וועל אייך זעהר דאַנקבאַר זיין, ווען איהר וועט איהם ערלויבען זיך צו בענוצען מיט דער ביבליאָטהעק פון סעמינאַריום אויך ווייטער.

דער פאָטער קאַרדי, אַ פריינדליכער אַלטער פריסט, האָט גלייך אָנגע־פאַנגען צו דערצעהלען וועגען דעם לעבען פון די סטודענטען אין סאַפּיענצאַ און עס איז געווען קענטיג, דאָס ער איז גוט בעקאַנט מיט דעם. דער נייער רעקטאָר האָט געמאַכט אויף ארטהור'ן אַ גוטען איינדרוק מיט דער שאַר־

פער קריטיק איבער דער פּאָליטיק פון די אוניווערסיטעט בעאַמטע און די
נוצלאָזע בעגרענצונגען, וועלכע רעגען אַזוי אויף אימער די סטודענטען.

— איך האָב פיעל ערפאַהרונג אַלס ערציהער פון דער יוגענד — האָט
ער געזאָגט.— דער כּלל, וועלכען איך פאָלג נאָך, איז: אין קיין זאַך דער
יוגענד ניט צו שטערען אָהן גענינענדע גרינדע. איך גלויב ניט דאָס צווי־
שען יונגע לייט זיינען דאָ פיעלע, וועלכע האָבען פון דער נאַטור אַ נייגונג
צו טהאָן שלעכטעס. מיר שיינט, דאָס אויב די עלטערע וועלען ארויסווייזען
מעהר אַכטונג צו זייער פּערזענליכקייט, וועלען זיי ניט האָבען קיין אורזאַכע
חרטה צו האָבען אויף דעם.

אַרטהור האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן מיט איבערראַשונג. ער האָט
ניט ערוואַרטעט צו טרעפען אין נייעם רעקטאָר אַזאַ הייסען פערטהיידיגער
פון די סטודענטען אינטערעסען. מאָנטאַנעלי האָט קיין אַנטהייל גענומען
אין דעם געשפּרעך. אין דעם אויסדרוק פון זיין געזיכט איז געלעגען אַ
שטאַרקע מידיגקייט און הילפלאָזער טרויער. דער פּאַטער קאַרדי האָט עס
פלוצלונג בעמערקט און ער האָט אַ פראַגע געטהאָן:

ווי עס ווייזט אויס, האָב איך אייך פערמאַטערט מיט מיין געשפּרעך,
פּאַטער קאַנאָן. איך נעהם די פראַגע צו נאָהענט צום הארצען און פערגעס
צייטענווייז, דאָס אַנדערע אינטערעסירען זיך מיט איהר לחלוטין ניט.
איהר וועט מיר מוזען ענטשולדיגען דיעזען מאָהל.

— דאַגעגען מיך אינטערעסירט זעהר דיזע פראַגע.

די געקינסטעלטע העפליכקייט פלעגט זיך מאָנטאַנעלי'ן קיינמאָהל ניט
איינגעבען און אַרטהור'ן האָט אַבגעאיבעלט צו הערען דעם פאַלשען טאָן
זיינעם.

ווען פּאַטער קאַרדי איז אוועקגעגאַנגען, האָט זיך מאָנטאַנעלי אומ־
געקעהרט צו אַרטהור'ן און אויף איהם אַ קוק געטהאָן מיט יענעם פער־
שמאַכטען און פערזאָרגטען אויסדרוק, וועלכער איז געווען אַ גאַנצען אבענד
אויף זיין געזיכט.

— אַרטהור, טהייערער מיינער — האָט ער שטיל אָנגעפאַנגען —
איך וויל דיר עטוואָס זאָגען.

„ער האָט וואַרשיינליך ערהאַלטען שלעכטע נייעס" — האָט אַ בליץ
געטהאָן אַ געדאַנק ביי אַרטהור'ן אין קאָפּ, ווען ער האָט אַ קוק געטהאָן
אויף דעם פּאַדרע'ס אויפגערעגטען געזיכט.

— געפעהלט דיר דער נייער רעקטאָר? — האָט מאָנטאַנעלי פלוצלונג
אַ פראַגע געטהאָן.

אַרטהור האָט זיך געפונען אין פערלעגענהייט, ניט וויסענדיג וואָס צו
ענטפערען.

— איך... ער געפעהלט מיר זעהר... איינענטליך ווייס איך נאך אליין ניט, פאדרע, עס איז דאך שווער צו קענען א מענשען פון ערשטען מאהל.

מאנטאנעלי איז געזעסען און נערוועז געקלאפט מיט די פינגער איבער'ן רוקען פון שטוהל. דאס פלעגט ער אימער טהאן, ווען עס האט איהם עטוואס שטארק אויפגערעגט אדער בעאונרוהיגט.

— ווענען מיין אברייזען נאך רוים — האט ער ווידער אנגעפאנגען — וואלט איך דיר וועלען זאגען אט וואס: אויב דו האסט עטוואס געגען דעם אויסצוזעצען... אויב דו ווילסט נור, ארטהור, וועל איך ענטפערען, דאס איך פאהר ניט.

— און דער וואטיקאן, פאדרע?

— דער וואטיקאן וועט געפינען א צווייטען אויף מיין פלאץ.

— אבער פאר וואס? איך קען עס ניט פערשטעהן.

מאנטאנעלי האט א פיהר געטהאן מיט'ן האנד איבער'ן שטערן.

— איך בין זעהר אונרוהיג, ארטהור. עס מאטערט מיך דער געדאנק, דאס... און ווידער ווער קען עס מיך צווינגען צו פאהרען?

— און וואס וועט זיין מיט דעם עפיסקאפטהום?

— א, ארטהור! וואס פאר א נוצען קען איך פון דעם האבען, ווען איך ווער פון דיר גערויבט!....

ארטהור האט איהם נאך קיינמאל ניט געזעהן צו זיין אזוי אויפגערעגט און דאס האט איהם שטארק בעאונרוהיגט.

— איך הויב ניט אן צו פערשטעהן, פאדרע. זאגט מיר, אויב איהר קענט, דייטליכער, וואס איז ביי אייך אויפ'ן געדאנק און וואס איז אייער פערלאנג....

— איך פערלאנג גאר ניט. מיך מאטערט איינפאך א שרעקליכער פארגעפיהל. זאג דעם אמת, סטראשעט דיר אירגענד וואו א געפאהר?

„ער האט וואס עס איז געהערט" — האט ארטהור א טראכט געטהאן, ערזינערענדיג זיך אן די פערברייטעטע קלאנגען וואס געהען ארום וועגען א בעוואפענטען אויפשטאנד. דער סוד איז אבער ניט זיינער און ער האט קיין רעכט ניט וועגען דעם צו ריידען. ער האט דארום געענטפערט מיט א פראגע:

— וועלכע געפאהר קען מיר דען סטראשען?

— שטעל מיר ניט קיין פראגען, ענטפער וואס איך פרעג דיך!

מאנטאנעלי'ס שטימע האט פון אויפרעגונג געקלונגען שארף און שניידענד.

— מיר זיינען אלע ביי גאט אין די הענד, פאדרע. אלעס קען פאסירען, עס איז אבער ניטא קיין אורזאכע מורא צו האבען ביז אייער צוריקקעהרען.

— ביז מיין צוריקקעהרען... הער זיך איין, קארינא: אַן דיר ווענדעט זיך מיין בעשלוס; איין ווארט דיינער איז גענוג מיך אַבצוהאַלטען פון דיזער רייזע. ליידען וועט דערפון קיינער ניט און איך וועל זיין דאַן רוהיגער: מיר שיינט אַלץ דאָס דו וועסט זיין זיכערער, ווען איך וועל דאַ פערבלייבען.

ארטהור האָט אויף איהם געוואָרפען אַן אונרוהיגען בליק. איהם האָט איבערראשט דיזער נייער שטריך אין פאַדרע'ס כאראַקטער, וועלכער איז אימער געוועזען אַזוי פעסט.

— איך בין זיכער, פאַדרע, דאָס איהר מוזט זיך פיהלען קראנק. עס איז קלאָהר, דאָס איהר דאַרפט פאַהרען נאָך רוים, אַברוהען ווי עס דאַרף צו זיין און זיך בעפרייען פון אייער שלאָפלאָזיגקייט און קאָפּוועהטאָג.

— אַלזאָ, בלייבט עס אַזוי — האָט איהם מאָנטאַנעלי אונגעדולדיג איבערגעשלאָגען — מאָרגען פאָהר איך אַרויס מיט'ן ערשטען דיליזשאַנס.

ביי דיזע ווערטער האָט ער אויף אַרטהור'ן געוואָרפען אַ בליק, וועל־כער האָט אויסגעדריקט אַ שטאַרקען שרעק.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

עטליכע טעג שפּעטער נאָך מאָנטאַנעלי'ס אַברייזען, איז אַרטהור אַריינ־געגאַנגען אין ביבליאָטהעק פון סעמינאַריום נאָך אַ בוך. אויף די טרעפּ האָט ער זיך בעגעגענט מיט פאַטער קארדי.

— אַ, מיסטער בארטאַן! — האָט אויסגערופען דער רעקטאָר. — אייך דאַרף איך טאַקע האָבען, קומט אַריין, איהר וועט מיר אַ ביסעל ארויסהעלפען.

ער האָט געעפענט די טהיר פון זיין קאַבינעט און איהם איינגעלאַדען אריינצוגעהן. אַרטהור האָט איבערגעטראַכטען די שוועל מיט אַ זאָנדער־באַרען אונאַנגענעהמען געפיהל. איהם איז שווער געווען צו זעהן דיזען ארבייטס־קאַבינעט, דעם פאַדרע'ס הייליגטהום, פערנומען פון אַ צווייטען.

— איך בין אַן אונערמידליכער ביכער־פרעסער — האָט געזאָגט דער רעקטאָר — די ערשטע זאַך, צו וואָס איך האָב זיך אין נייעם פּלאַץ גענומען איז געווען איבערצוקוקען די ביבליאָטהעק. די לעצטע איז זעהר רייך אין ביכער, איך קען אָבער זיך ניט אריענטירען אין דער סיסטעמע, ווי זיי זיינען איינגעטהיילט.

— דער קאַטאַלאָג איז נאָך ניט אין גאַנצען פערטיג, אַ בעדייטענדע צאָהל פון די קאָסטבאַרע ביכער זיינען ערשט ניט לאַנג צוגעקומען.

— האָט איהר צייט אויף אַ האַלבע שטונדע מיר צו ערקלעהרען דעם פּלאַן, ווי די ביכער זיינען איינגעטהיילט?

זיי זיינען אריין אין ביבליאָטהעק און אַרטהור האָט איהם געגעבען אַלע נויטיגע ערקלעהרונגען. ווען ער האָט זיך געקליבען אוועקצוגעהן

און זיך שוין גענומען פאַר זיין הוט, האָט דער רעקטאָר איהם אָבגעשטעלט מיט אַ שמייכעל.

— ניין, ניין! איך וועל אייך ניט אָבלאָזען אזוי שנעל. היינט איז שבת, די ריכטיגע צייט צו ענדיגען אַלע בעשעפטיגונג ביז מאָנטאג פריה. בלייבט דאָ, מיר וועלען צובייסען צוזאַמען. איך בין דאָ איינער אַליין און וועל זיין העכסט צופרידען מיט אייער געזעלשאַפט.

זיין בענעהמונג איז געווען אזוי, איינפאַך און גוטמוטהיג, דאָס אַרטהור האָט זיך שנעל דערפיהלט מיט איהם גאַנץ פריי. נאָך איינינע אונבעדייטענדע פראַזען האָט דער רעקטאָר איהם אַ פרעג געטהאָן ווי לאַנג ער קען מאָנטאַנעלי׳ן.

— אַרום 7 יאָהר. — האָט אַרטהור געענטפערט. ער האָט זיך צוריקגעקעהרט פון טשיינע ווען איך בין אַלט געווען צוועלף יאָהר.

— אַ, יע! דאָרטען האָט ער עס ערוואָרבען אַ רעפּוטאַציע פון אַן אויסגעצייכענטען פּרעדיגער־מיסטיקער. און פון יענער צייט איז ער עס געווען אייער לעהרער?

— ער האָט אָנגעפאַנגען מיט מיר צו לערנען אַ יאָהר שפּעטער. אין דער זעלבער צייט כמעט ווען איך האָב זיך צום ערשטען מאָהל פאַר איהם מתודה געווען. און ווען איך בין אָנגעקומען אין סאַפּיענץ האָט ער פאַרטגעזעצט זיין אונטעררייכט אין אַלע וויסענשאַפטען, וועלכע זיינען ניט אריין אין קורס פון אוניווערסיטעט. זיין בעציהונג צו מיר איז אימער געווען זעהר אַ האַרציגע, — איהר קענט זיך גאַרניט פאָרשטעלען ווי גוט ער איז געווען צו מיר.

— איך שטעל זיך עס זעהר גוט פאָר. אַלע זיינען ענטציקט פון דיעזען מענשען: אַ עדעלע שעהנע נשמה. מיר איז אויסגעקומען צו טרעפען מיסיאָנערען, וועלכע זיינען מיט איהם צוזאַמען געווען אין כינא, און זיי האָבען ניט געהאַט גענוג ווערטער אויסצודריקען זייער אַכטונג צו איהם, אָבצושעצען זיין ענערגיע און מוטה אין שווערע מאָמענטען, און זיין שטאַרקען גלויבען. איהר דאַרפט זיך פיהלען גליקליך, וואָס איהר האָט אין אייער יוגענד געהאַט אַזאַ ערציהער, ווי ער. פון זיינע ווערטער האָב איך פערשטאַנען, דאָס איהר האָט ניט קיין פאָטער און מוטער.

— יע, מיין פאָטער איז געשטאָרבען, ווען איך בין נאָך אַ קינד געווען און די מוטער — מיט אַ יאָהר צוריק.

— האָט איהר ברידער, שוועסטער?

— ניין, בלויז שטיעפברידער...

— איהר זייט אויף אַזאַ אופן זעהר עלענד אויפגעצויגען געוואָרען, און דאַרום שעצט איהר אזוי שטאַרק מאָנטאַנעלי׳ס פריינדליכקייט צו

אייך. יע, האט איהר זיך שוין ערוועהלט א גייסטליכען פאר דער צייט פון אייער פאטער'ס אבוועזענהייט?

— פארלויפיג נאך ניט.

— וואלט איהר וועלען זיך פאר מיר מתודה זיין?

ארטהור איז געוועזען איבערראשט פון דיעזען פארשלאג.

— זאגט מיר אפענהערציג, אויב איהר זייט איינשטימיג צו האבען מיך אלס אייער גייסטיגען פאטער. איך וויים ווי קאנאן מאנטאנעלי איז אונרוהיג און שרעקט זיך פאר אייער שיקזאל. עס איז גאנץ נאטירליך.... ווען מיר וואלט פארגעקומען צו שיידען זיך מיט א געליעבטען שילער, וואלט איך אויך געווען דאסזעלבע. איך בין זיכער, ער וועט זיך פיהלען פיעל רוהיגער, ווען ער וועט וויסען, דאס א קאלעגע זארגט זיך וועגען אייער נשמה. זייט איינפאך מיט מיר, זוהן מיינער. איך פיהל צו אייך א סימ־פאטהיע און בין גערן אייך ניצליך צו זיין.

— אויב אזוי, בין איך אייך זעהר דאנקבאר.

— זעהר גוט. אלזא, אין א מאנאט ארום קומט זיך צו מיר מתודה זיין. איהר קענט אבער אויסער דעם אויך אריינקומען, ווען איהר וועט האבען א פרייען אבענד.

א קורצע צייט פאר פסח איז געווארען אפיציעל בעקאנט, דאס מאנטאנעלי האט בעקומען אן עפיסקאפּטהום. ארטהור האט שוין די נייעס געוואוסט נאך פריהער פון זיינעם א פריוואט־בריעף, אין וועלכען ער האט איהם מיט שמחה אנגעזאגט די פרעהליכע בשורה. עס איז פון דיעזען בריעף געווען קלאר, דאס מאנטאנעלי'ס געדריקטע שטימונג האט אנגע־הויבען צו פערגעהן. „דו מוזט קומען מיר בעזוכען יעדע וואקיישאן און איך וועל פון צייט צו צייט קומען נאך פיזא" — האט ער איהם געשריעבען.

דאקטאר ווארען האט איינגעלאדען ארטהור'ן צו פערברענגען מיט איהם און זיין פאמיליע דעם גאנצען יום טוב פסח. אין דיזען בריעף איז אויך געלעגען א צעטעלע פון דזשעממא'ן, אין וועלכען זי האט אויך דאס זעלבע געבעטען. „איך האב עפּעס מיט אייך וועגען וואס צו רעדען" — האט זי צום סוף געשריעבען.

צווישען די סטודענטע זיינען ארומגעגאנגען פערשיעדענע אונרוהיגע קלאנגען, וועלכע זיינען בסוד איבערגעגעבען געווארען פון איינעם צום צווייטען. אלע האבען זיך פארבערייטעט צו זעהן דיזען פסח גרויסע גע־שעהענישען. ארטהור איז געווען אין א צושטאנד פון ענטציקענדער ער־ווארטונג: די זאנדערבארסטע זאכען האבען איהם געשיינט צו זיין גאנץ נאטירליכע, דורכפיהרבארע אין פערלויף פון איניגע מאנאטען.

פאר'ן שלאף איז ארטהור אריינגעגאנגען אין צימער, וואו עס האט זיך געפונען א גאטעס־בילד און האט זיך אראבגעלאזען נעבען דעם אויף די קניע. מיט צונויפגעלעגטע הענד און אן אראבגעלאזענעם קאפ האט ער זיך געווענדעט צו גאט מיט א געבעט, איהם מוחל צו זיין זיינע זינד פון פערגאנגענעם מאנאט, איבערערבענענדיג אין זיין געדאנק די פערשיע־דענע פעלע, ווען ער האט ארויסגעצייגט אונגעדולד, לייכטזיניגקייט, אויפ־רעגונג א. ד. ג. נאך דיזער קורצער תפלה האט ער זיך מיט א רוהיגען געמיטה גענומען אויסטהאן צו געהן שלאפען.

ווען ער האט גענומען אבשפיעלען די אויבערשטע העמדעל, איז פון אונטער איהר ארויסגעפאלען א קליינע שטיקעל פאפיער. דאס איז געווען דזשעממא'ס צעטעלע, וועלכען ער האט א גאנצען טאג געטראגען אויפ'ן ברוסט. ער האט עס אויפגעהויבען און בעדעקט מיט קושען. נאכהער האט ער עס ווידער גענומען צוזאמענלעגען, אבער אין דיזען מאמענט האט ער בעמערקט אויפ'ן צווייטען זייט א צושריפט, וועלכע ער האט פריהער ניט געלעזען. „איהר זאלט דורכאויס קומען צו אונז, און ווי מעג־ליך פריהער: איך וויל אייך בעקענען מיט באללא'ן. ער געפינט זיך דא און מיר לעזען יעדען טאג צוזאמען".

ארטהור'ס געזיכט האט זיך בעדעקט מיט אלערליי קאלירען, ווען ער האט דורכגעלעזען די לעצטע ווערטער. „אימער דיזער באללא! וואס טהוט ער ווידער מיט איהר צוזאמען? ער האט, ווי עס זעהט אויס, זי בע־צויבערט. נאך דאן אויף דער פערזאמלונג האט מען שוין געקענט מערקען, דאס ער איז אין איהר פערליעבט. דאריבער האט ער אזוי היים גערעדט יענעם אבענד."

ארטהור האט מיט כעס אוועקגעשליידערט דאס צעטעלע און זיך וויע־דער אראבגעלאזען אויף די קניע. פון גרויס ערגערניש האט ער צוגעדעקט דאס געזיכט מיט די הענד. און דיזע אויסגעלייטערטע נשמה, וועלכע האט זיך פארבערייטעט צו בעטען פון גאט מחילה אויף די בעגאנגענע זינד, איז עס געווען פעהיג אויף אזא געמיינער אייפערזוכט, ניעדריגען חשד און קליינליכער קנאה צו א חבר!

אויף מארגען אין דער פריה איז ער אריינגעגאנגען אין קירכע פון סע־מינאריום און געטראפען דארטען פאטער קאדרי אליין. אבזאגענדיג דעם סימבאל פון גלויבען, האט ער זיך גלייך אנגעפאנגען פאר איהם מתודה צו זיין.

— איך בין זינדיג, פאטער מיינער, זינדיג אין אייפערזוכט, כעס און אונווירדיגע געדאנקען צו א פערזאן, וועלכע האט מיר קיין שלעכטעס ניט געטהאן.

דער פאטער קאדרי האט ווייך געזאגט:

— איהר האָט מיר נאָך ניט אַלץ ענטדעקט, זוהן מיינער.

— פּאַטער! דעם, צו וועמען איך האָב ניט קיין קריסטליכע געפיה־לען, האָב איך געדאַרפט בעזאָנדערס ליעבען און אַכטען.

— זייט איהר מיט איהם פערבונדען דורך בלוט־פערוואַנדשאַפט?

— נאָך ענגער און שטאַרקער!

— וואָס מיינט עס, זוהן מיינער?

— מיר זיינען חברים אין א גרויסער און היילינער אַרבייט.

— און אייער כעס אויף דיעזען חבר, אייער קנאה צו איהם, איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך דעם, וואָס ער האָט א גרעסערען ערפאָלג פון אייך אין דיעזער אַרבייט?

— יע, טהיילווייז צוליעב דעם און אויסער דעם... האָב איך געדענקט.. איך האָב מורא געהאַט, ער זאָל ביי מיר ניט אוועקרויבען די ליעבע פון דער מיידעל, וועלכע איך פערגעטער.

— איז די מיידעל, וועלכע איהר ליעבט, א טאָכטער פון דער היילינער קירכע?

— ניין, זי איז א פּראָטעסטאַנטין.

— א יערעטיק?

ארטהור האָט צוזאַמענגעדריקט די הענד פון פערצווייפלונג.

— יע, א יערעטיק — האָט ער ווידערהאָלט — מיר האָבען זיך צו־זאַמען ערצויגען, אונזערע מוטערס זיינען געווען פריינדינען. ווען איך האָב בעמערקט, דאָס א צווייטער ליעבט איהר אויך, האָב איך איהם מקנא גע־ווען און נאָך מעהר...

— זוהן מיינער — האָט פּאַטער קאַרדי לאַנגזאַם אַרויסגערעדט מיט אַן ערנסטען טאָן — איהר האָט מיר נאָך ניט אַלעס דערצעהלט. ביי אייך ליגט נאָך עטוואָס אויפ'ן הארצען, וואָס איהר ווילט מיר זאָגען.

— פּאַטער, איך...

ארטהור האָט זיך פערהיקעט און ווידער אנשוויגען געוואָרען.

דער רעקטאָר האָט שווייגענדיג אָבגעוואַרט ביז ער וועט ווייטער אָנ־פאַנגען רעדען.

— איך האָב איהם מקנא געווען, ווייל די אָרגאַניזאַציאָן פון יונג אי־טאַליען, צו וועלכער איך בעלאַנג...

— יע?

— האָט איהם אנפערטרויט א געוויסע אַרבייט, וועלכע, איך האָב גע־האָפט, וועט מיר איבערגעגעבען ווערען.

— וואָס איז אזוינס פאַר אַן אַרבייט?

— איבערנעהמען פּאָליטישע ביכער פון די שיפען. מען דאַרף זיי

פון דאָרטען אָבנעהמען און נאָכהער אויפזוכען אין שטאָדט אַ פּלאַץ, וואו זיי צו בעהאַלטען.

און דיעזע אויפגאַבע האָט די אָרגאַניזאַציאָן איבערגעגעבען אייער געגנער?

— יע, איהם, באַללאַ הייסט ער.

— און ער פון זיין זייט האָט אייך קיינמאָל ניט געגעבען קיין אור־זאַכע איהם צו האַסען? בעשולדיגט איהר איהם פיליכט, דאָס ער בע־ציהט זיך ניט גענוג ערנסט צו דער מיסיאָן, וועלכע מען האָט אויף איהם אַרויפגעלעגט?

— ניין, פאַטער, ער האָט זיין אויפגאַבע אימער ערפילט דרייסט און מוטהיג ביז צו זעלבסט־אויפאָפּפערונג און ער פערדיענט מען זאָל איהם ליעבען און אַכטען.

— זוהן מיינער — האָט פאַטער קאַדרי געזאָגט נאָך אַ קורצער איבער־לעגונג. — אויב דיין האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרען מיט אַ נייער ליכט, אויב אין איהר איז געבאָרען געוואָרען אַ טרוים וועגען אַ גרויסער אַרבייט נוצען צו ברענגען דיינע מיטמענשען, פערלייכטערען דעם יאָך פון די שוואַ־כע און אונטערדריקטע, אויב דו האָסט געפונען די וועג, וואָס פיהרט צו פריעדען און זיך פעראייניגט מיט געליעבטע חברים צו ערקעמפּפען צוזאַ־מען די געווינשטע פרייהייט, דאַן מוזטו זאָרגען, אַז דאָס האַרץ דיינע זאָל זיין פריי פון קנאה און אונווירדיגע ליידענשאַפטען; דאָס האַרץ דיינע דאַרף זיין דער מזבח, וואו עס מוז אימער ברענען אַ הייליגער פייער. נע־דענק, דאָס די אַרבייט איז זעהר אַ גרויסע און אַ הייליגע, און דאָס האַרץ, וועלכע ווערט מיט איהר דורכגעדרונגען מוז פערשטיקען אין זיך אַלע זעלבסטזיכטיגע געדאַנקען. דו דאַרפסט קיינמאָל ניט פערגעסען, דאָס די אידעע איז „אין נאָמען פון גאָט און פון פאָלק יעצט און אויף עוויג".

— או! — האָט אַרטהור אַ פּאַטש געטהאָן מיט די הענד פון איבער־ראַשונג. ער האָט זיך שיער ניט צוּוויינט הערענדיג דעם בעקאַנטען לאָ־זונג:

— איהר גיט אונז די ברכה פון דער קירכע, פאַטער מיינער?

— זוהן מיינער — האָט דער פּריסטער געענטפערט מיט אַ פרעה־ליכען טאָן — קריסטוס האָט פערזאָגט פון טעמפּעל אַלע אויסבייטער, וועל־כע האָבען איהם פערוואַנדעלט אין אַ נעסט פון רויבער.

נאָך אַ קורצען שווייגען האָט אַרטהור שטיל אַרויסגערעדט מיט אַ ציט־טערענדער שטימע:

— אויך איטאַליען וועט זיין אַ הייליגער טעמפּעל, ווען מען וועט זיי פערטרייבען...

אלס ענטפער האָט אָבגעקלונגען אַ ווייכע שטימע:

— די ערד און אַלע איהרע רייכטהימער זיינען מיינע — האָט גאָט געזאָגט.

5.

אויף מאָרגען אין דער פריה איז אַרטהור צופוס אוועקגעגאַנגען נאָך ליוואָרנאָ. עס איז געווען אַ גרויער וואָלקענדיגער טאָג, די לופט איז אָבער געווען ווארעם, און איהם איז אַנגענעהם געווען צו שפּאַצירען. די גאַנצע וועג האָט ער אַלץ געפּרופט אריינצוטראַכטען זיך אין געטליכע ענינים, ווי עס פאָדערט זיך אין אַזאַ הייליגען טאָג — ערב דעם גרויסען פרייטאָג — עס איז איהם אָבער בשום אופן ניט געלונגען. צוויי בילדער האָבען אַלץ געשוועבט פאַר זיינע אויגען: מאַנטאַנעלי'ס און דזשעממאַ'ס. זיין רייכע פאַנטאַזיע האָט איהם איבערגעטראָגען אין דער וואונדערבאַרער צייט פון פאַרשטעהענדען גרויסען אויפשטאַנד, און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט די ראָליען, וואָס זיינע צוויי ליעבלינגע וועלען דאַן שפּיעלען. דעם פּאַדרע האָט ער זיך געמאָהלען אַלס דעם אַפּאָסטעל און פּראָפעט, פאַר וועמעס הייליגען צאָרן עס פערשווינדען אַלע פינסטערע כוחות. די יונגע העלדען פון פרייהייטס־קאַמפף ליגען נעבען זיינע פיס און הערען פון איהם מיט עהרע־פורכט אַלטע וואהרהייטען אין אַ נייער אונבעוואוסטער אויסטייטשונג.

און דזשעממאַ?

אָ, דזשעממאַ וועט זיין אַ קעמפּפערין אויף די באַריקאַדען, זי איז ווי געשאַפען צו שפּיעלען די ראָליע פון אַ העלדין אין פאַרשטעהענדען קאַמפף. אַלס ריינע אונבעפלעקטע קאַמעראַדין און פורכטלאָזע קעמפּפערין וועט זי מיט זיך פאַרשטעלען יענע אידעאַלע יונגפרוי, מיט וועלכער עס בעגייס־טערען זיך פּאָעטען. שולטער ביי שולטער וועלען זיי ביידע מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען ענטגעגען געהן דעם געפליעגעלטען טויט־שטורעם און וועלען פיליכט צוזאַמען שטאַרבען אין דעם טאָג פון הערליכען זיעג. פון זיין הייסער ליעבע וועט ער איהר אַ וואָרט ניט זאָגען — דאָס וואָלט צושטערען איהר אינערליכע רוהע און פעררונקעלען איהר שעהנעם געפיהל צו איהם אַלס צו אַ חבר. ער האָט איהר בעטראַכט, אַלס הייליגטהום, וועלכע איז בערופען צו ברענגען זיך אַלס קרבן אויף דעם אַלטאַר פון פאָלק'ס פרייהייט. ווי אַזוי קען ער אויף אַזאַ אופן אַריינקריכען אין קדשי קדשים פון איהר נשמה, ווען זי האָט ניט קיין אהנונג פון קיין אַנדער ליעבע, אויסער צו גאָט און צו איטאַליען?

ווען ער איז צוגעקומען צו דער גרויסער טרויעריגער הויז פון זיינע שטיעף־ברידער, האָט אַנגעהויבען צו געהן אַ קליינער רעגען. אויף די טרעפּ האָט איהם בעגעגענט יוליאַ'ס צימער־העדר, וועלכער איז, ווי אימער, געווען העפליך און טרוקען אין זיינע בענעהמונגען.

— גוטען אבענד, דזשיבאנס. זיינען די ברידער צו הויז?
— מיסטער טהאָמאַס איז צו הויזע, סער; אויך מאַדאַם בארטאַן. זיי געפינען זיך אין זאַאַל.

ארטהור איז אהין אריינגעגאַנגען מיט אַ שווערען דריקענדען געפיהל. די הויז האָט אויף איהם ארויסגעלעגט אַ מאָדנעם אומעט. אַלעס איז דאָרטען געבליבען אונפערענדערט — די מענשען, די פאַמיליען־פּאָרטרע־טען אויפ'ן וואַנד, די טהייערע מעבעל, זאָגאַר די קינסטליכע בלומען און די בראָנזענע כלים זיינען געוועזן די זעלבע. יוליא, אַליין אויסגעפּוצט אין זיידענס, מיט בלאַנדע געקרייזעלטע לאָקען איבער די שלייפען, איז געוועזן עהנליך צו אַ גרויסער קינדערשער ליאַלקע. ביי איהר אויף די קניע איז געלעגען אַ קליינינקער הינטעלע.

— וואָס מאַכט איהר, ארטהור? — האָט זי מיט צערעמאָניע אַ זאָג געטהאָן. געבענדיג איהם די שפּיצען פינגער, וועלכע זי האָט שנעל צוריק־געכאַפּט און אָנגעהויבען גלעטען די זיידענע פעלכעל פון הינטעל. — איך האָף, איהר פיהלט זיך געזונד און מאַכט גוטע פאָרטשריטע אין אוניווער־סיטעט.

ארטהור האָט איהר צווישען דריי ציין געענטפערט די ערשטע פראַזע, וואָס איז איהם אין קאָפּ אריינגעפאַלען, און איז אַנשוויגען געוואָרען. די לאַנגע זיינע איז געוועזן זעהר אַן אונאַנגענעהמע. ער האָט אַ ביסעל פרייער אויפגעאָטעמט, ווען מען האָט אָנגעהויבען צו גרייטען דעם טיש פאַר מיטאָג.

— איך וויל יעצט ניט עסען. אויב איהר וועט מיר ערלויבען, וועל איך בעסער געהן צו זיך אין צימער.

— איהר פאַסט צופיעל, מיין פריינד — האָט טהאָמאַס אַ זאָג גע־טהאָן. — זעהט, איהר זאָלט דערפון ניט קראַנק ווערען.

— אָ, ניין! אַ גוטע נאַכט.

אין קאָרידאָר האָט ארטהור בעגעגענט דער הויז־מיידעל און איהר גע־בעטען, זי זאָל איהם אויפוועקען 6 אַזייגער.

— דער סינאַרינאַ וועט געהן אין קירכע? — האָט זי אַ פרעג געטהאָן.

— יע, טערעזאַ. אַ גוטע נאַכט.

ער איז אריינגעגאַנגען אין זיין צימער. דיעזער צימער האָט פריהער געהערט צו זיין מוטער, אין איהם איז זי געשטאָרבען. איבער'ן בעט איז געהאַנגען איהר פּאָרטרעט און אויפ'ן טיש איז געשטאַנען אַ כינעזישע וואַזע, אָנגעפילט מיט אַ בוקעט פון איהרע ליעבלינגס־בלומען (פיאַלקעס). ארטהור האָט ארויסגענומען פון זיין טשעמאָדאַן מאָנטאַנעלי'ס פּאָרטרעט און איהם אָנגעקוקט אַ לאַנגע צייט מיט ליעבליכע בליקען, נאַכהער איז ער צוגעגאַנגען צום ווינקעל, וואו עס איז געהאַנגען אַ גאָטעס־בילד און זיך אַראָבגעלאָזען פאַר איהם אויף די קניע. ווי טהאָמאַס האָט פריהער ריכטיג

בעמרקט, האט ער ווירקליך א ביסעל צו פלייסיג אבגעהיט די כללים פון גרויסען תענית. די לאנגע תפלה, וועלכע ער האט איינינע מאהל ווידער־האלט, האט איהם א ביסעל בעפרייט פון זיין נערוועזיטעט און ער איז עטוואס א בערוהיגטער געגאנגען שלאפען.

איינגעשלאפען איז ער זעהר געשמאק. פלוצלונג האט זיך דערהערט א שטארקער, אונגעדולדיגער קלאפ אין טיהר.

מיינענדיג, דאס טערעזא וויל עס איהם אויפוועקען, האט ער זיך פויל איבערגעלייגט אויפ'ן צווייטען זייט.

דער קלאפען האט זיך ווידערהאלט נאך שטארקער. ער האט זיך פון שרעק אויפגעכאפט און איז אויפגעשפרונגען פון בעט.

— וואס האט פאסירט? ווער איז דארטען?

— דאס בין איך, דזשאהן באסיסטא. שטעהט אויף שנעלער, אום גאטעס ווילען!

ארטהור האט זיך שנעל אנגעטהאן און געעפענט די טיהר. דער דינער איז אריינגעלאפען אין צימער מיט א שטארק איבערגעשראקענעם, בלאסען געזיכט; אין קארידאר האבען זיך געהערט שווערע טריט און א קלאנג פון מעטאל. ארטהור האט גלייך פערשטאנען, וואס עס מיינט.

— נאך מיר? — האט ער רוהיג א פרעג געטהאן.

— נאך אייך, סינארינא! א, איילט זיך צו א ביסעל, אויב איהר האט עטוואס צו בעהאלטען! איך קען...

— איך האב ביי זיך גאר נישט. די ברידער ווייסען שוין?

— דער סינאר איז שוין אויף און די גאנצע הויז איז אויף די פיס. א, גאט! וואס פאר א שרעקליכער אונגליק! און דאס האט געדארפט פאסירען אין דעם הייליגען פרייטאג! די הייליגע זאלען זיך נאר איבער אונז דער־בארעמען! — האט מיט טרעהרען אין די אויגען געקלאגט דער אלטער דזשאהן באטיסטא.

ארטהור האט געמאכט איינינע טריט פאראוים, ווארטענדיג אויף די זשאנדארען. זיי האבען זיך באלד אריינגעריסען אין צימער אין דער בע־גלייטונג פון אלע דיענער, וועלכע זיינען געווען האלב אנגעטהאן. צום סוף פון דיעזער זאנדערבארער פראצעסיאן זיינען געגאנגען דער ווירטה און די ווירטהין פון הויז. ער איז געווען אין א לאנגע אויבער־העמד און פאנטאפעל, און זי — אין א שלאפראק, מיט אראבגעהאנגענע בינטלעך האר, געקרויזט און איינגעוויקעלט אין פלעכטלעך. „מערקווירדיגע חיות" איז דורכגעפלויגען ביי ארטהור'ן א געדאנק, בעטראכטענדיג די קאמישע פי־גורען ארום זיך. ווען ער האט בעמערקט די לעבערליכע פלעכטלאך ביי יוליא'ן אויפ'ן קאפ, האט ער שיער ניט ארויסגעפלאצט מיט א געלעכטער.

— ערקלעהרט מיר, זייט אזוי גוט — האט הערר בארטאן אויסגערופען,

ווענדענדיג זיך צום אָפיסער פון די זשאַנדאַרען — וואָס בעדייטעט דער אריינרייסען זיך מיט געוואלד אין א פריוואט־הויז? איך מוז אייך ווארנען דאָס מיר וועט אויסקומען זיך צו ווענדען צום ענגלישען געזאנדטען, אויב איך וועל ניט בעקומען פון אייך קיין בעפרידיגענדע ערקלעהרונג.

דיזער פאַפיער וועט זיין, דענק איך, גענוג פאַר אייך, ווי פאַר דעם ענגלישען געזאנדטען — האָט דער אפיצער קאלט ארויסגערעדט מיט א טאָן פון זעלבסטווירדע. דערביי האט ער דזשיימסען איבערגעגעבען אַ געשריבע־נעם בעפעהל צו אַרעסטירען ארטהור בארטאַן, דעם סטודענט פון פילאזאפיע.

יוליא האָט ארויסגעריסען דעם פאַפיער פון מאַן׳ס האנד און דורכלויפענ־דיג עס שנעל מיט די אויגען, האָט זי זיך ארויפגעוואָרפען אויף אַרטהור׳ן מיט אַ קוויטש.

— דאס האָט איהר עס אזוי בעדעקט מיט שאַנדע אייער פאַמיליע! זעהר שעהן, ניטא וואס צו זאגען! די גאנצע שטאדט וועט יעצט רעדען וועגען אונז. וואָס האט מען דען געקענט ערווארטען פון א זוהן פון אַ קאטוילי־שער...

— מאדאַם, עס איז ניט ערלויבט צו רעדען מיט אן אַרעסטירטען אויף א פרעמדען שפראך — האט איהר איבערגשלאגען דער אפיצער.

זיין בעמערקונג איז אָבער דערטרונקען געווארען אין דעם קוואל פון ענ־גלישע זידעל ווערטער, וועלכע האבען זיך אהן אויפהער געשאטען פון איהר מויל.

— עס האט פאַסירט דאס, וואָס מען האט געקענט ערווארטען! איך האב פריהער געוואוסט, דאס עס וועט זיך אזוי אויסלאזען. לויט די תענתים, תפלות און גאטספארכטיגע מחשבות זיינע, האט מען געקענט מיינען, ער איז א צדיק, און אט וואס אונטער זיי איז געווען פערדעקט....

— וואס איז די פּעולה וועגען דעם צו רעדען? — האט ער געזאגט — איהר האט גארניט וואס מורא צו האבען פאר אונאנגענעהמליכקייטען. אלע ווייסען, דאָס איהר זייט אונשולדיג. — איך גלויב, — האט ער צוגעגע־בען, זיך ווענדענדיג צו די זשאנדארמען — דאס איהר ווילט בעזוכען מיין צימער. ביטע, איך האָב גאָרניט וואָס צו בעהאַלטען.

אין דער צייט, ווען די זשאַנדארען האבען דורכגעזוכט אין זיין צימער אלע בריעף, לעהר־ביכער און פערשיעדענע פאַפיערען פון אוניווערסיטעט, איז אַרטהור געזעסען אויפ׳ן ברעג פון בעט און געווארט. פון אויפרעגונג איז ביי איהם דאָס געזיכט לייכט רויט געוואָרען, איבערגעשראָקען איז ער אָבער ניט געווען. יעדען בריעף, וועלכער וואלט איהם געקענט קאמפּראמי־טירען, פלעגט ער אימער פערברענען. אויסער איינינע געשריבענע ליעדער, האלב רעוואלוציאָנערע און האלב מיסטישע, ווי אויך אַ פאַר נומערען פון זשורנאל „יונג איטאַליען" האבען טאַקע די זשאַנדארען גאַר ניט געפונען.

יוליא און דזשיימס זיינען באלד אוועקגעגאנגען שלאפען און טהאמאס האט נאך געהאלטען אין איין ארומשפאצירען הין און צוריק איבער׳ן צי־מער, בעמיהענדיג זיך צו ווייזען קאלטבלוטיג צו דער גאנצער געשיכטע.

ער האט זיך אבער לאנג ניט געקענט אזוי איינהאלטען און איז פלוצ־לונג שטעהען געבליבען נעבען ארטהור׳ן

— זאג מיר, ארטהור — האט ער אויסגערעדט מיט א שוואכען אונזי־כערען טאן, נערוועז דרעהענדיג זיינע וואנצען — האט דיעזע פערפלוכטע געשיכטע וועלכע עס איז שייכות צו געלד־זאכען? אויב אזוי, וועל איך...

— צו געלד זאכען? וואס רעדט איהר! געוויס ניט.

— אויף אזא אופן, מוז עס געוויס זיין א פאליטישע פערדרעהעניש, און איך האב פריהער גאר ניט חושד געווען... וואס טהוט מען אלזא... אויב דו וועסט זיך נויטיגען אין מיין הילפע — אין געלד אדער אין עטוואס אנדערש, גיב מיר גלייך צו וויסען.

ארטהור האט איהם שווייגענדיג געדייכט די האנד און דזשיימס איז שנעל ארויסגעגאנגען פון צימער, מאכענדיג אן אומזיסטע אנשטרענגונג אויסצוזעהן קאלטבלוטיג.

די זשאנדארען האבען דערוויל געענדיגט זייער אונטערזוכונג און דער אפיצער האט בעפוילען ארטהור׳ן מיטצוגעהן. אויף די טרעפ האבען מיט אונרוהע געווארט די איטאליענישע הויז־דיענער, אויף זייערע געזיכטער איז געווען אויסגעגאסען א ניט־געמאכטער קומער, וואס מען נעהמט פון זיי צו זייער ליעבען סיניארינא, וועלכער איז אימער געווען צו זיי אזוי פריינדליך. זיי האבען איהם אלע ארומגערינגעלט און בעדעקט מיט קושען זיינע הענד און קליידער.דער אלטער דזשאהן באטיסטא איז געשטאנען עטוואס אין דער זייט און טרערען האבען זיך געגאסען פון זיינע אויגען איבער די גרויע וואנצען. פון די בארטאנס איז קיינער ניט ארויסגעגאנגען דעם ארעסטאנט צו בעגלייטען. זייער קאלטקייט און גלייכגילטיגקייט האט נאך שארפער גע־מאכט דעם בילד פון ווארימער סימפאטהיע, וואס די דיענער האבען צו איהם ארויסגעצייגט, און ארטהור האט זיך קוים געקענט איינהאלטען ניט צו פער־נאנדערוויינען זיך.

— זייט געזונד, מיינע פריינדע, בעט גאט פאר מיר און פאר זיך, זייט געזונד אלע!

ער איז שנעל ארונטער פון די טרעפ. די וויינענדע מענער און פרויען האבען נאך א לאנגע צייט בעגלייט מיט די אויגען דעם קערעדזש, וועלכער איז געווארען אלץ קלענער און קלענער...

6.

ארטהור איז געווען איינגעשפארט אין א גרויסער אלטער פעסטונג ניט וויים פון האפען. דאס לעבען אין דער געפענגנים איז פאר איהם געווען ער־

טרעגליך. די פערשטיקטע לופט, פינסטערנים, מייז און דער שווערער גערוך זיינען פאר איהם קיין נייעס נים געווען, ווייל ער איז אויפגעצויגען געווארען אין אן אלטען פאמיליען־שלאס, וואו דאס אלעס איז א גאנץ נאטירליכע ער־שיינונג. עסען האט מען געגעבען זעהר ווייניג און שלעכטע, אבער דער ברור־דער האט אויסגעווירקט אן ערלויבנים איהם צוצושיקען אהין אלעס נויטי־געס, און איהם האט קיין זאך נים געפעהלט. ער איז געזעסען איינער אליין אין א בעזונדער צימער, לעזען איז איהם געווען פערבאטען, און די גאנצע צייט איז ביי איהם אוועק אין תפלות און הייליגע מחשבות. מיט א רוהי־גען געמיטה האט ער גערולדיג געווארט אויף די ווייטערע פאסירונגען.

אין א געוויסען טאג איז איינער פון די וועכטער אריין צו איהם אין קא־מער און איהם גערופען מיט זיך. אויף אלע זיינע פראגען מיט וועלכע ער האט זיך צום וועכטער געווענדעט, האט ארטהור בעקומען בלויז איין אנט־ווארט: „עס איז פערבאטען צו רעדען“. דורכגעהענדיג א גאנצען לאבי־רינט פון הויפען, קארידארען און טרעפ, וועלכע זיינען געווען דורכגעזאפט מיט דעם גערוך פון שימעל, זיינען זיי ענדליך אריינגעקומען אין א גרויסען ליכטיגען צימער, וואו עס זיינען געזעסען נעבען א לאנגען, מיט א גרינע טוך בעדעקטען טיש, 3 מיליטערישע בעאמטע און האבען געפיהרט צווישען זיך א געשפרעך. ווען ארטהור האט זיך בעוויזען אויפ'ן שוועל, זיינען זיי אנ־שוויגען געווארען און אנגעהויבען איהם צו בעטראכטען מיט שטרענגע דורכ־דרינגענדע בליקען. דער עלטסטער פון זיי, א בעיאהרענטער מאן, מיט גרויע באקענבערד, עלעגאנט געקליידעט, האט איהם אנגעוויזען אויף א שטוהל פון צווייטען זייט טיש און אנגעפאנגען איהם צו שטעלען פערשיעדענע פראגען.

ארטהור האט ערווארטעט צו הערען בעליידיגונגס ווערטער און דרא־הונגען, און ער האט זיך פארבערייטעט צו ענטפערען מיט טאקט און זעלבסטווירדע, ער איז אבער געווען אנגענעהם איבערראשט. דער זשאנ־דארמען־פאלקאווניק איז געווען אנגעבלאזען, קאלט און טרוקען פארמאל, אבער זעהר העפליך. אנפאנגס זיינען די פארגעלעגטע פראגען געווען נים זעהר וויכטיגע און ארטהור איז שיער נים ארוים פון געדולד, ווען דער פאל־קאווניק האט איהם פלוצלונג א פרעג געטהאן:

— און יעצט, מר. בארטאן דערצעהלט אונז, וואס איז אייך בעוואוסט וועגען יונג־איטאליען.

— איך וויים, דאס עס איז א פאליטישע געזעלשאפט, וועלכע גיט ארוים א צייטונג אין מארסעל און פערשפרייט איהר אין איטאליען מיט דעם צוועק פארצוברייטען דאס פאלק צו אן אויפשטאנד און צו פערטרייבען פון איהרע גרענעצען די עסטרייכער.

— האט איהר די צייטונג געלעזען?

— יע, איך האב זיך אינטערעסירט מיט איהר אינהאלט.

— איז אייך געקומען אויפ'ן געדאנק, ווען איהר האָט געלעזען די צייטונג, דאָס איהר בעגעהט דערמיט אַ פערברעכען געגען געזעץ?

— געוויס.

— וואו האָט איהר בעקומען די עקזעמפּליארען, וועלכע זיינען געפונען געוואָרען אין אייער צימער?

— דאָס קען איך אייך ניט זאָגען.

— מיסטער בארטאן, דאָ דאַרף מען אזוי ניט ענטפערען. איהר זייט מחויב צו געבען אַ תשובה אויף אַלע מיינע פראַגען.

— אויב אַזוי, דאַן וויל איך ניט, ווען אייך געפעהלט ניט דער ענטפער „איך קען ניט"

— איהר וועט שטארק חרטה האָבען, אויב איהר וועט זיך ערלויבען צו רעדען מיט מיר אין אזא טאָן — האָט בעמערקט דער קאָלאָנעל.

אַרטהור האָט גאָר ניט געענטפערט. און יענער האָט פאָרטגעזעצט:

— איך קען נאָך צוגעבען, דאָס מיר האָבען אין אונזערע הענד וויכטיגע בעווייזע, אז אייערע בעציהונגען צו דער געהיימער געזעלשאַפט זיינען געווען פיעל נעהענטער, ווי איהר ווילט מאַכען דעם איינדרוק. ווי איהר זאָלט ניט וועלען זיך אויסדרעהען מיט אייער עקשנות און שטאָלצע אנטוואָרטען, וועט עס אייך גאָר ניט העלפען. מיר וועלען אַלעם אויסגעפינען וועגען דעם און עס איז דארום גלייכער פאַר אייך זיך אליין מודה צו זיין.

— איך האָב גאָר ניט בדעה זיך אויסצודרעהען פון אייך. וואָס ווילט איהר וויסען?

— אלער ערשטען זאָגט מיר, ווי אזוי קומט איהר, אַן אויסלענדער, זיך אָבצוגעבען מיט אזעלכע זאַכען?

— איך האָב פיעל נאָכגעדענקט וועגען דיזער פראגע, דורכגעלעזען אלעס, וואס איך האָב געקענט קריגען און בין געקומען צו בעשטימטע שליסע.

— ווער האָט אויף אייך געווירקט. איהר זאָלט זייך אַנשליסען אַן דער אָרגאַניזאַציאָן?

— קיינער ניט. דאָס איז געוועזען מיין פערזענליכער וואונש.

— וואָס ווילט איהר מיר איינרעדען? — האָט דער פּאָלקאָווניק בייז אויסגערופען, פערלירענדיג דאָס געדולד — קיינער שליסט זיך ניט אָן אין אַ געזעלשאַפט אָהן דער מיטווירקונג פון אַ צווייטער פערזאָן. צו וועמען האָט איהר אויסגעדריקט אייער פערלאַנג צו ווערען אַ מיטגליעד פון דער אָרגאַניזאַציאָן?

אַ לאַנגע שטילשווייגען.

— וועט איהר זיין אזוי פריינדליך מיר צו ענטפערען?

—ניין, אויף דיזער פראגע קען איך אייך קיין תשובה ניט געבען.

ארטהור האט דיזע ווערטער ארויסגערעדט אין א שטארק אויפגערעג־טען און בייזען טאן. עס האט איהם שטארק גענקעלט פון דער כלומר׳־שטדיקער העפליכקייט פון די הערען בעאמטע און פון דעם טרויעריגען ווערטער־שפּיעל מיט איהם.

— אגב אורחא, ווען האט איהר צום לעצטען מאל זיך געזעהען מיט דזשיוואני באללא? — האט איהם דער פאלקאווניק א פרעג געטהאן.

— דיעזער נאמען איז מיר אונבעקאנט.

— ווי! איהר קענט ניט דזשיאוואני באללא? א יונגער־מאן, הויך געוואקסען, אימער רייִן גראזירט. ער איז דאך אייערער א חבר פון אוני־ווערזיטעט.

— איך בין ניט בעקאנט מיט אלע סטודענטען פון אוניווערזיטעט.

— א, באללא׳ן איז אונמעגליך איהר זאלט ניט קענען. גיט א קוק, אט איז זיין האנדשריפט. איהר זעהט, ער קען אייך אויסגעצייכענט.

און דער פאלקאווניק האט איהם געצייגט א פראטאקאל מיט דער אונ־טערשריפט דזשיאוואני באללא.

— ערלויבט איהר עס מיר דורכצולעזען?

— געוויס. עס האט אויך א שייכות צו אייך.

ווען ער האט געלעזען, זיינען די אפּפיסערס געזעסען רוהיג און בעאב־אכטעט יעדע מינע אויף זיין געזיכט. דער דאקומענט איז געווען פול מיט פערשיעדענע פראגען און מיט די אנטווארטען, וואס באללא האט געגעבען וועגען זיינע בעציהונגען צו דער ארגאניזאציאן, וועגען די סטודענטען פער־זאמלונגען און וועגען דער אונלעגאלער ליטעראטור, וועלכע איז פערשפּרייט געווארען אין ליווארנא. עס איז געווען קלאהר, דאס באללא איז ארעסטירט. לעזענדיג ווייטער, האט ער זיך אנגעשטויסען אויף דעם זאץ: „צווישען די וועלכע זיינען צו אונז צוגעשטאנען, איז געווען א ענגלענדער מיט דעם נאמען ארטהור בארטאן, איינער פון דער פאמיליע פון די רייכע ליווארנער שיף־אייגענטהימער". די גאנצע בלוט איז איהם אריין אין פנים. באללא האט איהם פערראטהען! באללא, וועלכער האט גענומען אויף זיך די הייליגע פפליכט פון א פיהרער, דערזועלבער, וואס האט גע־ליעבט דזשעממא׳ן און זי בעקעהרט צום אידעאל! ער האט אוועקגעלייגט דעם פאפּיער און פערטרויערט אראבגעלאזען די אויגען.

— איך האף, דיעזער קליינער דאקומענט האט א ביסעל אבגעפרישט אייער זכרון! — האט גיפטיג בעמערקט דער פאלקאווניק.

ארטהור האט א שאקעל געטהאן מיט׳ן קאפ.

— איך קען קיינעם ניט מיט דיעזען נאמען — האט ער פעסט ווידער־האלט — דא איז וואהרשיינליך א מיספערשטענדניס.

— א מיספערשטענדניס? א, נארישקייטען! מיסטער בארטאן, עס

איז זעהר נאָבעל צו זיין אַ ריטער, מען דאַרף אָבער ניט איבערזואַלצען. בע־דענקט נאָר, לוינט עס פאַר אייך זיך צו קאָמפּראָמענטירען און איבערפּיה־רען זיך די קאַריערע איבער אַ פּערזאָן, וועלכע האָט אייך ארויסגעגעבען?

דעם פּאָלקאָווניק'ס שטימע האָט געקלונגען ווי סאַטיריש. אַרטהור'ן האָט אָבגעעקעלט פון זיין טאָן. פּלוצלונג איז אַ נייער געדאַנק דורכגעפלוי־גען אין זיין קאָפּ און ער האָט מיט ענטריסונג אויסגעשריען:

— דאָס איז אַ געמיינער ליגען! איהר האָט אליין געפעלשט דעם דאָ־קומענט! איך זעה עס אויף אייער געזיכט. אום יעמאַנדען צו קאָמפּראָ־מעטירען, האָט איהר אָנגעשטעלט אַ פּאַסטקע מיך צו כאַפּען. איהר זייט אַ לומפּ און אַ טויגעניכטס!

— שטיל זאָל זיין! — האָט דער פּאָלקאָווניק אַ געשריי געטהאָן, אויפ־שפּרינגענדיג מיט רציחה פון שטוהל.

— קאַפּיטאַן טאַמאַזי — האָט ער געזאָגט, זיך ווענדענדיג צו איינעם פון זיינע קאָלעגען — רופט אַריין דעם אויפזעהער און בעפעהלט איהם איינ־שפּאַרען דיעזען יונגען מאַן אויף אייניגע טעג אין קאַרצער. אום ער זאָל צוריק קומען צו זיין פערשטאַנד, נויטיגט ער זיך, ווי איך זעה אין אַ לעקאָן.

אין קאַרצער, וואו אַרטהור איז געוועזען איינגעשלאָסען, איז געוועזען פינ־סטער, פייכט און שמוציג. אויסגעהאָדעוועט אין אַ רייכער הויז מיט אַלע מעגליכע בעקוועמליכקייטען, האָט אויף איהם די אייגנע קאַנורע געמאַכט אַ זעהר שלעכטען איינדרוק און יעדען מאַל, ווען זיינע פינגער פלעגען בע־ריהרען די גליטשיגע ווענד, פלעגט ער אַ שטאַרקען ציטער טהאָן מיט'ן גאַנ־צען קערפּער. אַ גאַנצען מעת־לעת איז ער געזעסען אין אַ ווינקעל פער־טיעפט אין טרויעריגע געדאַנקען. די גאַנצע אויסערע וועלט האָט פאַר איהם ווי ניט עקזיסטירט. אויף'ן צווייטען פריהמאָרגען האָט ער זיך אויפ־געכאַפּט, דערהערענדיג ווי יעמאַנד שליסט אויף די טיהר. אַ שוואַכער שטראַהל פון ליכט האָט דורכגעשניטען די געדיכטע פינסטערנעס. די אי־בערגעשראָקענע מייז זיינען מיט אַ קוויטש איבערגעלאָפען אַרטהור'ס פיס און זיך בעהאַלטען אין זייערע לעכער. איהם האָט פּלוצלונג אָנגעכאַפּט אַן אונבעגרייפליכער שרעק. דאָס האַרץ זיינע האָט שטאַרק געקלאַפּט און אין די אויערען האָט איהם מורא'דיג גערוישט. די טיהר האָט זיך געעפענט און עס איז אַריין דער אויפזעהער, טראָגענדיג פאַר איהם אַ שטיקעל ברויט און אַ כלי מיט וואַסער. אַרטהור האָט אויפגעשפּרונגען און געמאַכט אַ טריט צום טיהר, זייענדיג זיכער, דאָס דער אויפזעהער איז נאָך איהם געקומען. איידער ער האָט אָבער געמאַכט דעם צווייטען טריט, איז די טיהר הינטער איהם שנעל צוגעמאַכט געוואָרען און ער איז ווידער אַליין געבליבען אין דער פינסטער.

אַרטהור האָט אוים פערצווייפלונג אַ קלאַפּ געטהאָן מיט'ן פוס און האָט זיך מאַכטלאָז ארונטערגעלאָזען אויפ'ן שמוציגען פלאָר.

אין אָבענד פון דריטען טאָג האָט זיך די טהיר וויעדער אויפגעמאַכט און עס איז אריינגעקומען דער אויפזעהער אין דער בעגלייטונג פון אַ סאָל־דאַט. אַרטהור האָט זיך צוטראָגען ארומגעקוקט, פערשטעלענדיג די אויגען פון ליכט, וואָס האָט זיך פּלוצלונג אריינגעריסען.

— קומט מיט מיר — האָט דער אויפזעהער ארויסגערעדט מיט אַ קאַלטען, געשעפטסמעסיגען טאָן.

אַרטהור האָט איהם מעכאַניש נאָכגעפאָלגט מיט אונזיכערע, וואַקלענ־דע טריט, ווי אַ שכור. דער אויפזעהער האָט איהם געוואָלט העלפען געהן איבער די שמאָלע טרעפּ, אָבער ער האָט זיך ענטזאָגט. ווען ער איז אָבער בעשטיגען דעם העכסטען שטאַפּעל, האָט איהם פּלוצלונג אָנגעהויבען צו שווינדלען אין די אויגען און ער וואָלט זיכער אַנידערגעפאַלען, ווען דער אויפ־זעהער זאָל איהם נים אונטערכאַפּען. ער איז אָבער שנעל צו זיך געקומען און אָבטרייסלענדיג דעם אויפזעהער'ס האַנד, איז ער מיט פעסטע טריט אריין אין זעלבען גרויסען ליכטיגען צימער, וואו עס איז מיט איינינע טעג צוריק פאָרגעקומען דער געשפּרעך צווישען איהם און דעם זשאַנדאַרמען פּאָלקאָווניק. נעבען טיש זענען געזעסען די זעלבע אָפיצערען, וועלכע זיי־נען דאָן אַנוועזענד געווען.

— אַ, מיסטער בארטאַן! — האָט אויסגערופען דער פּאָלקאָווניק — יעצט, האָף איך, וועט איהר שוין זיין בערעדזאַמער. ווי האָט אייך געשמעקט דער קאַרצער? אמת, אין איהם איז נים אַזוי בעקוועם, ווי אין אייער ברו־דער'ס זאַאַל?

אַרטהור האָט געוואָרפען אויפ'ן פּאָלקאָווניק אַ בליק פול מיט האַס און פעראַכטונג. ער האָט אין דעם מאָמענט געפיהלט אַ הייסען פערלאַנג זיך ארויפצוּוואַרפען אויף דיעזען העסליכען פּראַנט מיט די גרויסע באַקענ־בערד און איהם דערשטיקען.

— זעצט זיך, מר. בארטאַן, און טרינקט אוים אַ ביסעל וואַסער. איהר זעהט אוים צו זיין אַ ביסעל אויפגערעגט.

אַרטהור האָט אָבגעשטויסען די גלאָז וואַסער און געבליבען שטעהן ווי פערשטיינערט.

— יעצט, מר. בארטאַן — האָט דער פּאָלקאָווניק אָנגעפאַנגען נאָך אַ קורצער פּאוזע — וועלען מיר זיך צוריקקעהרען צו דעם געשפּרעך, ביי וועל־כען מיר האָבען זיך דאָן אָבגעשטעלט. איך קען אייך פערזיכערען, דאָס מען וועט זיך מיט אייך בעגעהן מילד, אויב איהר וועט זיך אַנשטענדיג אויפ־פיהרען און מיר אויף אַלעס ענטפערען.

— וואָס פערלאַנגט איהר פון מיר? — האָט אַרטהור אַרויסגערעדט מיט אַ האַרטען בייזען טאָן.

— איך וויל בלויז איהר זאָלט מיר ענטפערען עהרליך און אָפענהערציג, וואָס איהר ווייסט וועגען דער אָרגאַניזאַציאָן און איהרע מיטגליעדער. פריי־ הער פון אַלץ זאָגט מיר, ווי לאַנג זייט איהר בעקאַנט מיט באָללאַ?

— איך האָב איהם קיינמאָהל ניט בעגעגענט און איך ווייס ניט וועגען איהם גאָרנישט.

— איז דאָס ווירקליך אַזוי? גוט, מיר וועלען זיך נאָך שפּעטער צו דעם צוריק קעהרען... קענט איהר פיליייכט אַ יונגען מאַן מיט דעם נאָמען קאַרלא ביני?

— איך האָב קיינמאָל אַזאַ נאָמען ניט געהערט.

— דאָס קומט שוין פאַר זעהר זאָנדערבאַר. נו, וואָס קענט איהר זאָגען וועגען פראַנציסקא נערי?

— איך הער דעם ערשטען מאָל אַזאַ נאָמען.

— אָבער אָט האָבען מיר דאָך אייערען אַ בריעף, וואָס איז צו איהם גע־ ווען אַדרעסירט, זעהט אַליין.

ארטהור האָט גלייכגילטיג אַ קוק געטהאָן אויפ'ן בריעף און איהם אָב־ געשאָרט אָן אַ זייט.

— נו, וואָס? דער בריעף איז אייך ניט בעקאַנט?

— ניין.

— איהר לייקענט אָפּ, דאָס עס איז אייער האַנדשריפט?

— איך לייקען קיין זאַך ניט. איך געדענק ניט, דאָס איך זאָל האָבען געשריבען דיעזען בריעף.

— פיליייכט וועט איהר דעם געדענקען?

ער האָט איהם דערביי דערלאַנגט אַ צווייטען בריעף, וועלכען ער האָט אין הערבסט געהאַט געשריבען צו זיינעם אַ חבר אַ סטודענט.

— ניין.

— איהר האָט, ווי עס זעהט אויס, אַ זעהר שוואַכען זכרון.

— דאָס איז שוין מיינער אַן אַלטער פעהלער.

— אַזוי נאָר! איך האָב געהערט פון איינעם פון די פּראָפעסאָרען, דאָס איהר צייכענט זיך גראָדע אויס מיט זעהר גוטע פעהיגקייטען. מען האָלט אייך אין אוניווערסיטעט פאַר אַ זעהר קלוגען יונגען־מאַן.

— איהר אורטהיילט וועגען שכל וואַהרשיינליך פון שטאַנדפּונקט פון אַ שפּיאָן. די פּראָפעסאָרען פון אוניווערסיטעט בענוצען דיעזען וואָרט אין אַ גאַנץ אַנדער זין.

אין ארטהור'ס שטימע האָט זיך געהערט אַ טאָן פון וואַקסענדער אויפ־ רעגונג. הונגער, שלעכטע לופט און שלאָפלאָזע נעכט האָבען איהם אין

גאַנצען אויסגעמאַטערט. ער האָט געפיהלט אַ וועהטאָג אין אַלע גליעדער, און דעם פאַלקאָווניק'ס שטימע האָט שטאַרק געווירקט אויף זיינע אָנגעשטרענגטע נערוועז.

— מר. בארטאן — האָט זיך אָבגערופען דער פאַלקאָווניק מיט אַ געפיהל פון זעלבסטווירדע — איהר הויבט ווידער אָן דאָס זעלבע? איך וויל אייך וואָרנען צום צווייטען מאָל, דאָס פון אייער סאַרקאַסטישען טאָן אין די געשפרעכען מיט מיר וועט קיין גוטעס ניט ארויסקומען. איהר זייט שוין, דוכט זיך, גענוג בעקאַנט מיט דעם קארצער, אום איהר זאָלט ווידער וועלען עס פערזוכען. איך וועל אָנווענדען צו אייך די שטרענגסטע מיטלען, אויב איהר וועט ניט ווערען אַ ביסעל נאָכגעביג. געדענקט, דאָס איך האָב גענוג בעוויזען, אַז די יונגע לייט, וועלכע איך האָב פריהער דערמאָהנט, האָבען זיך בעשעפטיגט מיט אריבערשמוגלען פערבאָטענע ליטעראַטור דורך דיעזען האַפען, ווי אויך אַז איהר זיינט געווען מיט זיי אין נאָהענטע בעציהונגען. וועט איהר מיר אַלזאָ זאָגען פרייוויליג וואָס איהר ווייסט וועגען דעם?

ארטהור האָט ביי דיעזע ווערטער נאָך נידעריגער אַראָבגעלאָזען די קאָפּ. אַ בלינדער געפיהל פון טהירישע רציחה האָט אין איהם געפלאַקערט און ער האָט שטאַרק מורא געהאַט, ער זאָל ניט פערלירען די קאָנטראָלע איבער זיך.

— איך וואַרט אויף אַ תשובה — האָט דער פאַלקאָווניק געזאָגט.

— איך האָב אייך גאָר ניט וואָס צו ענטפערען — האָט ארטהור ארויסגעשטאַמעלט.

— אַלזאָ, ענטזאָגט איהר זיך אַבסאָליוט מיר צו ענטפערען?

— איך וועל אייך קיין זאַך ניט זאָגען.

— אויף אַזאַ אופן וועט מיר אויסקומען צוריק איינצושפּאַרען אייך אין קארצער און האַלטען אייך דאָרטען אַזוי לאַנג ביז וואַנען איהר וועט ענדערען אייער בעשלוס. אויב איהר וועט אָנמאַכען טומעל, וועל איך בעפעהלען אייך איינצושמידען אין קייטען.

ארטהור האָט שטאָלץ אויפגעהויבען די קאָפּ. איבער זיין קערפּער איז דורכגעלאָפען אַ ציטער.

— טהוט מיט מיר, ווי איהר פערשטעהט — האָט ער שטיל ארויסגערעדט. — וועט אָבער דער ענגלישער קאָנסול דערלאָזען אַזוי טיראַניזירען אַן ענגלישען אונטערטהאַן, ביי וועלכען מען האָט גאָרניט געפונען, וואָס זאָל איהם קאָמפּראָמעטירען? — דאָס וועט זיין זיין זאַך צו בעשליסען.

אויף דעם פאַלקאָווניק'ס בעפעהל, האָט מען ארטהור'ן צוריק אוועקגעפיהרט אין זיין צימער. אין קארצער האָט מען איהם מעהר ניט איינגעשלאָסען. מיט יעדען מאָל אָבער, וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישען

איהם און פּאַלקאָווניק אַ נייער געשפּרעך איז אַלץ שטאַרקער געוואָרען די שנאה פון איינעם צום אַנדערען. אומזיסט האָט אַרטהור תפלה געטהאָן צו גאָט, ער זאָל איהם שענקען קרעפטען צו אונטערדריקען אין זיך די בייזע געפיהלען. ווי נאָר מען פלעגט איהם אַריינפיהרען אין צימער צום פּאָל־קאָווניק, פלעגט זיך אין איהם ערוועקען אַ ווילדער פערלאַנג צו זידלען און אָבשפּאָטען פון איהם. דיעזע אָנשטרענגונג פלעגט אָבער זעהר שטאַרק ווירקען אויף זיינע נערווען. ער פלעגט פּשוט מורא האָבען איינצושלאָפען, און עס איז געווען גענוג אַ מייזעל זאָל דורכלויפען ביי נאַכט איבער'ן צי־מער, ער זאָל אויפשפּרינגען פון געלעגער, בעגיסענדיג זיך מיט אַ קאַל־טען שוויים. עס פלעגט זיך איהם אויסדוכטען, דאָס אימיצער בעהאַלט זיך אין זיין צימער, אום אונטערצוהערען, אויב ער רעדט ניט פון שלאָף וועגען זיינע חברים. טאָג און נאַכט פלעגט אין זיינע אויערען קלינגען באַל־לאַ'ס נאָמען.

גרוים פערגעניגען פלעגט איהם פערשאַפען דער הויפּט־אויפזעהער פון געפענגנים — אַ קליינינקער פליבעוואַטער אַלטיטשקער. אָנפאַנגס האָט ער זיך בעמיהט אויסצואווייזען געגען אַרעסטירטען שטרענג. דאָס האָט זיך איהם אָבער ניט איינגעגעבען. די נאַטירליכע גוטהערציגקייט, וועלכע איז געווען אויסגעגאָסען אויף זיין געזיכט, האָט גובר געווען די אָפיציעלע אָנ־געבלאָזענקייט און ער האָט זיך שנעל מיט איהם בעפריינדעט.

אַ געוויסען נאָכמיטאָג איז דיעזער הויפּט־אויפזעהער אַריינגעקומען אין אַרטהור'ס צימער מיט אַ שטאַרק פערכמורעטען געזיכט. אַרטהור האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן מיט איבערראַשונג.

— וואָס איז מיט אייך, ענריקאָ? — האָט אַרטהור אויסגעשריען — האָט עפּעס היינט פּאַסירט אַן אונגליק?

— גאָר ניט, האָט ענריקאָ גראָב געענטפערט און גענומען צוזאַמענ־קלייבען אַרטהור'ס קליידער.

— וואָצו נעהמט איהר מיינע זאַכען אַוועק? פיהרט מען מיך דען איבער אין אַן אַנדער צימער?

— ניין, מען לאָזט אייך אין גאַנצען אַרוים פריי.

— מען לאָזט מיך אַרוים? היינט? אין גאַנצען פריי?

אַרטהור האָט פון שמחה אָנגעכאַפּט דעם אויפזעהער ביים האַנד, אָבער יענער האָט איהם אָבגעשטופּט פון זיך מיט פעראַכטונג?

— ענריקאָ, וואָס איז מיט אייך? מיינט איהר מיך מיט דעם צו בע־לידיגען? אומזיסט אייער טרחה. דערצעהלט מיר בעסער עטוואָס וועגען די איבעריגע.

— וועגען די איבעריגע? — האָט דער אויפזעהער שטיל אַ מורמעל געטהאָן — ניט וועגען באַללאַ'ן ווילט איהר עס פרעגען?

— יע, וועגן איהם און וועגן די איבעריגע ארעסטירטע.

— עס זעהט ניט אוים, מען זאל איהם שנעל בעפרייען, נאכדעם ווי א חבר האט איהם פערראטהען!

ענריקא האט זיך ווידער גענומען צוזאמענלייגען די זאכען.

— א חבר האט איהם פערראטהען? וואס פאר א שרעקליכער פער־ברעכען! — האט ארטהור אויסגעשריען מיט ברייט־אויפגעעפענטע אויגען.

ענריקא האט זיך שנעל אומגעקעהרט צו איהם מיט'ן געזיכט.

— זייט איהר עס ניט דער יעניגער, וועלכער האט איהם ארויסגעגע־בען?

— איך? זיינט איהר פון זינען אראב? איך?!

— אזוי, וועניגסטענס, האט מען איהם געזאגט. מיר פערזענליך וואלט זיין זעהר אנגענעהם צו הערען, דאס ניט איהר זיינט דער פעררעטהער. איך האב אייך אימער געהאלטען פאר א ערענטליכען יונגען־מאן, אלזא, קומט מיט מיר! — האט ענריקא אויסגערופען, ווערענדיג פרעהליכער. ער האט גלייך פערשטאנען, וואס דא איז פארגעקומען.

— א, וועלכע געמיינע לומפען עס גיבען אויף דער וועלט! באללא'ן האבען זיי געזאגט, דאס איך האב איהם ארויסגעגעבען, און מיר ווידער, דאס באללא האט מיך פערראטהען. אבער באללא איז דאך ניט אזוי נא־ריש, אום זיי צו גלויבען.

— איך בין זעהר צופרידען צו הערען, דאס איהר זיינט ניט שולדיג — האט אויסגערופען דער אלטער — איך געה שוין אלעס איבערגעבען באללא'ן. ווייסט איהר, וואס זיי האבען איהם אנגעגעבען אלס מאטיוו צו אייער פער־ראטה? אייפערזוכט. איהר האט ביידע געליעבט איינע און דיעזעלבע מיידעל.

ארטהור איז געבליבען ווי פאראליזירט פון שרעק. דיזעלבע מיידעל! אייפערזוכט! ווי האבען זיי עס זיך געקענט דערוויסען? ווי?...

—ווארט א מינוט! — האט ענריקא אויסגערופען, זיך פלוצלונג אב־שטעלענדיג — האט איהר זיך ניט אויסגערעדט וועגען דעם. ווען איהר האט זיך מתודה געווען פאר אייער גייסטליכען?

— יע, אבער דאס איז אונמעגליך צו גלויבען, אז...

— געוויס ווייסט איהר בעסער, אבער איהר זיינט ניט דער ערשטער, וועלכער פאלט אריין אויף אזא אופן. גראדע יעצט רעדט מען שטארק אין פיזא וועגען א געוויסען גלח, א שפיאן. אייערע חברים האבען שוין ארויס־געלאזען וועגען דעם א ווארנונג.

אין דער מינוט זיינען זיי אריינגעקומען אין גרויסען זאאל, וואו עס איז געפיהרט געווארען די אונטערזוכונג.

— שלום עליכם, מר. בארטאן — האט דער פאלקאוויק אויסגערופען

מיט אַ ברייטען שמייכעל — מיר איז זעהר אַנגענעהם אייך צו גראַטולי־רען מיט אייער בעפרייאונג. איך האָב נאָר וואָס ערהאַלטען וועגען דעם אַ בעפעהל פון פלאָרענץ. זייט אַזוי גוט און שרייבט אונטער דיזען פּאַ־פּיער.

— זאָגט מיר — האָט אַרטהור אַרויסגערעדט קוים הערבאַר — ווער האָט מיך אַרויסגעגעבען?

— איהר האָט ניט געטראָפען? זאָל עס מעגליך זיין? דאָס איז דאָך געוועזען איהר, איהר אַליין. ווער נאָך האָט דען געקאָנט וויסען וועגען אייערע ליעבעס־פּערהעלטניסע?

אַרטהור האָט גאָר ניט געענטפערט און זיך אָבגעקעהרט אַן אַ זייט. זיין בליק איז געפאַלען אויף דעם גרויסען הילצערנעם צלם, וואָס איז גע־האַנגען אין ווינקעל. אָבער יעצט האָט עס ניט אויסגעדריקט אַ געבעט, ווי אימער, זאָנדערן אַ פאָרוואורף צו גאָט, וואָס ער קען דולדען אַזאַ ני־דערטרעכטיגען גייסטליכען זיינעם, וועלכער ערלויבט זיך צו ענטדעקען סודות פון וידוי.

— שרייבט זיך אונטער, זייט אַזוי גוט — האָט דער פּאָלקאָווניק ווי־דערהאָלט — און איך וועל אייך לענגער ניט אויפהאַלטען. איך ווילט זיך דאָך וואהרשיינליך וואָס שנעלער אַהיים קומען.

אַרטהור האָט אונטערגעשריבען דעם פּאַפּיער און שנעל פערלאָזען דעם צימער, נים זאָגענדיג אַ וואָרט. ווען ער איז אַריבער דעם קאַ־נאַל, וואָס טהיילט אָב דעם שלאָס פון שטאָדט און האָט זיך בעגעבען צו די שטיינערנע טרעפּ פון אַרויסגאַנג, איז איהם אין דעם מאָמענט אַנטקע־גען געלאָפען מיט אָפענע אָרעמס אַ יונגע מיידעל אין אַן איינפאַכער וואַ־לענער קליידעל און אין אַ שטרויענער הוט.

— אַרטהור! ווי צופרידען איך בין!

— דזשים! — האָט אַרטהור אויסגערופען, ווי ניט מיט זיין שטימע — דזשים!

— איך האָב דאָ געוואַרט אויף אייך אַ גאַנצע האַלבע שטונדע. מען האָט מיר געזאָגט, דאָס איהר וועט אַרויסקומען אום 4. וואָס קוקט איהר אויף מיר אַזוי זאָנדערבאַר? האָט עטוואָס פּאַסירט? זאָגט מיר, וואָס איז מיט אייך?

ער האָט זיך אָבגעקעהרט אַן אַ זייט און לאַנגזאַם שפּאַציערט, פּער־טראַכטערהייד, ריכטיג ווי קיינער וואָלט ניט זיין נעבען איהם. זיין זאָנ־דערבאַרע אויפפיהרונג האָט איהר שטאַרק איבערגעשראָקען. זי איז צו־געגאַנגען צו איהם און איהם אָנגעכאַפּט ביי די הענד מיט אַ פערזאָרגטער מינע.

— הערט זיך איין, טהייערער — האט זי צערטליך געזאגט — איהר דארפט זיך ניט שטארק נעהמען צום הארצען דיעזע טרויעריגע מיספער־שטענדנים. איך ווייס, עס איז געווען שרעקליך שווער פאר אייך, אלע פערשטעהען אבער...

— וועלכע מיספערשטענדנים? — האט ער א פרעג געטהאן מיט דערזועלבער געדריקטע שטימע.

— איך מיין באללא'ס בריעף.

ביי דיעזען נאמען האט זיך ארטהור'ס געזיכט שמערצליך פערקרימט.

— באללא האט געמוזט זיין ניט ביים זינען, ווען ער האט זיך געקענט פארשטעלען אזא אבסורד.

— אן אבסורד? וואס מיינט איהר צו זאגען?

— אלזא, ווייסט איהר נאך גארניט וועגען דעם? באללא האט אנגע־שריבען א שרעקליכען בריעף צו די חברים. ער שרייבט דארטען, דאס איהר האט איהם פער'מסר'ט און דעריבער האט מען איהם ארעסטירט. ווער עס קען אייך, ווייס, אז דאס איז א ליגען. איך בין דאס דארום ספעצ־ציעל אהער געקומען, אום אייך איבערצוגעבען, דאס קיינער פון אונזער גרופפע גלויבט ניט קיין איינציגעןווארט פון דיעזען בריעף.

—דזשעממא! אבער דאס... דאס איז דאך אמת!

דזשעממא איז ביי דיעזע ווערטער געבליבען, ווי פערשטיינערט. אין איהרע גרויסע דונקעלע אויגען האט זיך אבגעשפיגעלט א שטארקער שרעק און איהר געזיכט איז געווארען אזוי בלאס, ווי דער ווייסער שארף, מיט וועלכען עס איז געווען ארומגעבונדען איהר האלז.

— יע — האט ארטהור שטיל געשטאמעלט — איך האב וועגען אלעם דערצעהלט און באללא'ס נאמען אנגערופען. גאט מיינער! גאט מיינער! וואס דארף איך יעצט טהאן? מען דארף אבער איהם ערקלעהרען, ווי דאס איז פארגעקומען. זי קען געוויס איבערדענקען...

— דזשעממא, איך וויל איהר זאלט פערשטעהען, ווי דאס איז פאר־געקומען — האט ארטהור ענדליך ארויסגערעדט און האט געמאכט א טריט נעהנטער צו איהר. זי איז אבער אבגעשפרונגען פון איהם מיט א געשריי:

— ריהרט זיך אן מיר ניט אן!

— הערט מיר אויס, אום גאטעס ווילען! עס איז ניט געווען מיין שולד... איך...

זי האט אבער ניט געוואלט הערען און ער האט זי האסטיג אנגעכאפט ביי'ן האנד.

— געהט אוועק, לאזט מיך אפ — האט זי בייז אויסגעשריען און איהם א שטארקען קלאפ געטהאן אין געזיכט.

איהם איז געוואָרען פינסטער אין די אויגען. די ערשטע מינוט האָט ער ווי דורך א געדיכטען נעבעל געזעהען בלויז דזשעממא'ס בלאַסעס געזיכט, וועלכער האָט אויסגעדריקט פערצווייפלונג, און איהרע הענד, וועלכע זי האָט מיט א געפיהל פון עקעל אָבגעווישט אָן איהר קלייד. נאָכהער איז אַלעס פערשוואונדען געוואָרען.... ווען ער איז צו זיך געקומען, האָט ער זיך ארומגעזעהען, דאָס ער איז געבליבען אַליין.

7.

ווען ארטהור האָט אָנגעקלונגען אין טיהר פון זיין ברודער'ס גרויסע הויז, איז שוין געווען גאַנץ שפּעט. ער האָט א לאַנגע צייט ארומגעוואַנדערט איבער די גאַסען איינער אַליין איידער ער איז אהין אוועק. די טיהר האָט געעפענט יוליא'ס קאַמערדינער, וועלכער האָט מיט בעוואונדערונג בעטראַכט די שמוציגע קליידער און צושויבערטע האָר פון יונגען פריץ.

— די הערען זיינען יעצט ניטאָ אין דער היים — האָט דער דיענער איהם העפליך איבערגעגעבען — זיי זיינען אוועק מיט וויזיטען און וועלען זיך ניט צוריקקעהרען פריהער ווי 12. די מאַדאַם האָט מיך בעפוילען אייך צו פרעגען, אויב איהר ווילט עסען אָבענד־ברויט, ווי אויך איבערצוגעבען אייך, דאָס זי האָפט אייך צו טרעפען וואַכעדיג, ווען זי וועט קומען. זי וויל מיט אייך רעדען וועגען עטוואָס זעהר וויכטיגעס.

— איך דאַנק אייך, דזשיבאָנס. עסען וויל איך ניט, און איך וועל זעהען וואַרטען ביז די מאַדאַם וועט צוריקקומען.

ער איז אריין צו זיך אין צימער. אַלעס איז דאָרטען געבליבען אונבעריהרט, ווי אין דעם טאָג, וואָס ער איז ארעסטירט געוואָרען. א מינוט איז ער געשטאַנען ביים שוועל און זיך איינגעהערט, נאָכהער האָט ער פאַרזיכטיג צוגעשלאָסען די טיהר הינטער זיך און זיך לאַנגזאַם אראָבגעלאָזען אויף א שטוהל.

יעצט מוז מען אַלזאָ מאַכען א סוף צו אַלעס, עס איז ניטאָ וועגען וואָס נאָכצודענקען. איינמאָל פאר אַלע מאָל ענדיגען. ווי נאַריש און צוועקלאָז איז דאָס לעבען!

קיין בעשטימטער בעשלוס צו נעהמען זיך דאָס לעבען איז ביי איהם ניט געווען, ער האָט זאָגאַר פיעל וועגען דעם ניט נאָכגעטראַכט, אָבער דיזע ענדע איז איהם פאָרגעקומען אונפערמיידליך נאָך אַזאַ שרעקליכען קלאַפּ. קיין געוועהר האָט ער אונטער'ן האַנד ניט געהאַט, און ער האָט געדענקט דאַרום זיך צו בענוצען מיט דעם ליילאַך פון בעט און אויפהענגען זיך וואו עס איז.

גראַדע האָט איבער'ן פענסטער געשטעקט א גרויסער נאָגעל. „דאָס איז ריכטיג צוגעפּאַסט“, האָט א בליץ געטהאָן ביי איהם אין קאָפּ. ער האָט

ארויסגענומען פון א קעסטעל א האמער, און שטעלענדיג זיך אויפ'ן שטוהל, האט ער געגעבען איינינע שטארקע קלעפּ אויפ'ן נאָגל, אום ער זאָל קענען אויסהאַלטען די שווערקייט פון זיין קערפּער. ארונטערגעהענדיג פון שטוהל, האט ער שוין געקליבען זיך ארונטערצוציהען דעם ליילאך פון בעט, ווי ער האט ער זיך פלוצלונג דערמאָנט, דאס עס וואָלט זיין גלייך פאר'ן טוידט צו זאָגען א פּאסענדע תפילה. ער איז צוגעגאַנגען צום ווינקעל און זיך אראָב־געלאָזען אויף די קניה. „אַלמעכטיגער און בארימהערציגער פאטער" — האט ער אָנגעהויבען אויפ'ן קול. מעהר האט ער א וואָרט ניט געקענט זאָ־גען: דאס הארץ איז ביי איהם געווען צו שטארק איבערפּיהלט. ער האט זיך לאַנגזאם אויפגעהויבען און צוריקגעגאַנגען. פּלוצלונג איז זיין בליק געפאלען אויף א בריעף, וועלכער איז געלעגען אויפ'ן טיש. ער האט גלייך דערקענט מאַנטאַנעלי'ס האנדשריפט און ער האט איהם געעפענט.

„טהייערער מיינער!" —האט ער אָנגעפאַנגען צו לעזען — „עס טהוט מיר זעהר לייד, וואס איך קען זיך מיט דיר ניט זעהען אין טאג פון דיין בעפרייאונג, מען האט מיך גראדע אוועקגערופען צו א שטערבענדען, און איך וועל ניט קומען פריהער, ווי האלב נאכט. קום צו מיר מאָרגען גאַנץ פריה.

„דיין ל. מ."

„ארימער פאדרע!" האט ער א טראכט געטהאָן און איז צוגעגאַנגען צום בעט. פּלוצלונג האט ער דערהערט א שטארקען קלונג אונטען ביי דער אויסוועניגסטער טיהר. ער איז אויפגעשפרונגען א פערציטערטער. מען איז שוין געקומען און ער האט דורכגעלאָזען אזא טהייערע געלעגענהייט. יעצט וועט איהם וויטער אויסקומען צו קוקען אויף דיעזע פערהאסטע פּנים' ער און הערען זייערע לאַנגווייליגע געשפּרעכען. א, ווען עס וואָלט געווען אונטער'ן האנד א מעסער!... ער האט שנעל ארונטערגעריסען פון בעט דעם ליילעך און גענומען עס רייסען ווי א וואהנזיניגער אויף לאַנגע פאסען. אויף די טרעפּ האבען זיך שוין געהערט טריט. די בלוט האט איהם גע־קלאַפּט אין די שלייפען און אין די אויערען האט איהם גערוישט: שנעלער! שנעלער! א גאָט! נאָך 5 מינוט בלויז!

אין טיהר האט זיך אין דער מינוט דערהערט א שטארקער קלאפּ, בע־גלייטעט פון יוליא'ס שטימע.

— עפענט די טיהר, ארטהור, מיר ווארטען.

די שטיקער פון צוריסענעם ליילאך זיינען ארויסגעפאַלען פון זיינע הענד, און ער איז געבליבען שטעהען ווי א צומישטער. א לאַנגע צייט איז ער אזוי געשטאַנען בעוועגלאָז. א צווייטער אונגעדולדיגער קלאפּ אין טיהר

האָט איהם צו זיך געבראכט. ער האָט צוזאַמענגעקליבען אַלעס, געבראכט אין אָרדנונג דעם צימער און אויפגעשלאָסען די טיהר.

— עס שיינט מיר, איהר האָט אונז געקענט טהאָן די טובה און וואַרטען ביז מיר וועלען צוריקקומען — האָט יוליא אויסגערופען מיט אַ בייזע שטימע, אַריינרייסענדיג זיך אין צימער — אַ האַלבע שטונדע האָבען מיר געדאַרפט טאַנצען פאַר דער טיהר, איז עס ריכטיג?

— בלויז 4 מינוטען, טהייערע — האָט איהר דזשיימס שעהמעהדיג פעררינכט, אַריינגעהענדיג גלייך נאָך איהר לאַנגער אַטלעסנער שלעפע. איך דענק, אַרטהור, עס וואָלט געווען פיעל אַנשטענדיגער, ווען...

—אָבער וואָס ווילט איהר פון מיר? — האָט איהם אַרטהור אונטערבראָכען, קוקענדיג דאָ אויף איהם, דאָ אויף איהר מיט אַ בליק פון אַ געפאַנגענער חיה.

דזשיימס איז געווען צו טעמפּ און יוליא צופיעל אויפגערעגט, אום צו בעמערקען דיעזען בליק.

— איך און יוליא — האָט אָנגעפאַנגען דזשיימס —בעטראַכטען פאַר אונזער פליכט ערנסט מיט אייך איבערצורעדען וועגען...

— איך בין איצט ניט אין שטאַנד צו הערען· עס טהוט מיר וועה די קאָפּ און איך פיהל זיך זעהר ניט גוט. איהר וועט עס מוזען אָבלעגען אויף אַ צווייטען מאָל — האָט אַרטהור קוים אַרויסגערעדט מיט אַ זאָנדערבאַרע שטימע.

דזשיימס האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן מיט פערוואונדערונג.

— האָט פּילייכט מיט אייך עטוואָס פּאַסירט? — האָט ער אונרוהיג אַ פרעג געטהאָן. — איך האָף, אַז איהר זייט ניט שטאַרק קראַנק. איהר מוזט האָבען אַ ביסעל פיבער.

— נאַרעשקייטען! — האָט יוליא איהם שטרענג איבערגעשלאָגען — דאָס איז אין גאַנצען בלויז אַ קאָמעדיע. ער שעהמט זיך איינפאַך צו קוקען אונז גלייך אין די אויגען. קומט אהער, אַרטהור, און זעצט זיך·

אַרטהור האָט זיך לאַנגזאַם אַרונטערגעלאָזען אויפ׳ן בעט.

— נו, וואָס? —האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ שוואַכער שטימע.

מיסטער בארטאן האָט זיך גוט אויסגעהוסט און ווידער אָנגעפאַנגען זיין פאַרבערייטעטע רעדע.

— איך האַלט פאַר מיין פליכט זיך דורכצורעדען מיט אייך וועגען אייער אויפפיהרונג און וועגען אייערע פערבינדונגען מיט פערשיעדענע פערברעכער געגען געזעץ. איך בין איבערצייגט, דאָס איהר האָט עס געטהאָן ניכער דורך אייער לייכטזיניגקייט, איידער דורך פערדאָרבענהייט...

— ווייטער! — האָט אַרטהור אַרויסגערעדט.

— איך בין פערטיג אָנצונהמען, דאָס שלעכטע חברים האָבען אייך אראָבגעפיהרט פון דרך הישר, איך נעהם אין אַכט אייער יוגענד און אונ־ערפאַהרונג, ווי אויך די לייכטזיניגקייט אייערע, וועלכע, איך האָב מורא איהר האָט גע'ירש'ענט פון אייער מוטער; אָבער איהר פערשטעהט דאָך גע־וויס, דאָס עס איז פאַר מיר אונמעגליך צו דולדען אין מיין הויז אַ פּערזאָן, וועלכע האָט בעשמוצט מיין שעהנעם נאָמען פאַר דער געזעלשאַפט...

— נו, ווייטער? — האָט ארטהור נאָך אַ מאָהל ווידערהאָלט.

— וואָס איז דאָס! —האָט יוליא בייז אויסגעשריען —איהר האָט מעהר ניט וואָס צו זאָגען, ווי „נו, ווייטער", ארטהור? !

— איהר וועט טהאָן, ווי איך וועט זיין בעקוועמער — האָט ארטהור קאַלט געענטפערט — ווי? — דאָס איז ניט וויכטיג פאַר מיר.

יוליא האָט זיך אויפגעהויבען פון שטוהל מיט אַ גיפטיגען שמייכעל.

— אזוי? דאָס אַלעס איז ניט וויכטיג וואָס מיר טהוען פאַר אייך? יעצט האָף איך, דזשיימס, וועט איהר פערשטעהען וועלכע דאַנקבאַרקייט איהר קענט ערוואַרטען פון די פּאַפּסקע אוואַנטיוריסטען און זייער געזינ־דעל.

— שטילער, שטילער! עס לוינט זיך ניט צו קאָכען, מיין ליעבע...

— נאַרישקייטען, דזשיימס! צו לאַנג האָבען מיר געליטען פון דיעזען ממזר, וועלכער האָט זיך אריינגעריסען אַלס פּולבערעכטיגטער מיטגליעד אין אונזער משפּחה. עס איז שוין צייט פאַר איהם צו וויסען, ווער עס איז געווען זיין מוטער! וואָס האָבען מיר זיך צו צערעמאָניען מיט'ן זוהן פון אַ קאַטוילישען גלח? נאַט, לעזט.

ביי דיעזע ווערטער האָט זי איהם אַ וואַרף געטהאָן איבער'ן טיש אַ צו־קנויטשטען בויגעלע פּאַפּיער. ער האָט עס פאַרנאַנדערגענומען און גלייך דערקענט זיין מוטער'ס האַנדשריפט.

ווי עס האָט געציייגט דעם דאַטום, איז דער בריעף געווען אָנגעשריעבען פיער מאָנאַטען איידער ער, ארטהור, איז געבאָרען געוואָרען.

ארטהור האָט לאַנגזאַם דורכגעקוקט דעם בריעף שורה ביי שורה. עס איז געווען אין איהם אַן אָפענע ערקלעהרונג צו אַ מאַן, וועלכען זי ליעבט. אונטען איז מיט דייטליכע בוכשטאַבען געווען אונטערגעשריעבען דער נאָ־מען: „לאָרענצא מאָנטאַנעלי". אייניגע מינוט האָט ארטהור געקוקט אויפ'ן פּאַפּיער, ניט רעדענדיג אַ וואָרט. נאָכהער האָט ער עס צוריק אוועק־געלייגט אויפ'ן טיש און אראָבגעלאָזען די אויגען צו דער ערד.

דזשיימס האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט און אָנגענומען זיין פרוי ביי דער האַנד.

— נו, יוליא, זאָל זיין גענוג. געהט שלאָפען, עס איז שוין שפּעט. איך האָב נאָך עטוואָס צו רעדען מיט ארטהור'ן.

יוליא האט געווארפען א שנעלען בליק אויף ארטהור'ן, וועלכער איז געזעסען די גאנצע צייט ווי א פערשטיינערטער, און איז ארויסגעגאנגען פון צימער.

— ארטהור — האט דזשיימס אנגעפאנגען מיט א ווייכען טאן, נאך יוליאס אוועקגעהן — עס פערדריסט מיר וואס עס איז אזוי ארויסגעקומען. איהר האט בעסער ניט געדארפט וויסען די גאנצע געשיכטע, אבער עס איז שוין פערפאלען. יוליא איז א ביסעל אויפגערעגט· די דאמען זיינען אין אלגעמיין אפט..... אבער מיר וועלען בעסער וועגען דעם ניט רעדען. עס איז געווים א זעהר טרויעריגע געשיכטע. מיין פאטער איז געווען אויף אזוי פיעל גרויסמוטהיג, דאס ער האט זיך מיט אייער מוטער ניט געג'גט, ווען זי האט זיך פאר איהם מודה געווען אין איהרע פערבינדונגען מיט א צווייטען. ער האט בלויז געפאדערט דאס דער, וועלכער ער האט איהר ענטעהרט, זאל גלייך פערלאזען איטאליען. ווי איהר ווייסט, איז יענער אוועק אלס מיסיאנער נאך כינא. ווען ער איז צוריק געקומען פון דארטען, בין איך געווען געגען דעם, דאס ער זאל זיין אייער ערציהער, אבער דער פאטער האט עס איהם ערלויבט מיט דעם תנאי, ער זאל זיך קיינמאל ניט דערוועגען צו זעהען זיך מיט אייער מוטער· מען מוז צוגעבען, דאס דיעזע בעדינגונגען האבען זייביידע אויסגעהאלטען ביז'ן סוף. דאס אלעס איז געווען זעהר טרויעריג, אבער...

ארטהור האט אויפגעהויבען דעם קאפ. דאס געזיכט זיינע האט אויסגעזעהען געל ווי וואקס.

— קומט עס אייך ניט פאר — האט ער שטיל ארויסגעשטאמעלט, שטארק פערהיקענדיג זיך — דאס אלעס וואונדערבאר קאמיש ?

— קאמיש ? — דזשיימס האט אבגערוקט דעם שטוהל און אנגעקוקט ארטהור'ן שטארק איבערראשט.

ארטהור האט פלוצלונג פערווארפען די קאפ אהינטער און האט ארויסגעלאזען א שטארקען געלעכטער.

— ארטהור ! — האט אויסגעשריען דער געהערטער שיף־אייגענטהימער — וואס איז מיט אייך ?

קיין ענטפער האט ער פון איהם ניט בעקומען. ארטהור האט אונאויפהערליך געהאלטען אין איין לאכען אזוי, דאס דזשיימס האט אנגעהויבען צו דענקען, אז ער איז פון זינען אראב.

— גענוג, ארטהור, איהר זייט דאך נאך ערגער פון יוליא'ן. הערט אויף צו לאכען. איך האב מיט אייך נאך וואס צו רעדען·

ארטהור איז געווען טויב צו אלע זיינע טענות. די אטאקע פון היסטערישען געלעכטער האט איהם ניט אבגעלאזען.

— דאס איז דאך איינפאך ווילד — האט דזשיימס אויסגעשריען, ווע־

רענדיג אונגעדולדיג. אייערע נערוועז זיינען, ווי עס שיינט, צופיעל אָנגע־שטרענגט און איך וועל מוזען ענדיגען מיין געשפרעך מאָרגען. קומט אריין צו מיר נאָך פרישטיק און יעצט לייגט זיך שלאָפען. א גוטע נאַכט.

ער איז ארויסגעגאַנגען, א קלאַפּ טהוענדיג מיט'ן טיהר.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען דער וואהנזיניגער געלעכטער איז ענדליך אָבגעשטאָרבען אויף אר־טהור'ס ליפּען, האָט ער האַסטיג א כאַפּ געטהאָן פון טיש א גרויסען האַמער און האָט זיך א וואָרף געטהאָן צום בילד מיט'ן צלם. מיט איין שטאַרקען קלאַפּ האָט ער עס צובראָכען אויף פּיצלעך.

— ווי איינפאַך דאָס איז! האָט ער א זאָג געטהאָן און האָט זיך אָבגע־קעהרט. און איך... וואָס פאַר א אידיאָט איך בין דאָס געווען! שווער אָטהעמדיג האָט ער זיך אראָבגעלאָזען אויף א שטוהל און צוגעדריקט די הענד צום שטערען. א קורצע צייט איז ער אזוי געזעסען, נאָכהער האָט ער זיך האַסטיג אויפגעהויבען, צוגעגאַנגען צום וואַש־קעסעל און אויסגעגאָסען זיך אויפ'ן קאָפּ א קרוג קאַלטע וואַסער. א בערוהיגטער האָט ער זיך צוריק אוועקגעזעצט און ווידער אָנגעהויבען צו טראַכטען.

און צוליעב דיעזע פאַלשע שקלאַפּישע נשמות האָט ער דאָס נעדאַרפט איבערטראָגען אזוי פיעל צרות, שאַנדע און קומען צו פערצווייפלונג.... צופּאַסען זיך א שטריק און אויפהענגען זיך האָט ער געוואָלט, ווייל איינער פון די קירכען־דיענער האָט זיך ארויסגעצייגט אַלס ליגנער — ריכטיג ווי די איבעריגע וואָלטען בעסער זיין. אָבער זאָל זיין געננוג, יעצט איז ער שוין קליגער. מען דאַרף בלויז אָבטרייסלען פון זיך די שמוץ און אָנפאַנגען א נייעם לעבען. אויף די דאַקס זיינען דאָ גענוג שיפען. עס איז ניט שווער אויף איינער פון זיי זיך צו בעהאַלטען און אוועקפאָהרען ערגעץ־וואו ווייט אין קענעדע, אויסטראַליען אָדער אין דער קייפּ־קאָלאָניע — וואו די אוי־גען וועלען טראָגען. ער וועט בעטראַכטען דאָרטען דאָס לעבען, און אויב אין איין פּלאַץ וועט איהם ניט געפעלען וועט ער זיך בעזעצען אין א צוויי־טען.

ער האָט ארויסגענומען זיין בייטעל. אין איהם זיינען בלויז געווען 33 פאַאלי. ניט קיין אונגליק; פאַר א נויט האָט ער נאָך א גוטען זייגער. ער וועט זיך שוין ווי עס איז דורכדרעהען. דיעזע קליינליכע מענשעלעך וועלען איהם אָבער אָנהויבען זוכען און נאָכפרעגען איבעראַל אויף די דאַקס. ניין, מען דאַרף זיי ארויספיהרען אויף א פאַלשען שפּור, מאַכען זיי צו גלוי־בען, דאָס ער איז געשטאָרבען. דאַן וועט ער ערשט זיין פריי, פריי ווי א פויגעל. פאַרשטעלענדיג זיך ווי די באַרטאַנס וועלען עס זוכען זיין קערפּער, האָט ער זיך שטיל פערגאַנדערגעלאַכט. דאָס וועט זיין א קאָמישער פּאַרס.

ער האָט גענומען אַ בויגעלע פּאַפּיר און אָנגעשריבען די ערשטע ווער־טער, וועלכע זיינען איהם געקומען אויפ'ן זינען:

„איך האָב געגלויבט אין אייך ווי אין גאָט און איהר האָט מיך גענאַרט די גאַנצע צייט".

דיזע איינציגע ווערטער האָט ער אַדרעסירט צו מאַנטאַנעלי'ן. אויף אַ צווייטען בויגעלע האָט ער אָנגעשריבען: „זוכט מיין קערפּער אין דאַרסען".

נאָכהער האָט אָנגעטהאָן די הוט און שנעל פערלאָזען דעם צימער. לאַנג־זאַם, מיט שטילע טריט, בעמיהענדיג זיך ווי וויט מעגליך ניט אויפצוואַוועקען וועמען עס איז פון די דיענער, איז ער דורכגעגאַנגען דעם לאַנגען קאָרידאָר און איז אַרויס אין הויף. אַרויסגעהענדיג אין גאַס, האָט ער פרייער אויפגעאָטהעמט. אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבער די שמאָלע געסלאַך ביז ער איז צוגעקומען צום ברעג. די ערשטע זאַך וואָס ער האָט געטהאָן איז געווען אַריינצוואַרפען די הוט אין וואַסער, אום צו מאַכען אַלעמען גלויבען, דאָס ער האָט זיך דערטרונקען. נאָכהער האָט ער אָנגעהויבען צו בעקלעהרען דעם פּלאַן ווי זיך צו בעהאַלטען אויף איינער פון די שיפען. דאָס איז אָבער ניט געווען אַזוי לייכט דורכצופיהרען, ווי ער האָט געדענקט. די טויערען פון די דאָקס זיינען געווען פערשלאָסען. אַריבערצוקריכען איבער זיי, אַז די קאָסטאָם־בעאַמטע זאָלען ניט בעמערקען, איז זעהר שווער. אונטערקויפען ווידער דעם וועכטער מיט די ביסעל געלד וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך, האָט ער גאָר ניט געקענט דענקען אַפילו. טראַכטענדיג ווי אַזוי צו לעזען די פּראָבלעמע, האָט ער פּלוצלונג בעמערקט אַ סילועט פון אַ מענשען געגענאיבער די דאָקס. דאָס איז געווען אַ בעט־רונקענער מאַטראָז, וועלכער האָט זיך אומגעקעהרט פון סאַלון צוריק צום שיף. ער איז געגאַנגען מיט ניט זיכערע טריט ביים ברעג, זינגענדיג אויפ'ן קול אַן ענגלישען גאַסען־ליעד. אַרטהור'ן איז איינגעפאַלען אַ געדאַנק אי־בערצורעדען מיט'ן מאַטראָז וועגען דעם, ער זאָל איהם ערגער בעהאַלטען אויפ'ן שיף. ווען יענער איז צוגעקומען נאָהענט, איז ער איהם אַרויס אַנט־קעגען און זיך געשטעלט אין מיטען וועג. דער מאַטראָז האָט מיט אַ פלוך איבערגעריסען זיין ליעד און זיך אָבגעשטעלט.

— איך וויל מיט אייך עטוואָס רעדען — האָט אַרטהור אָנגעפאַנגען אין איטאַליעניש.

— איך פערשטעה ניט אייער טאַטערשען לשון — האָט דער מאַטראָז איהם איבערגעשלאָגען אין ענגליש, איבערגעהענדיג נאָכהער אויף אַ צובראָכענעם פראַנצויזיש, האָט ער איהם בייז אַ פרעג געטהאָן: וואָס פערלאַנגט איהר פון מיר? וואָס פערשטעלט איהר מיר דעם וועג?

— אָ! עס געפעהלט אייך ניט דאָ, ווייל עס איז צו ליכטיג! איהר ווילט מיר מכבד זיין מיט אַ מעסער?

— ניין, ניין, וואָס איז מיט אייך! זעהט איהר ניט, דאָס איך נויטיג זיך אין אייער הילף? איך וועל אייך בעצאָהלען.

— אַ? וואָס? אַלזאָ, וואָס פערלאַנגט איהר פון מיר?

— איך מוז פון דאַנען אוועק.

— אַזוי איז די מעשה? איהר בעהאַלט זיך! געווים עפּעס אָבגעטהאָן אַ שפּיצעל, אימיצען גע'הרג'עט, אַ? דאָס איז גאַנץ לייכט צו גלויבען אויפ'ן היגען עולם! וואוהין־זשע קלייבט איהר זיך צו אַנטלויפען? זיכער ניט צו דעם פּאַלים סטיישאָן?

ער האָט זיך פאַרנאַנדערגעלאַכט מיט אַ האַלב שכור'ען געלעכטער און האָט צוגעוואונקען מיט אַן אויג.

— פון וועלכער שיף זייט איהר?

— פון קאַרלאַטאַ, וועלכע געהט פון ליוואָרנאָ נאָך בוענאָס איירעס און פיהרט איבער בוימעל און פעל. אָט דאָרטען איז ער, דער אַלטער, פערפוילטער מולטער — האָט דער מאַטראָז אָנגעוויזען מיט'ן פינגער צום ברעג.

— בוענאָס איירעס, זאָגט איהר? בעהאַלט מיך וואו עס איז אויף אייער שיף.

— און וויפיעל וועט איהר געבען?

— ניט זעהר פיעל. איך האָב בלויז איינינגע פּאַאַלים.

— ניין, וועניגער ווי 50 וועל איך ניט נעהמען. דאָס איז נאָך צו ביליג פאַר אַזאַ פראַנט ווי איהר.

— וואָס מיינט איהר פאַר אַזאַ פראַנט? אויב עס געפעלען אייך מיינע קליידער, קענט איהר זיך מיט מיר בייטען. איך קען דאָך אייך ניט געבען מעהר, וויפיעל איך פערמאָג.

— איהר האָט אַ גוטען זייגער, גיט מיר איהם.

אַרטהור האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ קליינעם גאָלדענעם זייגערעל מיט אַ זעהר שעהנער גראַווירונג פון אויבען און מיט די ראשי תיבות ג. ב. אויף דער צווייטער זייט. דיעזער זייגערעל איז ביי איהם געווען אַן אָנדענקען פון דער מוטער.

— אַ! — האָט דער מאַטראָז אויסגערופען, בעטראַכטענדיג דעם זייגער מיט דורכשטיגע בליקען — געווים ערגעץ צוגעגנב'עט? לאָזט נאָר אַ קוק טהאָן!

— ניין — האָט אַרטהור געענטפערט — איך וועל עס אייך ניט געבען פריהער ווי איך וועל זיין אויפ'ן שיף

— נאָך אַלעמען, זייט איהר ניט אַזוי נאַריש, ווי איהר זעהט אויס, דאָך וואָלט איך זיך וועטען, דאָס עס איז אייער ערשטע שטיקעל אַרבייט. אמת?

— דאָס איז מיין זאַך. אָבער קומט שוין שנעלער.

דער מאַטראָז האָט זיך לאַנגזאַם אוועקגעלאָזען אין דער ריכטונג פון ברעג און אַרטהור איז איהם שטיל נאָכגעגאַנגען. צוגעהענדיג ניט ווייט פון דער טאַמאַזשנע, האָט דער מאַטראָז זיך אָבגעשטעלט, אויסגעזוכט אַ פינסטערען ווינקעל און געהייסען אַרטהור'ן וואַרטען ביז ער וועט צוריק־קומען.

— וואוהין געהט איהר? — האָט ער איהם אונרוהיג אַ פרעג געטהאָן.

— קריגען וועלכע עס איז קליידער פאַר אייך. מען קען דאָך אייך אויפ'ן שיף ניט נעהמען מיט פערבלוטיגטע קליידער.

אַרטהור האָט זיך ערשט אַרומגעזעהען, דאָס זיינע הענד זיינען צוריסען אין איינינגע ערטער און פון זיי גיסען זיך טראָפּענס בלוט. דאָס האָט ער זיי וואַהרשיינליך צוריסען, קלאַפּענדיג דעם נאָגעל אין וואַנד און רייסענדיג דעם לייַלאַך. יעצט איז איהם געוואָרען פערשטענדליך וואָרום דער מאַט־ראָז האָט איהם אָנגענומען פאַר אַ מערדער. אָבער וואָס אַרט איהם, וואָס מען דענקט וועגען איהם?...

אין אַ קורצע צייט אַרום האָט זיך דער מאַטראָז צוריקגעקעהרט, טראָ־גענדיג אונטערען אָרעם אַ פּעקעל.

— בייט אום די קליידער, אָבער שנעל — האָט ער שטיל אַ זאָג גע־טהאָן — איך דאַרף זיין צוריק אויפ'ן שיף.

אַרטהור האָט זיך אָנגעהויבען איבערצוטהאָן, ציטערענדיג פון עקעל וואָס איהם האָט אינסטינקטיוו אָנגעכאַפּט ביי דער בעריהרונג מיט די אַלטע שמאַ־טעס. ווען ער איז אַרויסגעקומען פון דער פינסטערניס, אָנגעטהאָן אין זיין נייעם קאָסטיום, האָט דער מאַטראָז מיט אַ פרעהליכע מינע צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— עס וועט זיין אָלל־רייט! — האָט ער אויסגערופען. — קומט מיט מיר.

אַרטהור איז איהם נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט איבער פינסטערע געס־לאַך, ביז זיי זיינען צוגעקומען צו אַ בריק, אונטער וועלכען עס האָט זיך גע־וויגט אַן אַלטע שמוציגע שיפעל. אַרומקוקענדיג זיך פריהער אין אַלע זיי־טען, אויב קיינער בעמערקט זיי ניט, האָט דער מאַטראָז געהייסען אַר־טהור'ן אַריינשפּרינגען אין שיפעל און זיך לעגען אויפ'ן דעק. אַליין האָט ער זיך אין איהר אַריינגעזעצט און גענומען זיך שנעל בעוועגען צום האַפען. ווען זיי זיינען צוגעפאָהרען צו דער פעסטונג, וואו עס איז געווען די קאָס־טאָם־הויז, איז פון דאָרטען אַרויסגעגאַנגען אַ פערשלאָפענער בעאַמטער מיט אַ לאַנטערנע אין האַנד און האָט זיך, גענעצענדיג, איינגעבויגען איבער'ן וואַסער.

— אייער פּאַס? — האָט ער בעפעהלעריש אַ זאָג געטהאָן.

דער מאַטראָז האָט איהם אַריינגערוקט אין האַנד זיינע פּאַפּירען. אַר־

טהור האָט זיך איבערגעדעקט איבער'ן קאָפּ מיט אַלטע שמאַטעס און ער האָט זיך בעמיהט ניט צו אָטהעמען.

— מען קען ניט זאָגען, אַ פּאַסענדע צייט זיך אומצוקעהערען אויפ'ן שיף — האָט דער בעאַמטער געמורמעלט. — פון אַ הוליאַנקע געווים. וואָס האָט איהר דאָרטען אין שיפעל?

— אַלטע קליידער, וועלכע איך האָב געקויפט זעהר ביליג.

— גוט. איהר קענט פאָהרען.

ער האָט אויפגעהויבען דעם שלאַנ־בוים און די שיפעל איז שטיל אוועק־געשוואומען ווייטער. אַבוואַרטענדיג אַ ביסעל, האָט זיך ארטהור אויפ־געהויבען און אָראָבגעוואָרפען פון זיך די שמאַטעס.

— אָט איז מיין שיף — האָט דער מאַטראָז אויסגערעדט אין דער שטיל, אָנווייזענדיג אויף אַ גרויסע דונקעלע מאַסע, וואָס האָט זיך בעוועגט הין און הער אין דער פינסטער.

ארויפקלעטערענדיג אויפ'ן שיף, זיינען זיי מיט דער גרעסטער פאָרזיכ־טיגקייט דורכגעגאַנגען איבער פערשיעדענע זאכען און שטריק. וואָס זיינען דאָרטען געלעגען אָנגעוואָרפען, ביז זיי האָבען זיך דערקליבען צום טריום. דער מאַטראָז האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבען דעם דעקעל און געהייסען אר־טהור'ן אריינקריכען אונטען.

אין דער לאָך, וואו ארטהור איז אריינגעקראָכען, איז ניט נאָר געווען פייכט און שמוציג, זאָנדערען אויך אונערטרעגליך הייס. עס האָט אויף איהם אַ יאָג געטהאָן אַ שטאַרקער גערוך פון פוילע פעל און צוגערעמפּפּטע אויל. ער האָט אָבער בעסער ניט געקענט מאַכען און ער האָט זיך מיט עקעל ארונטערגעלאָזען אויפ'ן דעק.

דאָס לעבען איז איבעראַל דאָס זעלבע: מיאוס, דורכגעפוילט און פער־פּעסטעט מיט אַלערליי שמוץ. מען מוז אָבער נעהמען פון דאָס לעבען אַלעס, וואָס איז מעגליך.

אין איינינע מינוט ארום האָט זיך דער מאַטראָז צוריקגעקעהרט, האַל־טענדיג אין די הענד עטוואָס, וואָס ארטהור האָט צוליעב דער פינסטערניס ניט געקאָנט בעמערקען.

— יעצט גיט מיר דאָס געלד און דעם זייגער — שנעלער!

ארטהור האָט איהם אַלעס אָבגעגעבען.

— ברענגט מיר עטוואָס צום עסען. איך בין זעהר הונגעריג.

— איך האָב געבראַכט. אָט איז עס.

דער מאַטראָז האָט איהם איבערגעגעבען אַ קרוג וואַסער, עטליכע האַר־טע, ווי שטיין סוכאַרעס, און אַ שטיק געזאַלצענע שוויינען־פלייש.

— יעצט דאַרפט איהר וויסען אָט וואָס: מאָרגען פריה וועלען די

קאַסטאַם־בעאַמטע קומען אַלעס בעזוכען. איהר וועט זיך דאַרפען בעהאַלטען אין אַ לעדיגער פעסעל. ליגט דאָרטען רוהיג ווי אַ מויז ביז מיר וועלען ארויסגעהען אויפ׳ן ים. איך וועל אייך שוין געבען צו וויסען, ווען איהר וועט מעגען אַרויסקומען. זעהט אָבער, וואַרפט זיך ניט דעם קאַפּיטאַן אין די אויגען. דאָס איז אַלעס וואָס איך האָב אייך צו זאָגען. אַ גוטע נאַכט.

דער טריום האָט זיך פערמאַכט. אַרטהור האָט בעהאַלטען דעם קרוג מיט דעם שעצבאַרען געטראַנק אין אַ זיכערען פּלאַץ, נאַכהער איז ער אַרויפּ־געקראָכען אויף אַ פוסטען פעסעל און זיך מיט אַפּעטיט גענומען צו דער סעודה. נאָכ׳ן אָבענד־ברויט האָט ער זיך איינגענורעט אויף אַ גרויסען פּאַק און איז געשמאַק איינגעדרעמעלט. עס האָבען איהם ניט געקימערט ניט די אונאַנגענעהמע קוויטשערייען פון די מייז, ניט דער אונאויפהערליכער טרייסלען פון דער שיף אין אַלע זייטען, ניט דער עקעלהאַפטער גערוך פון די אויל און ניט די ערוואַרטונג פון דער ים קראַנקהייט. דאָס האָט איהם אַלעס אַזוי ווניג בעאונרוהיגט ווי יענע געשענדעטע און צובראָכענע גע־טער, צו וועלכע ער האָט זיך מיט אַ טאָג פריהער געבוקט.

צווייטער טהייל

(מיט 13 יאָהר שפּעטער)

אין א געוויסען אבענד אין מאָנאט יולי, 1846, האָבען זיך אין הויז פון פּראָפעסאָר פּאבריצי אין פלאָרענץ צוזאמענגעקליבען א קליינע גרופּע מענשען, צו בעטראַכטען פערשיעדענע פּלענער וועגען וויטערער פּאָליטישער טהעטיגקייט. די גרופּפּע איז בעשטאַנען פון אַלערליי פּאָליטישע שטרעמונגען און שאַטירונגען. אייניגע האָבען בעלאַנגט צו מאַדזיני'ס פּאַרטיי, וועלכע האָט געוואָלט ניט ווניגער ווי א דעמאָקראַטישע רעפּובליק און א פעראייניגטעס איטאַליען; אַנדערע ווידער זיינען געווען קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיסטען; נאָך אַנדערע סתם ליבעראַלען א. ז. וו. אַלע זיינען אָבער געווען איינשטימיג אין איין פּונקט, אז די טאַסקאַנישע צענזור מוז אָבגעשאַפט ווערען. פּראָפעסאָר פּאבריצי האָט צוזאַמענגערופען דיעזע פערזאַמלונג אין דער האָפנונג, דאָס איהם וועט געלינגען ווענינגסטענס אויף דעם איינציגען פּונקט — קעמפּפען פאַר א פרייע פּרעסע — פעראייניגען די פערטרעטער פון די פערשיעדענע שטרעמונגען.

בלויז צוויי וואָכען זייען אוועק פון דער צייט, ווי דער פּאַפּסט, פּיוס דער 9טער, האָט בעשטייגענדיג דעם טהראָן, געשענקט די פרייהייט אַלע פּאָליטישע פערברעכער פון זיין ראַיאָן, און דיעזע נייעס איז מיט שמחה צוטראָגען געוואָרען איבער גאַנץ איטאַליען. אַלע האָבען בעוואונדערט דעם גרויסמוטה פון נייעם פּאַפּסט. די פיהרער פון אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען האָבען דארום בעטראַכט די צייט פאַר זעהר גינסטיג אָנצופאַנגען א קאַמפּיין פאַר פּרעס פרייהייט.

— געוויס — האָט בעמערקט דער דראַמאַטורג לעגאַ, ווען מען האָט איהם ערקלעהרט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך — ביי די איצטיגע שווערע בעדינגונגען פאַר דער פּרעסע איז אונמעגליך גאָר צו דענקען וועגען א צייטונג. אונז וואָלט ניט געלונגען דעם ערשטען נומער אַפּילו ארויסצוגעבען. מיר שיינט, דאָס יעצט וועט פאַר אונז פּיעל לייכטער זיין דורכצופיהרען דורך דער צענזורע אייניגע פּאָליטישע פּאַמפּלעטען.

— עס איז זעלבסטפערשטענדליך, דאָס מיר זענען פערפּליכטעט אויסצונוצען דעם יעצטיגען מאָמענט — האָט מיט א זינגעדיגע שטימע אויסגערופען א צווייטער פון די אָנוועזענדע, א בעיאָהרענטער גרויסער אדוואָקאַט. — עס איז אָבער א ספק, אויב פּאַמפּלעטען וועלען מאַכען די געווינשטע ווירקונג; זיי וועלען בלויז צורייצען און איבערשרעקען די רע־

פירונג, און דאָס דאַרפען מיר אויסמיידען. מיר דאַרפען געדענקען, דאָס ווען די מאַכטהאַבענדע וועלען אונז בעטראַכטען אלס געפעהרליכע אגיטאַטאָרס, וועלען מיר קיין מאָל ניט קענען ערוואַרטען פון זיי אירגענד וועלכע הילפע.

— וואָס שלאָגט איהר פאָר אויף אַזאַ אופן?

— מיר קענען זיך בענוצען מיט שיקען פעטיציעס.

— צו וועמען? צום גרענד דיוק?

— יע, פעטיציעס וועגען דער אויסברייטונג פון פרייהייט פיר דער פרעסע.

א שטאַרק ברונעטער יונגער מאַן, מיט דורכדרינגענדע אויגען, וועלכער איז געזעסען נעבען פענסטער, האָט זיך ביי דיזע ווערטער פערנאַנדער געלאַכט און אויסגערופען מיט היטץ:

— פיעל וועט איהר אויספיהרען מיט אייערע פעטיציעס! עס איז, דאַכט זיך, גענוג צו דערמאָהנען זיך אָן דעם פאַל מיט רענזי, עס זאָל זיך שוין א צווייטען מאָל ניט מעהר וועלען ווידערהאָלען די טאַקטיק.

— דאָס, וואָס אונז איז ניט געלונגען צו אָבהאַלטען די אויסוויייזונג פון רענזי, אַרט מיך, טהייערער, ניט ווייניגער פון אייך. גלויבט מיר, איך בין ניט אויסען קיינעם פון די אַנוועזענדע צו בעליידיגען, אָבער איך האַלט, דאָס אין יענעם דורכפאַל אונזערען זיינען גיכער שולדיג געווען די יונגע היצקעפּ אונזערע. איך וואָלט זיך בעסער אָבגעהאַלטען...

— ווי עס פּאַסט פאַר א פּיעמאָנטינער — האָט איהם אין מיטען אי־בערגעשלאָגען דער ברונעט. — איך פערשטעה ניט וואָס איהר רופט אָן הי־ציג. דיזע אונטערטהעניגע פעטיציעס, וועלכע מיר האָבען דאַן אריינגע־שיקט? מעגליך, דאָס טאָסקאַנער און פּיעמאָנטינער רופען אָן אַזעלכע שריט היציגע. מיר, נעאַפּאָליטאַנער, האָבען פאַר דעם אַן אַנדער נאָמען.

— הערט אויף, מיינע הערען! איהר זייט ביידע גערעכט! האָט זיך אריינגעמישט דער פּראָפעסאָר. פערגעסט ניט, דאָס יעצט זייגען מיר אין טאָסקאַן און די טאָסקאַנצעס האָבען די געוואָהנהייט ניט אָוועקצוקריי־כען אַ א זייט, ווען זיי בעטראַכטען עטוואָס. גראַססיני שטימט פאַר פעטי־ציעס און גאַללי איז געגען דעם. וואָס איז אייער מיינונג, דאָקטאָר רי־קאַרדאָ?

— איך זעה ניט קיין בייזעס אין די פעטיציעס, און ווען גראַססיני וועט עס פערפאַסען, וועל איך זיך מיט פערגעניגען אונטערשרייבען. איך דיינק אָבער, דאָס פיעל קען מען מיט זיי ניט דערגרייכען. פאַר וואָס קענען מיר אָבער ניט אַרבייטען אי מיט פעטיציעס און אי מיט פּאַמפּלעטען?

—איינפאַך דערפאַר, וויל פּאַמפּלעטען וועלען אַזוי אויפברענגען געגען אונז די הערשער, דאָס זיי וועלען נאָכהער ניט שענקען קיין אויפמערקזאַמ־קייט צו אונזערע ביטעס — האָט גראַססיני געענטפערט.

— זיי וועלען אויך אָן דעם ניט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט — האָט דער נעאַפּאָליטאַנער אויסגעשריען, צוגעהענדיג צום טיש. איהר זייט ניט אויף דעם ריכטיגען וועג, מיינע הערען. די רעגיערונג וועט אייך גאָר ניט געבען. מען דאַרף אויפהויבען דאָס פאָלק.

—'דאָס איז לייכטער צו זאָגען, ווי דורכצופיהרען. ווי וועט איהר צו דעם צוטרעטען?

— עס איז לעבערליך, גאַללי, וועגען דעם צו פרעגען. געוויס וועט ער אָנהויבען דערמיט, וואָס ער וועט אַבראַמען פון וועג דעם צענזאָר.

— מערקווירדיג מיט אייך — האָט גאַללי ערווידערט — ווען איהר זעהט פאַר זיך אַ מענשען פון דרום, דענקט איהר אימער דאָס דער איינציגער אַרגומענט זיינער איז אַ מעסער.

— הערט אויף, מיינע הערען! זאָל זיין שטיל! גאַלי האָט אַ נייעם פאָרשלאַג צו מאַכען.

די גאַנצע געזעלשאַפט, וועלכע איז געוועזען צוטהיילט אין קליינע דעבאַטירענדע גרופּפּען, צושפּרייט אין אַלע ווינקעלעך, האָט זיך צוזאַמען געקליבען אַרום טיש הערען וואָס גאַלי האָט צו זאָגען.

— ניין, מיינע הערען, ניט קיין פאָרשלאַג האָב איך אייך צו מאַכען. מיר איז איינפאַך געקומען אַ געוויסער געדאַנק. עס שיינט מיר, דאָס אין די אַלע שמחות מיט די האַנדלונגען פון נייעם פּאַפּסט ליגט פערבאָרגען אַ געפאַהר. פון דעם וואָס ער האָט אָנגענומען אַ נייעם שניט אין דער פּאָליטיק און געגעבען די אַמניסטיע. קומען פיעלע צו דעם שלום, דאָס מען קען דעם הייליגען פאָטער אַלעם אנפערטרויען און ער וועט שוין ברענגען די גאולה דעם איטאַליענישען פאָלק. פערזענליך בעוואונדער איך גלייך מיט אַלע דעם נייעם פּאַפּסט. די אַמניסטיע איז געוועזען אַ גלענצענדער אַקט, אָבער...

— זיין הייליגקייט וועט זיך זיכער פיהלען געשמייכעלט — האָט סאַרקאַסטיש בעמערקט גראַססיני.

— גענוג, גראַססיני, לאָזט דעם רעדנער פאָרטזעצען — האָט זיך אריינגעמישט ריקאַרדאָ. עס איז וואונדערבאַר, ווי איהר קענט זיך ניט איינהאַלטען פון שטעכווערטלאַך, ווען גאַלי זאָגט עטוואָס. ריכטיג ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז. זעצט פאָר, גאַלי!

— איך האָב געוואָלט זאָגען — האָט דער נעאַפּאָליטאַנער ווידער אָנגעפאַנגען — דאָס דער הייליגער פאָטער האָט אָהן צווייפעל קיינע שלעכטע אַבזיכטען. עס איז אָבער אַ פראַגע, ווי ווייט עס וועט איהם געלינגען דורכצופיהרען רעפאָרמען. יעצט געהט אַלעס צו גלאַט. די רעאַקציאָנערען פון גאַנצען לאַנד וועלען אַ מאָנאַט צוויי זיין רוהיג, ביז עס וועט זיך איינ־

שטילען די אויפרעגונג, וועלכע די אַמניסטיע האָט אָנגעמאַכט; שפּעטער אָבער וועלען זיי אָהן אַ בלוטיגען קאַמפּף ניט אַרויסלאָזען די מאַכט פון זייערע הענד. איך בין זיכער, דאָס עס וועט לאַנג ניט דויערען און די יעזואיטען, גרעגאַריאַנער, סאַנפעדיסטען און די גאַנצע באַנדע זייערע וועלען אַנהויבען זייער פינסטערע טהעטיגקייט.

— דאָס איז זעהר וואהרשיינליך.

— מיין מיינונג איז, אַלזאָ: איידער צו וואַרטען ביז דער גרענד דיוק וועט קומען אונטער דעם איינפלוס פון די יעזואיטען און וועט אָנוואַרפען אויף אַלע אַ מורא מיט דער הילפע פון עסטרייכישע הוזאַרען, איז גלייכער יעצט אויסנוצען די צייט און די ערשטע אָנפאַנגען אַ מלחמה.

— אין וואָס דאַרף זיך, נאָך אייער מיינונג, אויסדריקען דער קאַמפּף?

— איך וואָלט פאָרגעלעגט אָנצופאַנגען אַן אָרגאַניזירטע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציאָן געגען די יעזואיטען, אויפדעקען זייערע מעשים תעתועים און ערוועקען אין פאָלק אַ האַס צו דיעזע פינסטערלינגע.

— פאָרלויפיג הערט מען אָבער נאָך גאָר ניט וועגען זיי דאָ?

— האָט געדולד אייניגע מאָנאַטען, וועט איהר זעהן, וויפיעל יעזואיטען עס וועלען דאָ זיין. דאַן וועט אָבער שוין פיליכט זיין צו שפּעט געגען זיי צו שטעלען זיך.

— אום אָבער דאָס פאָלק אויפצוהויבען געגען די יעזואיטען, וועט מען דאָך מוזען אַרויסטרעטען אָפען. ווי אַזוי וועט איהר אויסמיידען די צענזורע?

— איך וועל איהר ניט אויסמיידען, נאָר פּשוט איגנאָרירען.

— וועט איהר, הייסט עס, דרוקען די פּאַמפלעטען אָהן אַן אונטערשריפט. צופיעל האָבען מיר שוין געהאַט צו טהאָן מיט די אונטעראַירדישע דרוקערייען, אום עס צו וועלען נאָך אַ מאָל פּרובירען.

— ניט דאָס האָב איך געמיינט צו זאָגען. איך וואָלט פאָרגעשלאָגען צו דרוקען פּאַמפלעטען אָפען מיט אונזערע אונטערשריפטען און זאָגאָר אָנגעבען אונזערע אַדרעסען. זאָלען זיי אונז פערפאָלגען, אויב זיי זיינען מוטהיג גענוג.

— דאָס איז שוין גאָר אַ משוגע׳נער פּראָיעקט! — האָט אויסגעשריען גראַסיני — עס קומט אויס ווי אַריינצושטעקען דעם קאָפּ אין מויל פון אַ צורייצטען לייב.

— אָ, איהר האָט זיך ניט וואָס צו שרעקען — האָט גאַלי בייז ערווידערט. — מיר וועלען אייך ניט בעטען זיצען אין געפענגניס פאַר אונזערע חטאים.

— זאָל שוין זיין אַ מאָל אַ סוף מיט די שטעכווערטלאָך — האָט זיך

אבגערופען ריקאַרדאַ — דאַ איז ניט די פראַגע וועגען מורא. אויב עס וועט זיין נויטיג, זיינען מיר ניט ווייניגער פון אייך בעריט צו ליידען. עס איז אָבער קינדיש צו שטעלען זיך אין געפאַהר צוליעב נאַרישקייטען. נאָך מיין מיינונג, האָט מען געדאַרפט דעם פאָרשלאַג עטוואָס אומענדערען.

— ווי אַזוי?

— מיר שיינט, מען וואָלט געקענט אויסגעפינען אַ וועג צו קעמפפען מיט די יעזואיטען און דאָך גאָר ניט דאַרפען קומען אין צוזאַמענשטויס מיט דער צענזורע.

— איך פערשטעה ניט, ווי אַזוי דאָס קען מעגליך זיין.

— די פערפאַסער פון די פאַמפלעטען זאָלען זיך אויסדריקען אַזוי פער־שטעלט, דאָס...

— דער צענזאָר זאָל ניט פערשטעהען, ווילט איהר זאָגען? אויב אַזוי, ווי קענט איהר פערלאַנגען פון אַן אָרימען אַרבייטער אָדער בויער, וועל־כער איז נאָך, ליידער, אַזוי פערגרעבט און אונוויסענד, אַז ער זאָל פערשטעהן דעם ריכטיגען זין? דאָס לעגט זיך גאָר ניט אויפ'ן שכל.

— און וואָס וועט איהר זאָגען, מאַרטיני? — האָט דער פּראָפעסאָר זיך געווענדעט צו אַ מאַן מיט אַ שוואַרצער באָרד און ברייטע פּלייצעס, וועלכער איז געזעסען דערביי.

— דערווייל האָב איך גאָר ניט וואָס צו זאָגען. מען דאַרף פּרובירען און זעהן וואָס עס וועט זיין דערפון.

— און איהר, סאַקאָני?

— איך וואָלט ליעבערסט וועלען הערען, וואָס סעניאָרא באָללאַ האָט צו זאָגען. איהרע בעמערקונגען זיינען אימער פערנינפטיג.

— ליידער געה איך זיך מיט אייך אַלע פערנאַנדער אין דער מיינונג וועגען די מעטאָדען פון קאַמפּף — האָט זי לאַנגזאַם אָנגעפאַנגען.

— אַזוי איז אימער מיט אייך — האָט ריקאַרדאַ געמאַכט אַ בעמער־קונג — ערגער פון אַליץ אָבער איז, וואָס איהר זייט אימער גערעכט.

— איך בין איינפערשטאַנדען, דאָס מען מוז מיט אַלע כוחות קעמפּפען געגען די יעזואיטען און עס וועט זיך ניט איינגעבען איין מיטעל, זאָל מען פּרובירען דעם צווייטען. מיין אַנזיכט איז, אַז דער בעסטער קאַמפּף'ס־מיטעל אין אַזאַ פאַל איז — אויסלאַכען. אויב אונז זאָל געלינגען צו מאַכען די יעזואיטען לעכערליך אין די אויגען פון פאָלק, דאַן האָבען מיר ערהאַלטען אַ זיעג אָהן בלוט־פערגיסונג.

— אַנגענומען, דאָס עס איז אַזוי, ווי וועט איהר אָבער דיעזען פּלאַן פערווירקליכען? — האָט געפרעגט פאַבריצי.

—וואָרום דענקט איהר, אַז עס איז שווער? — האָט זיך אריינגעמישט מאַרטיני. — סאַטירע וועט פיעל לייכטער דורכגעהען די צענזורע, ווי וועל־

כע עס איז ערנסטע זאך. דער דורכשניטליכער לעזער וועט אויך שנעלער פערשטעהען א דאפעלזיניגען וויטץ מיט א פערבארגענעם אינהאלט ווי א וויסענשאפטליכע סאציאל־עקאנאמישע אבהאנדלונג. אלזא, סיניארא, איהר זייט אין דער מיינונג, מיר זאלען ארויסגעבען א סאטירישע צייטונג?

— ניט אין גאנצען דאס. איך דענק, עס וואלט געווען ניצליך ארויס־צוגעבען און פערשפרייטען צווישען פאלק אין גאנצען אומזיסט אדער פער־קויפען פאר קליינע פרייזען סאטירישע בלעטלאך אין א קליינעם פארמאט געשריבען אין ריטמען אדער אין פראזא. אויב אונז וואלט געלונגען צו קריי־גען א גוטען קינסטלער, וועלכער זאל פערשטעהען אונזער אידעע, וואלט מען די בלעטלאך געקענט ארויסגעבען מיט איללוסטראציאן.

— דאס איז ווירקליך א גרויסארטיגער געדאנק, אויב ער איז נאר דורכ־פיהרבאר. מיר דארפען האבען אן ערשטע קלאסע סאטיריקער. וואו נעהמט מען איהם אבער?

— איהר ווייסט, נאטירליך — האט צוגעלייגט לעגא — דאס די מאיאָ־ריטעט פון אונז בעשטעהט פון ערנסטע שרייבער. ווי איך זאל ניט אכטען אונזער געזעלשאפט, האב איך אבער מורא, דאס ווען מיר זאלען מאכען א פערזוך צו פערוואנדלען זיך אין הומאריסטען, וועט עס אונז ערזיינערען אן א העלפאנט, וועלכער טאנץ א טאראנטעלע.

— איך האב קיין מאל ניט געדענקט אייך פארלעגען אליין צו טהאן אן ארבייט, צו וועלכער איהר זייט ניט פעהיג. דער זין פון מיין פארשלאג איז געווען, מיר זאלען פרובירען אויסגעפינען א טאלאנטפולען סאטיריקער — אזעלכער וועט זיך געוויס געפינען אין איטאליען — און בעזארגען איהם מיט אלעם, וואס נויטיג איז. מיר וועלען זיך, נאטירליך, דארפען פריהער גוט ערקונדיגען, אויב ער פאסט פאר דיעזען צוועק און איז איינשטימיג מיט אונזערע אידעען.

— וואו נעהמט מען אבער אזא? איך קען כמעט אויסרעכענען אויף די פינגער אלע בערהמטע סאטיריקער, אבער קיינער פון זיי וועט ניט פאסען פאר אונזער צוועק.

ריקארדא האט זיך פלוצלונג א כאפ געטהאן און אויסגערופען מיט שמחה:

— און „דער שטעכעדיגער"! גאר אין גאנצען פון זינען ארויס! דאס איז דאך די פערזאן, וועלכע מיר דארפען.

— ווער איז ער?

— איהר געדענקט ניט דעם שטעכעדיגען? זיין נאמען איז פעליטשע ריוואראס, פון מוראטארים באנדע. דאס איז איינער פון די שארפזי־ניגסטע מענשען, וועלכע איך האב ווען עס איז בעגעגענט, אן אונערשעפפלי־כער פייערווערק פון שארפזיניגע וויצען. אויפ'ן געזיכט האט ער א שניט

פון אַ מעסער... ער איז אַ זאָנדערבאַרער מענש, איך בין אָבער זיכער, דאָס זיינע וויצען וועלען פיעלע אונגליקליכע אָבהאַלטען פון פערצווייפלונג.

— ניט ער שרייבט דאָס די פּאָליטישע אַרטיקלען אין די פראַנצויזישע זשורנאַלען אונטער דעם פּסעוודאָנים „לאַ טאַאָן"?

— יע. מעהרסטענטהיילס קורצע אַרטיקלען און הומאָריסטישע פעלי־עטאָנען. די אָפּאָזיציאָנער קאָנטראַ־באַנדיסטען האָבען איהם אַ נאָמען געגעבען „דער שטעכעדיגער" פאַר זיין בייסענדען וויטץ; און פון יענער צייט שרייבט ער זיך אַזוי אונטער.

— עטוואָס איז מיר בעוואוסט וועגען דיעזען הערך — האָט זיך אָבגערופען גראַסיני מיט אַ פיעל־בעדייטענדען טאָן, — און דאָס, וואָס איך האָב געהערט וועגען איהם, איז גראַדע ניט צום גוטען. זיין רעפּוטאַציע אין פּאַריז און אין וויען איז ווייט ניט קיין זויבערע. ער איז אין פּולען זינען פון וואָרט אַן אַוואַנטיוריסט מיט אַ דונקעלע פערגאַנגענהייט. מען זאָגט, דאָס דיופרעס עקספּעדיציאָן האָט איהם געטראָפען אין די טראָפּישע מדבריות פון זיד־אַמעריקא אין אַ שרעקליכען צושטאַנד. ער איז דאָן געווען מעהר עהנליך צו אַ ווילדע חיה ווי צו אַ ציוויליזירטען מענשען, און ער האָט בשום אופן ניט געקענט געבען קיין בעפרידיגענדע ערקלעהרונג ווי אַזוי ער איז צו אַזאַ לאַגע געקומען. פאַר קיינעם איז קיין סוד ניט, דאָס אין דעם טרויעריגען אַפּענינישען אויפשטאַנד האָט איינטהייל גענומען אַ גרויסער ערב־רב, צווישען וועלכע ס'זיינען געווען פיעלע געוועהנליכע פערברעכער. ס'איז קיין צווייפעל, דאָס אַנדערע פון זיי זיינען אויך געווען מענשען מיט ערהאָבענע נשמות...

— אייניגע פון זיי זיינען אינטימע פריינד מיט פיעלע פון די אַנוועזענדע דאָ — האָט איהם ריקאַרדאָ איבערגעשלאָגען, און אין זיין שטימע האָט געקלונגען אַ טאָן פון שטאַרקען פערדרוס — עס איז לייכט יענעם צו פעראורטהיילען, גראַסיני, מען דאַרף אָבער ניט פערגעסען, דאָס דיעזע „געוועהנליכע פערברעכער" האָבען געאָפּפערט דאָס לעבען פאַר זייער גלויבען, און דאָס איז פיעל מעהר, וויפיעל מיר מיט אייך האָבען געטהאָן.

— און נאָך וואָס — האָט גאַלי צוגעלעגט. די אַלע מעשיות, וועלכע געהען אַרום וועגען איהם אין פערבינדונג מיט דיופרעס עקספּעדיציע, זיינען איינפאַך אויסגעטראַכט, אום איהם צו פערלוימדען. איך בין פּערזענליך בעקאַנט מיט מאַרטעלין, דיופרעס אַדיוטאַנט, און האָב געהערט פון איהם דיא געשיכטע פון אַלע זיינע רייזען. עס איז אמת, דאָס ריוואַרעס איז געפונען געוואָרען, אַרומוואַנדערענדיג אין יענע געגענדען, ער האָט געקעמפּפט פאַר דער אַרגענטינער רעפּובליק, איז געווען געפאַנגען און איז נאָכהער אַנטלאָפען. דאַן האָט ער געטרעמפּעוועט אי־

בער'ן לאנד אין אלערליי קאסטיומען און איז צוריק געקומען נאך בוענאס איירעס. די עקספעדיציע האט איהם אויפגענומען ניט אוים מיטלייד, ווי מען דערצעהלט, זאנדערען מען האט זיך נאך ביי איהם געבעטען. עס איז דאן ביי זיי קראנק געווארען דער איבערזעצער און קיינער איז ניט געווען וואר עס זאל פערנעהמען זיין פלאץ. האט מען דאן דיעזען פלאץ פארגעלעגט ריוואַרעס'ען, און אזוי איז ער אהין אנגעקומען. ער איז מיט דער עקספע־דיציע אבגעווען 3 יאהר, אויספארשענדיג מיט איהר די גאנצע לענג פון אמאזאנקע און, לויט מארטעל'ס טיעפער איבערצייגונג וואלט זיי קיין מאל ניט געלונגען אויסצופיהרען זייער אויפגאבע, ווען ניט ריווארעס.

— ווער ער זאל ניט זיין — האט זיך ארייגעמישט פאבריצי — ער מוז אבער בעזיצען א שטארקע קראפט, ווען ער האט געקענט בעצויבערען אזעלכע צוויי וועטעראנען ווי מארטעל און דיופרע. וואס דענקט איהר, סיני־ארא?

— איך האב וועגען איהם כמעט גאר ניט געהערט, ווייל איך בין די גאנצע צייט געווען אין ענגלאנד. איך גלויב אבער, אויב די, וועלכע האבען מיט איהם צוויי־דריי יאהר ארומגערייזט, און חברים, וועלכע האבען צוזא־מען מיט איהם איינטהייל גענומען אין אויפשטאנד, האבען וועגען איהם אזא גוטען מיינונג, איז ניט וויכטיג צו נעהמען אין אכט די רכילות, וואס געהען ארום וועגען איהם.

— ביי זיינע חברים זיינען ניט געווען וועגען איהם קיין צוויי מיי־נונגען — האט געזאגט ריקארדא. אנפאנגענדיג מיט מאראטורי און זאמ־בעקארי און ענדיגענדיג מיט די אונוויסענדע בערג־איינוואהנער, זיינען אלע פון איהם ענטציקט. וואס אנבעלאנגט די ניט שעהנע קלאנגען וועגען זיין פערזענליכען ארט לעבען, דארפט איהר פערשטעהן, דאס פאר א פאליטישען סאטיריקער אין אזא שטאדט ווי פאריז איז, נאטירליך, אונמעגליך ניט צו האבען קיינע שונאים.

— איך בין ניט אין גאנצען זיכער, נאר מיר שיינט, איך האב איהם וואו ניט וואו בעגעגענט — האט געזאגט לעגא — קענט איהר מיר ניט זאגען, איז ער ניט א הארבאטער מיט א צוקאליעטשעטער האנד?

— מיר שיינט, איך האב ערגעץ א בעשרייבונג פון איהם און זיינע סמנים, צוזאמענגעשטעלט פון דער פאליציי — האט זיך אבגערופען דער פראפעסאר, זוכענדיג צווישען די פאפיערען פון זיין שרייבטיש — איהר גע־דענקט געוויס די צייט, ווען פיעלע רעוואלוציאנערען זיינען געווען געצוואונ־גען צו אנטלויפען און זיך בעהאלטען אין די בערג. דאן זיינען עס איבע־ראל צושיקט געווארען זייערע סמנים און דער בלוטיגער קארדינאל ספינאלא האט זאגאר בעשטימט א בעלוינונג פאר זייערע קעפ. וועגען ריווארעס'ען און דיעזען פאפיער פון דער פאליציי געהט זאגאר ארום א שעהנע געשיכטע.

בעהאַלטענדיג זיך פון די פּאָליציי־שפּיאָנען, האָט ער זיך אַנגעטהאָן אין סאָלדאַטסקע קליידער און אַרומגעוואַנדערט אַלס אַ קאַראַבינער. וועלכער איז פּערוואונדעט, ערפילענדיג זיינע פפליכטען, און קען ניט געפינען די אַבטהיילונג, צו וועלכער ער בעלאַנגט. פּלוצלונג האָט ער זיך אַנגעשטויסען אויף אַ גאַנצער קאָמפּאַניע פון שפּיאָנען, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרען פון ספּינאָלאַ. אַ גאַנצען טאָג איז ער מיט זיי אַרומגעפאָהרען אויף איין וואָגען, דערצעהלענדיג זיי פערשיעדענע הערצרייסענדע געשיכטען וועגען דעם, ווי ער איז געווען געפאַנגען פון די רעוואָלוציאָנערען, ווי זיי האָבען איהם פערשלעפּט אין זייערע היילען אויף די בערג און איהם אַנגעטהאָן די גרעסטע יסורים. זיי האָבען איהם געוויזען דעם פּאַפּיער מיט דער בע־שרייבונג פון זיינע סמנים און ער האָט זיי דערצעהלט וואָס פאַר אַ מערדער עס איז דיעזער, וועלכען מען רופט „דער שטעכעדיגער“. ביינאַכט, ווען אַלע זענען איינגעשלאָפען, האָט ער אין די פּולווער אריינגעגאָסען אַ פּולען עמער וואַסער און זיך אַבגעטראָגען, מיטנעהמענדיג אַ שעהן ביסעל פּראָ־וויזיאָן אויפ׳ן וועג... אָט איז דער פּאַפּיער — האָט פּאַבריצי איבערגע־ריסען די ערצעהלונג. „פּעליטשע ריוואַרעס“ מיט׳ן צונאָמען „דער שטע־כיגער“ אַרום 30 יאָהר אַלט. געבורט פּלאַץ — אונבעוואוסט. נאָך איי־ניגע אַנגאַבען — זיד־אַמעריקאַ. זיין פּראָפעסיאָן — זשורנאַליסט. פון קליינעם וואוקס, שוואַרצע האָר, אַ שוואַרצע באָרד, דונקעלע געזיכטספּצי־גע, בלויע אויגען, אַ ברייטער שטערען. בעזונדערע סמנים: הינקט צו אויף דער רעכטער פוס, די לינקע האַנד צו קאַליעטשעט: עס פעהלען אין איהר צוויי פינגער; אויפן געזיכט אַ פרישער צייכען פון אַ שאַרפען שניט. פער־איקעט זיך, ווען ער רעדט. צום סוף איז געווען צוגעגעבען אַ בעמער־קונג, דאָס מען דאַרף זיין זעהר פאָרזיכטיג ביים אַרעסטירען איהם, ווייל ער איז זעהר אַ גוטער שיסער.

— עס איז ווירקליך אַ וואונדערבאַרע זאַך אַבצונאַרען די שפּיאָנען, וועלכע האָבען געהאַט ביי זיך אַזעלכע גענויע סמנים פון איהם.

— אַרויסגעהאָלפען האָט איהם בלויז זיין מוטה. איהם וועט אימער געלינגען אַרויסצודרעהען זיך פון יעדער לאַגע, ווי שלעכט זי זאָל ניט זיין. אַלזאָ, מיינע העררען, וואָס דענקט איהר וועגען דעם פאָרשלאַג? ריוואַ־רעס איז שיינט מיר, גענוג בעוואוסט צו אייניגע פון אונז, ווילט איהר, מיר זאָלען איהם בענאַכריכטען, דאָס זיין הילפע דאָ איז אונז נויטיג?

— מיר שיינט, דאָס פריהער האָט מען איהם געדאַרפט בעקאַנט מאַכען מיט אונזער פּלאַן און פרעגען איהם, אויב ער איז איינשטימיג.

— אָ, איהר קענט זיין זיכער, דאָס ער וועט זיין איינשטימיג, וויבאַלד עס האַנדעלט זיך וועגען אַ קאַמפּף מיט די יעזואיטען. ער איז דער פער־ביסענסטער שונא פון יעזואיטען, וועלכען איך האָב ווען עס איז געזעהען.

— אלזאָ, וועט איהר איהם שרייבען, ריקאַרדאָ?

— געוויס. די פראַגע איז בלויז וואוהין. ער האַלט אימער איין אַרומלויפען פון איין פּלאַץ צום צווייטען. נו, און וואָס איז וועגען די פּאַמ־פלעטען?...

זיי האָבען זיך אַריינגעלאָזען אין אַ לאַנגער היציגער דיסקוסיאָן. ווען זיי האָבען געענדיגט, איז מאַרטיני צוגעגאַנגען צו סעניאָרא באַללא.

— איך געה מיט אייך, דזשעממא.

— גוט. איך האָב גראַדע מיט אייך עטוואָס צו רעדען.

— עס איז ווייטער עטוואָס געשעהן מיט די בריעף? — האָט ער שטיל אַ פרעג געטהאָן.

— ניט קיין ערנסטעס, דאָך וואָלט איך וועלען אומענדערען די אַדרע־סע: דיעזע וואָך זיינען פערהאַלטען געוואָרען אויף דער פּאָסט צוויי בריעף. מעגליך, דאָס עס איז בלויז אַ צופאַל, אָבער עס שאַדעט ניט, צוליעב מעהר זיכערהייט, אומצובייטען די אַדרעסע.

2.

— איז די מאַדאַם אין דער היים, קיידי?

— יע, מיין הערר, זי טהוט זיך אָן. ווילט איהר אַזוי גוט זיין אַריינגע־העןאויף איינינע מינוט אין גאַסט־צימער, זי וועט גלייך אַרונטערקומען.

מאַרטיני איז, ווי עס האָט אויסגעזעהן, בעטראַכט געוואָרען אין דזשעממאַ׳ס הויז ווי אַן אייגענער מענש. אַלע האָבען זיך צו איהם פערהאַל־טען דאָרט זעהר איינפאַך און פריינדליך. זאַגאַר די גרויסע שווארצע קאַץ האָט זיך מיט צוטרויען פערנאַנדערגעלייגט ביי מאַרטיני אויף די קניע, ווי ער האָט זיך נאָר אַוועקגעזעצט.

— ווי בעקוועם איהר האָט זיך איינגעאָרדענט — האָט אויסגע־רופען דזשעממאַ, אַריינגעהענדיג אין צימער. מען קען דענקען, דאָס איהר קלייבט זיך צו פערברענגען צוזאַמען דעם גאַנצען אָבענד.

מאַרטיני האָט פאָרזיכטיג אַרונטערגעלאָזען די קאַץ פון זיינע קניה.

— איך בין מיט אַ כיון געקומען פריהער — האָט ער געזאָגט — אום צו טרינקען ביי אייך אַ גלאָז טהעע איידער מיר וועלען אַוועקגעהען. דאָר־טען וועט וואהרשיינליך זיין אַ שרעקליכער געדרענג און גראַסיני וועט אונז לאַנג אָבהאַלטען מיט׳ן אָבענד־ברויט. אַזוי איז אימער אויף דיעזע איינ־לאַדונגס־אָבענדען ביי די אַריסטאָקראַטען... און איהר האָט זיך ענדליך דאָך בעשלאָסען אָנצוטהאָן דיעזע פּראַכטפאָלע קלייד? איך האָב מורא געהאַט, דאָס איהר וועט וועגען דעם פערגעסען.

— איך האָב אייך פערשפּראָכען עס אָנצוטהאָן, חאָטש איך דענק עס וועט זיין צו ווארעם אין איהר אין אזא אבענד, ווי היינט.

— עס מאַכט ניט; אָך ווי שעהן עס פּאַסט אייך צום געזיכט דער וויי־סער קאַזשמיר. איך האָב אייך געבראַכט אייניגע בלומען פון זעלבען קאָליר.

— אַ, וועלכע פּראַכטפאָלע ראָזען! איך האָב זיי אַזוי ליעב! איך וועל זיי גלייך אריינשטעלען אין וואַסער. אָנטהאָן זיי אויף זיך, האָב איך ניט קיין לוסט.

— ווידער איינער פון אייערע זאָנדערבארע קאַפּריזען.

— ניין, מיר שיינט, דאָס זיי נועלען זיך פיהלען זעהר אומעדיג א גאַנצען אבענד מיט אזא לייַנגווייליגען קאָמפּאַניאָן, ווי איך.

— איך גלויב, דאָס אונז אַלעמען וועט זיין לאַנגוויליג דיעזען אבענד. מעהר ווי העלפט פון די אינטערעסאַנטע פּערזאָנען וועלען אהין ניט קומען. אייניגע זיינען זיך צופאָהרען פון שטאָדט. אַנדערע זיינען קראַנק. עס וועלען געווים אָנוועזענד זיין א צוויי־דריי געזאַנדטע, אייניגע דייטשע געלעהרטע און די געוועהנליכע געסט פון אבענדע: טוריסטען, רוסישע קניאזען, פראַנצויזישע אָפיצערען און מעגליך אימיצער פון דער ליטעראַרי־שער וועלט· זאָגסט וועט, ווי ווייט איך ווייס, קיינער ניט זיין, אויסער פּי־לייכט דער ניי־אָנגעקומענער סאַטיריקער.

— דיעזער? ווי? ריוואַרעס? מיר האָט געשיינט, דאָס גראַסיני איז אבסאָלוט געגען איהם.

— יע, עס איז טאַקע אַזוי, אָבער איהר קענט דאָך גראַסיני'ן. ער קען ניט ליידען א פּערזאָן, וואָס איז אַזוי פּאָפּולער, ווי ריוואַרעס. אגב ווייס גאָר ניט ריוואַרעס, וואָס גראַסיני דענקט וועגען איהם.

— און איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אז ער איז שוין דאָ.

— ער איז ערשט נעכטען געקומען... אָט האָבען מיר שוין פּאַרטיג טהעע. בעמיהט זיך ניט, איך וועל אייך צוטראָגען א גלאָז.

מארטיני האָט זיך אין ערגעץ ניט געפיהלט אזוי גוט, ווי אין דיעזען קליינעם גאַסט־צימער. די פריינדליכע בעציהונג פון דזשעממאַ, איהר איינ־פאַכקייט און גוטהערציגקייט פלעגען אויף איהם אימער מאַכען א גוטע ווירקונג און פערזיסען איהם דעם זאָגסט זעהר טרויעריגען לעבען. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט זיך פיהלען אומעדיג נאָך דער ארבייט, פלעגט ער אוועקגעהן צו איהר און פערברענגען דאָרטען דעם גאַנצען אבענד. פון דער נאַטור, א זעהר שווייגעדיגער, פלעגט ער קיינעם זיינע פּערזענליכע צרות ניט דערצעהלען. זי פלעגט איהם ניט פרעגען די אורזאַכע, ווארום ער איז אזוי פערזאָרגט, אָבער מיט איהרע גוטע רייד פלעגט זי איהם אי־מער בערוהיגען און אריינגעבען נייעם מוטה. ווען זיינע בעסטע פריינד זיינען מיט אייניגע יאָהר צוריק פערראַטהען געוואָרען אין קאַלאַבריע, איז

ער געווען נאָהענט פון פערצווייפלונג, און בלויז איהר שטאַרקער גלויבען און איהרע פריינדליכע טרויסט־ווערטער האָבען איהם געהאָלפען אריבער־צוטראָגען די שווערע מאָמענטען. זונטאג פלעגט ער אמאָל קומען אין דער פריה איבערצורעדען וועגען דער געמיינזאמער פראקטישער ארבייט — זיי זיינען ביידע געווען אקטיווע מיטגליעדער פון מאדזיני'ס פארטיי — און דאַן פלעגט זי גאָר ווערען אן אנדער מענש, א קאַלטע, שטרענג־לאָגישע, אויסערגעוועהנליך פּינקטליכע און קאַלטבלוטיגע. ווער עס האָט איהר גע־קענט פון דער פאַרטיי־ארבייט, דער פלעגט איהר בעטראַכטען אלס א גוטע דיסציפּלינירטע ארבייטערין, אלס א מוטהיגען און שטאַרק פערטרויענס־ווערטהען מיטגליעד, אָבער זאָנסט אלס א זעהר טרוקענע, ניט אינטערע־סאַנטע פּערזאָן. עס איז שווער געווען אין איהר צו דערקענען די דזשעממאַ, וועלכע מארטיני האָט אזוי גוט געקענט.

— אלזאָ, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אייער „סאַטיריקער" ? — האָט זי געפרעגט, עפענענדיג דעם בופעט... — אָט, האָט איהר, צעזאר, א גוטע שטיקעל טאָרט און פערצוקערטע פרוכטען. מיך וואונדערט, אייגענטליך, פאַר וואָס רעוואָלוציאָנערען האָבען אזוי ליעב זיסע זאַכען.

— אויך ניט רעוואָלוציאָנערען ליעבען נאַשוואַרג. זיי האַלטען בלויז נידעריגער פון זייער ווירדע זיך אין דעם מודה צו זיין... איהר ווילט אלזאָ וויסען וועגען דעם סאַטיריקער?... דאָס איז א פּערזאָן, וועמען פרויען האָבען זעהר ליעב, אייך וועט ער אָבער ניט געפעלען ווערען. ער איז זעהר א שאַרפזיניגער מיט א בייזען צונג, פאָהרט ארום איבער דער גאַנצער וועלט און שלעפּט מיט זיך איבעראל א יונגע שעהנע באַלעט־טענ־צערין, וועלכע איז אין איהם שטאַרק פערליעבט. זי איז אן אונגארישע ציגיינערין פון א געוויסען פּראָווינציעלען טהעאַטער אין גאַליציען. דיעזער הערר איז אזוי אונפערשעהמט, דאָס ער פיהרט זי איבעראל אין דער געזעל־שאַפט, אזוי ווי זי וואָלט זיין זיינע אן אונפערהייראטהע קרובה.

— איז וואָס ? עס איז גראָדע זעהר שעהן פון איהם, וואָס ער האָט איהר ערהויבען פון יענעם קרייז.

— איהר קענט געוויס, טהייערע מאדאנע, קוקען אויף דעם אזוי, די געזעלשאַפט האָט אָבער וועגען דעם אן אנדער מיינונג. די העכערע גע־זעלשאַפט פיהלט זיך ניט איבעריג געשמייכעלט, וואָס ער מאַכט זיי בע־קאַנט מיט זיין געליעבטע. איך דענק, דאָס צו גראַסיני'ן הייַנט וועט ער ניט האָבען די העזה זי צו ברענגען.

— מעהר וואָלט איהם ניט געפעהלט ! סעניאָרא גראַסיני, איז ניט די פרוי, וועלכע זאָל צולאָזען אזא פערברעכען געגען דער זאָגענאַנטער אַנשטענ־דיגקייט. איך וואָלט אָבער וועלען הערען וועגען ריוואַרעס, דעם סאַטיריקער, ניט וועגען זיין פּריוואַט־לעבען.

— איך קען זעהר ווייניג צוגעבען צו דעם, וואָס איהר ווייסט וועגען איהם. ער איז פאָלשטענדיג איינפערשטאַנען מיט אונזערע אידעען און איז צופריעדען אַנצופאַנגען אַ קאַמפּף געגען די יעזואיטען. די געלד־פראַגע וועט אונז קיינע שוועריגקייטען ניט מאַכען, ווייל ער איז בעריט צו ארבייטען אין גאַנצען אָהן געלד.

— האָט ער דען מיטלען ?

— אַזוי ווייזט עס אויס ; מען זאָגט אַז ער האָט אַ חלק אין אַ מינע אין בראַזיליען, אויסער דעם האָט ער געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג אַלס אַ פעליע־טאָניסט אין פאַריז און אין וויען. ער בעזיצט פאָלשטענדיג אַ 6־7 שפּראַכען; און אויב ער וועט דאָ פערבלייבען מיט אונז, וועט ער נאָך האָבען גענוג צייט מיטצואַרבייטען אין אויסלענדישע צייטונגען.

— יע, דאָס איז ריכטיג... אַלזאָ, עס איז שוין צייט, צעזאַר קומט. איך וועל אייך היינטיגען מאָל נאָכגעבען און אַנטשעפּען אייערע בלומען.

— מאַרטיני איז געוועזען גערעכט, ווען ער האָט פאַראויס געזאָגט, דאָס אויפ׳ן אָוועַנד וועט זיין זעהר לאַנגווייליג. די געסט האָבען זיך ארומגע־דרעהט הין און צוריק, פיהרענדיג צווישען זיך געמאַטערטע געשפּרעכען ; און גראַסיני האָט געהאַלטען אין אויפנעהמען נייע און נייע געסט, מיט אַ צוקער־זיסער, העפליכער מינע.

— ווען ער האָט דערזעהן דזשעממאַ׳ן, איז דער קאַלטער אויסדרוק פון זיין געזיכט פערשוואונדען געוואָרען. אין דער ווירקליכקייט האָט ער זי ניט שטאַרק ליעב געהאַט, ער האָט אָבער געפיהלט, אַז אָהן איהר וועט זיין סאַלאָן זיין ווייניגער אַנציהענד : איהרע רוהיגע, אַנגענעהמע מאַניערען, נאַטירליכע און איינפאַכע האַלטונג פלעגען אימער מאַכען די געסט זיך צו פיהלען בעסער אין איהר געזעלשאַפט.

אויך סעניאָרא גראַסיני האָט איהר אויפגענומען מיט אַ פריינדליכען שמייכעל אויף די ליפּען, אַבוואָהל אין האַרצען האָט זי איהר שטאַרק געהאַסט פאַר איהר פעסטען כאַראַקטער, גראַדען שכל, ערנסטקייט, אָפענהערציגקייט און פאַר אַלע די גוטע מעלות, מיט וועלכע זי פלעגט ביי אויפריכטיגע מענ־שען אימער אויסנעהמען. דזשעממאַ, האָט נאַטירליך גוט פערשטאַנען ווי פאַלש עס זיינען די חן׳דלאַך און די געקינסטעלטע קאָמפּלימענטען. זי האָט זיך אָבער ווייניג וועגען דעם געקימערט. דורכשפּאַצירענדיג דורך דעם העל־בעלויכטענעם זאַל, האָט זי גלייך געטראָפען פיעלע בעקאַנטע און זיך מיט זיי אונטערהאַלטען אין פריינדליכע געשפּרעכען. די געשטיקטע לופט אין זאַל און די אַנשטרענגונג צו העלפען דעם ווירטה צו אונטערהאַלטען פער־שיעדענע געסט, האָט איהר אָבער שנעל מיעד געמאַכט. זי האָט אָנגעהויבען צו פיהלען קאָפּ־שמערצען. אַבוואַרטענדיג אַ פּאַסענדע געלעגענהייט, האָט זי

זיך שנעל ארויסגעגליטשט אויף דער טעראססע און זיך אַבגעזוכט אַן איינזאמען פּלאַץ אין אַ ווינקעל אונטער אַ גאַנצע רייהע פון געדיכטע פּאַלמענבוימלאַך און אַנדערע געוויקסע. דאַ, האָט זי געדענקט, וועט זי זיך קענען אויסרוהען אַנגעשטערט.

עס איז געווען אַ וואונדערבארע שעהנע נאַכט. זי האָט ארומגעוויקעלט איהר קאָפּ מיט אַ זיידענעם שאַל און איז געזעסען רוהיג, פערזונקען אין פערשיעדענע געדאַנקען. פּלוצלונג האָט זי דערהערט ניט ווייט פון זיך טריט פון אַ פּאָר שפּאַצירענדע, וועלכע האָבען זיך, צו איהר גרויסען פערדרוס, צופעליג אַבגעשטעלט נעבען פּלאַץ, וואו זי איז געזעסען. אַ דינע קוויטשעדיגע שטימע האָט עטוואָס געערעדט שנעל, אָהן אויפהער, נאַכהער האָט אַבגעקלונגען אַ צווייטע שטימע, אַ מענערשע, זעהר אַ ווייכע און מוזיקאַלישע, נאָר עפּעס פלעגען די ווערטער זאָנדערבאר פארנאַנדערגעצויגען ווערען.

— אַן ענגלענדערין? — זאָגט איהר? — האָט דיזע שטימע אַ פרעג געטהאָן — אָבער איהר פאמיליע איז דאָך אַן איטאַליעניש. — ווי האָט איהר געזאגט? באַללא, שיינט מיר.

— יע, זי איז אַן אַלמנה פון דעם אונגליקליכען דזשיאוואני באַללא, וועלכער איז געשטאָרבען מיט 4 יאָהר צוריק אין ענגלאַנד פון שווינדזוכט.

— געשטאָרבען אין ענגלאַנד.... האָט ווידערהאָלט די מענער־שטימע. איז ער, הייסט עס, געווען אַן עמיגראַנט? מיר שיינט, איך האָב געהערט ערגעץ זיין נאָמען. איז ער ניט געווען פערמישט אין דער אָרגאַניזאַציאָן „יונג איטאַליען“ אין דער ערשטער צייט פון איהר עקזיסטענץ?

— יע, ער איז געווען איינער פון דיזע אונגליקליכע מאַרטירער, וועלכע זיינען ארעסטירט געוואָרען אין 33טען יאָהר, וועלענדיג בעפרייען אונזער טהייערע פאַטערלאַנד.

סעניארא גראַסיני האָט דערביי אַ שטאַרקען זיפץ געטהאָן. מיט אויסלענדער פלעגט זי אימער רעדען אין דיזען גייסט, שפּיעלענדיג די ראָליע פון אַ הייסער פּאַטריאָטקע, וועלכע נעהמט שטארק צום הארצען די צרות פון איהר פאָטערלאַנד.

— מיט איניגע מאָנאַטען שפּעטער, נאָך זיין בעפרייאונג — האָט זי ווייטער פאָרטגעזעצט — איז דזשיאָוואני באַללא אוועק נאָך ענגלאַנד און דאָרטען איז ער אין אַ קורצע צייט אָרום געשטאָרבען. אָרימע דזשעממא, וויפיעל זי איז עס אויסגעשטאַנען זייט דאַן. מיר האָבען איהר אַלע ליעב פאַר איהר נאַטור, די צרות האָבען איהר בלויז....

דזשעממא האָט זיך אויפגעהויבען פון פּלאַץ און פאַרנאַנדערגענומען די צווייגען. די פּלוידערייען וועגען איהר, אום צו אונטערהאַלטען אַ גאַסט, זיינען פאַר איהר געווען אונערטרעגליך.

— אָט איז זי אליין — האָט די ווירטהין אויסגערופען מיט אַ מערק־ווירדיגער זעלבסטבעהערשונג — און איך האָב גאָר ניט געקענט פערשטעהן, מיין טהייערע, וואו איהר האָט זיך אַהינגעטהאָן. סעניאר פעליטשע ריוואַ־רעס ווינשט מיט אייך זיך צו בעקענען.

„אלזאָ, דאס איז ער, „דער שטעכעדיגער" — האָט דזשעמא אַ קלעהר געטהאָן, בעטראַכטענדיג איהם נייגעריג.

ער האָט זיך העפליך אַ נייג געטהאָן און געוואָרפען אויף איהר אַ שנעלען, דורכדרינגענדען בליק.

— איהר האָט זיך אויסגעזוכט אַ פּראַכטפאָלען ווינקעל — האָט ער בעמערקט, קוקענדיג אויף דעם געדיכט־בעוואַקסענעם פּלאַץ, פון וואַנען זי איז אַרויסגעקומען.

— יע, זעהר אַ גוטער פּלאַץ. איך בין דאָ, אום צו כאַפּען אַ ביסעל פרישע לופט.

— זעהט נאָר, סעניאָר: איז ניט אונזער איטאַליען אַן אמת'ער גן־עדן — האָט אויסגערופען סעניארא גראסיני. — און ווען מען בעדענקט נור, דאָס דיעזע וואונדערבאַרע לאַנד מיט איהרע בלומען און שעהנער נאַטור דאַרף זיין פערשקלאַפט!

— אַך, ווי גליקליך איז דאָס לאַנד, וועלכע האָט אַזעלכע הייסע פּאַט־ריאָטקעס! — האָט דער שטעכעדיגער לאַנגזאַם אַרויסגעשטאַמעלט.

דזשעממא האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן דערשראָקען: אין זיינע ווערטער האָט זיך דייטליך געהערט אַ שפּאָטענדער טאָן. סעניאָרא גראסיני האָט עס אָבער ניט פערשטאַנען און האָט אַראָבגעלאָזען די אויגען מיט אַ זיפץ.

— אַך, סעניאר, וועלכע אונבעדייטענדע ראָליע עס שפּיעלען יעצט ליידער די פרויען.... איהר וועט מיר מוזען ענטשולדיגען, מיינע פריינדע, איך מוז זיך צוריקקעהרען צו מיינע פליכטען. דזשעממא, טהייערע, איך לאָז יעצט איבער הערר ריווארעס אונטער אייער שוץ. איך בין זיכער, איהר וועט שוין זאָרגען, אז ער זאָל זיך בעקענען מיט אַלע בערימטהייטען. אָט געהט דער גרויסער רוססישער קניאַז! איהר קענט זיך ניט מיט איהם? מען זאָגט, ער איז אַ נאָהענטער פריינד פון ניקאָלאַיען.

זי איז שנעל צוגעגאַנגען צו אַ הערר מיט אַ ברייטען האַלז, ווי ביי אַן אָקס, וועמעס מונדיר איז געווען אין גאַנצען בעהאַנגען מיט פינקלענדע אָרדענס, און איז מיט איהם פערשוואונדען צווישען די איבעריגע געסט.

— אָט געהט האַנד אין האַנד דער איטאַליענישער און רוסישער פּאַט־ריאָטיזמוס, האָט ריוואַרעס בעמערקט מיט אַ שמייכעל — זיי שיינען צו זיין זעהר צופריעדען איינע מיט די אַנדערע. וועלכער געפעהלט אייך בע־סער?

דזשעממא האט זיך לייכט פערקרימט און גאר ניט געענטפערט. זי איז די גאנצע צייט געשטאנען אונטער א גראנאטען־בוים און קיין אנטהייל ניט גענומען אין דעם געשפרעך. עס האט איהר וועה געטהאן פאר דער ארימער ניט איבערשפיצטער פרוי און איהר האט פערדראסען אויף ריוואַרעס'ען, ווי ער לאכט אזוי אב פון איהר.

— גע־ווי־יס — האט ער פארטגעזעצט, אויסציהענדיג די ווערטער — דאס איז א געשמאק־זאך.

— מיר שיינט — האט דזשעממא קאלט ארויסגערעדט — מען קען אויסשפרעכען א מיינונג און ניט אבלאכען פון דער ווירטהין, ביי וועלכער מען איז א גאסט.

— יע, אמת, איך האב גאר פערגעסען ווי הויך עס ווערען אין איטאַליען געשעצט די פליכטען פון גאסטפריינדליכקייט. די איטאליענער זיינען א זעהר גאסטפריינדליכעס פאלק. איך בין זיכער, דאס די עסטרייכער האלטען זיך אויך ביי דער זעלבער מיינונג.... ווילט איהר זיך פיליכט צו־זעצען ?

ניט ווארטענדיג אויף איהר ענטפער, איז ער צוהינקענדיג א ביסעל אוועק און געבראכט א שטוהל. אליין האט ער זיך אוועקגעשטעלט געגענאיבער, אנשפארענדיג זיך אויפ'ן צאם פון דער טערראסע. דאס ליכט פון פענסטער איז איהם געפאלען גלייך אויפ'ן געזיכט, און דאס האט איהר געגעבען די מעגליכקייט איהם גוט צו בעטראכטען.

ער איז געווען שטארק אבגעבערענט און האט אויסגעזעהן ווי א מולאט. דער שטערען און די לינקע באק זיינען געווען איבערגעצויגען מיט א לאַנגען שניט און יעדעס מאל, ווען ער האט אנגעהויבען זיך צו פערהיקען, פלעגט דיזע זייט פון געזיכט זיך בעוועגען פון א נערוועזען ציטער. ניט אכטענדיג אויף דעם, וואס ער האט א ביסעל צוגעהונקען, איז ער געווען פלינק אין זיינע בעוועגונגען און בויגזאם ווי א קאץ. אויף זיין ניט זעהר צוציהענדען געזיכט האט אימער געשוועבט א שטאלצער שפאטישער שמייכעל.

— איך האב געהערט — האט ער געזאגט — דאס איהר אינטערעסירט זיך מיט דער ראדיקאלער פרעסע און זייט זאגאר א מיטארבייטערין אין די צייטונגען.

— איך שרייב א מאל, אבער איך האב זעהר וועניג פרייע צייט.

— יע, דאס איז גאנץ פערשטענדליך : סעניארא גראסיני האט מיר געזאגט, דאס איהר זייט בעשעפטיגט מיט א זעהר ערנסטע ארבייט.

— עס איז אמת, דאס איך בין בעשעפטיגט, אבער סיניארא גראסיני טרייבט שטארק איבער די בעדייטונג פון דער ארבייט — האט זי טרוקען געענטפערט.

—יע, עס וואָלט וועניג גוטעס געווען, ווען אַלע זאָלען האַלטען אין איין בעזינגען איטאַליען. אַ, איך ווייס, וואָס איהר וועט זאָגען — און איהר זייט פאַלשטענדיג גערעכט — אָבער וואָס קען מען מאַכען, ווען זיי זיינען אַזוי לעבערליך מיט זייער צוקראַכענעם פאַטריאָטיזמוס.... ווילט איהר זיך צוריקקעהרען אין זאַאַל?

— יע, מען דאַרף אַריינגעהן. אַך, מיין שאַל איז אַרונטערגעפאַלען... איך דאַנק אייך.

ריוואַרעס האָט שנעל אויפגעהויבען דעם שאַל און איהר דערלאַנגט, קוקענדיג אויף איהר מיט אַ קלאָהרען, אונשולדיגען בליק.

— איך ווייס, איהר זייט אויף מיר אַנגעשטויסען פאַר־וואָס איך מאַך שפּאַס פון דער אַנגעפּאַרבטער ליאַלקע — האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ טאָן פון חרטה.

— וויבאַלד איהר פרעגט, וועל איך אייך זאָגען. עס איז אַ שאַנדע, נאָך מיין מיינונג, זיך צו בענוצען מיט דעם, וואָס איינער איז פון דער נאַטור ניט קלוג, און אָבלאַכען פון איהם. דאָס איז אַלץ איינס ווי אויסצו־לאַכען אַ קאַליקע אָדער....

ריוואַרעס איז ביי די לעצטע ווערטער געוואָרען ווייס, ווי קאַלך און דער פּנים האָט זיך ביי איהם פערקרימט ווי פון אַ שטאַרקען וועהטאַג. ער האָט אַ בליק געטהאָן אויף זיין הינקעדיגע פוס און צושניטענע האַנד, אָבער ער האָט זיך מאָמענטאַן בעהערשט און אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער.

— דער פערגלייך איז ניט זעהר קיין געלונגענער, סעניאָרא: מיר קאַליקעס, רוקען זיך ניט איבעראַל מיט אונזערע חסרונות, ווי די פרוי מיט איהרע נאַרישקייטען... דאָ איז אַ טרעפּעל — שפּאַרט זיך אָן אויף מיין אָרעם.

דזשעממאַ איז געגאַנגען שווייגענדיג. איהר האָט שטאַרק געוואונדערט דער אונערוואַרטעטער איבערגאַנג זיינער.

ווי נאָר די טיהר פון זאַל האָט זיך געעפענט, האָבען זיי גלייך בע־מערקט, דאָס אין זייער אַבוועזענהייט איז דאָרט פאָרגעקומען עטוואָס בע־זאָנדערעס. די מענער זיינען אומגעגאַנגען הין און צוריק עטוואָס צוטראָ־גען, די דאַמען האָבען געשיינט צו זיין זעהר אויפגעבראַכט און דער ווירטה פון הויז איז אַרומגעלאָפען מיט אַ פערשטיקטען כעס. אַ גרופּע טוריסטען איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל און געמאַכט שפּאַסהאַפטע בעמערקונגען וואָר־פענדיג בליקען אויפ׳ן צווייטען זייט פון זאַאַל. איין סעניאָראַ גראַסיני האָט געשיינט צו זיין גאַנץ קאַלטבלוטיג. קאָקעטיש שפּיעלענדיג זיך מיט׳ן פעכער, האָט זי געהאַלטען אין איין פּלוידערען מיט׳ן סעקרעטער פון דער האָללענדישער געזאַנדשאַפט.

רזשעממא איז אויף א מינוט שטעהן געבליבען אין טיר און א קוק געטהאן אויף ריווארעס'ען, אום צו זעהען, אויב ער האט בעמערקט די אל־געמיינע פערווירונג. אויף זיין געזיכט איז געווען אויסגעגאסען ווי א מין צופרידענער שמייכעל. איהר איז דאן אלעס קלאהר געווארען: ער האט אהער געבראכט זיין געליעבטע פריי און אפען אלעמען אויף צו להכעיס.

די ציגיינערין איז געזעסען אויף א דיוואן, ארומגערינגעלט פון א מא־סע פרעהליכע קאוואליערען און איראניש שמייכלענדע אפיצערען. זי האט געטראגען א פראכטפאלע געל־רויטע זיידענע קלייד און פיעל קאסטבארע ציערונג. ווי עס האט געשיינט, האט זי זיך געפיהלט זעהר ניט בעקוועם אין דער קאמפאניע פון אלע יונגע לייט; אויף די דאמען, וועלכע האבען זיך געפונען בעליידיגט פון איהר אנוועזענהייט, האט זי געוואר־פען פיינדליכע בליקען. בעמערקענדיג ריווארעס'ען דורכגעהענדיג מיט דזשעממא איבער'ן זאאל, איז זי אויפגעשפרונגען פון פלאץ און איז צוגע־לאפען צו איהם.

מאססיע ריווארעס, איך האב אייך איבעראל געזוכט — האט זי שנעל ארויסגערעדט אויף א זעהר געבראכענעם פראנצויזיש — גראף סאלטיקאוו וויל וויסען, אויב איהר וועט מארגען אבענד קענען קומען צו איהם אין זיין פאלאץ. עס וועלען זיין טענץ.

— ליידער קען איך ניט געהן אהין, און ווען איך וואלט יע געקענט קו־מען, קען איך דאך אלענפאלס ניט טאנצען... סעניארא באללא, ערלויבט מיר אייך בעקאנט צו מאכען מיט מאדאם זיטא רעני.

די ציגיינערין האט געווארפען אויף דזשעממא'ן א שטאלצען בליק און האט זיך טרוקען פערנייגט.

דזשעממא האט זיך די גאנצע צייט ניט געפיהלט בעזאנדערס בעק־וועם אין דער געזעלשאפט פון ריווארעס, און יעצט מיט דער ערשיינונג פון זיין געליעבטער, איז דיעזער געפיהל נאך פיעל שטארקער געווארען. ווען דער ווירטה איז צו איהר צוגעגאנגען און געבעטען זי זאל איהם העלפען צו אונטערהאלטען די געסט אין דעם צווייטען צימער, האט זי דערפיהלט, ווי א שווערער שטיין איז איהר ארונטערגעפאלען פון הארצען.

— —

— נו, וואס זאגט איהר וועגען דעם שטעבעדיגען, מאדאנא? — האט מארטיני א פרעג געטהאן דזשעממא'ן, ווען זיי האבען זיך שפעט ביינאכט צוריקגעקעהרט אהיים — האט איהר אמאל געזעהען עטוואס עהנליכעס? עס איז דאך געווען איינפאך א געמיינהייט אזוי אבצוטהאן די ארימע גרא־סינים.

— דאס רעדט איהר וועגען דעם, וואס ער האט אהין געבראכט זיין טענצערין? איך מיין אויך, דאס עס איז געווען ניט זעהר טאקטיש פון

זיין זייט. די גראסיניס זיינען צוליעב דעם געווען אין א פאלשער לאגע און אויך איהר אליין האט ער מיט דעם קיין פערגעניגען ניט פערשאפט. איך בין זיכער, דאס זי האט זיך זעהר שלעכט געפיהלט.

— איהר האט, שיינט מיר, מיט איהם גערעדט? וואס פאר אן איינדרוק האט ער אויף אייך געמאכט?

— א, צעזאר, איך האב געהאלטען אין איין טראכטען ווי פון איהם פטור צו ווערען. איך האב קיינמאל ניט בעגעגענט אזא אונרוהיגע פערזאן. אין צעהן מינוט צייט האט זיך מיר פערדרעהט דער קאפ פון זיינע געשפרעכען.

— איך האב פריהער געוואוסט, דאס ער וועט אייך ניט געפעלען ווערען. אויך מיר איז ער ניט געפעלען, דעם אמת־זאגענדיג, איך האב צו איהם קיין צוטרוי ניט.

3.

דער שטעכעדיגער האט זיך געדונגען א וואוינונג חינטער'ן שטאדט ניט ווייט פון די רוימישע טויערען; אין זעלבען געגענד האט זיך אויך זיטא בעזעצט. לויט זיין ארט לעבען, האט ער געשיינט צו זיין א גרויסער פערשווענדער. אלעס אין הויז ביי איהם איז געווען אויסגעשטאטעט רייך און מיט געשמאק. גאללי און ריקארדא זיינען געווען איבערראשט צו זעהן, דאס איינער, וועלכער האט יאהרענלאנג פערבראכט אין די ווילדערנעסען פון בראזיליען, זאל האבען א געשמאק צו לעבען מיט אזא לוקסוס: פריישע בלומען יעדען טאג אויפ'ן טיש א. ד. גל. דאך פלעגען זיי אלע לעבען מיט איהם גוט. איין דזשעממא איז געווען אן אויסנאהמע. ער פלעגט אימער אויסמיידען איהר צו טרעפען; און ווען ער פלעגט איהר ווען עס איז בעגעגענען דורך א צופאל, איז ער געווען צו איהר קאלט און שטרענג. מארטיני'ן, האט דיעזע בעציהונג זיינע צו דזשעממא'ן שטארק פערדראסען.

— מיך אינטערעסירט ניט — האט ער איינמאל געזאגט צו איהר — וואס ער האט מיך ניט איבעריג ליעב, איך קען אבער ניט פערטראגען זיין האלטונג צו אייך. איך וואלט ביי איהם געפאדערט אן ערקלעהרונג, אבער דאס וואלט אנגעמאכט א גאנצען סקאנדאל אין אונזער פארטיי. מיר האבען איהם אליין איינגעלאדען צו קומען אהער און יעצט אנפאנגען א קריעג...

— לאזט איהם צורוה, צעזאר, זיין שלעכטע בעציהונג צו מיר האט ניט קיין בעדייטונג פאר דער אלגעמיינער זאך אונזערער; דערצו בין איך אין דעם ניט ווניגער שולדיג, ווי ער.

— מיט וואס זייט איהר דען שולדיג?

— מיט דעם, וואס ביי מיר האט זיך ארויסגעבאפט א צו שארפע בעמערקונג, ווען מיר האבען זיך געטראפען דעם ערשטען מאל אויף גראסיני'ס אבענד.

— איהר האָט איהם בעליידיגט? ענטשולדיגט, מאדאַנאַ, איך קען עס גאָר ניט גלויבען.

— עס איז, נאַטירליך, אַרויסגעקומען ניט ווילענדיג, און איך האָב עס נאָכהער אַליין בעדויערט. איך האָב געמאַכט אַ געוויסע בעמערקונג וועגען קאַליקעס און ער האָט עס אָנגענומען אויף זיין חשבון. מיר איז גאָר דאַן אויפ'ן זינען ניט געקומען צו בעטראַכטען איהם אַלס אַזעלכען, ער איז גאָר ניט אַזוי שטאַרק צוקאַליעטשעט.

— יע, בלויז איין אַקסעל איז נידריגער פאַר'ן צווייטען און די לינקע האַנד איז אַ רעכט ביסעל צודרעהט. וועגען דער הינקעדיגער פוס איז ניטאָ וואָס צו דערמאָנען....

— פונדעסטוועגען האָט ער זיך דאַן געפיהלט שטאַרק געקרענקט. פון מיין זייט איז עס, נאַטירליך, געווען זעהר ניט טאַקטיש, אָבער דאָך איז עפּעס זאָנדערבאַר, וואָס ער איז אַזוי עמפּפינדליך. איהם איז וואַהרשיינ־ליך אָפט אויסגעקומען צו ליידען פון עהנליכע בעמערקונגען.

— עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלען, דאָס ער האָט מעהר אָבגעלאַכט פון אַנדערע, ווי יענע פון איהם. נאָך אַלע זיינע שעהנע מאַניערען איז ער פון דער נאַטור אַ שלעכטער. איך פיהל צו איהם אַ האַס.

— דאָס איז ניט ריכטיג, צעזאַר. איך האָב איהם אויך ניט איבעריג ליעב, אָבער צו וואָס זאָל מען איבערטרייבען זיינע פעהלערען? עס איז אמת, דאָס ער האַלט זיך אימער אין איין ווּיצלען, אָבער איך דענק ניט, דאָס ער האָט דערביי שלעכטע אַבזיכטען.

— וואָס ער מיינט דערביי, ווייס איך ניט, אָבער אויב איינער לאַכט אימער אָב פון אַלעס, איז עטוואָס ניט גלאַט אין דעם. עס איז געווען איינ־פאַך עקעלהאַפט צו הערען אויף דער לעצטער פערזאַמלונג ביי פאַבריצי'ן, ווי ער האָט זיך גע־חכמה'ט איבער די רעפאָרמען אין רוים. ער האָט, ווי עס שיינט, פערגעניגען אין אַלעס צו געפינען די שלעכטע זייט.

— אין דעם פונקט, האָב איך מורא, וועל איך שוין גיכער איינשטימען מיט איהם — האָט דזשעממאַ זיפץ ערווידערט. — מיר, ווייכהער־ציגע, לאָזען זיך לייכט פערפיהרען פון זיסע חלומות און האָפנונגען. ווי־באַלד עס איז ערוועהלט געוואָרען אַ ליבעראַלער פּאַבסט, וועלכער האָט פריי־געלאָזען פון געפענגנים אונשולדיגע געפאַנגענע, ערוואַרטען מיר שוין די גאַנצע גאולה פון איהם. איהר וועט, וואַהרשיינליך, קיינמאָל ניט פער־שטעהן, דאָס ער קען גאָר ניט איינפיהרען גערעכטיגקייט, ווען ער זאָל אַפילו וועלען. און שולדיג אין דעם איז דער פּרינציפּ, אויף וועלכען די אַרבייט ווערט געטהאָן, דאָס וואָס איינעם ווערט געגעבען די מאַכט צו הערשען איבער'ן צווייטען, דאָס בעשאַפט פאַלשע בעציהונגען צווישען מענ־שען.

— גענוג, מאראנא, גענוג! — האט מארטיני אויסגערופען מיט א שמייכעל — איך וויל זיך מיט אייך ניט שפארען. זאגט מיר בעסער אייער מיינונג וועגען דעם נייעם פאמפלעט, וואס דער אונערטרעגליכער ריוואַרעס האט נעכטען צוגעשיקט צו דער זיצונג פון קאמיטעט. איך בין געווען איינפאך אויסער זיך, ווען איך האב דורכגעלעזען דיעזען אונזיניגען מאַנוסקריפט.

— וואס איז מיט אייך, צעזאר? איהר זייט שוין ווירקליך א ביסעל צופיעל אויפגעבראכט געגען איהם. ריווארעס איז פיליכט ניט קיין אַנגענעהמע פערזאן, ער איז דאך אבער אלענפאלס ניט אזא נאר.

— איך לייקען ניט אב, דאס דער פאמפלעט איז אנגעשריעבען ניט שלעכט... לעזט עס אבער אליין דורך — האט ער געזאגט, געבענדיג איהר דעם מאנוסקריפט.

דער פערפאסער פון פאמפלעט האט ביטער אבגעלאכט פון דעם ווילדען ענטהוזיאזמוס, מיט וועלכע איטאליען האט אויפגענומען דעם נייעם פאפסט. דער טאן איז געווען זעהר שארף און בייסענד ווי אלעס וואס פלעגט ארויסגעהן פון דעם שטעכעדיגען'ס פעדער. ווי דיעזער טאן האט דזשעממא'ן ניט געשמעקט, האט זי דאך טיף אין הארצען געמוזט אנערקענען די ריכטיגקייט פון דער קריטיק.

— איך גיב צו, דאס דער פאמפלעט איז א ביסעל צו שארף אנגעשריעבען — האט זי געזאגט, אוועקלעגענדיג דעם מאנוסקריפט אויפ'ן טיש — ערגער פון אלץ איז אבער, דאס אלעס, וואס ער זאגט, איז דער ריינער אמת!

— דזשעממא!

— עס איז אבער פארט אזוי. רופט דעם מענשען, וואס איהר ווילט, דער אמת איז אבער אויף זיין זייט.

— מיינט איהר, אלזא, דאס מען דארף דיעזען פאמפלעט דרוקען, ווי ער איז?

— דאס איז א גאנץ אנדער פראגע. ווען מען זאל עס אבדרוקען אהן ענדערונגען, וועט עס אנמאכען א צו גרויסען טומעל און ניט האבען די געווינשטע ווירקונג. אויב אבער ריווארעס וואלט וועלען איבערמאכען עס א ביסעל און ארויסווארפען די אנגריפע, וואס טראגען א פערזענליכען כאַראקטער, וואלט פון דעם ווירקליך ארויסגעקומען א שאצבארע זאך. די קריטיק פון דער פאליטיק איז אויסגעצייכענט. איך האב קיינמאל ניט ערווארטעט, דאס ריווארעס זאל קענען אזוי גוט שרייבען. ער זאגט גראדע דאס, וואס מען דארף. ווי שעהן, צום ביישפיעל, איז אנגעשריבען דער טהייל, וואו ער פערגלייכט איטאליען מיט א שכור, וועלכער פערגיסט פרייַדען־טרעהרען אויפ'ן אקסעל פון גנב, וואס נעהמט ביי איהם צו אלעס, וואס ער פערמאגט ביי זיך.

— דזשעממא ! אָבער דאָס איז דאָך דער ערגסטער פּלאַץ אין גאַנצען פּאַמפּלעט ! איך פערשטעה ניט, ווי מען קען פערטראָגען ווען איינער לאַכט אָב פון אַלעס און פון אַלעמען.

— מיר געפעהלט עס אויך ניט, אָבער דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען דעם. דאָס, וואָס ער זאָגט, אַז מיר פערטויבען זיך מיט די פייערליכע פּראָצעסיאָנען און פערשיעדענע ליעבעס־פערשפּרעכונגען און די יעזואיטען וועלען דערוייל דערפון פּראָפּעטירען, איז ער טויזענד מאָל גערעכט... שאַדע, וואָס איך האָב נעכטען פערפעהלט צו זיין אויף דער זיצונג פון קאָמיטעט. וואָס האָט מען דאַרטען סוף כל סוף בעשלאָסען ?

אַט וועגען דעם טאַקע בין איך צו אייך היינט געקומען. מיר האָבען בעשלאָסען אייך צו בעטען איהר זאָלט צו איהם אַריבערגעהן און זעהען איהם בעווענען ער זאָל מילדער מאַכען דעם פּאַמפּלעט.

— געהן צו איהם ? איך קען דאָך איהם כמעט ניט ! אויסער דעם קען ער מיך גאָר ניט אָנקוקען. פאַר־וואָס עפּעס איז געפאַלען דער גורל אויף מיר און ניט אויף קיין אַנדערען ?

— איינפאַך דערפאַר, ווייל אַלע איבעריגע האָבען היינט קיין צייט ניט. אויסער דעם זייט איהר צווישען אונז אַלע די מעהר געזעצטע און קאַלטבלוטיגע. איהר וועט זיך קענען בעהערשען און ניט צוקריגען זיך מיט איהם.

— אָ, דאָס וועט זיכער ניט פּאַסירען. אַלזאָ, גוט, איך וועל צו איהם אַריבערגעהן. איך זאָג אָבער פאָראויס, דאָס איך האָף וועניג אויף ערפאָלג.

— און איך בין זיכער, דאָס אייך וועט געלינגען איהם איבערצורעדען, ווען איהר וועט נור וועלען. זאָגט איהם, דאָס דער קאָמיטעט איז ענטציקט פון זיין פּאַמפּלעט — נאַטירליך, אין ליטעראַרישען הינזיכט — עס וועט איהם ברענגען אין אַ גוטער שטימונג.

דער שטעכעדיגער איז געזעסען ביי זיין שרייב־טיש, פערטיעפט אין זיינע געדאַנקען, האַלטענדיג אויף די קניע אַן אויפגעמאַכטען בריעף. דער קודלאַטער שוואַרצער הונד זיינער, וועלכער איז געלעגען אויסגעצויגען אויף אַ קאַרפּעט נעבען זיינע פיס, האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אָנגעהויבען שטאַרק צו ברומען, ווען דזשעממא האָט אָנגעקלאַפּט אין דער אָפענער טיר. ריוואַרעס האָט איהר העפליך בעגריסט און זיך געווענדעט צו איהר מיט אַן אייז־קאַלטען טאָן :

— איהר זייט זעהר פריינדליך, אָבער צו וואָס האָט איהר זיך געדאַרפט בעמיהען ? ווען איהר וואָלט מיר צו וויסען געגעבען, דאָס איהר ווילט מיך זעהן, וואָלט איך גלייך צו אייך געקומען !

פיהלענדיג, דאָס איהם איז ניט זעהר אַנגענעהם איהר בעזוך, האָט זי

איהם אויף גיך ערקלערט, דאָס זי איז געקומען וועגען געשעפטס־אַנגעלע־גענהייטען. ער האָט זיך ווידער פערנייגט און איהר צוגערוקט אַ שטוהל.

— איך בין געקומען צו אייך אין נאָמען פון קאָמיטעט. די מאַיאָ־ריטעט איז ניט אײנשטימיג מיט איינינע פונקטען פון אייער פּאַמפלעט.

— איך האָב עס פריהער געוואוסט. ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן און זיך געזעצט געגען איהר, איבעררוקענדיג אויפ'ן טיש די גרויסע וואזע אזוי, אַז זי זאָל פערשטעלען זיין פּנים פון ליכט. דאַן האָט ער אָבגעריסען אַ בלעטעל פון וואזא און לאַנגזאַם גענומען עס פליקען אין זיינע הענד.

דזשעממאַ'ס בליק האָט זיך צופעליג אָבגעשטעלט אויף די פינגער פון זיין רעכטער האַנד, און אַ מאָדנער אונרוהיגער געפיהל האָט איהר אָנגעהויבען צו בעהערשען, איהר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי האָט ערגעץ־וואו פריהער געזעהן דיזע געוואוינהייט צו פליקען בלעטלעך.

— אַלס ליטעראַרישעס ווערק — האָט ער בעמערקט מיט זיין ווייכע שטימע — האָט מיין פּאַמפלעט קיין ווערדע ניט; בלויז פּראָפּאַגאַנדען אין דער ליטעראַטור קענען פון דיזען שטאַנדפּונקט ענטציקט ווערען פון איהם; און דאָס, וואָס ער בעליידיגט, איז דאָך דאָס פּונקט, וואָס איך האָב געוואָלט.

— איך פערשטעה עס, אָבער אייערע אַנגריפע טרעפען ניט די, וועלכע עס איז נויטיג צו טרעפען.

— מיר שיינט, דאָס איהר האָט אַ טעות — האָט ער ערווידערט. — די פראַגע איז צו וועלכען צוועק האָט מיר אייער קאָמיטע אהער איינגעלאַדען. ווי איך האָב פערשטאַנען, איז עס געווען צוליעב דעם, אום צו בעקעמפּפען די יעזואיטען, און דיזע פליכט ערפיל איך. נאַטירליך, לויט מיינע קרעפּ־טען.

— איך קען אייך פערזיכערען, דאָס קיינער צווייפעלט ניט אין אייערע פעהיגקייטען און ניט אין אייער גוטען ווילען. דער קאָמיטעט האָט בלויז מורא, אַז אייער פּאַמפלעט זאָל ניט בעליידיגען די ליבעראַלע פּאַרטיי און רויבען פון אונז די מאָראַלע שטיצע פון די שטאַדטישע ארבייטער. איי־ערע פיילען זיינען געווענדעט געגען די היפּאָקריטישע יעזואיטען, אָבער פיעלע פון די לעזער קענען דענקען, דאָס איהר האָט אין זינען די קירכע און דעם נייעם פּאַבסט, און דאָס בעטראַכט דער קאָמיטעט צוליעב טאַקטישע אורזאַכען אַלס ניט ווינשעסווערטה.

— יעצט הויב איך אָן צו פערשטעהן. כל זמן איך פּאַל אָן אויף די פערטרעטער פון דער קירכע, מיט וועמען די פּאַרטיי איז אין שלעכטע בע־ציהונגען, מעג איך זאָגען דעם גאַנצען אמת; ווי אָבער עס קומט צו די גייסטליכע, וועלכע זי ליעבט, דאַן טאָר מען אַ וואָרט ניט אויסרעדען. איך וועל אָבער איינשטימען צו זיין וואָס איהר ווילט, נאָר ניט קיין ליגן. נאַ־

טירליך, מוז איך זיך בויגען פאַר דעם בעשלוס פון קאָמיטעט, אָבער איך דענק, דאָס ער פערנעהמט זיך מיט קליינינגקייטען און פערזעהט דאָס וויכ־טיגסטע. אַט זעהט וואָס אַ פריינד מיינער פון דער צווייטער זייט גרענעץ שרייבט מיר.

ער האָט ווידער גענומען דעם בריעף, וועלכען ער האָט געהאַלטען בשעת זי איז אַריינגעקומען און אָנגעהויבען לעזען אויפ'ן קול,בעטאָנענדיג יעדעס וואָרט און זיך שטאַרק פערהיקענדיג:

„איהר וועט אין קורצען האָבען דאָס פערגעניגען צו בעגעגענען איינעם פון אונזערע ערגסטע שונאים — דעם קאַרדינאַל לאָרענצאָ מאָנטאַנעלי, עפּיסקאָפּ פון בריזיגעלי. ער קלייבט זיך צו בעזוכען טאָסקאַן אין פערלויף פון קומענדען מאָנאַט מיט אַ זעהר וויכטיגער מיסיאָן. ביי דעם פּאָפּסט גרעגאָרי איז ער געווען ניט זעהר גוט פערשריבען און מען האָט איהם גע־האַלטען פעררוקט ערגעץ אין אַ ווינקעל. יעצט האָט ער זיך שנעל אַרויפ־געאַרבייט. ער איז איינער פון די גלענצענדסטע פּרעדיגער פון דער קאַטוי־לישער קירכע, און איז אין זיין אַרט אַזוי שעדליך ווי לאַמברוּאַיני אַליין. זיין יעצטיגע אויפגאַבע איז וואָס לענגער אויפצוהאַלטען ביים פאָלק דעם ענטהוזיאַזם מיט דעם נייעם פּאַבסט און האַלטען געשפּאַנט דעם עולם ביז דער גרויסהערצאָג וועט ניט אונטערשרייבען דעם אויסגעאַרבייטען פון•די יעזואיטען אַגענטען פּראָיעקט. אין וואָס דיעזער פּראָיעקט בעשטעהט איז מיר נאָך פאַרלויפיג ניט געלונגען אויסצוגעפינען. אויב מאָנטאַנעלי וויים צו וועלכען צוועק מען שיקט איהם נאָך טאָסקאַן, אָדער ער איז איינפאַך אַ ווערקצייג ביי די יעזואיטען אין די הענד, איז שווער צו פערשטעהן. ער איז אָדער אַן אויסערגעוועהנליך קלוגער שווינדלער, אָדער דער גרעסטער עזעל. מערקווירדיג איז דאָס וואָס ער נעהמט ניט קיין כאַבאַר און האָט ניט קיין געליעבטע, ווי אַלע אַנדערע קאַרדינאַלען.“

„דער שטעכעדיגער“ האָט אוועקגעלעגט דעם בריעף און אַ קוק געטהאָן אויף דזשעממאַ'ן מיט האַלב פערמאַכטע אויגען, וואַרטענדיג וואָס זי וועט זאָגען.

— זייט איהר זיכער, דאָס אייער קאָררעספּאָנדענט גיט ריכטיג איבער די פאַקטען ? — האָט זי אַ פרעג געטהאָן נאָך אַ קורצען שטילשווייגען.

— יע, איך קען זיך אויף איהם פערלאָזען. ער איז מיינער אַן אַלטער גוטער פריינד, איינער פון די חברים פון 34טען יאָהר. יעצט פערנעהמט ער אַ שטעלע, וועלכע גיט איהם די מעגליכקייט וועגען אַלע דיעזע זאַכען צו וויסען.

„געוויס אַ הויכער בעאַמטער אין וואַטיקאַן“, איז דורכגעפלויגען ביי איהר אין קאָפּ אַ שנעלער געדאַנק.

דיזער בריעף טראָגט, נאַטירליך, אַ פּערזענליכען כאַראַקטער — האָט פּאַרטגעזעצט „דער שטעכעדיגער" — און איהר פערשטעהט געוויס, דאָס אויסער די מיטגליעדער פון אייער קאָמיטעט דאַרף קיינער ניט וויסען זיין אינהאַלט.

— זעלבסטפערשטענדליך, אָבער לאָמיר זיך אומקעהרען צוריק צום פּאַמפּלעט. קען איך איבערגעבען דעם קאָמיטעט, דאָס איהר שטימט איין צו מאַכען געוויסע ענדערונגען און מילדער צו מאַכען אַ ביסעל דעם טאָן, אָדער....

— דענקט איהר ניט, סעניאָרא, דאָס ענדערונגען וועלען ניט נאָר אָב־שוואַכען די קראַפט פון דער סאַטירע, זאָנדערן אויך קאַליע מאַכען די ליטע־ראַרישע שעהנקייט פון פּאַמפּלעט?

— איהר פרעגט מיר מיין פּערזענליכע מיינונג און איך בין צו אייך געקומען רעדען אין נאָמען פון קאָמיטעט.

— זאָל איך פון דעם שליסען, אַז איהר פּערזענליך געהט זיך פּאַנאַנדער מיט דער מיינונג פון קאָמיטעט?

— אויב אייך אינטערעסירט, וואָס איך פּערזענליך דענק, קען איך אייך זאָגען, אַז איך בין ניט איינשטימיג מיט דער מאַיאָריטעט אין ביידע פונקטען. איך בין ניט נתפּעל פון פּאַמפּלעט אַלס אַ ליטעראַרישע ווערק. איך געפין אָבער, דאָס די פאַקטען זיינען ריכטיג בעלויכטען און אָבגעשאַצט.

— הייסט עס?

— איך בין פאַלשטענדיג איינשטימיג מיט אייך, דאָס איטאַליען ווערט פערבלענדעט פון די בלאַנזשענדע פייערן, וועלכע וועלען זי סוף כל סוף אריינשלעפּען אין אַ טיעפען זומפּ. מיר וואָלט געפרעהט, ווען דאָס וואָלט דעם עולם ערקלעהרט געוואָרען אָפען און דרייסט, ריזיקירענדיג זאָ־גאַר דערביי צו בעליידיגען און אָבשטויסען איינגע פון אונזערע חברים. אַלס מיטגליעד אָבער פון אַ קאָרפּאָראַציאָן, מוז איך אויספיהרען דעם בע־שלוס פון דער מאַיאָריטעט, וועלכע איז מיט מיר ניט איינפערשטאַנען. אויסער דעם שיינט מיר אויך, דאָס דער טאָן אייערער איז אַ ביסעל צו שאַרף.

— וועט איהר זיין אַזוי פריינדליך און אויפוואַרטען אַ ביסעל? איך וועל נאָך אַ מאָל דורכלעזען דעם מאַנוסקריפּט.

— יע, איהר זייט גערעכט — האָט ער געזאָגט, דורכלויפענדיג שנעל דעם פּאַמפּלעט פון אָנפאַנג ביז׳ן סוף — דער אַרטיקעל מאַכט ניט דעם איינדרוק ווי אַ פּאָליטישע סאַטירע: צופיעל ביליגע וויצען. וואָס קען מען אָבער מאַכען? שרייבען ערנסט וועט דער עולם ניט פערשטעהן; אויסלאָזען ווידער די איינציגע שאַרפזיניגע בעמערקונגען, וועט זיין לאַנג־וויילינג צו לעזען.

— דענקט איהר ניט, דאָס וויצען ווערען אויך צוגעגעסען, ווען זיי ווערען געגעבען אין צו גרויסע דאָזעס?

ער האָט אויף איהר אַ קוק געטהאָן מיט אַ שנעלען דורכדרינגענדען בליק און זיך פאַרנאַנדערגעלאַכט.

— ווי עס שיינט, געהערט איהר, סעניאָרא, צו דער שרעקליכער קאַטעגאָריע פון מענשען, וועלכע זיינען אימער גערעכט! עס קומט אלזאָ אויס, דאָס אויב איך וועל זיך ניט איינהאַלטען פון דעם אימער בעהערשענדען מיר נסיון צו רייצען מיינע מיטמענשען, וועל איך מיט דער צייט ווערען אזוי לאַנגווייליג פאַר אַלע ווי מאדאם גראַסיני. גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ טרויעריגער גורל! נו, זייט ניט בייז, איך וויים, דאָס אייך געפעהלט עס ניט און איך וועל דארום איבערגעהן צום פונקט. פראַקטיש שטעהט די פראַגע אזוי: אויב איך וועל אַפילו אָרויסוואַרפען פון פאַמפלעט אַלע פערזענליכע אנגריפע און דאָס איבעריגע לאָזען אונפערענדערט, וועט דער קאָמיטעט ניט וועלען נעהמען אויף זיך די פעראַנטוואָרטליכקייט עס צו דרוקען; אויב אָבער איך זאָל מקריב זיין דעם פאָליטישען אמת און אָנגרייפען די איינצעלנע פאַרטיי־שונאים, וועט דער קאָמיטעט זיין דערפון זעהר צופרידען. טו וואָס־זשע איז נאָך אייער מיינונג, סעניאָרא, גלייכער: לאָזען אַ זאַך דרוקען, ווען עס איז גאָר ניט ווערטה אָדער ניט אַריינגעבען צום דרוקען עטוואָס, וואָס פערדינט פערעפענטליכט צו ווערען?

— איך דענק ניט, דאָס אייך שטעהט פאַר בלויז דיזע ברירה. ווען איהר זאָלט נור אויסלאָזען די פערזענליכקייטען, וועט דער קאָמיטעט איינשטימען צו דרוקען דעם פאַמפלעט, אָבוואָהל פיעלע וועלען געווים זיין דאַגעגען. איהר דאַרפט בלויז ווייכער מאַכען אַ ביסעל דעם טאָן און דאָן, שיינט מיר, וועט עס ברענגען די געווינשטע נוצען. אויב איהר ווילט מאַכען דעם לעזער איינשלינגען אַ ביטערען פיל פון אמת, איז ניט נויטיג איהם איינצושרעקען און ווייזען איהם דיעזען פיל.

— אַלזאָ, איך גיב זיך אונטער, סעניאָרא נאָר מיט איין בעדינגונג. אויב איהר רויבט ביי מיר יעצט דאָס רעכט צו לאַכען, וועט איהר עס מיר מוזען ערלויבען דאָן, ווען זיין הייליגקייט, דער אונבעפלעקטער קארדינאַל וועט זיין אין פלאָרענץ.

— וועגען דעם וועט איהר מוזען איבעררעדען מיט די איבעריגע מיטגליעדער פון קאָמיטעט. איך קען ניט פאָראויסזאָגען וואָס זיי וועלען בעשליסען — האָט זי געזאָגט אויפשטעהענדיג פון פלאַץ.

— און ווי וואָלט איהר אליין בעשלאָסען? — האָט ער אַ פרעג געטהאָן, זיך אויך אויפשטעלענדיג.

זי האָט זיך געקווינקעלט. די פראַגע האָט אין איהר ערוועקט אַלטע שווערע ערינערונגען.

— מיר וואָלט זיין שווער עס צו בעשליסען — האָט זי ענדליך ארויס־גערעדט. — מיט פיעלע יאָהרען צוריק איז מיר אָפט אויסגעקומען צו הערען וועגען סעניאָר מאנטאנעלי. ער איז דאן געווען אַ רעקטאָר אין אַ סעמינַריאום פאַר גייסטליכע אין אַ קליינע פראָווינץ, וואו איך האָב פערבראַכט מיין יוגענד... מיר האָט וועגען איהם דערצעהלט איינער... אַ געוויסער פּערזאָן, וועמען איך האָב זעהר נאָהענט געקענט, און יענער האָט מיר וועגען איהם דערצעהלט בלויז גוטעס. אָבער דאָס איז געווען אַ מאָל, און זייט יענער צייט האָט ער זיך געקענט שטאַרק ענדערען. די אונבעגרענצטע מאַכט האָט דאָך אַזאַ שלעכטע ווירקונג!

„דער שטעכעדיגער" האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אויף איהר אַ דורכדרינגענדען קוק געטהאָן.

— אויב סעניאָר מאנטאנעלי איז אַליין ניט קיין נידעריגע פּערזאָן, איז ער אָבער אַלענפאַלס אַ ווערקצייג אין די הענד פון לומפּען. פאַר מיר און פאַר מיינע חברים אין אויסלאַנד איז עס אָבער אַלץ איינס און יעדע שטערונג מוז אָבגעראַמט ווערען פון וועג.

ער האָט אַנגעקלונגען און איז צוגעגאַנגען, הינקענדיג, צום טיר.

— איהר זייט זעהר פריינדליך, סעניאָרא, וואָס איהר האָט זיך בעמיהט. זאָל איך שיקען נאָך אַ קאַרעטע? ניין? אַלזאָ צום ווידערזעהן.

דזשעממאַ איז ארויסגעגאַנגען אויפ'ן גאַס שטאַרק צוטראָגען. וואָס האָט ער געקענט מיינען מיט די ווערטער „מיינע פריינד אין אויסלאַנד"... אָבראַמען פון וועג די שטערונגען?....

4.

מאָנסעניאָר מאַנטאַנעלי האָט זיך אָבגעשטעלט אויף זיין רייזע אין פלאָרענץ אָנפאַנג אָקטאָבער. זיין קומען האָט אָנגעמאַכט אין שטאָדט אַ גרויסען רושם. אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ שם אַלס אַן אויסגעצייכענטער רעדנער, האָט דאָס פאָלק ערוואַרטעט פון איהם — אַלס אַ פערטרעטער פון רעפאָרמירטען פּאַפּסטענטהום — צו הערען די נייע פּראָגראַם — די תורה פון ליעבע און פריעדען — וועלכע זאָל קענען היילען אַלע וואונדען פון ליידענדען איטאַליען. דער אונבעפלעקטער און שטרענגער אַרט לעבען זיינער איז געווען אַזאַ זעלטענע ערשיינונג צווישען די הויכע בעאַמטע פון דער רוימישער קירכע, דאָס דער עולם האָט שוין דערפאַר אַליין מיט איהם שטאַרק סימפּאַטיזירט. אויסער זיין שעהנעם מאַיעסטעטישען אויסזעהן, האָט ער נאָך בעזעסען אַ מערקווירדיגע רעדנער־קראַפט און אַ בעצויבערענ־דע שטימע.

גראַסיני האָט ווי אימער אָנגעווענדעט אַלע זיינע כוחות אריינצוקריי־גען צו זיך אַלס גאַסט דיזע בעריהמטע פּערזענליכקייט. אָבער עס איז איהם

דיעזען מאָל בשום אופן ניט געלונגען. אויף אַלע זיינע איינלאַדונגען האָט ער פון מאַנטאַנעלי'ן בעקומען אַ העפליכע און פעסטע תשובה, דאָס ער קען ניט קומען, אַנגעבענדיג פערשיעדענע תרוצים.

אין אַ טאָג ארום נאָך זיין אָנקומען, האָט מאַנטאַנעלי געהאַלטען אַ דרשה אין איינער פון די גרעסטע קירכען אין שטאָדט. די קירכע איז גע־ווען אַזוי געפּאַקט מיט מענשען, דאָס מאַרטיני און דזשעממא האָבען שוין אהין ניט געקענט אריינגעהען. געהענדיג צוריק פון דאָרטען, האָט מאַר־טיני איהר פאָרגעלעגט צו מאַכען אַ שפּאַציער איבער די בערג ארום סאַן ניקאָלא.

— איך וואָלט גערן זיך דורכגעהן מיט אייך, אָבער ניט דאָרטען — האָט דזשעממא געזאָגט — מיר וועלען בעסער שפּאַציערען איבער לונג־ארנא: דאָרטען וועט מאַנטאַנעלי דורכפאָהרען אויף זיין וועג צוריק פון קירכע און מיר וואָלט זיך זעהר וועלען איהם זעהען.

— ווי קומט עס, איהר זאָלט אַזוי שטאַרק וועלען זעהן מאַנטאַנעלי'ן? איהר האָט זיך פריהער גאָר ניט אינטערעסירט בעזאָנדערס מיט בעריהמטע גלחים?

— ניט אַלס גלח אינטערעסירט ער מיך, נאָר אַלס מענש. מיר ווילט זיך וויסען, אויב ער האָט זיך שטאַרק געענדערט פון יענער צייט, וואָס איך האָב איהם געזעהן.

— ווען האָט איהר איהם דעם לעצטען מאָל געזעהן?

— צוויי טעג נאָך אַרטהור'ס טוידט.

מאַרטיני האָט געוואָרפען אויף איהר אַן אונרוהיגען בליק. זי איז געגאַנגען פערטראַכט און געקוקט מיט אַ שטאַרען בליק אויפ'ן וואַסער, נעבען וועלכען זיי זיינען פערבייגעגאַנגען.

— דזשעממא, טהייערע מיינע — האָט זיך מאַרטיני אָבגערופען — צו דען וועט דיזע טרויעריגע עראינערונג אייך מאַטערען דאָס גאַנצע לעבען? ווער פון אונז האָט ניט געמאַכט אַ פעהלער אין דעם עלטער פון 17 יאָהר?

— ניט יעדער פון אונז האָט אָבער געטויטעט זיין בעסטען פריינד — האָט זי געענטפערט מיט אַ מיעדע שטימע, נערוועז ציטערענדיג, און איז לאַנגזאַם אָבגעגאַנגען ווייטער. איינינע מינוטען זיינען זיי געגאַנגען שוויי־גענדיג. פּלוצלונג האָט דזשעממא אויסגערופען ווי צו זיך אליין:

— עס וואָלט זיין אינטערעסאַנט צו וויסען, אויב מאַנטאַנעלי האָט אַ בעגריעף וועגען דעם, ווי דאָס פּאַלק פערגעטערט איהם.

— געוויס דאַרף ער עס וויסען. ער האָט דאָך עס פּאַלקאָם פערדינט.

— ניט אין גאַנצען.

— פון וואַנען ווייסט איהר דאָס?

— ער האָט עס מיר אַליין געזאָגט.

— ער? מאַנטאַנעלי? וואָס מיינט איהר מיט דעם צו זאָגען?

— צעזאר, מיר זיינען שוין פריינד פון א גאַנץ לאַנגער צייט, אָבער איך האָב אייך קיינמאָל ניט דערצעהלט וואָס מיט ארטהור׳ן האָט פּאַסירט.

— און עס איז ניט געווען נויטיג, טהייערע, ווייל איך ווייס אַלעס.

— ווער האָט עס אייך דערצעהלט? דזשיאָוואַני?

— יע, פאר זיין טוידט אין איינער פון יענע נעכט, ווען איך בין געבען איהם געזעסען. ער האָט מיר אויך איבערגעגעבען דאָס אייך מאַטערען אימער די ערא־ינערונגען אָן דיעזען אונגליקליכען צופאַל און געבעטען צו זיין אייער פריינד און בעמיהען זיך אייך אָבצואווענדען פון דיעזע געדאַנקען. איך האָב געטהאָן, וואָס איך האָב געקענט; אָבער ווי עס שיינט, איז מיר ניט אַלעס געלונגען.

— איך ווייס — האָט זי געענטפערט — אָהן אייער פריינדשאַפט וואָלט מיר ווירקליך שווער געווען אויסצוקומען. האָט ער אייך אויך עט־וואָס געזאָגט וועגען מאַנסיניאר מאַנטאַנעלי?

— ניין. איך האָב גאָר ניט חושד געווען, דאָס מאַנטאַנעלי האָט איר־גענד וועלכע שייכות צו דיעזער געשיכטע. ער האָט מיר דערצעהלט וועגען דעם פאַל מיט׳ן פּערראַטה און....

— און וועגען דעם ווי איך האָב אַרטהור׳ן א קלאַפּ געגעבען און ווי ער האָט זיך פון פּערדרום דערטרונקען. גוט, יעצט וועל איך אייך דער־צעהלען וועגען מאַנטאַנעלי׳ן. בשעת מיר האָבען זיך א מאָהל געטראָפען, איז מאַנטאַנעלי געווען דער רעקטאָר פון א סעמינאַריאום פאַר גלחים אין פּיזא. מיט אַרטהור׳ן פלעגט ער דאַן לעזען צוזאַמען און איהם ערקלעהרען די שווערע שטעלען פון פילאָזאָפיע, וועלכע דער לעצטער האָט געלערענט צו יענער צייט אין אוניווערזיטעט. זיי האָבען זיך שטאַרק געליעבט איינע די אנדערע און פלעגען אימער פערברייגען צוזאַמען זייערע לײדיגע שטונ־דען. ניט ווי א לעהרער און א שילער האָבען זיי דאַן אויסגעזעהן, נאָר ווי פערליעבטע. אַרטהור האָט זיך פאַר מיר איין מאָהל אויסגעדריקט, דאָס אויב ער וועט פערלירען זיין „פּאַדרע" — ווי ער פלעגט אימער רופען מאַנ־טאַנעלי׳ן — וועט ער זיך דאָס לעבען נעהמען. נאָכהער, ווייסט איהר דאָך, וואָס עס האָט פּאַסירט איבער דער פאַלשער מסרה... אויפ׳ן צווייטען טאָג האָט מיין פאָטער צוזאַמען מיט זיינע צוויי ברידער, די בערטאַנס, פער־בראַכט דעם גאַנצען טאָג אין וואַסער, זוכענדיג דעם קערפּער פון דעם דער־טרונקענעם און איך בין געזעסען ביי זיך אין צימער און געוואַרט.

זי האָט זיך אָבגעשטעלט אויף איניגע סעקונדען און נאָכהער ווייטער פּאָרטגעזעצט:

— שפּעט ביי־נאַכט איז צו מיר אריינגעקומען מיין פאָטער און מיר געזאָגט, דאָס א יונגער מאַן וואַרט אויף מיר אונטען און וויל מיך זעהן.

ארונטערגעהענדיג אונטען, האָב איך געטראָפען דאָרטען אַ סטודענט, איי־נעם פון אונזערע פּארטיי מיטגליעדער. בלאָס פון אויפרעגונג, מיט אַ ציטערענדער שטימע, האָט ער מיר איבערגעגעבען, דאָס דזשיאָוואני האָט פון געפענגנים צוגעשיקט אַ צווייטען בריעף, אין וועלכען ער איז מודיע, אַז אַרטהור איז אונשולדיג. ווי מען האָט זיך דערוואוסט פון אַן אויפזעהער, האָט זיך אַרטהור געהאַלטען שטאָלץ און קיינעם ניט פערראַטהען. דער בלבול איז געווען בלויז אַ שפּיעצעל פון אַ שפּיאָן, אום אויפצורעגען דער־מיט זיינע חברים. איהר קענט זיך פאָרשטעלען ווי איך האָב זיך דאַן גע־פיהלט. איך האָב זיך אומגעקעהרט צו זיך אין צימער און אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. אין דער פריה איז מיין פאַטער נאָך אַ מאָל אוועק צום טייך זוכען זיין קערפּער.

— האָט מען איהם דאַן געפונען?

— ניין, די וואַלען האָבען איהם געמוזט אין ים אוועקשלעפּען, אָבער דאָך האָט מען נאָך געהאָפּט און געזוכט. איך בין געבליבען אַליין אין הויז. אין דער צייט איז אַריינגעקומען די דיענסט און געמעלדעט, אַז ניט לאַנג צוריק איז דאָ געווען אַן עלטערער מענש אין אַ קאָסטיום פון אַ גייסט־ליכען פרעגען אויפ'ן פאָטער, און ניט טרעפענדיג איהם אין דער היים, איז ער אוועקגעגאַנגען. איך האָב גלייך פערשטאַנען, דאָס דער מאַן האָט גע־מוזט זיין מאָנטאַנעלי. שנעל ווי אַ בליץ בין איך ארויסגעלאָפען און איהם דעריאָגט ביים טויער. ווען איך האָב געזאָגט, דאָס איך וויל מיט איהם עטוואָס רעדען, האָט ער זיך גלייך אָבגעשטעלט. אָ, צעזאַר, ווען איהר וואָלט דאַן זעהן זיין געזיכט! מאָנאַטען לאַנג איז דער אויסדרוק זיינער מיר נאָכהער געשטאַנען פאַר די אויגען! איך האָב איהם דאַן אין איילע־נעש ערקלערט וועך איך בין און דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע, ווי עס האָט פּאַסירט. דאָס איך בין ניט ווילענדיג געווען די אורזאַכע פון אַר־טהור'ס טויט. ער איז געשטאַנען די גאַנצע צייט בעוועגלאָז ווי פון שטיין אויסגעהאַקט און מיך אויסגעהערט. ווען איך האָב געענדיגט, האָט ער לאַנגזאַם אויסגערעדט: בערוהיגט זיך, מיין קינד, ניט איהר, נאָר איך בין זיין מערדער. איך האָב איהם גענאַרט און ער האָט זיך דערפון דערוואוסט." מעהר האָט ער אַ וואָרט ניט גערעדט און איז שנעל אוועקגעגאַנגען.

— און נאָכהער?

— איך ווייס ניט וואָס נאָכהער איז פאָרגעקומען. איך האָב בלויז געהערט, אַז ער איז דעם זעלבען אָבענד געפאַלען אין גאַס אין אָהנ־מאַכט און מען האָט איהם אריינגעטראָגען אין אַ דערבייאיגער הויז. דאָס איז אַלעס וואָס איך ווייס. ווען מיין פאָטער האָט זיך דערוואוסט וועגען דער גאַנצער געשיכטע, האָט ער געוואָרפען די פּראַקטיק און מיך אוועקגע־פיהרט נאָך ענגלאַנד, אום איך זאָל פערגעסען אַן דער גאַנצער פּאַסירונג.

ער האָט מורא געהאַט, איך זאָל ניט בעגעהען זעלבסטמאָרד, און איך בין ווירקליך געווען די ערשטע צייט נאָהענט צו דעם. ווען מיין פאָטער איז קראַנק געוואָרען אויף אַ ראַק, האָב איך איהם די גאַנצע צייט געדאַרפט בעדיענען און נאָך זיין טוידט האָב איך געהאַט צו בעזאָרגען די קינדער — מיינע איינגערע ברידער און שוועסטער. נאָכהער איז אַהין געקומען צו־פאָהרען דזשיאָוואַני. די ערשטע צייט איז מיר געווען זעהר שווער זיך מיט איהם צו בעגעגענען: די טרויעריגע עראינערונגען זיינען געשטאַנען צווי־שען אונז. איהם האָט שרעקליך געפּלאָגט דער געדאַנק, דאָס ער האָט אַ חלק אין אַרטהור׳ס טוידט דורך דעם אונגליקליכען בריעף, וואָס ער האָט דאַן געשיקט פון געפענגניס. ענדליך האָט אָבער טאַקע דיעזער אַלגעמיינער צער דערנעהנטערט איינער צום צווייטען.

מאַרטיני האָט אַ שמייכעל געטהאָן.

— פון אייער זייט איז עס פיליכט אַזוי געווען, דזשיאָוואַני אָבער האָט אייך שוין לאַנג געליעבט. ווען ער איז צוריק געקומען נאָך מילאַן, האָט ער איינפאַך ניט אויפגעהערט צו רעדען וועגען דער ענגלענדערין דזשעממאַ; ער האָט מיך שיער ניט קראַנק געמאַכט, און איך האָב גע־דענקט, אַז איך וועל אייך פערהאַסען... אַט פאָהרט ער!

די קאַרעטע איז אַריבער דעם בריק און איז צוגעפאָהרען צו אַ גרויסער הויז. מאָנטאַנעלי איז געזעסען עטוואָס אָנגעבויגען אַהינטער, אָנגעשפּאַרט מיט׳ן קאָפּ צום קישען. ווי עס האָט געשיינט, איז ער געווען זעהר מיעד און האָט גאָר ניט בעמערקט די גרויסע ענציקטע מאַסע, וואָס האָט זיך צוזאַ־מענגעקליעבען אַרום הויז, אום אויף איהם אַ קוק צו טהאָן. ווען ער איז אַריין אין הויז, האָט זיך דזשעממאַ אומגעקעהרט צוריק און איז לאַנגזאַם אַוועקגעגאַנגען. מאַרטיני איז געגאַנגען נעבען איהר.

— איך שטעל זיך אָפט די פראַגע — האָט זי ענדליך געזאָגט — מיט וואָס האָט ער געקענט אַרטהור׳ן אָבנאַרען. מיר איז זאָגאַר אַמאָל געקומען אויפ׳ן געדאַנק...

— וואָס?

— אייך וועט פיליכט פאַרקומען זאָנדערבאַר... צווישען זיי איז אָבער געווען אַזאַ שטאַרקע עהנליכקייט....

— צווישען וועמען?

— צווישען אַרטהור׳ן און מאָנטאַנעלי׳ן און ניט איך אַליין האָב עס בעמערקט אַנדערע זאָגען, דאָס דער קאַרדינאַל איז אַ מאָהל געווען זעהר אינטים מיט אַרטהור׳ס מוטער.

— מעגליך, דאָס ער האָט זיך וועגען דעם עטוואָס דערוואוסט.

— אויב עס איז אַזוי, האָט דאָס געקענט זיין די אורזאַכע פון זיין

טוידט — האָט בעמערקט מארטיני, וועלענדיג איהר פערלייכטערען אַ ביסעל דאָס הארץ. זי האָט אָבער אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— ווען איהר וואָלט געזעהן, צעזאר, זיין געזיכט דאַן, ווען איך האָב איהם אַ פּאַטש געגעבען, וואָלט איהר עס ניט געזאָגט.

אייניגע טריט זיינען זיי געגאַנגען ניט רעדענדיג אַ וואָרט.

— טהייערע דזשעממא — האָט ענדליך מארטיני אויסגערופען — ווען עס וואָלטען געווען אירגענד וועלכע מיטלען אויף דער וועלט מען זאָל קענען דורך זיי צוריקכאַפּען דאָס, וואָס עס איז געטהאָן געוואָרען, דאַן וואָלט ווערטה געווען צו פערטראַכטען זיך איבער די אַלטע פעהלערען. אויב עס איז אָבער אונמעגליך, דאַן צו וואָס זאָרגען וועגען דעם ? זאָלען די טויד־טע בעוויינען די טוידטע. עס איז אַ שרעקליכער צופאַל, דאָס איז אמת, אָבער דעם פערשטאָרבענעם יונגען־מאַן איז שוין יעצט פיעל בעסער ווי די, וועלכע זיצען אין די געפענגניסע און שטעהען אוים אַזוי פיעל צרות. גע־דענקט, וואָס אייער ליעבלינג שעללי זאָגט: די פערגאַנגענהייט געהערט צום טוידט, דיר געהערט די צוקונפט."

זייענדיג בעהערשט פון אַ שטאַרקען פערלאַנג איהר צו טרויסטען, האָט ער גענומען איהר האַנד און שטאַרק געדריקט. ער האָט זי אָבער שנעל ארויסגעלאָזען און זיך אָבגערוקט אַ ביסעל אָן אַ זייט, ווען ער האָט דער־הערט הינטער זיך בעקאַנטע שטימען, פּיהרענדיג צווישען זיך אַ געשפּרעך.

— מאָנסיניאָר מאָנטאַנעלי בעזיצט אָהן צווייפעל די אַלע מעלות, וועל־כע איהר רעכענט אויס, ער איז שוין אָבער צו גוט פאַר אונזער זינדיגער וועלטעל און מען וואָלט איהם העפליך געדאַרפט משלח זיין צו אַ צווייטער. איך בין זיכער, דאָס ער וואָלט דאָרטען מאַכען אַזאַ רושם, ווי דאָ. דאָר־טען זיינען וואַהרשיינליך דאָ ניט ווענינ אַלטע גייסטער, וועלכע האָ־בען נאָך קיין מאָהל ניט געזעהן אַזאַ עקזעמפּליאַר ווי אַן עהרליכען קאַר־דינאַל. און די גייסטער האָבען גראַדע זעהר ליעב וואונדערליכע זאַכען....

— פון וואַנען ווייסט איהר עס ? — האָט זיך געהערט ריקאַרדאָ'ס שטימע, וועלכע האָט געקלונגען אַ ביסעל אויפגערעגט.

— פון דער הייליגער ביבעל, מיין טהייערער.... אַ ! סעניאָר מארטיני און סעניאָרא באָללאַ ! אַ שעהנער וועטער נאָך די רעגענס, ניט וואַהר ?

מארטיני האָט זיך שנעל אומגעקעהרט צו איהם מיט'ן פּנים. ריוואַ־רעס, מיט אַ סיגאַר אין מויל און אַ בליהמעלע אין לאַץ, האָט איהם אויסגע־שטרעקט זיין דינע אריסטאָקראַטישע האַנד, וועלכע איז געווען ארומגעצוי־גען מיט אַן עלעגאַנטער האַנדשוה.

— וואָס איז מיט אייך, סעניאָרא באָללאַ, איהר פיהלט ניט גוט ? — האָט פּלוצלונג אויסגעשריען ריקאַרדאָ, בעמערקענדיג ווי דזשעממא איז גע־וואָרען בלאַס און אָנגעהויבען שווער צו אָטהעמען.

— איך וויל פאָהרען אהיים — האָט זי געזאָגט מיט אַ שוואַכער שטי־מע.

מען האָט באַלד געשאַפען אַ קעררעדזש און מאַרטיני האָט זיך מיט איהר צוזאַמען אריינגעזעצט, אום אָבצופיהרען איהר אהיים. ריוואַרעס האָט איילענדיג פערריכט איהר קלייד, וועלכע האָט זיך נאָכגעשלעפּט אויפ׳ן ראָד, און אויף איהר אַ שנעלען בליק געטהאָן. זי האָט זיך אַ טרייסעל גע־טהאָן פון שרעק.

— וואָס איז מיט אייך דזשעממאַ? — האָט מאַרטיני איהר אַ פרעג געטהאָן אין ענגליש, ווען דער קעררעדזש האָט זיך אָנגעהויבען צו ריהרען.

— האָט אייך דער טויגעניכטס עטוואָס געזאָגט?

— גאָר ניט צעזאָר, עס איז ניט צוליעב איהם... איך האָב זיך דער־שראָקען....

— דערשראָקען?

— יע... מיר האָט זיך אויסגעדוכט....

זי האָט פערדעקט מיט׳ן האַנד די אויגען און מאַרטיני האָט שווייגענ־דיג געוואַרט, ביז זי וועט זיך בערוהיגען. ביסלעכווייז איז זי צו זיך געקו־מען. איהר געזיכט איז געוואָרען לעבעדיג און זי האָט זיך צו איהם געווענ־דעט מיט איהר געוועהנליכער פעסטער שטימע:

— איהר זייט פאַלשטענדיג גערעכט, וואָס איהר זאָגט, דאָס עס איז שעדליך זיך אָבצוגעבען מיט עראינערונגען וועגען דער שרעקליכער פערגאַנ־גענהייט. דאָס טרייסעלט אַזוי אויף די נערווען, אַז איהר הויבט אָן פאָר־שטעלען זיך די אונמעגליכסטע זאַכען. קיין מאָל וועלען מיר שוין וועגען דעם ניט רעדען; זאָנסט וועל איך אין יעדען איינציגען אָנהויבען צו זע־הען אַ פאַנטאַסטישע עהנליכקייט מיט אַרטהור׳ן. שטעל זיך פאָר, צעזאָר, יעצט, ווען דיזער אָבשטויסענדער פראַנט איז צו אונז צוגעגאַנגען, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז ער איז אַרטהור.

5.

ריוואַרעס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אַ בעזאָנדערער פעהיגקייט צו מאַכען זיך שונאים. אין אויגוסט בלויז איז ער אָנגעקומען נאָך פלאָרענץ און ענדע אָקטאָבער איז ער שוין געווען צוקריגט כמעט מיט דריי פערטעל מיטגליעדער פון קאָמיטעט. זיינע שטאַרקסטע פערעהרער אפילו האָבען ניט געקענט שוין מעהר פערטראָגען די ווילדע אָנפעלע זיינע אויף דעם קאַרדי־נאַל מאָנטאַנעלי.

דער איינציגער, וועלכער איז פערבליעבען גלייכגילטיג צו די פּאַסקווי־לען און קאַריקאַטורען, וואָס פלעגען אַרויס פון דעם סאַטיריקער׳ס פעדער, איז געווען מאָנטאַנעלי אליין.

אין אַ געוויסען טאָג איז אין שטאָדט ערשיענען אַ פּאַמפלעט מיט דער

קעפּעל: „דער סוד פון געטליכע נביאות". ווען אויף איהם וואָלט זאָגאר ניט געווען אויסגעמאָהלט א בין מיט צושפּרייטע פליגלען — ריוואַרעס' ציי־כען אַנשטאָט זיין חתימה — וואָלט דער עולם אַלענפאַלס פערשטאַנען נאָך דעם גיפטיגען סטיל, ווער עס איז דער פערפאַסער. דער פאַמפלעט איז גע־ווען אָנגעשריעבען אין דער פאָרמע פון א דיאלאָג צווישען טאַסקאַן אין דער געשטאַלט פון א מאדאָנא און מאָנטאַנעלי אין דער געשטאַלט פון א מלאך מיט א קראַנץ פון אַליוועז בלעטער (דער סימוואָל פון פריעדען) און מיט ליליען־בלומען אין האנד (דער סימוואָל פון ריינהייט), וועלכער זאָגט אָן די בשורה וועגען דעם אָנקומען פון יעזואיטען. דער פאַמפלעט איז גע־ווען פול מיט פערזענליכע בעליידיגענדע אנגריפע און דרייסטע רמזים. אַלע האָבען געפיהלט, דאָס די סאַטירע איז צו שטרענג און אונגערעכט, דאָך האָבען זיי שטאַרק געלאַכט פון דעם שאַרפען הומאָר, וועלכער האט גע־בליצט אין יעדער שורה. די ביטערסטע געגנער זיינע האָבען געמוזט צו־געבען, דאָס דער פאַמפלעט איז אָנגעשריבען קונסטפאָל.

אין צוויי טעג אַרום נאָך דער ערשיינונג פון דעם סאַטירישען פאַמפלעט, איז אין דעם הויפּט־אָרגאַן פון די קלעריקאַלען: „דער גלויביגער", געווען א גלענצענדער אַרטיקעל אַלס ענטפער, אונטערגעשריעבען פון איינעם „א זוהן פון דער קירכע". דאָס איז געווען א שטאַרקע פערטהיידיגונג פון מאָנ־טאַנעלין געגען די פערלוימדונגען פון ריוואַרעס, געשריבען אין א זעהר שעה־נער שפּראַך מיט געזונטע לאָגישע אַרגומענטען. די גאַנצע שטאָדט האָט זיך פעראינטערעסירט מיט דיעזען אַרטיקעל פון דעם אַנאָנימען פערפאַסער, איבעראַל אין אַלע קאַפע־הייזער האָט מען וועגען דעם גערעדט.

דער סאַטיריקער האָט אויף דעם געענטפערט מיט א ליידענשאַפטליכען אַנגריף אויף'ן נייעם פאַבסט און זיינע אָנהענגער געבענדיג אָנצוהערעניס, דאָס דער פאַניגיריק איז אָנגעשריבען געוואָרען מיט זיין אייגענער צושטי־מונג. אויף דעם האָט דער אַנאָנימער פערטהיידיגער געענטפערט מיט א וואַרימען פּראָטעסט. אַזוי האָט זיך די פּאָלעמיקע געצויגען די גאַנצע צייט פון מאָנטאַנעלי'ס אַנוועזענהייט אין פלאָרענץ און האָט געהאַלטען דעם עולם אין דער גרעסטער שפּאַנונג.

איינ‍יגע פון די מעהר ליבעראַלע מיטגליעדער פון קאָמיטעט האָבען פּרו־בירט בעוויי‍זען ריוואַרעס'ען, דאָס זיינע בייזע אנפעלע אויף מאָנטאַנעלי'ן זיינען אונגערעכט, עס האָט אָבער גאָר ניט געהאָלפען. אויף אַלע זייערע אַרגומענטען פלעגט ער ענטפערען מיט א פריינדליכען שמייכעל, דאָס לויט דעם אָבמאַך דאָן מיט סעניאָרא באַללא, האָט ער דאָס פולע רעכט שפּאַס צו מאַכען פון דעם קאַרדינאַל וויפיעל זיין האַרץ גלוסט.

ענדע אָקטאָבער איז מאָנטאַנעלי אָוועקגעפאָהרען. פאַר זיין אָברייזען האָט ער געהאַלטען אַן אָבשיעדס־רעדע, אין וועלכער ער האָט בעריהרט די

בעריהמטע פּאָלעמיקע און אויסגעדריקט זיין בעדויערען, וואָס ביידע שרייבער האָבען זיך אַזוי צוקאַכט. עס וואָלט איהם געווען זעהר אַנגענעהם, האָט ער געזאָגט, ווען דיעזער אוננוצליכער און מיאוס'ער ווערטער־קאַמפּף וואָלט אויפגעהערט. אויפ'ן צווייטען טאָג איז אין דער צייטונג „דער גלויביגער" געווען געדרוקט אַ בעמערקונג פון דעם אַנאָנימען שרייבער, דאָס צוליעב דעם פערלאַנג פון מאַנסיניאָר מאַנטאַנעלי ענטזאַגט ער זיך פון ווייטערע דעבאַטען.

דאָס לעצטע וואָרט איז איבערגעבליבען צו זאָגען ריוואַרעס'ען. ער האָט אַרויסגעלאָזען אַ קליינעם פּאַמפּלעט, אין וועלכען ער האָט זיך אויסגעדריקט, דאָס ער איז פאָלשטענדיג ענטוואָפּענט. די קריסטליכע ווייכהערציגקייט פון מאַנטאַנעלי'ן האָט איהם אַרויפגעפיהרט אויפ'ן דרך הישר, און ער איז בערייט צו פערגיסען פריידען־טרעהרען אויפ'ן האַלז פון ערשטען יעזואיט, וועלכען ער וועט בעגעגענען.

ענדע נאָוועמבער האָט ריוואַרעס מודיע געווען דעם קאָמיטעט, דאָס ער וויל אויף אייניגע וואָכען אַוועקפאָהרען צום ים, נאָך ליוואָרנאָ. ווען דאָקטאָר ריקאַרדאָ איז מיט אייניגע טעג שפּעטער אַהין געקומען און זיך געוואָלט מיט איהם זעהען, האָט ער איהם ערגעץ ניט געקענט געפינען.

דעם 5טען דעצעמבער איז אין די אַפּענינען פאָרגעקומען אַ גרויסע פּאָליטישע בעוועגונג און פיעלע האָבען זיך דאַן געכאַפּט, דאָס ריוואַרעס מוז עס זיין דער אויפּטהוער דאָרטען. ווען די אונרוהען זיינען אונטערדריקט געוואָרען, האָט זיך ריוואַרעס אומגעקעהרט צוריק נאָך פלאָרענץ.

אייניגע טעג פאַר קריסטמאַס איז אין ריקאַרדאָ'ס הויז פאָרגעקומען אַ גרויסע פערזאַמלונג פון דער ליטעראַטור־קאָמיטע. ווען ריוואַרעס איז אַהין געקומען, איז שוין געווען שפּעט און אַלע פאָלעצער זיינען שוין געווען פערנומען. ריקאַרדאָ האָט פאַר איהם געוואָלט אַריינברייננגען אַ שטוהל פון אַ צווייטען צימער, אָבער ער האָט איהם אָבגעהאַלטען און זיך אָנגעשפּאַרט אָן פענסטער, נעבען וועלכען עס איז געזעסען דזשעממאַ.

אויפ'ן טאָגעס־אָרדנונג איז געווען די פראַגע וועגען אַרויסלאָזען אַ פּראָקלאַמאַציאָן צום פאָלק איבער דעם הונגער אין טאַסקאַן, אָנגעבענדיג די מיינונג פון קאָמיטעט, וועלכע מיטלען עס דאַרפען אָנגענומען ווערען, אום דעם אונגליק צו פערמיידען. ווי אימער זיינען די מיינונגען געווען שטאַרק פערשיעדען און עס איז שווער געווען צו קומען צו אַן איינהייטליכען בעשלוס. דער פּראָגרעסיווער פליעגעל, צו וועלכען עס האָבען געהערט דזשעממאַ, מאַרטיני און ריקאַרדאָ, איז געווען פאַר דעם, אַז מען זאָל אַרויסלאָזען אַן ענערגישען אויפרוף צו דער רעגיערונג און צו דער געזעלשאַפט זיי זאָלען אָננעהמען שנעלע מיטלען צו העלפען דער בעפעלקערונג. און די מעהר געמעסיגטע

זיינע געוועזענע דאגעגען, אוים מורא, אַז אַזאַ אויפרוף זאָל ניט אויפרייצען די רעגירונג.

— דאָס איז אַלעס זעהר שעהן, מיינע הערען, הילפע דאַרף אַזוי שנעל ווי מעגליך געגעבען ווערען — האָט גראַסיני געזאָגט מיט אַ רוהיגען טאָן, בעטראַכטענדיג מיט בעדויערונג די אויפגערעגטע פּנים'ער פון די ראַדיקאַלען. — אויב מיר וועלען אָבער זיך ווענדען צו דער רעגירונג אין אַזאַ טאָן, ווי איהר שלאָגט פאָר, דאַן וועט זי קיינע מיטלען ניט אָננעהמען. ווען אונז זאָל געלינגען צו בעוועגען די רעגירונג צו מאַכען אַן אָנקעטע וועגען דער גערעטענעם אויף די פעלדער, וואָלט דאָס אַליין שוין געוועזען אַ שריט פאָרווערטס.

גאַללי, וועלכער איז געזעסען אין אַ ווינקעל נעבען אויווען, איז ביי די לעצטע ווערטער אויפגעשפּרונגען פון פּלאַץ.

— אַ שריט פאָרווערטס? געוויס מיין הערר, אָבער דער הונגער וועט אויף אונז ניט ווארטען. אויב מיר זאָלען אָנגעהען אַזוי לאַנגזאַם, וועט דאָס פאָלק גיכער אויסשטאַרבען, איידער מען וועט איהם קומען צו הילף.

— עס וואָלט זיין אינטערעסאַנט צו וויסען — האָט אָנגעפאַנגען סאַקאָני, אָבער דאָ האָבען זיך דערהערט קולות פון אַלע זייטען:

— רעדט העכער: מען הערט גאָרניט!

— ווי קען מען הערען, ווען אויפ'ן גאַס איז אַזאַ טייפעלשער טומעל! איז דאָרטען פערמאַכט דער פענסטער, ריקאַרדאָ?

— יע, דער פענסטער איז פערמאַכט — האָט דזשעממאַ געזאָגט.

פון דרויסען האָבען זיך געלאָזען הערען געשרייען, געלעכטער, אַ קלאַנג פון גלעקלאַך און הילכענדע קולות פון אַ ביליגען אָרקעסטער, אַקאָמפּאַנירט פון אַ פערטויבטען פּויק.

— יעצט זיינען שוין אַזעלכע טעג, אין וועלכע מען מוז זיך צוגעוואָהנען צום טומעל — האָט געזאָגט ריקאַרדאָ — קריסטמאַס איז אימער טומעלדיג... וואָס האָט איהר געוואָלט זאָגען, סאַקאָני?

— איך האָב געוואָלט זאָגען, דאָס עס וואָלט זיין אינטערעסאַנט צו וויסען, וואָס מען דענקט וועגען אַלעס אין פּיזאַ און אין ליוואָרנאָ. קען אונז ניט מיטטהיילען עטוואָס סעניאָר ריוואַרעס? ער קומט דאָך גראַדע פון דאָרטען.

„דער שטעכעדיגער" האָט ניט געענטפערט. ער האָט געקוקט אויף דער פּראָצעסיאָן דורכ'ן פענסטער און גאָר ניט געהערט, וואָס מען האָט גערעדט.

— סעניאָר ריוואַרעס! — האָט איהם דזשעמאַ אָבגערופען. זעהענדיג, דאָס ער רופט זיך ניט אָב, האָט זי זיך איינגעבויגען און איהם לייכט אַ ציה געטהאָן ביים אַרבעל. ער האָט זיך לאַנגזאַם אומגעקעהרט צו איהר מיט'ן

געזיכט און זי האָט אַ שטאַרקען ציטער געטהאָן, זעהענדיג ווי טויט־בלאַס ער זעהט אויס. איהר ערשטע אינסטיקטיווע בעוועגונג איז געווען אָבצור־ווענדען פון איהם די נייגעריגע בליקען פון עולם. ניט וויסענדיג וואָס מיט איהם איז, האָט זי פערשטאַנען, דאָס איהם מאַטערט וואהרשיינליך אַ שרעק־ליכע האַלוצינאַציע. זי איז שנעל אויפגעשטאַנען פון פּלאַץ און פערשטע־לענדיג איהם פון די נייגעריגע בליקען, האָט זי געעפענט דעם פענסטער און זיך געמאַכט כלומר'שט ווי זי קוקט ארוים אויפ'ן גאַס. קיינער אויסער איהר האָט זיין אויסדרוק ניט בעמערקט.

איבער'ן גאַס האָט זיך געצויגען אַ צירקוס־טרופּע פון קונצען מאַכער, זיצענדיג אויף עזלען, דאַן קלאָונען אין קאָלירטע קאָסטיומען און אַלערליי אַקטיאָרען אין רייטוועגענער. בעזאָנדערע אויפמערקזאַמקייט האָט געצויגען אַ האַרבאַטער, העסליכער קאַרליק, אָנגעטהאָן אין אַ משונה'דיגען קאָסטיום מיט אַ הויכע פּאַפּיערענע היטעל. ער האָט זיך געקרימט און געמאַכט אַלערליי משוגע'נע הויות. דער עולם האָט געלאַכט און זיך געשטויסען אין אַלע זייטען קוקענדיג אויף דער פרעהליכער פּראָצעסיאָן.

— וואָס איז דאָרטען אַזוינס? — האָט געפרעגט ריקארדא, צוגעהענ־דיג צום פענסטער. איהם האָט געוואונדערט, וואָס זיי לאָזען אַלעמען וואַר־טען צוליעב וואנדערענדע אַקטיאָרען.

— ניט אינטערעסאַנט — האָט איהם דזשעממא געענטפערט — בלויז אַ וואונדערבארער צירקוס, זיי מאַכען אָבער אַן אַזאַ טומעל, דאָס איך האָב געמיינט, אז עס האָט עטוואָס פּאַסירט.

זי האָט פּלוצלונג דערפיהלט, ווי איהר האַנד, וועלכער איז געווען אַרי־בערגעבויגען אונטער'ן פענסטער, ווערט שטאַרק געדריקט פון דעם שטעכע־דיגען'ס קאַלטע פינגער.

— איך דאַנק אייך —האָט ער ווייך אַ מורמעל געטהאָן, און זיך ווענ־דענדיג צום עולם, האָט ער אויסגערופען מיט שפּאַס:

— ענטשולדיגט מיר, מיינע הערען, וואָס איך האָב אייך אונטער־בראָכען. איך האָב זיך פערקוקט אויף דער פאַרשטעלונג; זעהר אינטע־רעסאַנט.

— סאַקאַני האָט אייך פארגעלעגט אַ פראַגע — האָט מיט אַ שטרענ־גען טאָן אויסגערופען מארטיני. איהם איז „דעם שטעכעדיגען'ס" אויפ־פיהרונג ניט געפעלען געוואָרען און איהם האָט פערדראָסען אויף דזשעמא, וועלכע האָט אַזוי ניט טאַקטיש נאָכגעטהאָן יענעמס ביישפּיעל.

„דער שטעכעדיגער" האָט ערקלערט, דאָס ער קען זיי גאָר ניט איבער־געבען וועגען דער שטימונג אין פּיזא, ווייל ער איז אַהין געפאָהרען בלויז מיט דעם צוועק אויסצורוהען זיך.

נאָך דער זיצונג, ווען אַלע מיטגליעדער פון קאָמיטעט האָבען אָנגעפאַנ־

גען זיך פאַרנאַנדערצוגעהן, איז ריקאַרדאָ צוגעגאַנגען צו מאַרטיני'ן און איהם געבעטען זיך אָבשטעלען צו מיטאָג.

— איך דאַנק אייך זעהר — האָט מאַרטיני געענטפערט, אָבער איך קלייב זיך צו בעגלייטען אהיים סעניאָרא באָללאַ.

—איהר מוזט ערנסט מיינען, דאָס איך קען אַליין די הויז ניט טרעפען? האָט דזשעממאַ אויסגערופען, אַנציהענדיג אויף זיך דעם מאַנטעל.

— געוויס, דאָקטאָר, וועט ער זיך ביי אייך אָבשטעלען. איהם וועט זיין ניצליך צו געפינען זיך אַ ביסעל אין געזעלשאַפט, שוין צופיעל איז ער אַ פּרוש.

— אויב איהר וועט ערלויבען, וועל איך אייך בעגלייטען — האָט איהר פאַרגעלעגט ריוואַרעס. — איך געה גראַדע אין יענעם געגענד.

— אויב אייך איז ווירקליך צום וועג....

— און איהר, ריוואַרעס, וועט ניט האָבען קיין צייט אבענדס אריינ־צוקומען צו אונז? — האָט ריקאַרדאָ אַ פרעג געטהאָן, עפענענדיג זיי די די טיר.

— לײדער, מיין פריינד. איך וויל היינט אבענד געהן אין צירק.

— וואָס פאַר אַ מאָדנער מענש — האָט געזאָגט ריקאַרדאָ, זיך אומ־קעהרענדיג צו די געסט. — ער האָט אַ שרעקליכע נייגונג צו באַלאַגאַנע לצים.

— עס איז קיין וואונדער ניט — האָט געזאָגט מאַרטיני. — די פער־וואַנדשאַפט פון נשמות לאָזט זיך ביי איהם פיהלען, ווען ער דערזעהט זיי. ער איז אליין אַ גוטער לץ.

— דאָס אַליין וואָלט נאָך ניט אויסמאַכען — האָט זיך אָבגערופען פאַבריצי — איך האָב אָבער מורא, ער איז אַ געפעהרליכער לץ.

— אַ געפעהרליכער? אין וועלכער בעציהונג?

— עפּעס געפעהלען מיר ניט זיינע געהיימניספּולע רייזען, וועלכע ער מאַכט אַזוי אָפט.

— עס איז דאָך אָבער קיין סוד ניט, דאָס ער פאָהרט אין די בערג—האָט געזאָגט סאַקאָני — עס איז אַלעמען בעוואוסט, דאָס ער האָט געהיימע בע־ציהונגען מיט די קאָנטראַבאַנדיסטען, וועלכע קענען איהם זייט דעם אויפ־שטאַנד אין סאַוויניאַ, און ער בענוצט זיך מיט זייער הילפע אריבער־צושי־קען זיינע פאַמפלעטען אויף יענער זייט פון פאַבסט'ס ראַיאָן.

— אָט וועגען דעם טאַקע האָב איך עס געוואָלט מיט אייך רעדען — האָט געזאָגט ריקאַרדאָ — מיר איז איינגעפאַלען אַ געדאַנק צו בעטען רי־וואַרעס'ען, ער זאָל נעהמען אויף זיך די אַרבייט צו פערוואַלטען אונזער איי־גענע קאָנטראַבאַנדע. די איבערליפערונג פון אונזער ליטעראַטור נאָך פיס־

טאָיע איז, לויט מיין מיינונג, זעהר שלעכט אָרגאַניזירט. דער מיטעל אונ־
זערער איינצופאַקען עס אין סיגאַרען איז שוין צו אַלט מאָדיש.

— פון דעסטוועגען איז עס ביז יעצט געווען גוט — האָט מאַרטיני
ערווידערט. איהם האָט פעררדראָסען, וואָס גאַללי און ריקאַרדאָ שטעלען אי־
מער אַרויס „דעם שטעכעדיגען" אַלס מוסטער.

— יע, ביז יעצט האָט עס אונז בעפרידיגט, ווייל מיר האָבען קיין בע־
סערען מיטעל ניט געהאַט. די לעצטע צייט אָבער, ווי אייך איז בעוואוסט,
זיינען געמאַכט געוואָרען פיעל אַרעסטען און קאָנפיסקאַציאָנען. ווען ריוואַ־
רעס וואָלט עס אויף זיך גענומען, וואָלטען אַזעלכע זאַכען מעהר ניט פּאַ־
סירט.

— פאַר וואָס דענקט איהר אַזוי?

— ערשטענס דערפאַר, ווייל די קאָנטראָבאַנדיסטען קוקען אויף אונז,
ווי אויף פרעמדע און ריוואַרעס איז ניט נאָר זייערער אַ פריינד, נור פיליכט
אויך דער גאַנצער אָנפיהרער. פאַר יעדען, וועלכער האָט אַנטהייל גענומען
אין דעם אויפשטאַנד אין סאַוויניא, איז יעדער קאָנטראָבאַנדיסט בערייט צו
געהן אין פייער און אין וואַסער. צווייטענס, וועט זיך צווישען אונזערע
קוים געפינען אַ פּערזאָן וואָס ווייס אַזוי גוט די בערג געגענדען, ווי ריוואַ־
רעס.

— וואָס שלאָגט איהר, אַלזאָ, פאָר? מען זאָל איהם אַנפערטרויען די
גאַנצע אַרבייט פון טראַנספּאָרטירען אונזער ליטעראַטור איבער דעם
פּאַפּסט'ס ראַיאָן, צוטהיילען עס א. ז. וו.?

— וואָס אַנבעלאַנגט דער צוטהיילונג אין די געהיימע צענטראַלע פּלע־
צער א. ד. ג., ווענדעט זיך נאַטירליך ווי די מאַיאָריטעט וועט בעשליסען.
נאָך מיין מיינונג, איז אָבער דאָס וויכטיגסטע די איבערליפערונג איבער'ן
גרענעץ. איינמאַל וועלען די ביכער זיין אין באָלאָן, איז שוין די פערנאַנדער־
טהיילונג אַ לייכטע זאַך.

— אויב איהר ווילט וויסען מיין מיינונג — בין איך געגען דיעזען
פּלאַן. אז ריוואַרעס איז פעהיג אויף אַזאַ ריזיקאַלישע אַרבייט, איז דאָך,
נאָך אַלעמען, ניט מעהר ווי אַן השערה. אין דער ווירקליכקייט האָט דאָך
איהם קיינער פון אונז ביי דער אַרבייט ניט געזעהן און מיר קענען ניט זיין
זיכער, דאָס ער וועט אין אַ קריטישען מאָמענט זיך ניט אין גאַנצען פערלי־
רען.

— אָ, אין דעם דאַרפט איהר ניט צווייפלען! — האָט איהם ריקאַר־
דאָ איבערגעשלאָגען. — די געשיכטע פון סאַווינער אויפשטאַנד ליפערט
אונז גענוג בעווייזע, דאָס ער פערליערט קיינמאָהל דעם קאָפּ ניט!

— אויסער דעם — האָט פאָרטגעזעצט מאַרטיני — איז נאָך אַ פראַ
גע, אויב מיר קענען איהם אַנפערטרויען אַלע סודות פון דער פּאַרטיי. ווי

עס שיינט, איז ער אַ לייכטזיניגער מענש און האָט זיך ליעב אויסצופּיינען. איבערצוגעבען די פערוואַלטונג פון דער פּאַרטיי קאָנטראָבאַנדא אין די הענד פון איין פּערזאָן, איז אַ זעהר ריזיקאַלישע זאַך. וואָס דענקט איהר וועגען דעם פאַבריצי?

— אויב ביי מיר וואָלט נור געווען דיעזער צווייפעל — האָט געענט־פערט דער פּראָפעסאָר — וואָלט איך זיך וועניג געקימערט. פאַר מיר זיי־נען אַ גענוגענדע גאַראַנטי די אַלע ניצליכע אייגענשאַפטען זיינע, וועלכע ריקאַרדא האָט אויסגערעכענט. איך צווייפעל אָבער אין עטוואָס אַנדערש. מיר שיינט, דאָס אויסער דעם טראַנספּאָרט פון זיינע פּאַמפלעטען איבער׳ן גרענעץ, האָבען זיינע רייזען אויך אַ צווייטען צוועק. דאָס דאָרף, נאַטיר־ליך פערבלייבען צווישען אונז, ווייל דאָס איז בלויז אַ פערדאַכט. מיר שיינט, דאָס ער שטעהט אין ענגע פערבינדונגען מיט איינער פון די רויבער־באַנדעס, מעגליך מיט דער געפעהרליכסטער.

— מיט וועלכער, צום ביישפּיעל, דענקט איהר? — מיט די „רויטע גאַרטלען“?

— ניין, מיט די „מעסערינקעס“.

אָבער דאָס איז דאָך אַ קליינע באַנדע פון אונויסענדע טרעמפּס, אָהן אירגענד וועלכע פּאָליטישע ערפאַהרונג.

— פון אַזעלכע עלעמענטען זיינען בעשטאַנען אַלע, וועלכע האָבען זיך בעטהייליגט אין סאַוויניער אויפשטאַנד. יעצט איז זייער צאָהל ניט קליין און זיי בעלאַנגען אַלע צו די עקסטרים ראַדיקאַלע ריכטונגען. בעגרייפענ־דיג, דאָס אין אַ אָפענעם קאַמפּף וועלען זיי די קלעריקאַלען ניט בעזיעגען, האָבען זיי זיך גענומען צו געהיימע מאָרדען און ניט האָבענדיג קיין ערפאָלג מיט די ביקסען, האָבען זיי זיך גענומען צו די מעסערס.

— און פאַר וואָס דענקט איהר עפּעס, דאָס ריוואַרעס איז גראַדע מיט זיי אין פערבינדונג?

— איך האָב בלויז אַ חשד. אַלענפאַלס וועט מען עס דאַרפען אונטער־זוכען, איידער מען וועט איהם אַנפערטרויען אונזער גאַנצע קאָנטראַבאַנדע־ליטעראַטור. אויב איהר דענקט צו טהון ביידע אַרבייטען מיט אַמאָל, קען עס שטאַרק שאַדען די רעפּוטאַציע פון אונזער פּאַרטיי. אָבער מיר וועלען נאָך וועגען דעם רעדען אַ צווייטען מאָל. יעצט האָב איך אייך נויטיג איבערצו־געבען וויכטיגע נייעס פון רוים. מען זאָגט דאָס עס האַלט זיך אין אויס־אַרבייטען אַ פּראָיעקט פון שטאָדטישער זעלבסטפערוואַלטונג.

6.

דזשעמאַ און ריוואַרעס זיינען לאַנגזאַם געגאַנגען איבער לונג אַרנאָ. די גאַנצע צייט, זייט זיי זיינען צוזאַמען אַרויסגעגאַנגען פון ריקאַרדאָ׳ס הויז, האָט „דער שטעבעדיגער“ אַ וואָרט מיט איהר ניט אויסגערעדט. זיין פּיעבער־

האפטע פלוידעריי האט, ווי עס שיינט, זיך אויסגעוועבט און דזשעמא איז גראדע געווען העכסט צופריעדען דערמיט.

ווען זיי זיינען פארבייגעגאנגען אופיצי'ס פאלאץ, האט ער זיך פלוצלונג אבגעשטעלט.

— זייט איהר ניט מיעד ?

— ניין. וואס איז ?

— זייט איהר ניט שטארק פערנומען היינט אבענד ?

— ניין.

— איך האב איך געוואלט בעטען א געפעליגקייט — מאכען א שפאציער מיט מיר.

— וואוהין ?

— וואו איהר ווילט אליין.

— וואס איז איך עפעס איינגעפאלען ?

— ער האט זיך געקוויינקעלט.

— איך קען עס אייך ניט ערקלעהרען, עס איז מיר שווער. אבער איך בעט אייך זעהר — וועט איהר געהן מיט מיר ?

— געוויס, פילייכט וואלט איהר אבער בעסער אריינגעגאנגען צו מיר ?

— ניין. מיר וועלען האבען מיטאג אין א רעסטאראן. זאגט זיך ניט אב, איך בעט אייך.

זיי זיינען אריין אין א רעסטאראן. „דער שטעכעדיגער" האט בעשטעלט מיטאג, ער האט זיך אבער אליין צו דעם כמעט ניט צוגעריהרט. ער איז געזעסען שווייגענדיג און געברעקעלט שטיקלעך ברויט.

דזשעמא האט זיך אנגעהויבען צו פיהלען זעהר אונבעקוועם און זי האט שוין בעדויערט וואס זי האט איינגעשטימט מיט איהם צו געהן. ענדליך האט ער אויף איהר א קוק געטהון און פלוצלונג א פרעג געטהאן :

— וואלט איהר וועלען זעהן א פארשטעלונג אין צירק ?

זי האט ברייט געעפענט די אויגען פון איבערראשונג.

— האט איהר אמאל געזעהן אזא פארשטעלונג? — האט ער ווייטער געפרעגט איידער זי האט נאך צייט געהאט צו ענטפערען.

— ניין, איך האב ניט געזעהן און מיך אינטערעסירט עס ניט.

— שאדע, עס איז זעהר אינטערעסאנט. מיר שיינט, דאס מען קען ניט פערשטעהן דאס לעבען פון פאלק, ניט זעהענדיג אזעלכע פארשטעלונגען.

דער וואונדערבארער צירק האט פונאנדערגעווארפען זיינע ביידלעך הינטער די שטאדטישע טויערען. ווען „דער שטעכעדיגער" און דזשעמא זיינען אהין אנגעקומען האט זיך שוין די פארשטעלונג געהאט אנגעהויבען. די גאנצע טרופע איז בעשטאנען פון עטליכע פאיאצען און קונצענמאכער, איין רייטער, וועלכער איז געשפרונגען דורך רייפען, שטעהענדיג אויפ'ן פערד און

א הארבון, וועלכער פלעגט זיך האלטען אין איין קייקלען און זאגען פוילע, נארישע וויצען. דער עולם האט שטארק געלאכט און האט אפלאדירט.

— סעניאר ריווארעס, געפינט איהר דען דאס אלעס אינטערעסאנט? — האט דזשעמא געפרעגט זיך ווענדענדיג צו ריווארעס'ען, וועלכער איז גע־שטאנען אנגעשפארט אויף דער הילצערנער ווענטעל, מיר שיינט....

פלוצלונג איז זי אנשוויגען געווארען. נאך קיינמאל אין לעבען האט זי ניט געזעהן אזא שרעקליכען אויסדרוק פון אונענדליכע ליידען אויף א מענש־ליכע געזיכט. ניט ווילענדיג איז איהר געקומען אויפ"ן געדאנק דער גיהנום פון דאנטע.

„דער שטעכעדיגער" האט מיט אמאל א ציטער געטהאן און זיך אנגע־הויבען צו ריהרען.

— קומט, — האט ער א זאג געטהון — אדער אפשר ווילט איהר נאך זעהן?

— איך וויל בעסער ארויסגעהן פון דאנען.

— נו, ווי איז אייך געפעלען געווארען די פארשטעלונג? — האט „דער שטעכעדיגער" א פרעג געטהאן ארויסגעהענדיג.

— א זעהר טרויעריגעס בילד, צייטענווייז זאגאר העסליך צו קוקען.

— וואס, צום ביישפיעל, איז אייך פארגעקומען העסליך?

— אט די אלע נאכקרימענישען און באנאלע וויצען.

— איהר רעדט וועגען הארבאטען?

וויסענדיג ווי שמערצליך פיהלענד „דער שטעכעדיגער" איז צו אלעס וואס דערמאנט איהם אן זיינע אייגענע פיזישע חסרונות, האט זי זעהר גע־וואלט אויסמיידען צו רעדען וועגען הארבאטען, אבער ער האט אליין גע־פרעגט און זי האט צוגעשטימט.

— יע, דאס איז געווען ערגער פון אלעס.

— דאס האט דאך אבער מעהר פון אלעס דעם עולם אמוזירט.

— עס איז אמת, אבער דאס קען מען בלויז בעדויערען.

— פאר וואס? ניט דערפאר, ווייל עס איז אימפאנירט דעם פראסטען גע־שמאק?

— ניין. אלעס איז דארטען אויסגערעכענט צו געפעהלען דעם פראס־טען עולם, אבער אין דעם איז נאך דא אויך גרויזאמקייט.

ער האט א שמייכעל געטהון.

— גרויזאמקייט? אין בעצוג צום הארבאטען?

— ער אליין בעציהט זיך צו דעם גאנץ רוהיג. ביי איהם איז עס אן איינ־פאכע מלאכה. ווען מען קוקט אבער אויף איהם, ווערט שווער אויפ'ן הארצען. זיין ראליע איז זעהר אן ערנידעריגענדע; די מענשליכע ווירדע ווערט אין איהם געטראטען מיט די פיס.

— נו, ער ליידעט יעצט ניט פיעל מעהר, ווי פריהער, איידער ער איז אריינגעטראָטען אין דער טרופע. די ווירדע פון יעדען איינציגען ווערט גענוג ערנידעריגט אין אונזער געזעלשאפט.

— מעגליך, אָבער דאָ... איהר ווערט עס פיליכט בעטראַכטען אַלס אַ פאָר־אורטהייל, אבער דער מענשליכער קערפער דארף, נאָך מיין מיינונג, בעטראכט ווערען אלס א היילינטהום. עס איז אבשייליך צו זעהן, ווי מען צוקאליעטשעט עס מיט א כיון און מען לאכט אָב פון איהם.

— דער מענשליכער קערפער?... און דאָס הארץ? איז אייך קיינמאָל ניט געקומען אויפ'ן געדאנק, אז דיעזער מיאוס'ער פאיאץ בעזיצט א הארץ — א לעבעדיגע, קעמפפענדע מענשליכע הארץ, וועלכע איז געצוואונגען צו זיין זיין שקלאפין? איהר זייט אזוי עמפפינדיליך צו אַלעס, איהר בעדויערט אזוי שטארק דעם קערפער פון פאיאץ אין א לעבערליכען קאָסטיום מיט גלעקלאַך און פערגעסט וועגען זיין אונגליקליכער נשמה, וועלכע טראָגט ניט קיינע קליידער צו פערדעקען איהר שוצלאָזע נאקעטקייט! בעדענקט נאָר ווען זי ווערט דערשטיקט פון שאַנדע און ווי עס מאַטערט איהר דער געדאנק, דאָס אַלע מאכען חחוזק פון איהר. זי האָט ניט קיין שטימע און קען ניט שרייען, ווען אייהר טהוט וועה. זי מוז ליידען, דיידען און ליידען... אָבער ענטשולדיגט מיר, וואָס איך רעד נאַריישקייטען... פאר וואָס לאכט איהר ניט?

זי איז די גאנצע צייט געגאנגען שוויגענדיג, ניט אויסרעדענדיג א וואָרט. עס איז איהר ביז יעצט ניט איינגעפאלען, דאס זיין אונפערשטענד־ליכע אויפרעגונג האט וועלכען עס איז שייכות צו דעם וואונדערבארען צירק. יעצט איז איהר גראדע געקומען אויפ'ן געדאנק, דאס מיט דעם איז פערבונ־דען א פינסטערע געשיכטע פון זיין אינערליכען לעבען, און איהר האט אָנ־געכאפט א געפיהל פון טיעפען מיטלייד צו איהם.

— איך וויל, איהר זאלט פערשטעהן — האט ער ווייטער גערעדט — דאס אַלעס וואס איך האב געזאגט, איז די פרוכט פון מיין פאנטאזיע. עס איז שוין ביי מיר אזא שוואכקייט. איך וויל אבער ניט אז מיינע פאנטאזיען זא־לען גענומען ווערען ערנסט.

זי' האט גאר ניט געענטפערט. ווען זיי זיינען פערבייגעגאנגען די טויע־רען פון אופיצי'ס פאלאץ, איז „דער שטעכעדיגער" פּלוצלונג אריבער אויף דער צווייטער זייט פון גאס און זיך איינגעבויגען איבער עפעס א שווארצען פּעקעל, וואס איז געלעגען נעבען פארקאן.

— וואס איז מיט דיר, אינגעלע? — האט ער א פרעג געטהאָן מיט א פריינדליכען טאָן. — פאר וואָס געהסטו ניט אהיים?

דער פּעקעל האט זיך אָנגעהויבען בעוועגען און האָט געענטפערט מיט א קרעכץ. דזשעמא איז אויך צוגעגאנגען אהין און דערזעהן א אינגעלע פון א

יאָהר זעקס, שמוציג און אָבגעריסען. ער איז געלעגען צוגעטוליעט צו דער ערד, ווי אַן איבערגעשראָקענע חיה'לע.

— וואס איז מיט דיר ? — האט „דער שטעכעדיגער" ווידערהאָלט, איינבויגענדיג זיך צו איהם און גלעטענדיג זיינע צושויבערטע האָר, — דו ביזט דאָך אין גאנצען א דורכגעפראָרענער. גיב מיר די האנד און שטעל זיך אויף ! וואו וואָהנסטו ?

ער האט אנגענומען דעם אינגעלע פאר'ן האנד און איהם געוואלט אויפהויבען, אָבער יענער האָט אַ געשריי געטהאָן און זיך ארויסגעריסען פון איהם.

— וואס קען עס זיין מיט איהם? — האט „דער שטעכעדיגער" געזאגט צו דזשעמא'ן און זיך אראבגעלאזען אויף די קניע, אום איהם בעסער צו בעטראכטען. — אָ, אָ, סעניאָרא, גיט נאָר א קוק !

דער אקסעל און דער גאנצער רעקעל אויף דעם אינגעלע זיינען געווען אויסגעווייקט אין בלוט.

— זאג מיר, וואס האט מיט דיר פאסירט ? — האט „דער שטעכעדיגער" איהם נאָך אמאָל געפרעגט — האָסטו זיך אָן עפּעס צוקלאפּט ? ניין ? האט דיר יעמאנד געשלאָגען ?

— יע, דער אָנקעל.

— אזוי גאָר ! ווען ?

— אין דער פריה. ער איז געווען שיכור, און איך... איך...

— און דו האסט זיך איהם אונטערגערוקט אונטער'ן האנד, יע? אזוי איז עס שטענדיג, מיין קליינער פריינד, מען טאָר זיך ניט אונטעררוקען אונטער'ן האנד צו אַ שיכור'ן ; זיי האָבען עס ניט ליעב... וואָס טהוט מען, אַלזאָ, מיט דיעזען אָרימען קערל, סעניאָרא? קום אהער צו מיר, מיין אינגעלע, לאָז זעהן וואס איז מיט דיין אקסעל. האלט זיך אָן פאר מיין טאנטע — האב קיין מורא ניט, איך וועל דיר גאָר ניט טהאָן. נו, אָט אזוי !

ער האט אויפגעהויבען דעם אינגעלע אויף די הענד און איהם אוועקגעזעצט אויף די ברייטע שטיינערנע ווענטלעך. נאכהער האט ער ארויסגענומען פון טאַש אַ קליינעם מעסערעל און צודריקענדיג דאָס אינגעלע צו זיין ברוסט, האט ער שנעל אָבגעשניטען דעם צוריסענעם ארבעל, דזשעמא האט אונטערגעהאלטען די קראנקע האנד. דער אקסעל איז געווען אין גאנצען בעדעקט מיט בלויע צייכענס און צובלוטיגגט און אויפ'ן האנד האָט זיך געזעהן א טיעפער שניט.

— אך, ווי קען מען עס אזוי צופאסעווען א קינד ! — האט געזאגט „דער שטעכעדיגער", איבערבינדענדיג איהם די וואונד מיט א נאָז־טיכעל — מיט וואס האט ער דיר געשלאָגען ?

— מיט א לאַפּעטע. איך האב איהם געבעטען א סאלדא... איך האב גע־וואלט קויפען עפּעס. און ער האט מיר מיט דער לאַפּעטע...

„דער שטעכעדיגער" האט אַ ציטער געטהאָן.

— טהוט עס דיר שטארק וועה, מיין קינד? — האט ער געפרעגט מיט א פריינדליכען, מיטפיהלענדען טאָן.

— יע, ער האט מיר א קלאפּ געטהאָן מיט דער לאַפּעטע און איך בין אנטלאָפען...

— און פון דאן אָן געהסטו ארום איבער די גאסען א הונגעריגער?

דער אינגעלע האט זיך אָנשטאָט אן ענטפער פערנאנדערגעוויינט. „דער שטעכעדיגער" האט איהם גענומען אויף די הענד.

— וויין ניט, עס איז גאר ניט — מיר וועלען אלעס גוט מאכען.... וועלען מיר טרעפען ערגעץ־וואו א קאוטש? איך האב מורא, אז זיי שטעהען יעצט אלע לעבען טהעאטער, דאָרט איז היינט א געוויסע פאָרשטעלונג. עס טהוט מיר זעהר לייד, סעניאָרא, וואס אייך וועט אויסקומען צוליעב מיר צו געהן אזוי ווייט צופוס, אבער....

— איך וועל אייך בעגלייטען. מעגליך, דאס איהר וועט זיך נויטיגען אין מיין הילפע. דענקט איהר, דאָס איהר וועט איהם קענען דערטראָגען אויף די הענד? איז עס ניט זעהר שווער פאר אייך?

— עס מאַכט ניט אויס. איך וועל זיך ניט איבעררייסען.

נעבען טהעאטער זיינען נאָך געשטאנען איינציגע קארעטען, אבער אלע זיינען געווען פערנומען. עס איז שוין געווען נאָך דער פאָרשטעלונג און דער עולם האט זיך שוין געהאט צופאָהרען. בעמערקענדיג דאס אויף דער אַפּישע איז מיט גרויסע בוכשטאבען אָנאָנסירט זיטאָ'ס נאָמען, אלס באַלעט טענצע־רין, איז „דער שטעכעדיגער" צוגעגאנגען צום ארייננגאנג פאר ארטיסטען און געפרעגט אויב מאדאם רעני איז שוין אוועקגעפאָהרען.

— נאָך ניט — האט געענטפערט דער וועכטער, קוקענדיג מיט פער־וואונדערונג אויף דעם שעהן געקליידעטען מאן מיט אן אבגעריסענעם אינגע־לע אויף די הענד. — מאדאם רעני וועט ווארשיינליך באלד ארויסגעהן; דער קאָוטש ווארט אויף איהר... אָט געהט זי אליין.

זיטא האט זיך אראבגעלאזען פון די טרעפ מיט א יונגען אָפיציער אין ארעם. אין דעם סאמעטענעם רויטען מאנטעל אריבערגעוואָרפען איבער'ן קלייד מיט דעם פעכער פון שטרויס־פעדערען אין האנד, האט זי אויסגע־זעהן זעהר שעהן, ביים ארויסגאנג האט זי זיך פלוצלונג אבגעשטעלט און ארויסנעהמענדיג איהר האנד פון אָפיציערס ארעם, איז זי שנעל צוגעלאפען צו ריווארעס"ען.

— פעליטשע! — האט זי אויסגערופען שטארק איבערראשט — וואס האט איהר עס אהער געבראכט?

— איך האב געפונען דיעזען איגנעלע אויפ"ן גאס. ער איז אין גאנצען צו'הרג'עט און איז הונגעריג. מיר דארפען וואס שנעלער מיט איהם אהיים קומען און קיין קאָטש קען מען ניט קריגען. קען איך זיך בענוצען מיט אייערען?

אויף זיטא'ס געזיכט האט דורכגעשוועבט א קרומע, פערעכטליכע מינע.

— ווי איז עס אייך ניט מיאוס צו האלטען איהם אויף די הענד? ער דריקט זיך דאָך צו מיט זיין שמוציגען קאָפּ צו אייער אויבערהעמד...

„דער שטעכעדיגער" האט אויף איהר א קוק געטהאָן מיט א בייזען, פיי־ערדיגען בליק.

— ער וויל דאָך אבער עסען, פערשטעהט איהר וואס עס מיינט אזוינס זיין הונגעריג?

— סעניאר ריווארעס — האט זיך דזשעמא אריינגעמישט, צוגעהענדיג נעהענטער — מיין וואָהנונג איז גאנץ נאָהענט פון דאנען. נעהמט דאָס קינד צו מיר, און איך וועל שוין ווי עס איז איינאָרדנען פאר איהם א פּלאַץ איבער נאכט.

ריווארעס האט זיך שנעל אומגעקעהרט צו איהר.

— וועט עס אייך ניט בעאונרוהיגען?

— געוויס ניט. א גוטע נאכט מאדאם רעני!

די ציגיינערין האט זיך קאלט פערגייגט און אונגעדולדיג א קוועטש גע־טהאָן מיט די פּלייצעס, אוועקגעהענדיג מיט'ן אָפּיציער צום קאָטש, וועלכער האט אויף איהר געווארט. אָבגעהענדיג איינינע טריט, האט זי חרטה געקריגען און אויסגערופען:

— איך וועל אייך צושיקען די קארעטע, סעניאָר, אויב איהר ווילט.

— גוט; שיקט איהם צו שפּעטער, איך וועל אייך געבען די אדרעסע.

דזשעמא'ס הויז־פרוי, קיידי, האט שוין געווארט אויף איהר בעל־הבית־טע מיט אונגעדולד, דערוויסענדיג זיך, וואס עס האָט פּאסירט, איז זי שנעל אוועקגעלאָפען און געבראכט הייסע וואסער און אַלעס וואס איז נויטיג אי־בערצובינדען א וואונד. „דער שטעכעדיגער" האט אריינגעזעצט דעם איגנע־לע אין א ווייכען שטוהל, ארונטערגענומען פון איהם זיינע צוריסענע קליי־דער און, אראבלאָזענדיג זיך אויף די קניע, האט ער פאָרזיכטיג און שנעל ארומגעוואשען די וואונדען און זיי באנדאזשירט. ווען ער האט געענדיגט די ארבייט און האט איינגעוויקעלט דעם איגנעל אין א ווייכער דעקע, איז אריינ־געקומען דזשעמא מיט א טאַץ אין די הענד.

— קען יעצט אייער פּאציענט עטוואס צוביסען? — האט זי א פרעג געטהאָן, קוקענדיג מיט א שמייכעל אויף דער קליינינקער פיגור.

„דער שטעכעדיגער" האָט זיך אויפגעשטעלט און צוזאמענגענומען די שמוציגע שמאַטעס.

— ענטשולדיגט, וואס מיר האבען אייך דא אנגעמאכט אזא אונארדנונג — האט ער געזאגט — דיעזע קליידער זיינע דארף מען בעסער פערברענען. איך וועל איהם מארגען קויפען נייע... האט איהר ניט, סעניארא, א ביסעל שטארקען וויין? דאס וואלט איהם מעהר קרעפטיגען. און איך וואלט וועלען אבוואשען די הענד, אויב איהר וועט ערלויבען...

נאכ"ן אבענד ברויט איז דער אינגעלע איינגעשלאפען ביי ריווארעס'ען אויף די הענד. דזשעמא האט געהאלפען קיידי'ן אויפראמען דעם צימער און האט זיך נאכהער צוגעזעצט צום טיש.

— סעניאר ריווארעס, איך דענק, דאס איהר דארפט אויך עטוואס צו־בייסען איידער איהר וועט פאהרען אהיים. צום מיטאג האט איהר זיך כמעט ווי ניט צוגעריהרט, און יעצט איז שוין נאכט.

— איך וועל בלויז טרינקען א גלאז טהעע, אויב איהר האט. איהר וועט מיר שוין מוזען ענטשולדיגען, וואס איך האלט אייך אויף אזוי שפעט.

— א, נארישקייטען. לעגט אוועק דאס קינד אויפ'ן סאפע. אייך איז דאך שווער עס צו האלטען. ווארט א מינוט, איך וועל פערשפרייטען א ליילאך איבער'ן קישען. וואס דענקט איהר מיט איהם וויטער צו טהאן?

— איך וועל פרובירען מארגען אויסגעפינען אויב ער האט קרובים, אויס־סער דער שיכור'ער חיה, און ווען ניט, וועט אויסקומען צו פאלגען מאדאם רעני'ס עצה און אריינגעבען איהם אין א היים. די בעסטע זאך פאר איהם וואלט פיליכט זיין, אנצוטהאן איהם א שטיין אויפ'ן האלז און אריינוואדפען אין וואסער. אבער דאס וואלט אונז נאך געקאנט פערשאפען צרות. ער שלאפט שטארק; אך, דו בלינדע שפיעלצייג פון בייזען שיקזאל! א קאץ וואלט זיך שוין בעסער געקענט בעשיצען.

ווען די קארעטע איז נאך זיי געקומען, איז דער אינגעל נאך אלץ גע־שמאק געשלאפען. „דער שטעבעדיגער" האט איהם פארזיכטיג גענומען אויף די הענד און איהם אראבגעטראגען פון די טרעפ.

— היינט זייט איהר געווען פאר מיר אן אמת'ער מלאך — האט ער גע־זאגט צו דזשעמא'ן, זיך אבשטעלענדיג אונטען אין טיר. — איך דענק אבער, דאס וועט ניט שטערען אין דער צוקונפט וויטער זיך צו קריגען.

— איך האב ניט דעם מינדעסטען פערלאנג צו קריגען זיך מיט מענשען.

— נו, און איך האב גראדע יע אזא פערלאנג. אהן קריעגערייען, שיינט מיר, וואלט דאס לעבען געווען איינפאך אונערטרעגליך.

7.

אויף אן איינלאדונג צו א פערזאמלונג פון דער ליטעראטור קאמיטע, וואס מארטיני האט אין די ערשטע טעג פון נייעם יאהר פארנאנדערגעשיקט צו אלע מיטגליעדער, האט ער פון „דעם שטעבעדיגען" בעקומען א לאקאנישע נאכריכט, אנגעפאטשקעט מיט א בלייפעדער, דאס צו זיין גרויסען בעדויערען

קען ער ניט אנוועזענד זיין. מארטיני איז געוואָרען אויסער זיך. אזא לייכטע בעציהונג צו דער ארבייט אין דער איצטיגער צייט האט איהם אויסגעזעהן אלס א פערברעכען. ווען דאקטאר ריקארדאָ איז ערשיענען אויף דער פער־זאמלונג און איהם געפרעגט אויב ריווארעס וועט קומען, האט ער בייז גע־ענטפערט:

—געוויס ניט. ער האט ווארשיינליך מעהר אינטערעסאנטע ארבייט און וועט ניט קענען קומען, אָדער בעסער געזאגט, ער וויל ניט קומען.

— מארטיני, איך מוז אייך זאגען, דאס איהר זייט זעהר אונגערעכט אין אייערע בעשולדיגונגען געגען ריווארעס'ען — האט זיך אבגערופען מיט א זעהר אויפגערעגט שטימע גאלי. — אויב יעמאנד געפעלט אייך ניט, מוז דען אלעס וואס ער טהוט זיין שלעכט? ווי קען דען ריווארעס קומען, ווען ער איז קראנק?

— ווער האט אייך דען געזאגט, דאס ער איז קראנק?

— איהר האט דען ניט געוואוסט? שוין פיער טעג, ווי ער קען פון בעט ניט אויפשטעהן.

— וואס איז דען מיט איהם?

— איך ווייס אליין ניט. נעכטען בין איך צו איהם אריינגעגאנגען, האט מען מיר געזאָגט, דאָס ער איז קראַנק און קען קיינעם ניט אויפנעמען. איך האב געדענקט, דאס ריקארדאָ איז מיט איהם.

— ניין, איך האב גאר ניט געוואוסט. היינט אבענד וועל איך צו איהם אריינגעהן און זעהן, צו ער דארף ניט גאָרניט.

אויף'ן צווייטען טאג אין דער פריה איז ריקארדאָ, א בלאסער און מיע־דער, אריינגעגאנגען צו דזשעמאַ'ן. זי איז געזעסען און אויסגערופען מיט א מאָנאָטאָנער שטימע פערשיעדענע ציפערען. מארטיני ווידער, מיט א פער־גרעסערונגס־גלאָז אין איין האנד און א דין פערשארפטען בלייפעדער אין דער צווייטער, האָט זיי פערצייכענט דורך געוויסע סמנים אין א בוך. דזשעמאָ האט א מאך געטהאָן צו ריקארדאָ'ן מיט'ן האנד, ער זאל א ביסעל אויפוואר־טען און האט פארטגעזעצט די ארבייט פון לייענען די שיפרירטע בריעף.

— 4,2; 3, 7; 3, 1, 6, 5, 3, 4, 1 — האט זיך געהערט דזשעמאַ'ס שטימע איינארטיג ווי א מאשין — 8, 4, 7, 2, 6, 1 — דאָ ענדיגט זיך די פראזע, צעזאר.

זי האט אריינגעשטעקט א שפילקע אין דעם פּלאַץ, וואו זי האט זיך אבגעשטעלט און זיך געווענדעט צו ריקארדא.

— גוט מארגען, דאקטאר. וואס פאר אן אויסגעמאטערטען אויסזעהן איהר האט! זייט איהר ניט געזונד?

— ניין. איך אליין בין פּאַלשטענדיג געזונד, נאר איך בין זעהר מיעד. איך האָב פערבראַכט א שרעקליכע נאַכט ביי רייוואַרעס'ען.

—בײ ריוואַרעס'ען ?

— יע, איך בין געזעסען בײ איהם א גאַנצע נאַכט, און יעצט דאַרף איך געהן אין האָספּיטאַל. איך בין אַרײַנגעגאַנגען צו אײַך פרעגען, פּילײכט װײסט איהר װער עס קען אויפּפּאַסען אויף איהם אײניגע מעת־לעת. ער איז אין א שרעקליכען צושטאַנד. איך װעל נאַטירליך טהאָן פאַר איהם אַלעס, װאָס איך קען, אָבער יעצט האָב איך קײן צײט ניט, און װעגען א נױרס אײנ־לאַדען, װײל ער גאָר ניט הערען אפילו.

— װאָס איז דען מיט איהם ?

— זײן קראַנקהײט איז זעהר א קאָמפּליצירטע, פריהער פון אַלעס...

— פריהער פון אַלעס זאָגט מיר, האָט איהר שוין געגעסען פרישטיק ?

— יע, איך דאַנק אײַך... אַלזאָ, איך האָב גערעדט װעגען ריוואַרעס'ען. בײ איהם זײנען הויפּטזעכליך די נערװען זעהר ערשיטערט, בעזאָנדערס אָבער לײדעט ער פון דער פערעלטערטער װאונדע, װעלכע איז געװען זעהר פערנאַכ־לעסיגט. עס איז אײנפאַך א װאונדער, װי ער טראָגט איבער אזעלכע שמער־צען. ער האָט א כראָנישע ענטצינדונג, װעלכע רופט זיך פעריאָדיש אָב און יעדע קלײניגקײט קען בײ איהם אַרויסרופען אַן אַנפאַל פון שרעקליכע יסורים.

— איז עס געפעהרליך ?

— נײן... די גרעסטע געפאַהר ליגט אין דעם, װאָס דער חולה קען אַמאָל פון גרויסע יסורים אײננעהמען גיפט.

— איז דער װעהטאָג װירקליך אזוי שטאַרק ?

— אונגעהײער. מיר איז א װאונדער װי ער קען עס פערטראָגען. לעצטע נאַכט איז מיר אויסגעקומען צו געבען איהם אָפּיום. געװעהנליך טהו איך עס ניט צו נערװען קראַנקע, אָבער מען האָט דאָך װי עס איז געמוזט פער־לײכטערען די שמערצען.

— ער מוז װאַרשײנליך זײן זעהר נערװעז.

זעהר. ער בעזיצט אָבער א מערקװירדיגע װילענס־קראַפט.

— פאַר װאָס האָט ער אָבער אונז ניט געגעבען צו װיסען, דאָס ער איז קראַנק ? — האָט געפרעגט מאַרטיני — װאָלטען מיר איהם דען געלאָזען אלײן אזוי לאַנג ?

— און פאַר װאָס האָט איהר, דאָקטאָר, ניט געשיקט נאָך אײנעם פון אונז ? — האָט דזשעמאַ צוגעלעגט.

— טהײערע מײנע, איך האָב געװאָלט שיקען נאָך גאַללי'ן, אָבער ריוואַ־רעס איז געװאָרען אזוי אויפגערעגט, װען ער האָט דאָס דערהערט, אַז איך האָב זיך באַלד ענטזאָגט פון דעם געדאַנק.

— װער איז יעצט בײ איהם ? — האָט דזשעמאַ א פרעג געטהון.

— קיינער ניט, אויסער דער בעל הבית'טע און איהר דיענסט.

— איך געה צו איהם גלייך — האָט געזאָגט מארטיני.

— זעהר גוט. און איך וועל זיין אין אבענד. א ליסט מיט מיינע אינס־טרוקציאָנען וועט איהר געפינען אין טיש־קעסטעל נעבען גרויסען פענסטער און אַפיום אין צווייטען צימער אויפ'ן פּאָליצע. אויב ער וועט פיהלען גרויסע שמערצען, גיט איהם אַ דאָזע אַפיום, ניט מעהר.

ווען מארטיני איז אריינגעגאנגען אין האלב־פינסטערען צימער, וואו עס איז געלעגען דער חולה, האָט יענער שנעל אומגעקעהרט דעם קאָפּ און אויס־געשטרעקט צו איהם זיין הייס־ברענענדע האנד.

— אָ, מאַרטיני ! איהר זייט געקומען מיר אָנרייבען אַ מאָרדע פאר יענע קאריקאטורען ? — האט ער אָנגעפאנגען מיט זיין געוועהנליכען לייכטזיניגען טאָן. — ענטשולדיגט וואס איך האב נעכטען דורכגעלאזען די זיצונג פון קאָ־מיטעט. עפּעס פיהל איך זיך ניט מיט אלעמען.

פלוצלונג האט זיין געזיכט אָנגענומען אַן ערנסטע מינע.

— עס טהוט מיר לייד, וואס איהר האט זיך געדארפט אומזיסט בעאונ־רוהיגען. איך פיהל זיך יעצט בעסער. איך דארף קיין זאך ניט האָבען.

— אויף אזא אופן וועל איך זיצען אין צווייטען צימער און לאָזען די טיר אָפען, איהר זאָלט מיך קענען רופען, ווען איהר וועט עטוואָס דארפען.

— וואס דארפט איהר זיך בעאונרוהיגען ? איך פערזיכער אייך, דאס איך דארף גאָר ניט האָבען און איהר וועט בלויז די צייט אומזיסט פערליערן.

— הערט אויף צו רעדען נארישקייטען — האט איהם מארטיני גראָב איבערגעשלאָגען — וואס דרעהט איהר א קאָפּ. איהר דענקט, איך האב קיין אויגען ניט ? ליגט רוהיג, און פּרובירט איינצושלאָפען.

מיט דיזע ווערטער איז ער ארויסגעגאנגען אין צווייטען צימער און זיך געזעצט לעזען. פלוצלונג האט ער דערהערט ווי דער קראנקער האט זיך אָנגעהויבען אונרוהיג צו בעוועגען. אייניגע מינוטען נאך דעם איז געווען שטיל, נאכהער האט ער זיך ווידער אָנגעהויבען צו ווארפען ; עס האט זיך געהערט אן אָפּטער, שווערער אָטהעמען, ווי ביי איינעם וואָס דריקט צוזאַ־מען די ציין, אום צו דערשטיקען א קרעכץ.

— פיליכט דארף מען עטוואס טהון, ריווארעס ? — האט מארטיני געזאגט, אריינגעהענדיג אין צימער. ניט בעקומענדיג קיין ענטפער, איז ער צוגעגאנגען נאָהענט צום בעט. „דער שטעכעדיגער" איז געלעגען בלאס ווי א טוידטער.

— זאל איך אייך געבען פיליכט אַפיום ? ריקארדאָ האט געזאגט, דאס מען קען עס אייך איינגעבען, ווען איהר וועט פיהלען זעהר שטארקע שמער־צען.

— ניין, איך דאנק אייך. איך קען נאָך פּערטראָגען. שפּעטער פּילייכט וועט ווערען ערגער.

מארטיני האט א קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס און זיך אוועקגעזעצט נעבען בעט. א גאנצע שטונדע, וועלכע האט איהם אויסגעזעהן ווי אן אייביגקייט, האָט ער געהאלטען אין איין בעטראַכטען דעם חולה. נאכהער איז ער אויפגעשטאנען און געבראכט אָפּיום.

„דער שטעכעדיגער" האָט איינגענומען די מעדיצין, ניט רעדענדיג א וואָרט און איז נאכדעם איינגעשלאָפען.

לאנג איז ער אזוי געשלאָפען, איין שטונדע נאָך דער צווייטער זיינען פערבייגעגאַנגען און האָט ניט געמאַכט די מינדעסטע בעוועגונג. דאָס געזיכט זיינס איז געווען טוידט־בלאס און מארטיני האט זיך אנגעהויבען צו שרעקען, אויב ער האט ניט איבערגעכאפּט די מאָס און איהם געגעבען צופיעל אָפּיום. ער איז פאַרזיכטיג צוגעגאנגען און א טרייסעל געטהאָן זיין האנד, אום איהם אויפצו־וועקען. דאס האט אבער ניט געהאָלפען. פּלוצלונג האט מארטיני דערהערט הינטער זיך ריקארדא׳ס שטימע.

— אָ, ענדליך זייט איהר געקומען! גיט נאָר א קוק, ריקארדא, וואס איז די אורזאכע וואס ער שלאָפט אזוי לאנג? מיט צעהן שעה צוריק האב איך איהם געגעבען אָפּיום און פון יענער צייט אָן האָט ער נאָך ניט בעוועגט מיט אן אבר.

ריקארדא האט זיך צו איהם איינגעבויגען און אויסגעהערט דאס קלאַפּען פון זיין פּולס.

— עס מאכט ניט אויס, ער אָטהעמט ווי עס דארף צו זיין. דאס איז איינפאַך פון שוואַכקייט נאָך אזא שרעקליכער נאכט. ווער יעמאנד ביי איהם זיין היינט ביי נאכט?

— גאלי וועט ביי איהם זיין. ער האט געשיקט זאגען דאס ער וועט קומען צעהן אוהר.

— עס איז שוין באלד צעהן... אָ, ער כאפּט זיך אויף! זעהט מען זאל איהם שנעל בעזאָרגען א ביסעל הייסע בוליאָן...

„דער שטעכעדיגער" האט זיך מיט אמאל אויפגעהויבען, קוקענדיג גלייך פאר זיך מיט צושראָקענע אויגען.

— דארף איך יעצט ארויסטרעטען? — האט ער שנעל געפרעגט אין שפּאניש. — אונטערהאלט דעם עולם נאָך א מינוט אָהן מיר... איך... אָ! איך האב אייך גאָר ניט דערקענט, ריקארדאָ.

ער האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען און צוגעלעגט די האנד צום שטערען ריכטיג ווי ער וואלט זיין אין ספק אויב אלעס ארום איהם איז ווירקליכקייט.

— מארטיני! איך האב געדענקט דאס איהר זייט שוין לאנג אוועק־געגאנגען. איך בין געווים געשלאָפען...

— נאָך ווי! צעהן שטונדען נאָכאנאנד! יעצט דארפט איהר עסען א ביסעל זופ און ווייטער איינשלאָפען.

— צעהן שטונדען! און איהר, מארטיני, זייט דאָ געווען די גאנצע צייט?

— יע, איך האב שוין אָנגעהויבען מורא צו האבען, אויב איך האב אייך ניט מכבד געווען מיכּמ א צו גרויסע דאָזע אָפּיום.

„דער שטעכעדיגער" האט אויף איהם א קוק געטהאָן מיט א שמייכעל.

— ווי עס שיינט, איז אייך דיעזען מאָל ניט געלונגען אָבצושיקען מיר אויף יענער וועלט. ווי גוט עס וואָלט געגאנגען אייער ארבייט, ווען איהר זאָלט פון מיר פטור ווערען. אבער אום גאטעס ווילען, ריקארדאָ, לאָזט מיר שוין צורוה מיט אייערע מעדיצינען. איך קען די דאָקטוירים איינפאך ניט פערטראָגען.

— טרינקט נאָר אוים די ביסעל זופ און איך וועל אייך שוין מעהר ניט בעאונרוהיגען. איך דענק דער קריזיס איז שוין פאָראיבער און איהר וועט יעצט שנעל געזונד ווערען.

— אָ, איך וועל שוין באלד זיין א גאנצער העלד, איך דאנק אייך... ווער איז דאס? גאלי? א גאנצע פערזאמלונג איז ביי מיר דאָ היינט.

— איך בין געקומען זיצען דאָ ביי אייך היינטיגע נאכט.

— נאַרישקייטען. געהט אלע אהיים. מען דארף מיר שוין מעהר ניט אבהיטען. אויב אפילו די אטאקע זאל זיך ווידערהאָלען, וועל איך אלענפאלס מעהר קיין אָפּיום ניט נעהמען.

מארטיני איז ארויסגעגאנגען א ביסעל אין גאס כאפען פרישע לופט. ווען ער איז אָבגעגאנגען אייניגע טריט, האט ער פלוצלונג דערהערט הינטער זיך א רוף פון א פרויען־שטימע. דאס איז געווען די ציגיינערין זיטא.

— וואס מאכט ער? — האט זי ביי איהם א פרעג געטהאָן, האלטעדיג אראבגעלאָזען די אויגען, ווי פערשעהמט.

— פיעל בעסער, ווי אין דער פריה. ער איז דעם גאנצען טאָג געשלאפען און פיהלט זיך יעצט פיעל לייכטער.

— איז איהם דען אזוי שלעכט?

— אזוי שלעכט, וואס ערגער קען שוין גאר ניט זיין.

— איך האב עס פערשטאנען. ווען ער ערלויבט מיר ניט צו קומען, איז א סימן, דאָס איהם איז זעהר שלעכט.

— קומט עס פאָר אָפט מיט איהם אזוי?

— ווי זאל איך אייך זאגען? . . . עס טרעפט מיט איהם ניט זעהר רע־געלמעסיג. זומער אין די שווייץ האט ער זיך די גאנצע צייט געפיהלט אויס־

געצייכענט. צו ווינטער צייט, ווען מיר האבען געוואהנט אין וויען, איז וויע־דער געווען שרעקליך. ער פלעגט מיך צו זיך ניט צולאזען גאנצע טעג. ווען ער איז קראנק, קען ער מיין געזעלשאפט ניט פערטראָגען.

זי האָט אַ שנעלען בליק געטהאָן אויף מארטיני'ן און מאָמענטאַן וויע־דער ארונטערגעלאזען די אויגען צו דער ערד.

— יעצט האָף איך וועט ער שוין מעהר אזוי ניט ליידען — האט מאר־טיני וועיך געזאגט. — דאָקטאָר ריקארדאָ האט זיך ערנסט גענומען צו זיין קראנקהייט און איהם וועט פיליכט געלינגען פאָלשטענדיג אויסהיילען איהם. נו, דערווייל אַ גוטע נאכט!

ער האָט איהר אויסגעשטרעקט די האנד. אָבער זי האָט זיך שנעל אָבגע־רוקט אָן אַ זייט.

— איך וועיס, דאס איהר האט ניט גערן צו דריקען די האנד פון זיין געליעבטער.

— זאל זיין אזוי — האט מארטיני ארויסגערעדט פערשעהמט.

— אָ, ווי איך האס אייך אלעמען! — האט זי אויסגעשריען און איהרע אויגען האבען געבליצט, ווי ברענענדע קוילען — איהר קומט מיט איהם זיך אונטערהאלטען וועגען פּאָליטישע פראגען און ער ערלויבט אייך צו זיצען נעבען איהם צו זיצען און גיבען איהם די מעדיצין. מיך לאָזט מען אפילו אויפ'ן שוועל ניט ארויף!.. וואָס איז ער פאר אייך? מיט וועלכען רעכט נעהמט איהר איהם אָב ביי מיר?.... איך האס אייך? איך האס אייך אלעמען!..

קוים איינהאלטענדיג די טרעהרען, איז זי שנעל אוועקגעלאפען פון איהם.

„אַ מערקווירדיגע זאך" — האט מארטיני געטראכט, קוקענדיג אין דער ריכטונג וואו זי איז פערשוואונדען געווארען — „דיעזע פרוי ליעבט איהם מיט אן אמת, ווי זאָנדערבאר!"...

8.

„דער שטערבעדיגער" האט זיך אָנגעהויבען גיך צו בעסערען. ווען רי־קארדא איז צו איהם אריינגעקומען אויף דער צווייטער וואָך, האט ער איהם שוין געטראָפען ניט אין בעט, נאר זיצענדיג אויף אַ סאָפא אין אַ טערקישען ראָק, פערברענגענדיג מיט גאלי'ן און מארטיני'ן.

איילענדיג זיך אויף די וויזיטען צו זיינע פּאציענטען, האט ריקארדאָ אבשיעד גענומען פון זיי און געבעטען מארטיני'ן ער זאל היינט זעהן אויפ־פאסען אויפ'ן חולה.

— יע, אבער ניט מעהר ווי ביז דריי אזייגער. מיר פאהרען היינט מיט גאלי'ן נאָך סאן מיניאטא וועגען אַ וויכטיגער אנגעלעגענהייט. אין אונזער אבוועזענהייט וועט דאָ דערווייל זיין סעניאָרא באָללאָ.

— סעניאָרא באללא ! — האט „דער שטעכעדיגער" אויסגערופען דער־שראָקען — ניין, מארטיני, איך שטים ניט איין. איך קען ניט צולאזען א דאמע זאָל זיך נאָך בעמיהען ארום מיר און מיין קראנקהייט. דא איז דאך איבעראל אזא אונאָרדנונג.

— הערט אויף צו רעדען נארישקייטען — האט איהם ריקארדא געענט־פערט מיט א געלעכטער. סעניאָרא באללא איז שוין ארומגעגאנגען ארום קראנקע, ווען זי האט געטראָגען קורצע קליידלעך און זי טהוט די ארבייט פיעל בעסער, ווי א פראקטיצירטע קראנקען־וועכטערין. איהר וועט ניט אנ־נעהם זיין אין אזא אונאָרדנונג ! איהר מוזט פיליכט דענקען, דאָס זי איז עהנליך צו סעניאָרא גראסיני.. אלזא, מארטיני, וועט סעניאָרא באללא קו־מען ! אבער פאר איהר דארף מען קיינע פארשריפטען ניט איבערלאזען... אָ, שוין האלב נאָך צוויי. איך מוז שוין לויפען. אדיע !

—יעצט ריוואַרעס, נעהמט איין די מעדיצין — האָט געזאָגט גאלי, צוגע־הענדיג צו איהם מיט א גלאָז.

— צום טייפעל מיט אלע מעדיצינען ! צו וואָס שטאָפּט איהר מיר מיט דיעזער פּאסקודסטוואָ, ווען די שמערצען זיינען שוין פּאַראיבער ?

— הויפּטזעכליך צוליעב דעם, זיי זאלען ניט ווידער קומען. ווילט איהר רוהיג ווארטען אויף א נייער אטאַקע, מען זאָל אייך ווייטער דארפען געבען אָפּיום ?

— אויב די וועהטאָגען דארפען זיך נאָך אמאל אברופען, מיין הערר, וועט עס געשעהן און איהר קענט מיט אייערע מיקסטורען דערצו גאָר ניט העלפען. זאָל אבער שוין זיין ווי איהר ווילט. טהוט אייער ארבייט.

ער האָט גענומען די גלאָז אין די לינקע האנד און שנעל אויסגעטרונקען. בעמערקענדיג די צייכענס ביי איהם אויפ'ן האנד, האט זיך גאלי דערמאָנט אָן דעם געשפרעך, וואס זיי האבען פריהער אָנגעפאנגען.

— דערצעהלט אונז, אלזאָ, וואו איהר האט געקריגען דיעזע וואונדען

— האט ער געזאגט — אין דער מלחמה ?

טהיילווייז אין דער מלחמה און טהיילווייז אויף יאגד אין ווילדע גע־געגנדען... דאָ און דאָרטען א ביסעל. מיר האבען זיך איינמאל געיאָגט אין די בראזיליער ווילדערנישען נאָך אָ פומע. האָב איך דאָרט בעגעגענט....

אימיצער האט אנגעקלאפּט אין טיר.

— איז אלעס אויפגעראמט אין צימער, מארטיני ? יע, אלזאָ, זייט אזוי גוט און עפענט די טיר... איהר זייט זעהר, זעהר פריינדליך, סעניאָרא — האָט ער זיך געוועגדעט צו דזשעמאָ, וועלכע איז נור וואָס אריינגעקומען — ענטשולדיגט, וואס איך שטעל זיך ניט אויף.

— עס איז אויך ניט נויטיג. איך בין צו אייך ניט געקומען מיט א ווי־

זיט — האט דזשעמא געענטפערט — צעזאר, איך דענק, אז אייך איז שוין צייט צו געהן.

— איך האב נאך א פירטעל שטונדע צייט. גיט מיר אייער מאנטעל און די קערבעל. איך וועל עס אוועקלעגען אין צווייטען צימער.

— זייט אבער פאָרזיכטיג. דארטען ליגען אייער, פרישע אייער, וועלכע קיידי האט היינט פריה געבראכט פון מאונט אָליוועטא. איך האב דארט אויך פרישע בלומען פאר אייך, סעניאָר ריוואַרעס. איך ווייס, איהר ליעבט זעהר בלומען.

— אלזא, וואס איז געווען ווייטער, ריוואַרעס — האט גאלי ווידער אָנגעפאנגען — איהר האט דאך געוואָלט דערצעהלען וועגען דעם קאמפף מיט א ווילדער חיה. ווי איז עס פאָרגעקומען?

— אָ, יע! גאללי וויל איך זאל איהם דערצעהלען וועגען דעם לעבען אין זיד־אמעריקא און ווער עס האט מיר אזוי צופליקט די האנד. דאס איז פאָרגעקומען אין פערו. געהענדיג איינמאל אויף יאגד, איז אונז אויס־געקומען דורכצוגעהן א פלאכען טייך, און אין מיטען דערינען האב איך זיך אָנגעשטויסען אויף דער ווילדער חיה. איך האב אין איהר אויסגעשאָסען, אבער די ביקס האָט זיך פערהאקט און געגעבען א פוסטען שאָס. די חיה האט, נאַטירליך, ניט געוואָלט ווארטען, ביז איך וועל נאך אמאל פרובירען — און אָט זעהט איהר דעם רעזולטאט.

— אן אנגענעהמע פאסירונג, ניטאָ וואָס צו זאגען!

— נו, דאס איז נאך ניט אזוי שרעקליך. צייטענווייז איז פיעל ערגער געווען. אין אלגעמיין איז עס אבער געווען א זעהר אינטערעסאנטער לעבען. די יאגד אויף שלאנגען, צום ביישפיעל...

און דאָ האט ער אָנגעהויבען צו דערצעהלען איין מעשה נאך דער צוויי־טער פון דער ארגענטינער מלחמה, פון דער בראזיליאנער עקספעדיציע, וועגען דער בעגעגעניש מיט ווילדע אינדיאנער אין געיעג אויף פערשיעדענע בלוטדורשטיגע חיות. גאלי האָט איינפאך געשלונגען יעדעס וואָרט, ווי א קינד, וואָס הערט דערצעהלען וואונדער געשיכטען. דזשעמא איז געזעסען דערביי, אויסנעהענדיג עטוואָס און זיך רוהיג צוגעהערט. איין מאַרטיני האָט געשיינט צו זיין אונצופריעדען. איהם האָט זיך געדוכט, דאָס ריוואַרעס גיט איבער די אַלע מעשיות מיט א טאָן פון בערימערייַ און זעלבסט־צופריעדענ־הייט.

— אָט דאס הייסט געלעבט! — האט גאלי אויסגערופען מיט א זיפץ, קוקענדיג אויף ריוואַרעס"ען מיט נאאיווער קנאה׳ — מיך וואונדערט, ווי איהר האט נאָך אַלעם דעם זיך געקענט שיידען מיט אזא לאנד ווי בראזי־ליען.

— דער גליקליכסטער פעריאָד פון מיין לעבען, איז דאָןווירקליך געווען אין פּערו און עקוואדאר — האָט „דער שטעכעדיגער" צוגעגעבען. די רייכ־טהום און שעהנקייט פון דער נאַטור אין יענעם פּראַכטפולען לאַנד איז גאָר ניט מעגליך צו בעשרייבען. דאָרטען איז, אמת, שוין אביסעל צו היים, מען ווערט אָבער צו אַלעם צוגעוואָהנט...

דזשעמא האט אבגעריסען די אויגען פון דער ארבייט און אויף איהם א קוק געטהאָן. ער איז פּלוצלונג שטארק רויט געוואָרען און אויפגעהערט אין מיטען.

— וואס איז מיט אייך, ריווארעס? — האט איהם גאַלי אונרוהיג א פרעג געטהאָן — פיהלט איהר שוין ווידער שלעכט?

— אַ, ניין, עס איז גאר ניט... איהר געהט שוין אוועק, מארטיני?

— יע, קומט, גאַלי, מיר וועלען געהן, עס ווערט שוין שפּעט.

דזשעמא איז ארויסגעגאנגען פון צימער און אריינגעבראכט א גלאָז מילך, אויסגעמישט מיט אן איי.

— טרינקט עס אויס — האָט זי געזאָגט מיט א מילדער שטימע און האָט זיך ווידער גענומען צו איהר ארבייט. ריווארעס האט איהר געפאָלגט.

א לאנגע צייט זיינען זיי אזוי געזעסען שווייגענדיג. ענדליך האט ער איהר שטיל אָבגערופען:

— סעניאָרא באללא!

זי האט אויף איהם א קוק געטהאָן. ער איז געזעסען אראבגעלאָזען די אויגען און נערוועז געפּליקט די זוים פון דער דעקע.

— זאגט, האט איהר דען געגלויבט דאס אלעס, וואס איך האב זיי דער־צעהלט?

— איך האב אויף א מינוט ניט געצווייפעלט, דאס איהר האט עס אַלעס אויסגעטראכט, — האט זי איהם רוהיג געענטפערט.

— איהר האט קיין טעות ניט געמאכט. איך האב עס מעהרסטענטהיילס אליין פערפאסט. אין דער מלחמה האב איך קיינמאל קיין אנטהייל ניט גע־נומען. וואָס אנבעלאנגט דער עקספּעדיציע... דאָרטען האב איך ווירקליך גע־האָט פיעלע פּאַסירונגען און א גרויסע טהייל פון די מעשיות, וועלכע איך האב דערצעהלט זיינען טאקע אמת. די וואונדען מיינע אבער זיינען גאָר פון עטוואָס אַנדערש. און איינמאָל האָט איהר מיר שוין געכאַפּט ביי אַ ליגען, וועל איך אייך שוין אַלעם דערצעהלען.

דזשעמא האט שווייגענדיג ארונטערגעלאָזען די ארבייט אויף די קניע. עפּעס איז איהר פּאָרגעקומען זאָנדערבאר אין דער ענטשלאָסענהייט פון דיע־זער פעסטער פערהארטעוועטער נאטור אויסצוגיסען די הארץ זיינע פאר א פרוי, וועלכע ער קען וועניג, און האט זאגאר ניט ליעב. ריווארעס איז א לאנ־

נע צייט געזעסען אָנגעשפּאַרט אָן טיש, צודעקענדיג מיט דער פּערוואונדעטער האַנד די אויגען. ענדליך האט ער זיך אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף און זיך צו איהר געווענדעט מיט א שוואכער שטימע.

— ווען איך הויב זיך אָן צו דערמאָנען אָן דער טרויעריגער געשיכטע, קומט מיר ניט ווילענדיג אויפ'ן זינען, דאס איך וואלט דאַמאַלס געווען א טהייערער געווינס פאר ריקארדא'ן, ווען איהם וואלט אויסגעקומען מיך דאָן צו היילען. אלס אן אמת'ער כירורג, האט ער דאך, ווארשיינליך, שרעקליך ליעב צובראָכענע ביינער און ביי מיר איז אין יענער צייט געווען צובראָכען, שיינט מיר, אלעס, וואס קען נאָר צובראָכען ווערען, אויסער, פיליכט די האַלז.

— און אייער מוטה. — האט ווייך צוגעלעגט דזשעמא.

— אויך דער מוטה מיינער איז געווען צובראָכען ווי א פּאַרצעלייענע כלי, און דאס איז פיליכט דאס ערגסטע אין דער גאנצער געשיכטע. שפּעטער איז עס, ווי אלע איבעריגע זאכען, א ביסעל אונטערגעקלעפּט געוואָרען. אבער לאָזט מיר אייך דערצעהלען מיט א סדר.

פאַרגעקומען איז עס אין לימא מיט 13 יאהר צוריק. ווי איך האב אייך שוין פריהער געזאגט, איז לימא א פּראַכטפאָלעס לאנד, אויב עס איז דאָ מיט וואָס צו לעבען; ווען אבער מען האט ניט א צובראָכענעם סענט, איז שוין דאָרט גאָר ניט אזוי גוט. איך האב ארומגעוואַנדערט איבער'ן גאנצען לאַנד און שיער פון הונגער ניט געשטאָרבען. איינמאָל בין איך צופעליג אריינגע־גאַנגען אין א זייטיגען סאַלון, לעבען די דאָקס אין לימא. בעטען ארבייט און מען האט מיך דאָרט אָנגעשטעלט אלס פּאָרטער. די ארבייט מיינע איז געווען די ערגסטע און שמוציגסטע, וועלכע איהר קענט זיך נאָר פאָרשטעלען; איך בין אָבער, ווייניגסטענס, געווען זאט. א געוויסע נאכט האט מיר דער בעל הבית געהייסען ארויסוואַרפען א שיכור'ען מאַטראָז, וועלכער האט אָנגעהויבען צופיעל צו ליארמען. נאַטירליך האב איך געמוזט ערפילען, אויב איך האב נאָר געוואָלט אָנהאַלטען דעם פּלאַץ. דער מאַטראָז איז אבער געווען צוויי מאָל אזוי שטארק, ווי איך, און דערצו האט ער נאָך געהאַלטען אין האנד א לאַנגען אייזען. בלויז א קורצע צייט האט עס געדויערט, און איך בין גע־פאַלען א צובראָכענער און צו'הרג'עטער, קוים וואס איך בין לעבען געבליבען.

— נו, און וואָס האָבען געטהאָן די איבריגע?

— די איבעריגע! דער בעל הבית און די בעזוכער פון סאַלון? דאס זיי־נען דאָך בלויז געווען נעגער, כינעזער און סתם טרעמפּס. זיי זיינען געשטא־נען ארום און געשעפּט נחת פון דער פּאָרשטעלונג. דאָרטען קוקט מען אויף אזעלכע זאכען ווי אויף א גוטען צופאָל זיך צו אַמוזירען.

דזשעמא האָט א ציטער געטהאָן מיט איהר גאנצען קערפּער.

— און מיט וואס האט עס זיך געענדיגט?

— דאס האב איך ניט געקענט וויסען פון אנפאנג, ווען איך האב אין גאנצען פערלארען אלע חושים. ווי עס האט זיך שפעטער ארויסגעוויזען, איז גראדע ניט ווייט פון דארטען געווען א שיף־דאקטאר, און ווען די צושויער האבען זיך איבערצייגט, דאס איך בין ניט געשטארבען, האבען זיי נאך איהם געשיקט. ער האט מיר, ווי־עס־איז, פעררינכט מיין צוריסענעם און צו־הרג'עטען קערפער. ריקארדא געפינט דאס ער האט געמאכט א שלעכטען דזשאב, אבער פיליכט רעדט עס אין איהם די פראפעסיאנעלע קנאה. ווען איך בין צו זיך געקומען, האט מיר עפעס א אלטע ארימע פרוי, אוים מיט־לייד, ארייגענומען צו זיך אין הויז. איך געדענק נאך, ווי יעצט, ווען זי פלעגט זיצען אייגעקארטשעט אין א ווינקעל, רויכערען איהר שווארצען פייפ, שפייען אויפ'ן פלאר און מיר אלץ טרויסטען, דאס קיינער וועט מיר ניט שטערען און איך וועל קענען ביי איהר רוהיג שטארבען. אזוי ווי אין מיר איז אבער שטארק ענטוויקעלט דער גייסט פון ווידערשפרוך, האב איך בע־שלאסען צו בלייבען לעבען. א שווערע ארבייט איז עס געווען זיך ארויס־צורייסען פון די נעגעל פון דעם מלאך המות, און יעצט קומט מיר מאנכעס מאל אויפ'ן געדאנק, דאס עס האט גאר ניט געלוינט די אנשטרענגונג. פיער מאנאטען בין איך אזוי געלעגען ביי דיזער אלטער. די שמערצען זיינען געווען אונגעהייער גרויס, און פלעגען אם שטארקסטען אנפאנגען זיך צו אבענד־צו. יעדען נאכמיטאג פלעג איך געוועהנליך ליגען איינער אליין און מיט שרעק אכטונג געבען, ווי די זון לאזט זיך ארונטער נידעריגער און ני־דעריגער... א, איהר וועט עס קיינמאל ניט קענען פערשטעהן!

ער האט אייניגע מינוט געשוויגען און נאכהער פארטגעזעצט:

ווען איך האב זיך אנגעהויבען צו פיהלען עטוואס בעסער, בין איך אוועק וואנדערען איבער'ן לאנד, אין דער האפנונג צו קריגען ארבייט. אב־שטעלען זיך אין לימא האב איך ניט געקענט, אייך וואלט פון זינען אראב, און בין דארום אוועק נאך קוסקא און דארטען... אבער צו וואס דערצעהל איך אייך די גאנצע געשיכטע. קען עס אייך דען אינטערעסירען?

זי האט אויפגעהויבען דעם קאפ און א קוק געטהאן אויף איהם מיט אן ערנסטען טיעפען בליק.

— רעדט ניט אין אזא טאן, איך בעט אייך — האט זי געזאגט — פי־לייכט זיינען אבער די עראינערונגען שמערצליך פאר אייך?

— און ווען איך שוויג, דענקט איהר, לייד איך ניט? דאן איז נאך ערגער.

— זאגט מיר, אויב איהר קענט, ווי איז עס פארגעקומען, וואס איהר

זיט מיט צוואַנציג יאָהר צוריק פערוואָרפען געוואָרען אַזוי ווייט ? — האָט זי אונענטשלאָסען אַ פרעג געטהאָן.

— גאַנץ איינפאַך : איך בין אַנטלאָפען פון דער היים.

— פאַר וואָס ?

ער האָט זיך פאַראַנאַנדערגעלאַכט מיט אַ שטילען טרוקענעם געלעכטער.

— פאַר וואָס ? דערפאַר, ווייזט אויס, ווייל איך בין געווען אַ נאַרישער, שטאָלצער אינגעל. איך האָב זיך ערצויגען אין אַ זעהר רייכער הויז, וואו מען האָט מיר איינפאַך אויף די הענד געטראָגען און איך האָב זיך דאַן פאָרגע־שטעלט, אַז די גאַנצע וועלט איז געמאַכט פון ראָזע'וואַטע און פערצוקערטע מאַנדלען. אין אַ געוויסען טאָג האָב איך זיך דערוואוסט, דאָס מיין בעסטער פריינד, וועלכען איך האָב שטאַרק געגלויבט, האָט מיך די גאַנצע צייט גע־נאַרט.. וואָס איז מיט איהר ? פאַר וואָס האָט איהר אַזאַ ציטער געטהאָן ?

— גאָר ניט. דערצעהלט ווייטער. איך בעט אייך.

—איך בין דערגאַנגען, דאָס מען האָלט מיך אין איין אָבנאַרען. אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך, נאַטירליך. אַזוי ווי איך בין אָבער געווען זעהר יונג און געגלויבט בתמימות, דאָס אויף ליגנער וואַרט דער גיהנום, האָב איך מיט אַמאָל פערלאָזען אַלעס און אוועק אין זיד אַמעריקאַ, מיט דעם געדאַנק אָנ־צופאַנגען אַ נייעס לעבען אָדער אונטערגעהן... און איך האָב דעם נייעם לעבען אָנגעפאַנגען דאָרט אָהן אַ סענט, ניט וויסענדיג אַ וואָרט שפּאַניש און ניט זייענדיג פאָרבערייטעט צו ליידען מאַנגעל אין עטוואָס. דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס איך בין אַריינגעפאַלען אין אַן אמת'ען גיהנום. ווען דיופרעס עקספּעדיציאָן האָט מיך געטראָפען, בין איך שוין געווען אויפ"ן סאַמע דעק פון אָבגרונד. דאָס איז געווען מיט פינף יאָהר שפּעטער.

— פינף יאָהר! ווי שרעקליך! האָט איהר דען ניט געהאַט קיינע פריינד ?

— פריינד ? — האָט ער אויסגערופען מיט אַן אויפגערעגטען טאָן — איך האָב אַ ז ע ל כ ע קיינמאָל ניט געהאַט.

אין אַ סעקונדע אַרום האָט ער זיך אָבער ווי פערשעהמט פאַר זיין שאַר־פען טאָן און איילענדיג צוגעגעבען :

— איהר דאַרפט, נאַטירליך, ניט אָננעהמען בוכשטעבליך אַלעס, וואָס איך רעד. איך גיב צו, דאָס איך מאָהל מיין פערגאַנגענהייט שוין אַ ביסעל צו פינסטער. אין דער ווירקליכקייט איז מיר די ערשטע אָנדערהאַלבען יאָהר גאָר ניט געווען אַזוי שלעכט. זייענדיג יונג און גענוג שטאַרק, פלעג איך זיך לייכט אַרויסדרעהען פון אַלע שוועריגקייטען ביז דער מאַטראָז האָט אויף מיר ניט אַרויפגעלעגט דעם שרעקליכען זיעגעל. נו, און פאַר אַ קאַליקע איז, זעלבסטפערשטענדליך, שוין ניט אַזוי לייכט זיך צו ערנעהרען.

— וואָס האָט איהר דאַן געטהאָן ?

— וואָס איך האָב געקענט. א געוויסע צייט בין איך געווען אין דיענסט ביי די נעגערס, וועלכע האבען געארבייט אויף די צוקער־פלאנטאציעס. עס איז אינטערעסאנט דערביי צו בעמערקען, ווי שקלאפען קליגען זיך אליין צו האָבען שקלאַפען און עס איז ניטאָ קיין בעסערער פערגעניגען פאַר א נעגער־שקלאַף, ווען איהם געלינגט צו האבען אונטער׳ן האנד א ווייסען, אויף וועמען ער קען אויסגיסען זיין כעס. דיעזע אַרבייט האָט מיר אָבער זעהר ווייניג איינ־געטראָגען און איך בין אריבער זוכען ארבייט אין די זילבער־מינען. מיין מיה איז אבער געווען אומזיסט. די פערוואלטער האבען זיך געקייקעלט פון געלעכטער ווען איך האב זיי דערצעהלט וואס איך פערלאנג, און די ארביי־טער פלעגען מיך מיט שפּאָט פעריאָגען פון דאָרטען.

— פאר וואָס?

— אזוי איז שוין, ווארשיינליך, די נאטור ביי דיעזע אונוויסענדע נע־גערס, זאמבאס און כינעזישע קולים. זעהענדיג דאס איך קען קיין ארבייט אין ערגעץ ניט געפינען, האב איך זיך אוועקגעלאזען טרעמפּעווען.

— טרעמפּעווען? מיט א הינקעדיגע פוס?

ער האט פּלוצלונג אויף איהר א קוק געטהאָן, געוואלט עפּעס זאגען, און ניט געקענט.

— איך... איך בין געווען הונגעריג — האט ער ענדליך ארויסגערעדט מיט א טרויעריגען שמייכעל. — א לאנגע צייט האב איך אזוי ארומגעוואנ־דערט פון איין פּלאַץ צום צווייטען. עס פלעגט מיר אָבגליקען אמאָל צו בע־קומען אויף א טאָג ארבייט, אויסרייניגען א חזיר־שטאהל אָדער עהנליכע ארבייט. איינמאָל . . .

זיין דיגע, דונקעלע האנד האט זיך פּלוצלונג צוזאמענגעדריקט אין א פויסט. זי האט אונרוהיג אויף איהם א קוק געטהאָן. זיין געזיכט איז געווען געווענדט צו איהר פּראָפיל און זי האָט בעמערקט ווי די אָדערען ביי איהם אויפ׳ן שלייף האָבען זיך אונרוהיג בעוועגט. איינבויגענדיג זיך צו איהם, האט זי איהם צערטליך אָנגענומען פאר׳ן האנד.

— דערצעהלט ניט מעהר, אויב איך איז זעהר שווער די עראינערונג.

ער האט אונענטשלאָסען א קוק געטהאָן אויף איהר האנד, א שאָקעל גע־טהאָן מיט׳ן קאָפּ און פאָרטגעזעצט מיט א פעסטע שטימע:

— איינמאָל האב איך זיך אָנגעשטויסען אויף א וואונדערבארען צירק. איהר געדענקט דעם צירק וואו מיר זיינען געווען? יענער איז נאָך געווען פיעל ערגער און אבשטויסענדער. די זאמבאס זיינען דאָך ניט ווי די קולטור־רעלע פלאָרענטינער און זיי קען מען נעהמען בלויז מיט גראָבע, נידעריגע זאכען. אויף דער פאָרשטעלונגס־פּראָגראם איז נאָך געווען די מלחמה מיט צורייצטע אָקסען. צוגעהענדיג צו דער פּלאטקע אן אויסגעהונגערטער, בין

איך גראדע אין יענעם מאָמענט געפאלען אין אונמאכט. דאס פלעגט מיט מיר אָפט פאסירען אין יענער צייט. מען האט מיר דאן ארייגעטראָגען אינוועניג, געגעבען שנאפּס טרינקען און עטוואס צובייסען. אויפ'ן צווייטען פריהמארגען האט מען מיר פאָרגעלעגט...

ער האט זיך אויף א ווײלע אָבגעשטעלט.

— זיי האבען גראדע דאן געדארפט האבען א קארליק, א הארבאטען אָדער אזוי א פערזעהעניש, אום די נעגערס זאָלען האָבען, צוליעב זייער פערגעניגען, אין וועמען צו ווארפען שאָלעכץ פון אפּעלסינען און באנאנעס. איהר האט געזעהן דעם האָרבאטען יענעם אבענד? אזא בין איך געווען גאנ־צע צוויי יאהר. איהר פיהלט אודאי גאנץ מענשענפריינדליך צו נעגערס און כינעזער. זייער גליק איז וואס איך איז ניט אויסגעקומען צו זיין אין זייערע הענד... איך האָב זיך אויסגעלערענט צו מאכען געוויסע קונצען און דאָס, וואס מיר האָט געפעלט אָ האָרב, האָט מען עס קינסטליך צוגעטשעפּעט. די זאָמ־באס פאָדערען ניט פיעל, אבי מען זאָל זיי נאָר געבען א לעבעדיגען נפש צו מאטערען.

די הויפּט־אונבעקוועמליכקייט איז בעשטאַנען אין דעם, וואס איך בין אָפט קראנק געווען און פלעג דאן ניט קענען ארויסגעהן אויף דער ביהנע. איינמאל, געדענק איך, האבען מיר אין מיטען פון דער פארשטעלונג אָנגע־באָפּט שרעקליכע שמערצען און איך האָב גע'חלש'ט. ווען איך בין צו זיך געקומען, האב איך דערזעהן דעם גאנצען עולם ארום זיך. אלע האבען גע־שריען, געלאכט און געווארפען אין מיר...

— מען דארף ניט... איך קען מעהר ניט הערען!. . . אום גאָטעס ווי־לען!

זי איז אויפגעשטאנען פון פלאץ און פערשטעקט מיט די פינגער די אויערען. ער האט שווייגענדיג א קוק געטהאָן אויף איהר און דערזעהן טרעה־רען אין איהרע אויגען.

דער טייוועל ווייס, וואס פאר אן אידיאָט איך בין — האט ער א מור־מעל געטהאָן.

זי איז צוגעגאנגען צום פענסטער און געשטאנען איייניגע מינוט בע־וועגלאָז. ווען זי האט זיך אומגעקעהרט צו איהם מיט'ן פּנים, איז ער געזע־סען פערטראכט, צוגעדעקט מיט די הענד די אויגען און האט, ווי עס האט אויסגעזעהן, אין גאנצען פערגעסען די ארומיגע וועלט.

זי האט זיך צוגעזעצט נעבען איהם. נאך א לאנגען שטילשווייגען האט זי זיך ענדליך צו איהם געווענדעט:

— איך וואלט אייך וועלען פרעגען . . .

— נו? — האט ער געזאגט, בלייבענדיג אין דער זעלבער פּאָזע.

— פאר וואס האט איהר זיך דאן ניט איבערגעשניטען דעם גארגעל?

ער האט אויף איהר א קוק געטהאן פערוואונדערט.

— איך האב פון אייך אזא פראגע ניט ערווארטעט. און מיין רעוואלו־ציאנערע ארבייט? ווער וואלט איהר געטהאן פאר מיר?

— אייער ארבייט?... א, איך פערשטעה! איהר האט פריהער דער־מאנט וועגען דעם, דאס איהר האט פערלארען דעם מוטה. אויב אבער איהר האט געקענט, איבערלעבענדיג אזעלכע שרעקליכע צייטען, ניט פערגעסען אייער ארבייט, זייט איהר דער שטארקסטער און מוטהיגסטער מענש, וועל־כען איך האב ווען עס איז בעגעגענט.

א לאנגע צייט האבען זיי ביידע געשוויגען. פלוצלונג האט זיך פון גאר־טען אריינגעריסען א ריינע, פרישע סאפראנא־שטימע, וועלכע האט געזונגען א קופלעט פון א פראנצויזיש־ליעדעל. שוין ביי די ערשטע קלאנגען האט זיך ריווארעס דערפיהלט ניט גוט און זיך אנגעשפארט אן טיש מיט א פער־שטיקטען קרעכץ. דזשעמא האט אנגענומען זיין האנד און זי פעסט גע־דריקט, ווי עס ווערט געטהאן מיט א קראנקען אין דער צייט פון אן אפערא־ציאן, ווען די שטימע איז שטיל געווארען און עס האבען נאכגעפאלגט א היל־כיגער געלעכטער און אפלאדיסמענטען, האט ריווארעס א קוק געטהאן אויף דזשעמא׳ן מיט דעם בליק פון א געפאנגענער חיה, וועלכע מען האלט אין איין מאטערען.

— דאס איז זיטא מיט איהרע פריינד און פערעהרער — האט ער שטיל ארויסגערעדט.

— זי פיהלט ניט, אז זי פערשאפט אייך מיט דעם שמערצען — האט דזשעמא ווייך א זאג געטהאן.

— זי איז ווי אלע קרעאלקעס. געדענקט איהר דעם אויסדרוק פון איהר געזיכט, ווען מיר האבען געבראכט צו איהם דעם צו׳הרג׳עטען אינגעל? אזא פנים מאכען אלע קרעאלקעס, ווען זיי לאכען.

פון גארטען האט זיך אריינגעריסען א טומעלדיגער געלעכטער. דזשעמא האט אויפגעמאכט דעם פענסטער און ארויסגעקוקט. זיטא איז געשטאנען אין מיטען וועג פון פרוכטגארטען מיט אן אויסגענעהטען גאלדענעם שארף אויפ׳ן קאפ, האלטענדיג אין א האנד א בוקעט בלומען, און דריי יונגע קאוואלערי־אפיציערען האבען זיך געשפארט צווישען זיך, ווער עס זאל פון איהר דעם בוקעט בעקומען.

— מאדאם רעני! — האט איהר דזשעמא אנגערופען.

— זיטא׳ס געזיכט האט זיך ווי בעדעקט מיט א פינסטערען וואלקען.

— וועל, מאדאם? — האט זי ערווידערט, ווארפענדיג אויף דזשעמא׳ן א בייזען בליק.

— קענען ניט אייערע פריינד רעדען א ביסעל שטילער ? סעניאָר ריוואַ־רעס איז זעהר קראנק.

די ציגיינערין האט א וואָרף געטהון דעם בוקעט אויף דער ערד און איז לאנגזאם אוועק איבער דעם שמאָלען וועג פון גאָרטען, איבערלאזענדיג איה־רע איבערראשטע קאוואליערען אליין. דזשעמא האט צוגעמאכט דעם פענס־טער.

— זיי זיינען אוועק — האט זי געזאגט דעם שטעכעדיגען.

— איך דאנק אייך. עס טהוט מיר זעהר לייד וואס איך בעמיה אייך.

— מיר איז דאס גאר ניט שווער...

ריווארעס האט גלייך בעמערקט די אונענטשלאסענהייט אין איהר שטימע.

— „אָבער" — האָט ער אונטערגעכאפּט — איהר האָט ניט געענדיגט, סעניאָרא — ביי אייך אין געדאנק איז פערבליבען א ניט־דערזאָגטער „אבער".

— אויב איהר קענט לעזען אין דעם מענשען זיינע ניט אויסגעשפרא־כענע געדאנקען, דארפט איהר זיך ניט בעליידיגען, וואס איהר זאלט דארטען ניט איבערלעזען. דאס איז, נאטירליך, ניט מיין זאך, אבער איך קען ניט פערשטעהן....

— מיין פערעכטליכע בעציהונג צו מאדאם רעני ?

— ניין, אייער לעבען מיט איהר, ווי באלד איהר פיהלט צו איהר ניט קיין סימפאטיע. מיר שיינט, איהר בעליידיגט דערמיט אין איהר די פרוי און...

— די פרוי ! דער שטעכעדיגער האט זיך טרוקען פארנאנדערגעלאכט.

— דאס איז ניט שעהן פון אייער זייט — האט דזשעמא געזאגט — איהר האט ניט קיין רעכט צו רעדען וועגען איהר אויף אזא אופן, בעזאנ־דערס צו א צווייטער פרוי.

ער האָט זיך אָבגעקעהרט און גאָרניט געענטפערט, קוקענדיג אויף דעם זונען אונטערגאנג דורכ'ן פענסטער.

— זאל איך פיליייכט אָנצינדען דעם לאָמפּ ? — האט זי א פרעג גע־טהאָן.

ער האט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, זי זאל עס ניט טהאָן. ווען עס איז שוין שטארק דונקעל געווארען, האט דזשעמא אוועקגעלעגט די ארבייט, וואס זי האט געשטריקט און איז שטיל ארויסגעגאנגען פון צימער. אומקעה־רענדיג זיך צוריק מיט אן אָנגעצונדענעם לאָמפּ, איז זי שטעהן געבליבען איין טהיר, דענקענדיג דאס ער איז ווארשיינליך איינגעשלאָפען. ווי נאָר די ליכט פון לאָמפּ האט איהם א שיין געטהאָן אין אויגען, האט ער זיך שנעל אומגעקוקט.

— איך האב אויפגעקאכט פאר אייך קאפע — האט זי געזאגט, אוועק־שטעלענדיג דעם לאמפ אויפ'ן טיש.

— שטעלט עס אוועק וואו־עס־איז און קומט צו צו מיר, איך בעט אייך.

— איך האב געטראכט וועגען דעם, וואס איהר האט מיר געזאגט — האט ער ווייך ארויסגערעדט, אננעהמענדיג איהר פארביידע הענד — איהר זייט גערעכט: איך האב אליין, מיט מיינע אייגענע הענד, צובראכען זיך דאס לעבען. אבער ניט אימער טרעפט איהר דאך א פרוי, וועלכע איז ווערטה גע־ליעבט צו ווערען. מיר איז אויסגעקומען אזוי פיעל איבערצולעבען, דאס איך האב יעצט מורא...

— איהר האט מורא?

— יע, איך שרעק זיך פאר דער פינסטערניש. איך האב מאנכעס מאל מורא צו פערבלייבען אליין ביי נאכט. איך מוז דאן האבען נעבען זיך א לע־בעדיגען רעאלען וועזען. ניט די געוועהנליכע פינסטערניש שרעקט מיר, נאר די א י נ ע ר ל י כ ע. יענע, וואו איהר הערט שוין ניט מעהר קיין געוויין, קיין ציין־קריצעניש, נאר עס איז שטיל, שטיל...

זיינע אויגען האבען זיך ברייט געעפענט.

דזשעמא איז געזעסען בעוועגלאז און געהערט מיט א פערהאלטענעם אטהעם, וואס ער האט גערעדט.

— איך קומט עס פאר ווי א מיסטישע פלוידעריי, ניט אמת? צו אייער גליק, ווייסט איהר ניט פון אזעלכע פאנטאזיעס. דענקט ניט וועגען מיר אזוי שלעכט, איך בין גאר ניט אזא גראבער נפש, ווי עס קען אייך מעגליך, אוים־ווייזען.

— איך קען ניט האבען קיין מיינונג איבער דעם, ווייל איך האב אזוי ניט געליטען, ווי איהר, כאטש אויך איך האב ניט, ווענית איבערגעטראגען.

ער האט אלץ געהאלטען איהרע הענד אין זיינע.

— זאגט מיר — האט ער שטיל אנגעפאנגען — האט איהר ווען עס איז אין אייער לעבען בעגאנגען א שלעכטע טהאט?

זי האט ניט געענטפערט, נאר איינגעבויגען די קאפ און צוויי גרויסע טרערען זיינען ארונטערגעפאלען אויף זיין האנד.

— זאגט — האט ער איהר שטארק געבעטען, דריקענדיג איהרע הענד — זאגט! איך האב דאך אייך אלעס דערצעהלט וועגען זיך!

— יע... איינמאל, שוין לאנג, בין איך בעגאנגען א שלעכטע טהאט. איך האב זיך שרעקליך בעגאנגען מיט א מענשען, וועלכען איך האב גע־ליעבט מעהר ווי אלעס אויף דער וועלט.

די הענד זיינע האבען שטארק געציטערט, אבער ער האט איהר פונ־דעסטוועגען ניט ארויסגעלאזען.

— ער איז געווען אונזערער א חבר — האט זי פּאַרטגעזעצט — און איך האָב געגלויבט א בלבול, וואס איז אויף איהם געמאכט געוואָרען — א גראָבען, אונפערשעהמטען ליגען, וואָס די פּאָליציי־בעאמטע האבען אויסגעטראַכט. איך האָב איהם א קלאַפּ געטהאָן אין געזיכט, ווי א פּערדעטהער... אין יענעם טאָג האט ער זיך דערטרונקען. אין צוויי טעג ארום האב איך זיך דערוואוסט, אז ער איז געווען פאַלשטענדיג אונשולדיג... אזא עראינערונג איז פילייכט ניט לייכטער פון אייערע... איך וואָלט גערן געלאָזט אָבשניידען זיך די האנד, ווען איך וואָלט מיט דעם געקענט פעררייכטען דאָס, וואָס איך האב געטהאָן.

אין זיינע אויגען האט א בליץ געטהאָן א מאָדנער פייעריל, וועלכען זי האט פריהער קיינמאל ביי איהם ניט בעמערקט.

ער האט זיך אונערוואַרטעט איינגעבויגען און איהר א קוש געטהאָן אין האנד.

זי האט איהר מיט שרעק ארויסגעריסען.

— מען דארף עס ניט טהאָן — האט זי ארויסגערעדט מיט א בעטענדען טאָן. — מיר איז שווער.

— איז דען דעם, וועמען איהר האט גע'הרג'עט ניט געווען שווער?

— דעם, וועמען איך האב דער'הרג"עט... אך, אָט איז צעזאר ביים טהויער! איך... איך דארף שוין געהן. — — — — — — — — — — — — — — —

ווען מארטיני איז אריינגעגאַנגען אין צימער, האָט ער געטראָפען דעם שטעכעדיגען אליין. נעבען איהם איז געשטאַנען א ניט־אָנגעריהרטע גלאָז קאַפּע... ער איז געלעגען און געמורמעלט עטוואָס אין זיך, שטיל און רוהיג, ווי א קאפריזנע קינד.

9.

איינינע טעג שפּעטער איז „דער שטעכעדיגער" אריינגעגאַנגען אין דעם לעזע־צימער פון פּאָלקס־ביבליאָטהעק און געבעטען, אז מען זאל איהם געבען די זאמלונג פון קארדינאל מאנטאנעלי'ס דרשות. ער האט נאָך אויסגעזעהן זעהר בלייך און געהונקען שטארקער ווי געוועהנליך. ריקארדאָ, וועלכער איז געזעסען ביי איינעם פון די טישלעך דערביי, האט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געוואָרפען אויף איהם א פריינדליכען בליק. ער האט דעם שטעכעדיגען זעהר געליעבט. נאר ער האט ניט געקענט פערטראָגען אין איהם איין שטריך. יענעם זאָנדערבארען פּערזענליכען האס, מיט וועלכען ער האט פערפאָלגט זיינע געזעלשאפטליכע שונאים.

— איהר פערפערטיגט שוין א נייעם אָנפאַל אויף דעם אונגליקליכען קארדינאל? — האט ער א פרעג געטהאָן מיט א פערדריסליכען טאָן אין זיין שטימע.

— פאר וואס, ליעבינקער, שרייבט איהר א—י—מ—ע—ר צו צו מענ־
שען ש—ל—ע—כ—ט—ע אבזיכטען? דאס איז גאר ניט קיין קריסטלי־
כע מדה. איך פערפערטיג איינפאך אן ארטיקעל איבער דער מאָדערנער טהע־
אָלאָגיע פאר א נייער צייטונג.

— ששש... שטילער, ריווארעס, מיר שטערען אנדערע צו לעזען.

— נו, טו בעשעפטיג זיך מיט אייער כירורגיע, — דאס איז אייער
ספעציאַליטעט — און ל—ל—ל—אַז—ט מיר זיך בעשעפטיגען מיט טהע־
אָלאָגיע. איך מיש זיך דאך ניט אריין אין אייערע מעטהאָדען צו היילען צו־
בראָכענע ביינער, אַבוואָהל איך ווייס אין דעם א סך מעהר פון אייך.

און ער האט זיך מיט פליים געגומען פערטיפען אין דעם באנד פון
דרשות. ווען איינער פון די ביבליאטעקארען איז צו איהם צוגעגאנגען מיט א
פראגע.

— סעניאָר ריווארעס, איהר זזייט, אויב איך האָב נייט קיין טעות, געווען
א מיטגליעדער פון דיופרעס עקספעדיציאָן, וועלכע האט אונטערזוכט די
איינפליסע פון אמאזאן? וועט איהר זיין אזוי פריינדליך אונז צו געבען איי־
ניגע אויסקינפטע וועגען דעם? א דאמע האָט ביי אונז געבעטען די רע־
פּאָרטס פון דיזער עקספעדיציאָן און זיי זיינען גראדע יעצט ביים בוכ־
בינדער.

— וועלכע אויסקינפטע דארף זי?

— זי וויל וויסען דעם יאָהר, ווען די עקספעדיציע איז אוועק און ווען
זי איז דורכגעגאנגען דעם עקוואַטאָר.

— די עקספעדיציע האט פערלאָזען פאריז אין הערבסט 1837 און דורכ־
געגאנגען דורך קוויטא אין אפריל פון 1838. אין בראזיליען האבען מיר פער־
בראכט דריי יאָהר. נאכהער זיינען מיר אוועק נאָך ריא און פון דארטען נאך
פאריז דעם זומער פון 1841.. וויל די דאמע פיליייכט האבען די דאטען פון
די בעזונדערע ענטדעקונגען?

— ניין, דאנקע. דאס איז אלעס, וואס זי פערלאנגט. בעפּא, טראָגט
אוועק דיזען צעטעלע צו סעניאָרא באללא. ענטשולדיגט, וואס איך האב אייך
בעאונרוהיגט, סעניאָר ריווארעס.

„דער שטעכעדיגער' איז געווען איבערראשט. צו וואָס דארף דזשעמא
דיזע דאטען? צוליעב וועלכען צוועק אינטערעסירט זי זיך צו וויסען דעם
יאָהר, ווען די עקספעדיציאָן איז דורכגעגאנגען דורך'ן עקוואַטאָר?

דזשעמא איז מיט די ערהאלטענע אויסקינפטע אוועק גלייך אהיים.
אפּריל 1838 — און ארטהור איז געשטאָרבען אין מאי 1833. פינף יאָהר...

זי האט אנגעהויבען צו געהן הין און צוריק אין איהר צימער. די לעצטע
איינינע נעכט האט זי כמעט ווי ניט געשלאָפען און אונטער איהרע אויגען
האבען זיך בעוויזען שווארצע קרייזען.

— פינף יאָהר... „געלעבט אין א רייכע הויז" און „איינער, וועמען ער האט שטארק געגלויבט, האט איהם שענדליך גענארט"... האט איהם גענארט און ער האט עס אויסגעפונען...

זי האט זיך אבגעשטעלט און פערבראכען ביידע הענד איבער'ן קאָפּ. אָ, ניין, דאס איז איינפאך א משוגעת! עס קען ניט מעגליך זיין, עס איז אן אבסורד!... און דאך ווי זארגפעלטיג זיי האבען דאן געזוכט אין דעם האַ־פען!

פינף יאהר... און איהם איז נאך ניט געווען קיין 21 יאהר, ווען דער מאטראָז... דאן האט ער געמוזט זיין 19, ווען ער איז אנטלאָפען פון דער היים. ער האט דאך אליין געזאגט „אנדערהאלבען יאהר"... און פון וואנען האט ער די זעלבע בלויע אויגען און די נערוועזע אונרוהיגקייט פון די פינ־גער? און פאר וואס איז ער אזוי ביטער אין כעס אויף מאנטאנעלי'ן? פינף יאָהר... פינף יאהר...

אויב זי וואָלט נאָר וויסען געוויס, דאס ער איז דערטרונקען געוואָרען, ווען זי וואָלט דאן געזעהן זיין טויטען קערפער!... אָ, דאן וואלט פיליכט די אַלטע וואונד מיט דער צייט פערהיילט געוואָרען.

די גאנצע יוגענד איהרע איז פער'סם'ט געווען מיט דעם געדאנק פון איהר טהאָט. טאָג־איין, טאָג־אויס פלעגט זי אַלץ קעמפפען מיט דעם דעמאָן פון תשובה. זי פלעגט שטרעבען מיט אַלע כוחות צו פערטרייבען די פינס־טערע רעיונות פון דער פערגאנגענהייט. די געשטאַלט פון דעם דערטרונקע־נעם איז אבער יעדען מאָל ארויפגעשוואומען פאר איהרע אויגען און אין איהר הארץ פלעגט אָבקלינגען א געשריי, וועלכען זי האט ניט געקענט איינ־שטילען: „איך האב ארטהור'ן אומגעבראכט!" „ארטהור איז טוידט!" צייט־טענווייז פלעגט איהר אויסווייזען, דאס די לאסט איהרע איז א צו שווערע אום עס צו טראָגען.

יעצט וואָלט זי אבגעגעבען א האלבעס לעבען אום די לאסט צוריק צו פיהלען. דער געדאנק, דאס זי האט איהם גע'הרג'עט איז שוין פאר איהר גע־ווען א נאטירליכער, צוגעוועהנטער. אויב אבער זי האט איהם דאן געשטויסען ניט אין וואסער, נאָר אין... זי האָט זיך ארונטערגעלאָזען אויף א שטוהל און פערדעקט מיט די הענד דעם פּנים. אָ, ווען זי וואלט איהם געשטויסען בלויז צום טוידט, און ניט אויף עטוואס מעהר שרעקליכעס...

לאנגזאם, אהן שום מיטלייד צו זיך, איז זי טריט ביי טריט דורכגעגאנ־גען אין געדאנק דעם גאנצען גיהנום פון זיין פערגאנגענהייט. אלעס איז איהר פאָרגעקומען אזוי דייטליך ריכטיג, ווי זי וואלט עס אליין זעהן און איבערלע־בען; די הילפלאָזיגקייט פון דער נאַקעטער מענשליכער נשמה, די איבערגע־לעבטע עראינערונגען, ביטערע ווי דער טוידט, דער שרעק פון איינזאמקייט און די לאנגע גסיסה, וועלכע האט די גאנצע צייט אונאויפהערליך אונטערגע־

האקט זיין לעבען... עס איז איהר פארגעקומען, ווי זי זיצט מיט איהם צוזא־מען אין דער שמוציגער אינדיאנער געביידע, ווי זי טהיילט מיט איהם שפע־טער אלע זיינע ליידען אין די זילבער־מינען, אין די קאפע־פלאנטאציעס, אין דעם עקעלהאפטען וואנדערענדען צירק...

דער וואנדערענדער צירק... ניין, זי מוז דאך עס אלעס פערגעסען. מען קען דאך פון זינען ארַאב צו זיצען און טראכטען וועגען דעם.

זי האט ארויסגערוקט א קליינע קעסטעלע פון שרייב־טיש. דארטען זיינען געלעגען בעהאלטען אייניגע אלטע זאכען, וואס זיינען ביי איהר געווען זעהר טהייער אלס אנדענקען. אין אלגעמיין האט זי ניט געליעבט אנצוזאמ־לען די סענטימענט־נארישקייטען, אבער אייניגע קלייניגקייטען האט זי גע־היט אלס ערַאינערונגען ; דאס איז געווען אום נאכצוגעבען יענע שוואכע זייט פון איהר „איך", וועלכע זי האט אימער געשטרעבט אין זיך צו אונטער־דריקען.

זי האט זיי אנגעהויבען ארויסצונעהמען פון קעסטעלע איינע נאך די צווייטע: דעם ערשטען בריעף צו איהר פון דזשיאוואני, די בלומען, וועלכע זיי־נען געלעגען אין זיין טוידטער האנד, א פערוויאנעטע בלעטעל פון איהר פאטער'ס קבר. אויפ'ן דעק פון קעסטעלע איז געלעגען א פאטאגראפישעס בילד פון ארטהור'ן, ווען ער איז אלט געווען א יאהר צעהן.

זי האט זיך אראבגעלאזען אויף א שטוהל, האלטענדיג דעם פארטרעט אין די הענד און געקוקט אויף דער שעהנער קינדערשער קאפ אזוי לאנג, ביז דער ריכטיגער געשטאלט פון ארטהור'ן איז ניט ערשיענען פאר איהרע אוי־גען. ווי דייטליך עס איז איהר פארגעקומען זיין געזיכט ! דינע, נערוועזע לי־פען, גרויסע ערנסטע אויגען, דער ריינער אויסדרוק ווי ביי א מלאך. דאס אלעס איז ביי איהר געווען אזוי פעסט אין זכרון, ריכטיג, ווי ער וואלט נעכ־טען געשטארבען. טרערען האבען אנגעהויבען לאנגזאם צו רינען ביי איהר פון די אויגען און פערדעקט פון איהר דעם פארטרעט.

א, ווי האט איהר געקענט קומען אין קאפ אן עהנליכער געדאנק ! איז עס ניט א פערשוועכונג פארצושטעלען זיך דיעזען ליכטיגען ווייטען גייסט פערבונדען מיט שמוץ און ליידען? די געטער האבען איהם געווים געליעבט און צוגענומען איהם דערפאר אזוי יונג. שוין טויזענד מאל גלייכער צו פער־וואנדלען זיך אין גאר נישט, איידער צו בלייבען לעבען און ווערען א „שטע־בעדיגער" — יענער שטעבעדיגער מיט זיינע צווייפעלהאפטע חכמות, גיפטי־גען צונג און באלעט טענצערין אלס לעבענס־בעגלייטערין. ניין, ניין ! דאס איז בלויז א מיאוס'ע זינלאזע פאנטאזיע. ארטהור איז טוידט.

— קען איך ארײנקומען — האט זי פלוצלונג דערהערט א ווייבע שטי־מע הינטער'ן טיהר.

זי האט אזא שטארקען ציטער געטהאָן, דאס דער פּאָרטרעט איז ארויס־געפאלען פון איהרע הענד. „דער שטעכעדיגער“ איז הינקענדיג אריינגעגאנ־גען, אויפגעהויבען דעם פּאָרטרעט און עס איהר דערלאנגט.

— ווי איהר האט עס מיך איבערגעשראָקען! — האט זי געזאגט.

— עס טהוט מיר זעהר לייד. פיליכט שטער איך אייך?

— אָ, ניין. איך האב בלויז איבערגעקוקט פערשיעדענע אלטע זאכען.

א מינוט האט זי זיך געשלאָגען מיט דער דעה. נאכהער האט זי איהם דערלאנגט דעם בילד.

— וואָס וועט איהר זאָגען וועגען דיעזען קאָפּ?

בשעת ער האט בעטראכט דעם פּאָרטרעט, האט זי אויפגעפאסט אויף זיין געזיכט מיט אזא אָנשטרענגונג, ריכטיג, ווי איהר גאנצער לעבען וואָלט זיך געוועגט אָן זיין אויסדרוק. זי האט אבער קיין ענטפער ניט געקענט בע־קומען אויף דער פראגע, וועלכע האט איהר געמאטערט. זיין געזיכט האט מעהר ניט אויסגעדריקט ווי איינפאכען אינטערעס צום בילד.

— א שווערע אויפגאבע האט איהר מיר געגעבען — האט ער געזאגט.

— דער פּאָרטרעט איז שוין פערוועלקט און קינדערשע געזיכטער איז איבער־הויפט שווער צו לעזען. מיר שיינט אבער, דאס די ערוואקסענע פּערזאָן, אין וועלכען דיעזעס קינד האט זיך פערוואנדעלט, וועט זיין אונגליקליך, און דאס בעסטע וואָס דיעזער איינגעל קען טהאָן, איז ניט גרעסער ווערען.

— פאר וואָס?

— בעטראכט נאָר די ליניע פון דער אונטערשטער ליפּ. ד—אָ—ס זיי־נען פון יענע נאטורען, פאר וועמען ליידען הייסט ליידען און ליגען הייסט ליגען. אויף דיזער וועלט איז קיין פלאץ ניטאָ פאר אזעלכע מענשען. דאָ דארף מען אזעלכע וואָס פיהלען און האבען קיין זאך ניט אין זינען, אויסער זייער ארבייט.

— איז ער דען עהנליך צו וועמען פון אייערע בעקאנטע?

ער האט א קוק געטהאָן אויפ'ן פּאָרטרעט מעהר דורכדרינגענד.

— יע, ווי זאָנדערבאר עס איז... געוויס איז ער עהנליך.

— אין וועמען?

— אין ק־אַ־ר־ד־י־נ־אַ־ל מאָנטאַנעלי. האט פיליכט דער אונבעפלעקטער הייליגער א פלימעניק? קענט איהר מיר זאגען ווער דאס איז?

— דאָס איז אַ קינדערשער פּאָרטרעט פון א פריינד, וועגען וועלכען איך האב אייך ניט לאנג דערצעהלט.

— דער, וועמען איהר האט אומגעבראכט?

זי האט ניט ווילענדיג א ציטער געטהאָן.

ווי לייכט און מיט וואָס פאר א בייזען טאָן ער האט ארויסגערעדט דיע־זען שרעקליכען וואָרט ?

— יע, דער, וועמען איך האָב אומגעבראכט, אויב ער איז נאָר ווירק־ליך געשטאָרבען.

— אויב ?

זי האט די גאנצע צייט פון איהם די אויגען ניט אראבגענומען.

— אמאָל צווייפעל איך אין דעם. דעם קערפער האט מען דאָך דאן ניט געפונען. עס קען זיין, דאס ער איז, ווי איהר, אנטלאָפען פון דער היים און איז אוועק נאָך זיד־אמעריקא.

— זאָלען מיר האָפען, אז ניט. אנדערש, וואלט אייך אויסגעקומען צו טראָגען אין הארצען א זעהר טרויעריגע עראינערונג. אין געוויסע צייטען האב איך ניט ווייניג געקעמפפט אין מלחמות און פילייכט ניט איינעם אוועקגע־שיקט אויף יענער וועלט ; אויב אבער אויף מיין געוויסען וואלט ליגען דער פערברעכען, אז איך האב אבגעשיקט יעמאנדען נאָך זיד־אמעריקא, וואלט איך זעהר שלעכט געשלאָפען. איך פערזיכער אייך.

זי האט צוזאמענגעדריקט די הענד, געבענדיג זיך די גרעסטע מיה צו אונטערדריקען איהר אויפרעגונג.

— דאן, דענקט איהר, אלזא — האט זי איהר אונטערבראָכען צוגעהענ־דיג נעהנטער — דאס אויב ער וואלט ניט דערטרונקען געווארען און וואָלט איבערגעלעבט דאס זעלבע וואס איהר, וואלט ער קיינמאָל אהיים ניט געקור־מען ? דענקט איהר, דאס ער וואלט ק י י נ מ אָ ל ניט פערגעסען, דאס וואס עס האט פאסירט ? גערענקט, דאס אויך מיר האט עס א סך געקאָסט ! קוקט !

זי האט אבגעשארט פון שטערען איהרע שווערע שווארצע לאָקען און איהם געוויזען א גרויסען ווייסען פאס.

א לאנגע צייט זיינען ביידע שטיל געווען.

— איך דענק — האט ענדליך לאנגזאם ארויסגערעדט „דער שטעכעדיי־נער“, אז טוידטע דארפען בעסער פערבלייבען טוידט. צו פערגעסען געוויסע זאַכען איז זעהר שווער, און ווען איך וואָלט געווען אויפ׳ן פלאַץ פון אייער טוידטען פריינד, וואלט איך בעסער פערבליבען טוידט. דער גייסט פון א פערשטאָרבענעם איז זעהר א מיאוס׳ע ערשיינונג.

— דאס איז א זעהר גרויזאמער פסק — האט זי געזאגט אריינלעגענדיג דעם פאָרטרעט צוריק אין שרייב־טיש. — יעצט לאָמיר בעסער רעדען וועגען עטוואָס אנדערש.

— איך בין איינעטליך געקומען צו אייך היינט איבערצורעדען פריוואט וועגען א געוויסען פלאן, וואס מיר איז איינגעפאלען.

זי האט צוגערוקט דעם שטוהל צום טיש און זיך געזעצט.

— וואס דענקט איהר וועגען דעם פּראָיעקטירטען געזעץ איבער דער פּרעסע? — האט ער אָנגעפאנגען אָהן א שפּור פון זיין געוועהנליכען פער־היקען זיך.

— וואס איך דענק? מיין מיינונג איז, דאס נוצען וועט פון איהם זיין זעהר ווענינ. אָבער דאָך בעסער ווי גאָר־נישט.

— אָהנע צווייפעל. דאן האט איהר ווארשיינליך בדעה מיטצואַרבייטען אין איינעם פון די צייטונגען, וועלכע די הערען ליבעראַלען וועלען ארויס־געבען?

— יע, איך האב געהאט אין זינען מיט דעם זיך צו בעשעפטיגען. ביים ארויסגעבען א נייע צייטונג, איז אימער דא אזוי פיעל פּראקטישע ארבייט: דרוקען, אָרגאניזירען, פערשפּרייטען און...

— לאנג דענקט איהר נאך אויף אזא אופן אומזיסט צו פערוועגדען איי־ערע גייסטיגע כחות?

— פאר וואס אומזיסט?

— דערפאר, ווייל אנדערש קען מען עס ניט אָנרופען. איהר ווייסט גאנץ גוט, דאס אין קאָפּ ביי אייך איז פיעל ליכטיגער, ווי ביי די מעהרסטע מענער, מיט וועמען איהר אַרבייט צוזאמען, און דאָך ערלויבט איהר זיי אייך צו פערוואנדלען אין א שקלאַפין, וועלכע איז מחויב אויסצופילען די שווארצע ארבייט. אינטעלעקטועל שטעהט איהר אויף אזוי פיעל העכער פאר גאללי'ן און גראסיני, דאס זיי זיינען איינפאך שוהל־קינדער אין פערגלייך מיט אייך און דאך זיצט איהר און האלט אין איין דורכזעהען זייערע קאָ־רעקטורען.

— ערשטענס גיב איך גאר ניט אָב די גאנצע צייט צו לעזען קאָרעקטור־רען, און צווייטענס, שיינט מיר, איבערטרייבט איהר שטארק מיינע פעהיג־קייטען. זיי זיינען גאר ניט אזוי גלענצענד ווי איהר דענקט.

— איך האלט זיי גאר ניט פאר גלענצענד — האט דער „שטעכעדיגער" רוהיג געענטפערט — איך דענק בלויז, דאס איהר בעזיצט א גראדען, געזונדען שכל און דאס איז זעהר וויכטיג. אויף די לאנגווייליגע קאָמיטעט פערזאמלונ־גען קומט אייך אימער אוים ארויסצושטעלען אין שאטען די הינקעדיגע לאָ־גיק פון אלע טהייל־נעהמער.

— איהר זיינט ניט גערעכט אין בעצוג צו די אנדערע. מארטיני, צום ביישפּיעל, האט א קלאָרען, לאָגיש־דענקענדען קאָפּ. מען קען אויך ניט צווייפ־לען אין די פעהיגקייטען פון פאבריצי און לעגאַ. און גראָסיני ווייס די עקאָ־נאָמישע געשיכטע פון איטאליען בעסער ווי אירגענד ווער אין גאנצען לאנד.

— נו, דאס אלעס צוזאמען גענומען איז ניט פיעל ווערטה. אָבער מיר

ווע‍לען צורוה לאזען דיזע הערען מיט זייערע פעהיגקייטען. דער פאקט בלייבט אבער, דאס איהר מיט אייערע גייסטיגע מעלות האט געקענט פער־נעהמען א מעהר פעראנטוואָרטליכען פּאָסטען און טהאָן וויכטיגע ארבייט.

— איך בין פאלשטענדיג צופריעדען מיט מיין פּאָסטען און אויב די ארבייט, וועלכע איך טהו, איז ניט אזוי שטארק וויכטיג, דאן טהוט דאָך יעדערער דאָס, וואס ער קען.

— סעניאָרא באללא, מיר זיינען שוין מיט אייך צו ווייט אוועק, אז מיר זאָלען זיך יעצט שפּיעלען אין קאָמפּלימענטען. ענטפערט מיר אָפען, דענקט איהר ניט, דאס איהר פערוועגדט אייער מארך־ארבייט אויף זאכען, וועלכע האָבען געקענט בעזאָרגט ווערען פון פערזאָנען, וואס שטעהען פיעל ניעדערי־גער פון אייך אין שכל?

— נו, אויב איהר ווילט דורכאויס אן ענטפער, איז עס פיליכט ביז א געוויסען גראד ריכטיג.

— אלזא, ווארום דערלאָזט איהר עס?

— ווייל איך בין דא אהנמעכטיג.

— אהנמעכטיג? פאר וואס?

זי האט אויף איהם א קוק געטהאָן מיט א פּאָרוואורף.

— דאס איז ניט ריכטיג... עס איז ניט עהרליך צו פערלאנגען אזוי דרינגענד א תשובה.

— פון דעסטוועגען וועט איהר מיר דאָך זאגען פאר־וואָס.

— נו, גוט. אויב איך דארף אייך שוין ענטפערען, איז עס דערפאר, ווייל מיין גאנצער לעבען איז צובראכען. איך האב ניט קיין ענערגיע צו נעהמען זיך פאר עטוואס וויכטיגעס. איך טויג בלויז צו ערפילען דעם אמט פון א רע־וואָלוציאָנערע קליאטשע — צו טהאָן די שווארצע פּארטיי־ארבייט. אימיצער דארף דאָך אויך די ארבייט טהאָן.

— זעלבסטפערשטענדליך דארף זי פון וועמען עס איז געטהאָן ווערען, אבער ניט אימער פון דעמזעלבען ארבייטער.

— אָבער דיזע ארבייט צו טהאָן איז דאָך אלעס, אויף וואָס איך בין פעהיג.

ער האט אויף איהר א קוק געטהאָן מיט א זאָנדערבארען פלאכען בליק פון אונטער די האלב־אראבגעלאזזענע ברעמען.

— מיר קעהרען זיך צוריק אום צו דער פריהערדיגער טהעמא. און מיר האָבען דאָך נאָך צו רעדען וועגען וויכטיגעס — האט זי פּאָרטגעזעצט — עס איז קיין פּעולה ניט צו רעדען מיט מיר וועגען ארבייט. איך וועל עס שוין יעצט ניט טהאָן. פיליכט קען איך אייך אבער העלפען בעטראכטען אייער פּלאן. אין וואָס בעשטעהט ער?

— איהר פאַנגט אָן מיט דער בעהויפּטונג, דאָס עס איז נוצלאָז אייך פאַרצושלאָגען ארבייט און נאכהער פרעגט איהר וואָס איך לעג פאָר. מיין פלאַן פאַדערט, איהר זאלט מיר העלפען מיט טהאט, און ניט מיט עצות.

—דערצעהלט מיר, אין וואס בעשטעהט די זאך און נאכהער וועלען מיר רעדען.

— זאגט מיר פריהער, האט איהר געהערט עטוואס וועגען די פּלענער פון אַן אויפשטאנד אין ווענעציע?

— איך האלט בלויז אין איין הערען וועגען די פערשיעדענע פּלענער פון אויפשטענדע און וועגען די פערשווערונגען פון די סאנפעדיסטען. זייט דער אמנעסטיע רעדט מען ניט וועגען קיין אנדער זאך און איך האב מורא צו זאגען — איך בעציה זיך סקעפּטיש ווי צו „די“, אזוי צו „יענע“.

— איך אויך אין די מעהרסטע פעלע. אבער איך רעד דא וועגען ערנסטע פאַרבערייטונגען צו אַן אויפשטאנד געגען די עסטרייכער. די גאנצע פראווינץ גרייט זיך צו דעם. אין דעם ראיאָן פון פּאַבסט איז די יוגענד בערייט איבער־צוגעהן דעם גרענעץ און אָנשליסען זיך אָן די רעוואָלוציאָנערען. פריינד פון ראָמאניען בענאכריכטען מיר עס.

— זאגט מיר — האט זי איהם אונטערגעבראכען — זייט איהר פאָל־שטענדיג זיכער, דאס מען קען אייערע דארטיגע פריינד גלויבען?

— פאָלשטענדיג. איך קען זיי פערזענליך. איך האב מיט זיי צוזאמען געארבייט.

— מיט אַנדערע ווערטער: זיי זיינען מיטגליעדער פון איין אָרגאַניזאַ־ציע מיט אייך? ענטשולדיגט מיר מיין סקעפּטיציזם, אבער איך צווייפעל אימער אין די ריכטיגקייט פון די נייעס, וועלכע מען בעקומט פון אונטער־אירדישע אָרגאַניזאַציאָנען. מיר שיינט דאָס די געוואָהנהייט...

— ווער האט אייך געזאגט, דאס איך בין א מיטגליעד פון וועלכע־עס־איז אָרגאַניזאַציאָן? — האָט ער א פרעג געטהאָן מיט א שטרענגער שטימע.

— קיינער ניט. איך האב אליין געטראָפען.

— אָ, איהר טרעפט אימער די פריוואט זאכען פון פערזאנען, מיט וועל־כע איהר האט צו טהאָן? — האט ער געפרעגט נאָך א קורצען שטיל־שוויי־גען.

— זעהר אָפט. איך זאג עס אייך, אום איהר זאלט זיין פאָרזיכטיג מיט מיר, אויב איהר ווילט עטוואס פון מיר בעהאלטען.

— איך האב גאר ניט געגען דעם, איהר זאלט עס וויסען, אבי עס זאל ניט...

זי האט אויפגעהויבען דעם קאָפּ מיט א געפיהל פון איבערראשונג און בעליידיגונג.

— איך דענק, דאָס עס איז אַ גאַנץ איבעריגע זאַך מיר צו דערמאָהנען — האָט זיך ביי איהר אַרויסגעריסען.

— איך ווייס, נאַטירליך, דאָס איהר וועט קיינע זייטיגע פּערזאָנען ניט דערצעהלען, אָבער די פּאַרטיי־מיטגליעדער פּיליכט...

— די פּאַרטיי האָט בלויז צו טהאָן מיט פאַקטען און ניט מיט מיינע פּערזענליכע השערות און פאַנטאַזיעס. זעלבסטפערשטענדליך, דאָס איך האָב קיינמאָל מיט קיינעם וועגען דעם ניט גערעדט.

— איך דאַנק אייך. איהר האָט פּיליכט אויך געטראָפען צו וועלכער אָר־גאַניזאַציאָן איך בעלאַנג?

— איך האָף — זאָל אייך ניט בעליידיגען מיין אָפענהערציגקייט — איך האָף דאָס ניט צו די „מעסערניקעס“.

— פאַר־וואָס האָפט איהר עס אַזוי?

— דערפאַר, ווייל איהר טויגט אויף עטוואָס בעסערעס.

— מיר טויגען אימער אויף בעסערע זאַכען, איידער די, וועלכע מיר טהוען. איך בעצאָהל אייך צוריק מיט אייער אייגענעם ענטפער. ניין, איך בע־לאַנג ניט צו די „מעסערניקעס“, נור צו די „רויטע גאַרטלען“. דיעזע זיינען מעהר אויסגעהאַלטען און בעציהען זיך ערנסטער צו דער אַרבייט.

— מיינט איהר דערמיט די אַרבייט פון מאָרדען?

— טהיילווייז אויך די. מעסערס זיינען זעהר ניצליך אין געוויסע צייטען, אָבער בלויז דאַן, ווען אין גרונד פון דער זאַך ליעגט אַ גוט־אָרגאַניזירטע פּראָפּאַגאַנדע.

— דענקט איהר ווירקליך, דאָס מיט'ן מעסער קען מען עטוואָס דער־גרייכען?

ער האָט אויף איהר אַ קוק געטהאָן מיט פערוואונדערונג.

— געוויס — האָט זי פּאָרטגעזעצט — מיט'ן מעסער קען מען אָבראַמען פון וועג אַ פּראַקטישע שטערונג, ווי אַ קלוגען שפּיאָן אָדער אַ לומפּיגען בע־אַמטען. אויב אָבער מען קען דורך דעם בעשאַפען נייע לעבענס־בעדינגונגען איז נאָך אַ פראַגע. יעדער נייער מאָרד דעמאָראַליזירט בלויז מעהר די פּאָליציי און געוואָינט צו דאָס פאָלק צו געוואַלדטהאַטען און רציחה. די נייע לאַגע ווערט אויף אַזאַ אופן וועניגער בעקוועם פאַר דער געזעלשאַפט ווי די אַלטע.

— און וואָס דאַרף, נאָך אייער מיינונג, פּאַסירען אין דער צייט פון רע־וואָלוציאָן? צו דען דענקט איהר, דאָס מען וועט אויך דאַן דאָס פאָלק ניט דאַרפען צוגעוואָוינען צו גוואַלדטהאַטען? מלחמה איז מלחמה.

אין אַן אָפענע רעוואָלוציאָן איז עטוואָס אַנדערש. דאַן איז עס אונפער־מיידליך, זאָנסט איז אָבער בלוטפערגיסונג ניט נויטיג. דער שרעקליכסטער רעזולטאַט פון געגענזייטיגע מאָרדען איז, וואָס ער געהט נאָכהער איבער אין

א געוואוינהייט. דאָס פאָלק הויבט אָן צו קוקען אויף דעם, ווי אויף עטוואָס גאַנץ נאַטירליכעס און עס ווערט ביי איהם אָבגעטעמפּט דער געפיהל פון אכטונג צום מענשליכען לעבען. איך האָב אין ראָמאַניע ניט לאַנג געוואוינט, אבער די ביסעל צייט וואָס איך האָב דאָרטען פערבראַכט, איז געווען גענוג מיך צו איבערצייגען, דאָס געוואַלדטהאַטען ווערען דאָרטען א געוואוינהייט.

— אפילו דאָס איז, לויט מיין אנזיכט, בעסער ווי א מעכאַנישע גע־וואוינהייט פון אונטערטהעניגקייט און געהאָרכזאַמקייט.

— איך דענק ניט אזוי. אַלע מעכאַנישע געוואָהנהייטען זיינען שלעכט און שקלאַפיש, אבער דיעזער איז נאָך פיעל ערגער. נאַטירליך, אויב איהר בע־טראַכט די ארבייט פון א רעוואָלוציאָנער אלס מיטעל צו בעקומען פון דער רעגיערונג געוויסע קאָנצעסיאָנען, דאַן קענען ביי אייך אויסקומען די געהיי־מע אָרגאַניזאַציאָנען און דער מעסער אַלס די בעסטע מעטאָדען, ווייל קיין זאַך אין דער וועלט קען ניט אזוי טעראָריזירען די רעגיערונגען ווי דיעזע קאַמפּפס־מיטלען. אויב אבער איהר דענקט ווי איך, דאָס בייקומען די רע־גיערונג איז נאָך ניט קיין ענד־ציעל, זאָנדערן א מיטעל צום ציעל, דאַן מוזט איהר בענוצען גאַנץ אַנדערע מיטלען. אונזער הויפּט־אויפגאַבע איז צו רע־פאָרמירען די בעציהונגען צווישען איין מענש און דעם אַנדערען, און מיט דעם, וואָס איהר געוואָוינט צו דעם אונוויסענדען עולם צו בלוטפערגיסונגען, הויבט איהר ניט אויף אין זיינע אויגען די ווערדע פון א מענשליכען לעבען.

— איך דענק, דאָס מיר האָבען פערשיעדענע מיינונגען איבער דעם, וואו עס ליעגט דער וואָרצעל פון אַלע צרות. אייך קומט אויס, דאָס דער שווער־פּונקט איז אין דער אָבשעצונג פון דער ווערדע פון א מענשליכען לעבען.

— ריכטיגער געזאָגט, אין דער הייליגקייט און אונבעריהבאַרקייט פון דער פּערזאָן.

— איהר קענט אויסוועהלען וועלכען אויסדרוק איהר ווילט. פאַר מיר איז די גרעסטע אורזאַכע פון אַלע געזעלשאַפטליכע ליידען: די גייסטיגע קראַנקהייט, וועלכע רופט זיך רעליגיאָן.

— מיינט איהר וועלכע עס איז בעשטימטע רעליגיאָן?

— אָ, ניין! דאָס איז איינפאַך א פראַגע פון אויסערליכע סימפּטאָמען. די קראַנקהייט אַליין דריקט זיך אויס אין רעליגיעזען אַרט דענקען. עס איז א קרענקליכער וואונש צו בעשאַפען זיך א פעטיש און איהם פערגעטערען, פאַלען אויף די קניע און בעטען. עס איז ניט קיין אונטערשיעד, אויב דאָס בע־שאַפענע איז א יעזוס, בודדהא אָדער א שטיק האָלץ. איהר זייט מיט מיר ניט איינפערשטאַנען, נאַטירליך. איהר מעגט זיין אן אטהעאיסט, אן אַנגאָסטיק, אָדער וואָס איהר ווילט אַליין. איך פיהל אבער אין אייך דעם רעליגיעזען טעמפּעראַמענט אויף פינף יאַרד. עס איז קיין פּעולה ניט וועגען דעם צו דיס־

קוטירען, איהר האט א טעות, דענקענדיג, דאס איך בעטראכט דעם מעסער אלס א מיטעל בלויז אבצוראמען לומפיגע בעאמטע — עס איז אויסער אלע־מען א מיטעל — און דער בעסטער מיטעל, אונטערצוגראבען דעם פרעסטיזש פון דער קירכע און צוגעוואוינען דאס פאלק צו קוקען אויף די קלעריקאלע אגענטען ווי אויף אלע אנדערע פאראזיטען, וואס זויגען זיין בלוט.

— און ווען איהר וועט עס דערגרייכען; ווען איהר וועט ערוועקען די ווילדע, בעסטיאלישע אינסטינקטען, וואס שלאפען אין דעם המון און אנרייצען איהם אויף דער קירכע, וואס וועט דאן זיין?

— דאן וועל איך טהאן די ארבייט, צוליעב וועלכע עס לוינט זיך צו לעבען.

— איז דאס ניט די ארבייט, וועגען וועלכער איהר האט מיט איינינע טעג צוריק דערמאהנט?

— יע, דאס איז זי.

— זי האט א ציטער געטהאן און זיך אבגעקעהרט.

— איהר האט זיך אין מיר גענארט? האט ער געזאגט מיט א שמייכעל, אויפהויבענדיג דעם קאפ.

ניין, ניט דאס. איך בין... עס שיינט מיר, דאס איך האב א ביסעל מורא פאר אייך.

אין א מינוט ארום האט זי זיך אומגעקעהרט צו איהם מיט'ן געזיכט און אנגעהויבען מיט א געוועהנליכען געשעפטליכען טאן:

— דאס איז אן אוננוציגע דיסקוסיאן, אונזערע שטאנדפונקטען זיינען צו ווייט איינע פון די אנדערע. איך גלויב אין פראפאגאנדע, פראפאגאנדע און פראפאגאנדע, און, ווען מעגליך, אן אפענער אויפשטאנד.

— אויב אזוי, דאן זאלען מיר זיך צוריקקעהרען צו דער פראגע פון מיין פלאן. עס האט צו טהאן מיט פראפאגאנדע און, הויפטזעכליך, מיט אויפשטאנד.

— יע.

— ווי איך האב אייך שוין געזאגט, קלייבען זיך פיעלע וואלונטירען פון ראמאניע אנצושליסען זיך אן די ווענעציאנער. מען קען גענוי ניט וויסען, ווען דיעזער אויפשטאנד וועט אויסברעכען: מעגליך אין הערבסט אדער ווינ־טער־צייט. די וואלונטירען דארפען אבער זיין בעוואפענט און גרייט אריבער־צוגעהן דעם גרענעץ אין דעם מאמענט ווען מען וועט זיי דארפען. איך האב זיך אונטערנומען אריינצושמוגלען פאר זיי איבער דעם פאבסט טעריטאריעס די געוועהר און אמוניציע...

—ווארט א מינוט, ערקלעהרט מיר, ווי קענט איהר ארבייטען צוזא־מען מיט די לאמבארדינער און ווענעציאנער רעוואלוציאנערען, וועלכע זיינען

אלע אין סימפאטהיע מיט דעם נייעם פאבסט? זיי קעמפפען דאך בלויז פאר ליבעראלע רעפארמען האנד אין האנד מיט די פראגרעסיווע עלעמענטען פון דער קירכע. ווי קען אזא אנטי־קלעריקאלע פערזאן ווי איהר, וואס לאזט ניט צו קיינע קאמפראמיסען, אויסקומען מיט זיי?

ער האט א קוועטש געטהאן מיט די פלייצעס.

— וואס ארט עס מיר. ווען זיי ווילען זיך אמוזירען מיט א צאצקע פון שמאטעס, אזוי לאנג ווי זיי טהוען זייער ארבייט? געווים וועלען זיי נעהמען דעם פאפסט אלס א מוסטער, סוף כל סוף וועט עס אבער דאך ברענגען צו אן אויפשטאנד. יעדער שטעקען איז גוט צו ברעכען א הונד די ביינער און יעדער מלחמה־רוף איז וויכטיג אנצורייצען דעם עולם אויף די עסטרייכער.

— וואס פאר אן ארבייט פערלאנגט איהר אלזא, פון מיר?

— הויפטזעכליך מיר צו העלפען דורכצושמוגלען די געוועהר.

— אבער ווי קען איך עס טהאן?

— איהר זייט גראדע די פערזאן, וועלכע קען עס טהאן אם בעסטען. איך דענק צו קויפען די געוועהר אין ענגלאנד און די גאנצע שוועריגקייט בעשטעהט אין דעם אריבערברענגען עס אהער. מיר איז עס אונמעגליך אליין צו טהאן, ווייל זיי דארפען געהן איבער טאסקאן, און דורכשניידען די אפענינען.

דאן וועט איהר דאך אבער האבען צוויי גרענעצען אנשטאט איינעם?

—יע, אבער אלע אנדערע וועגען זיינען ניט זיכער. איהר קענט ניט אריבערפיהרען א גרויסען טראנספארט דורך א פארט, וואו עס איז קיין האנדעל ניטא. זאל זיך נאר אונז איינגעבען צו האבען די זאכען איבער דעם טאסקאנישען גרענעץ, וועל איך עס שוין ווייטער אליין אריבערפיהרען. די חברים מיינע וויסען יעדע זייטיגע וועגעלע אין די בערג און מיר האבען גענוג געהיימע פלעצער דארטען צו בעהאלטען, ווען נויטיג. דער טראנספארט דארף קומען איבער׳ן ים נאך ליווארנא און דאס איז די גרעסטע שוועריגקייט ביי מיר. איך האב דארטען ניט קיינע פערבינדונגען מיט די קאנטראבאנדיסטען און איהר מוזט וואהרשיינליך יע האבען.

— גיט מיר פינף מינוטען צייט זיך צו בעדענקען.

זי האט זיך עטוואס איינגעבויגען און אנגעשפארט מיט׳ן עלענבויגען אן די קניע, אונטערהאלטענדיג מיט׳ן האנד די מארדע. אין איניגע מינוטען ארום האט זי אויפגעהויבען דעם קאפ.

— מעגליך, איך וועל אייך קענען בעהילפיג זיין אין דער טהייל ארבייט — האט זי געזאגט. — איידער מיר געהען אבער ווייטער, וויל איך אייך שטעלען א פראגע. קענט איהר מיר געבען אייערווארט, דאס דיזע אונטער־

נעהמונג איז ניט פערבונדען מיט א מארד אדער אירגענד וועלכע אנדערע געהיימע גוואלדהאט ?

— געוויס. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, דאס איך וואלט אייך ניט פארגעשלאגען צו טהאן א זאך, מיט וועלכער איהר זייט ניט איינשטימיג.

— ווען וואלט איהר וועלען האבען פון מיר א בעשטימטען ענטפער ?

— מען דארף קיין איבריגע צייט ניט פערלירען. איך קען אייך אבער געבען אייניגע טעג זיך צו איבערלעגען.

— זייט איהר פריי דעם קומענדען שבת אבענד ?

— ווארט א סעקונדע — היינט איז דאנערשטאג ; יע.

— אלזא, קומט צו מיר דאן. איך וועל די זאך בעקלערען און אייך געבען א ריכטיגע תשובה.

— — — — — — — — — — — — — — — —

דעם נעקסטען זונטאג האט דזשעמא אוועקגעשיקט צו דער קאמיטע פון דער פלארענטינער אבטהיילונג פון מאדזיני׳ס פארטיי אן ערקלעהרונג, דאס זי געהט יעצט נעהמען אויף זיך א ספעציעלע פאליטישע ארבייט און וועט דארום פאר א צייט פון אייניגע מאנאטען ניט זיין אין שטאנד צו ער־פילען די פונקציאנען, פאר וועלכע זי איז צו דער פארטיי פעראנטווארטליך.

אין קאמיטעט האט דיזע מעלדונג ארויסגערופען א שטארקע פערוואונ־דערונג, קיינער האט אבער ניט געהאט געגען דעם וואס אויסצוזעצען. מען האט זי געקענט אין דער פארטיי שוין אייניגע יאהר און אלע האבען איהר בעטראכט אלס א פערטרויענסווערטהע און פעהיגע פערזאן.

מארטיני׳ן האט זי איינפאך געזאגט, דאס זי האט זיך אונטערגענומען צו העלפען „דעם שטעכעדיגען" אין א געוויסע קאנטראבאנד ארבייט. זי האט ניט געוואלט, דאס צווישען זיי זאל זיין וועלכער עס איז סוד אדער מיספער־שטענדניס, צוליעב וועלכע זיי זאלען קענען צווייפלען איינער אין דעם צוויי־טענס אויפריכטיגקייט. ער האט איהר מעלדונג אויפגענומען איינפאך, אהן בעמערקונגען, אבער זי אט געפיהלט, דאס ער איז פון דעם שטארק געקרענקט, אבוואהל זי האט ניט פערשטאנען פארוואס.

— צעזאר, איז עס אייך שטארק אונאנגענעהם ?— האט זי ענדליך ארויסגערעדט נאך א לאנגען שטילשווייגען, זעהענדיג ווי מארטיני געהט ארום הין און צוריק שטארק אויפגערעגט. — עס טהוט מיר שטארק לייד, וואס איהר ערגערט זיך דערפון, איך קען אבער אנדערש ניט האנדלען, ווי איך פיהל.

— ניט די אונטערנעהמונג, וואס איהר געהט דורכפיהרען, קימערט מיר

— האט ער מיט הארץ געענטפערט. — עס איז וואהרשיינליך א גוטע זאך,

איינמאָל איהר האָט בעשלאָסען דאָס צו טהאָן. איך געטרוי אָבער ניט די פ ע ר ז אָ ן , מיט וועלכער איהר אונטערנעהמט עס.

— איך דענק, איהר האָט איהם שלעכט פערשטאַנען. אויך איך האָב וועגען איהם אַנדערש געדיינקט, ביז איך האָב איהם נעהנטער קענען געלערענט. ער איז ווייט פון פאָלקאָמענהייט, אָבער ער איז פיעל בעסער, ווי איהר שטעלט זיך פאָר.

— זעהר מעגליך. א מינוט איז ער שטיל ארומגעגאַנגען הין און צוריק, דאן האָט ער זיך פלוצלונג אָבגעשטעלט נעבען איהר.

— דזשעמאַ, ענטזאַגט זיך פון דעם! גיט עס אויף איידער עס איז נאָך ניט צו שפעט! לאָזט זיך ניט פון יענעם מאַן אריינשלעפען אין זאַכען, פאַר וועלכע איהר זאָלט ניט דארפען נאָכהער חרטה האָבען.

— צעזאַר — האָט זי ווייך געזאָגט — איהר בעדענקט ניט גוט דאָס, וואָס איהר רעדט ארויס. קיינער שלעפט מיך ניט, איך האָב געפאסט דיזען בעשלוס נאָכדעם ווי איך האָב זיך גוט איבערלעגט. איך ווייס, דאס איהר פיהלט צו ריוואַרעס'ען א פערזענליכע שנאה. דאָ האַנדעלט זיך אָבער ניט וועגען פערזאָנען, זאָנדערן וועגען פאָליטיק.

— מאַדאַנאַ! גיב עס אויף! דער מאַן איז פאַר אייך געפעהרליך. ער איז ניט אָפענהערציג, גרויזאַם און שטעלט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּ... און ער איז פערליעבט אין אייך!

זי איז אָבגעשפרונגען פערוואונדערט.

— צעזאַר, ווי פאַלט עס אייך איין אזעלכעס צו דענקען?

— ער איז אין אייך פערליעבט — האָט מארטיני ווידערהאָלט. — האַלט זיך פון איהם פון דער ווייטענס, מאַדאַנאַ!

— מיין ליעבער צעזאַר, איך קען זיך פון איהם ניט דערווייטערען און איך קען אייך ניט ערקלערען וואַרום. מיר זיינען איינע מיט די אַנדערע צוזאַמענגעבונדען ניט מיט אונזער אייגענעם ווילען.

— אויב איהר זייט אזוי שטאַרק צוזאַמענגעבונדען, דאַן האָב איך מעהר גאַרניט וואָס צו זאָגען — האָט מארטיני געענטפערט מיט א מיעדען טאָן.

ער איז גלייך אוועקגעגאַנגען, אָנגעבענדיג א תירוץ, דאס ער האָט עטוואָס וויכטיגעס צו בעזאָרגען און האָט זיך נאָכהער איינינע שטונדען צוועקלאָז ארומגעשלעפט איבער די גאַסען. יענעם אָבענד האָט די גאַנצע וועלט אויסגעזעהן פאַר איהר זעהר פינסטער. איין איינציגע אָרימע אונשולדיגע שעפעלע האָט ער געהאַט, איז געקומען עפּעס א מאָדנע בעשעפעניש און איהר פון איהם אוועקגערויבט.

.10

אין מיטען פעברואר איז „דער שטעכעדיגער“ אוועק נאָך ליוואָרנאָ. דזשעמאַ האָט איהם דאָרטען פאַרגעשטעלט צו אַ יונגען ליבעראַלען ענגלענ־דער, אַ שיף־אַגענט, מיט וועלכען זי און איהר מאַן האָבען זיך נאָך בע־קענט, זייענדיג אין ענגלאַנד. דיעזער מאַן האָט שוין ביי איינינע געלעגענ־הייטען געטהאָן קליינע טובות די פלאָרענטינער ראַדיקאַלען: ער האָט זיי געליהען קליינע סומען, ווען זיי זיינען געווען שטאַרק געענגט, האָט זיי ער־לויבט צו נוצען זיין געשעפטס־אַדרעסע פאַר פאַרטיי־קאָרעספּאָנדענץ א. ד. גל. אַלעס איז אָבער אימער געגאַנגען דורך דזשעמאַ׳ס פערמיטלונג און זי איז דאַרום געווען, לויט דער פאַרטיי עטיקעטע, פריי אויסצונוצען איהרע פערבינדונגען אויף וואָס זי האָט נאָר געפונען פאַר נויטיג. אויב אָבער דיעזע בעקאַנטשאַפט האָט איהר געקענט צוניץ קומען דורכצופיהרען דעם פּלאַן, איז נאָך געווען אַ פראַגע. דזשעמאַ האָט זעהר ווייניג געהאָפט ער זאָל דערצו איינשטימען.

— איהר קענט נאַטירליך פּרובירען — האָט זי געזאָגט צו ריוואַרעס׳ען — איך גלויב אָבער ניט עס זאָל פון דעם עטוואָס אַרויסקומען. ווען איהר זאָלט צו איהם קקומען מיט מיינע אַ רעקאָמענדאַציע, בעטען ביי איהם אַ פינף הונ־דערט סקודי, וואָלט ער עס אייך גלייך געגעבען: ער איז זעהר אַ פריייגי־ביגער מענש. ווען איהר וועט אָבער מיט איהם אָנהובען צו רעדען וועגען טראַנספּאָרטירען געוועהר, וועט ער אייך פּילייכט אָנקוקען ווי אַ משוגענעם.

— פילייכט וועט ער מיר אָבער אָנווייזען אַנדערע וועגען אָדער בעקענען מיט סימפּאַטיזירענדע צו אונזר אידעאַל מאַטראָסען — האָט דער שטעכע־דיגער געענטפערט — מען דאַרף אַלענפאַלס פּרובירען.

ער איז אוועק און זי האָט פון איהם אייניגע וואָכען גאָר ניט געהערט. ענדע מאָנאַט איז ער פּלוצלינג אַריינגעקומען און זי האָט גלייך בעמערקט אָן זיין געזיכט, דאָס ער האָט גוטע נייעס.

— אַ, ענדליך זייט איהר דאָ! און איך האָב שוין איבערגערעכנט פּילייכט האָט מיט אייך עטוואָס פּאַסירט.

— איך האָב געהאַלטען פּאַר זיכערער ניט צו שרייבען; און קומען פריהער האָב איך ניט געקענט.

— איהר זייט עס יעצט געקומען?

— יע, איך קום יעצט גלייך צופאָהרען און איך בין אייך געקומען אָנ־זאָגען, דאָס אַלעס איז איינגעאָרדערט.

— מיינט איהר צו זאָגען, דאָס ביילי האָט איינגעשטימט צו העלפען?

— נאָך מעהר ווי צו העלפען. ער האָט אויף זיך גענומען די גאַנצע ארבייט פון איינפּאַקען, טראַנספּאָרטירען און אַלעס, וואָס עס פאָדערט זיך.

די ביקסען וועלען זיין געפּאַקט אין קאַסטענס פון סחורה און צוגעשטעלט אהער דירעקט פון ענגלאַנד. זיין שותף און פערזענליכער גוטער פריינד זיינער, וויליאַמס, האָט איינגעשטימט אליין אכטונג צו געבען עס זאָל טראַנספּאָרטירט ווערען פון סויטהעמפּטאָן, און ביילי וועט עס זעהען דורכ־צושמוגלען נאָך ליוואָרנאָ.

איך קען בשום אופן ניט פערשטעהען, ווי אזוי איך האָט זיך איינגע־געבען צו בעקומען זייער צושטימונג.

— אַנפאַנגס האָבען זיי טאַקי ניט געוואָלט. מיר איז אָבער געלונגען זיי צו איבערצייגען אַלע איינצעלהייטען.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווען „דער שטעכעדיגער" איז אָנגעקומען צו זיך אהיים, איז שוין גע־ווען רעכט פינסטער. גלייך ווי ער האָט געעפענט די טיהר פון קאַבינעט, איז זיטאַ אויפגעשפרונגען פון א שטוהל, וועלכער איז געשטאַנען אין א ווינקעל און איהם פריינדליך אנטקעגען געלאָפען.

— א פעליטישע, איך האָב געדיינקט איהר וועט שוין קיינמאָהל ניט צוריק־קומען !

זיין ערשטער געדאַנק איז געווען איהר שטרענג צו פרעגען, ווי זי קומט אין זיין פּריוואַט צימער ; דערמאָנענדיג זיך אָבער, דאָס ער האָט איהר שוין דריי וואָכען ניט געזעהן, האָט ער איהר דערלאַנגט די האַנד און קאַלט אויסגערופען :

— גוטען אָבענד, זיטאַ ; וואָס מאַכט איהר ?

זי האָט אונטערגעשטעלט די באַק פאַר א קוש, ער איז אָבער גלייכגילטיג פערבייגעגאַנגען, מאַכענדיג דעם אַנשטעל, דאָס ער האָט עס ניט בעמערקט. אין דעם מאָמענט האָט זיך האַסטיג אויפגעמאַכט די טיהר און עס איז אריינ־געלאָפען א גרויסער קודלאַטער הונד. מיט א בילעריי און קוויטשעריי האָט ער גענומען טאַנצען ארום זיין בעל־הבית, דרעהענדיג מיט'ן וויידעל און לעקענדיג איהם די פינגער.

— אָ, ווילקאָמען, שטן ; ווי געהט עס, מיין אַלטער פריינד ? נו, יע, דאָס בין איך אַליין.

זיטאַ'ס געזיכט איז געווען בייז און פערכמורעט.

—וועלען מיר געהן מיטאָג־עסען ? — האָט זי קאַלט א פרעג געטהאָן.
— איך האָב עס פאַרבעריייטעט אין מיין פּלאַץ.

— עס טהוט מיר ז־ז־עהר לייד ; איהר האָט אויף מיר גאָרניט געדאַרפט וואַרטען. איך וועל זיך בלויז איבערטהאָן און באַלד צוקומען.

ווען ער איז אריינגעקומען צו זיטאַ'ן אין עס־צימער, איז זי געשטאַנען פאַר'ן שפּיעגעל און צוגעשפּילעט צום קלייד א בליהמעלע. זי האָט, ווי עס

שיינט, בעשלאָסען צו זיין אין אַ גוטער לוינע. צוגעהענדיג צו איהם, האָט זי איהם אויך אריינגעטהאָן אַ בלום אין פעטליע פון ראָק.

אין פערלויף פון גאנצען מיטאָג, האָט ער זיך בעמיהט צו זיין פריינדליך און איהר אונטערהאלטען מיט אַ פרעהליכען געשפרעך. זיטא האָט איינפאך געשיינט פון גליק. דיזע ניט־געקינסטעלטע פריינד, וואָס זי האָט ארויסגעצייגט האָט איהם גראדע ניט געשמעקט. ער איז געוועהנט געווען צו דענקען, דאָס זי קימערט זיך גאנץ וועניג, ווען ער איז ניטאָ און פערברענגט גאנץ געמיטליך מיט איהרע פריינדע און בעקאנטע. איהם איז גאָר אויפ'ן זינען ניט געקומען דאָס זי קען נאָך איהם בענקען, און יעצט האָט ער זיך ארומגעזעהן, דאָס איהרע געפיהלען צו איהם זיינען פיעל ערנסטער, ווי ער האָט געדענקט.

— קומט, וועלען מיר בעסער טרינקען קאפע אויפ'ן באלקאָן. דער אָבענד איז אזא ווארעמער.

— גוט. זאָל איך מיטנעהמען אהין אויך אייער גיטארע? איהר וועט פיליייכט עפּעס זינגען?

איהר געזיכט איז רויט געוואָרען פון שמחה: זעהר זעלטען, ווען ער פלעגט איהר אמאָל בעטען זינגען.

„דער שטעכעדיגער" האָט זיך אויסגעקליבען אַ פלאַץ אין אַ ווינקעל פון וואנען מען האָט געקענט זעהן די ארומיגע בערג, און זיטא האָט זיך געזעצט ניט ווייט פון איהם, אָנשפארענדיג זיך אָן דער באלקאָני, וועלכע האָט אונטערגעשפּארט דעם דאך. זי האָט זיך וועניג אינטערעסירט מיט די אָרומיגע שעהנע לאנדשאפטען און פאַרגעצויגען בעסער צו קוקען אויף איהם.

— גיט מיר אַ סיגארעט — האָט זי געזאָגט — איך האָב שוין, שיינט מיר, ניט גערויכערט זינט איהר זייט אוועקגעפאָהרען.

— אַן אויסגעצייכענטער געדאנק! בלויז רויכערען פעהלט מיר צו פערפאָלקאָמען מיין גליק.

זי האָט זיך צוגעבויגען צו איהם און אַ פרעג געטהאָן מיט אַן ערנסטע מינע:

— זייט איהר אין דער אמת'ען גליקליך?

— יע. פאר וואָס ווידער ניט? איך האָב געהאט אַ גוטען מיטאָג, בעטראכט יעצט איינע פון דיש־ש־ש־עהנסטע לאנדשאפטען אין אייראָפּאַ, און באלד וועל איך טרינקען קאפע און הערען אַן אונגארישע פאָלקס־ליעד. מיין געוויסען איז רוהיג און איך לייד ניט אויפ'ן מאָגען. וואָס נאָך קען איך פערלאנגען?

— איך וויים נאָך עטוואָס, וואָס איהר קענט פערלאנגען.

— וואָס?

— אַט וואָס: — און זי האָט איהם א וואָרף געטהאָן א קליינע קעסטעלע.

— געצ־צ־צ־צוקערטע מאנדלען! פארוואָס האָט איהר מיר ניט געזאָגט איידער איך האָב אָנגעהויבען צו רויכערען? — האָט ער אויסגערופען מיט א פאָרוואורף.

— איז וואָס, איהר קליינע קינד! איהר קענט עס עסען נאָכ'ן רויכערען. אָט טראָגט מען קאָפע.

„דער שטעכעדיגער" האָט געטרונקען די קאָפע און צוגעביסען די פערצוקערטע מאנדלען אזוי געשמאַק, ווי א קאץ נאַשט סמעטענע.

— ווי אַנגענעהם עס איז ווידער, צו טרינקען גוטע קאָפע נאָך די שמוץ, וואָס מען קריגט אין ליוואָרנא — האָט ער געזאָגט מיט א שטילער אויסגעצויגענער שטימע.

— דעריבער איז טאַקי גלייכער אָפטער צו זיצען אין דער היים, איינמאָל איהר זייט שוין דאָ.

— ניט לאַנג וועט מיר אויסקומען אין דער היים צו זיצען: מאָרגען פאָהר איך שוין ווידער אָפּ.

— מאָרגען! פאר וואָס? וואוהין פאָהרט איהר?

— אָ, אין צוויי־דריי פלעצער צוליעב געשעפט.

צווישען איהם און דזשעמא'ן איז געווען אָבגעמאַכט, דאָס ער זאָל פערזענליך אוועקפאָהרען אין אפעניען, אום צו אראנזשירען מיט די קאָנטראבאנדיסטען וועגען טראנספּאָרטירען די געוועהר. איבערצוגעהן דעם גרענעץ פון דעם פּאפּסט'ס ראיאָן איז געווען זעהר שווער און פערבונדען מיט אַן ערנסטער געפאהר, עס איז אָבער געווען נויטיג פאר דעם ערפּאָלג פון דער ארבייט.

— אימער ביי אייך די געשעפטען! — זיטא האָט א שטילען זיפץ געטהאָן און הויך געפרעגט:

— פאָהרט איהר אויף לאַנג?

—ניין. בלויז אויף צוויי־דריי וואָכען.

— איך דענק, עס מוז זיין אַלץ וועגען „יענע" געשעפטען.

— יע, „יענע".

— די, צוליעב וועלכע איהר ווילט אַלץ צוברעכען האַלז און נאַקען — די אייביגע פּאָליטיק.

— יע, זיי האָבען א געוויסע שייכות צו דער פּאָליטיק.

זיטא האָט אוועקגעוואָרפען דעם סיגארעט.

— איהר נאַרט מיך — האָט זי געזאָגט — איהר פאָהרט אויף א געפערט מיט א שפּאַס — פיליכט האָט איהר דאָרטען וועלכע עס איז פריינד פעהרליכער אונטערנעהמונג.

— איך געה דירעקט אין דער מלוכה פון טייוועל — האט ער געענט־ און איהר ווילט זיי עטוואס איבערגעבען ?

— איהר שטעלט אייער לעבען אין געפאהר — האט זי ווידערהאלט — און איהר ווילט אפילו מיר דאס אפען ניט זאגען ! צו דען דענקט איהר, דאס איך טויג בלויז דערפאר, מען זאל זיך מיט מיר פרעהליך מאכען און מיך נארען ? איהר וועט שנעל ברענגען דערצו, דאס מען זאל אייך אויפהענגען און איהר וועט פון מיר זאגאר קיין אבשיעד ניט נעהמען. אייביג מיט פא־ ליטיק און פאליטיק — עס מאכט מיר קראנק אייער פאליטיק !

— און מ־מי־יר אויך — האט ער ערווידערט — עס איז דארום גלייכער צו רעדען וועגען עטוואס אנדערש, אויב איהר ווילט נישט זינגען.

— וועל, גיט מיר די גיטארע. וואס זאל איך זינגען ?

— די באלאדע וועגען דעם פערלארענעם פערד ; זי פאסט זעהר גוט צו אייער שטימע.

זי האט אנגעפאנגען צו זינגען די אלטע אונגארישע באלאדע פון א מאן, וועלכער האט צוערשט פערלארען זיין פערד, נאכהער זיין היים און דאן זיין הערצענס־געליעבטע און וועלכער האט זיך געטרויסט דערמיט וואס „אויף מאקאם פעלד איז מעהר פערלארען געגאנגען“. דאס איז געווען איינע פון דעם „שטעכעדיגען׳ס בעליעבטעסטע ליעדער : די קרעפטיגע און טרא־ גישע מעלאדיע ווי דער ביטערער סטאאיציזם פון דעם צוגעזאנג האבען אפעלירט צו זיינע געפיהלען, אזוי שטארק, ווי קיין אנדער מוזיק.

זיטא׳ס שטימע איז געווען אויסגעצייכענט. די טענער זיינען ארויס פון איהרע ליפען שטארק און קלאהר, פול מיט א הייסען באגעהר פון לעבען. ער האט זיך איינגעהערט מיט ברייט אויסגעגלאצטע אויגען און האלב אפענע מויל. ווען זי האט געהאלטען ביים ענדיגען, האט איהר שטימע אנגעהויבען פלוצלונג צו ציטערען און זי האט אויסגעבראכען אין א שטארקען געוויין.

— זיטא! — דער שטעכעדיגער האט זיך אויפגעהויבען און צוגענומען פון איהר די גיטארע. — וואס איז מיט אייך ?

זי האט אבער ניט אויפגעהערט קאנוואולסיוו צו וויינען, און פערדעקט איהר געזיכט מיט ביידע הענד.

ער האט אנגעריהרט איהר ארעם.

— זאגט מיר, וואס איז מיט אייך ? — האט ער אויסגערעדט אין א וויינען טאן.

— לאזט מיך צורוה! — האט זי ארויסגערעדט דורך טרעהרען, זיך אברוקענדיג — לאזט מיר !

ער האט זיך רוהיג אומגעקעהרט צוריק צו זיין פלאץ און שווייגענדיג איבערגעווארט ביז זי וועט אויפהערען צו וויינען. פלוצלונג האט ער דערפילט

ווי איהרע הענד האָבען זיך ארומגעוויקעלט ארום זיין האַלז און זי איז גע־שטאַנען נעבען איהם אויף די קניע.

— פעליטשע, פאַהרט ניט! פאַהרט ניט אוועק!

— מיר וועלען וועגען דעם רעדען א צווייטען מאָהל — האָט ער געזאָגט,פאַרזיכטיג זיך בעפרייענדיג פון איהרע אומארמונגען — זאָגט מיר צוערשט וואָס האָט אייך אזוי אויפגערעגט? האָט איהר זיך פאר עטוואָס דערשראָקען?

זי האָט שטיל א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— האָב איך פיליכט אייך מיט עטוואָס בעליידיגט?

— ניין.

— וואָס דען?

— מען וועט אייך אומברענגען — האָט זי ענדליך שטיל ארויסגערעדט.

— איך האָב געהערט, ווי איינער פון אייערע אָפטע בעזוכער האָט ניט לאַנג געזאָגט, דאָס איהר וועט סוף כל סוף אריינפאַלען; און ווען איך פרעג אייך וועגען דעם, מאַכט איהר פון מיר חוזק.

„דער שטעכעדיגער" האָט איינינע מינוטען געקוקט אויף איהר מיט פערוואונדערונג.

— מיין טהייער קינד — האָט ער ענדליך ארויסגערעדט — איהר פער־גרעסערט שטארק די געפאַהר. עס איז מעגליך, דאָס מען וועט מיך, ווען עס איז הרג'ענען: דאָס איז דער נאַטירליכער טוידט פון א רעוואָלוציאָנער. עס זיינען אָבער ניטאָ קיין אורזאַכען צו דענקען, דאָס מען וועט מיר הרג'ענען דורכאויס יעצט. איך ריזיקיר דאָ ניט מעהר ווי אַלע אנדערע.

— אנדערע? וואָס זיינען פאר מיר די אנדערע? ווען איהר זאָלט מיך ליעבען, וואָלט איהר פון מיר ניט אוועקגעפאַהרען אויף אַזאַ אופן, איבערלאָזענדיג מיך אליין. איך שלאָף ניט גאַנצע נעכט, איבערקלעהרענ־דיג דאָס איהר זייט שוין פיליכט ארעסטירט. און ווי איך שלאָף נאָר איין, חלום'ט זיך מיר, דאָס איהר זייט שוין געשטאָרבען. איך האָב ביי אייך ווע־ניגער ווערדע, ווי דיזער הונד.

„דער שטעכעדיגער" איז אויפגעשטאַנען און לאַנגזאַם איבערגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט פון באַלקאָאָן. ער האָט גאַרניט ערוואַרטעט אַזאַ סצענע און זיך געפיהלט א ביסעל פערלאָרען, ניט וויסענדיג איהר וואָס צו ענטפערען. יע, דזשעממא איז טאַקע גגערעכט. זיין לעבען האָט זיך אַזוי פערקניפּעלט, דאָס איהם וועט זיין שווער זיך אויסצופלאָנטערען.

— זעצט זיך און לאָזען מיר זיך רוהיג דורכרעדען — האָט ער געזאָגט, אומקעהרענדיג זיך צום פריהערדיגען פלאַץ. — איך דענק דאָס מיר האָבען איינע די אנדערע ביז יעצט שלעכט פערשטאַנען. געוויס האָב איך ניט

בעדארפט מאכען קיין שפאס ווען איך זאל וויסען, דאס איהר בעאונרוהיגט זיך וועגען מיר אזוי ערנסט, בעמיהט זיך מיר צו ערקלעהרען, וואס אזוינס מאכט אייך שלעכט פיהלען. פיליכט וועט אונז געלינגען די זאך איינ־צואָרדענען.

— עס איז גאָרניטאָ וואס איינצואָרדענען. איך זעה קלאָהר, דאס איהר קימערט זיך וועגען מיר אבסאָלוט ניט.

— קינד מיינע, זאָלען מיר בעסער זיין אָפענהערציג איינע מיט די אנדערע. איך האָב זיך אימער בעמיהט עהרליך און אויפריכטיג אייך צו ערקלעהרען אונזערע בעציהונגען, און איך דענק, דאס איך האָב אייך אין דיעזער הינזיכט קיינמאָל ניט אָבגענאָרט.

— אָ, ניין! איהר זייט געווען גענוג עהרליך; איהר האָט קיין מאָל ניט געצייגט, דאס איהר בעציהט זיך צו מיר אַנדערש, ווי צו אַן אויסגע־לאסענער פרוי — צו אַן אָבגעניצטע, צופעליג ערוואָרבענע ציערונג, מיט וועלכער עס האָבען זיך בענוצט פאר אייך פיעלע מענער...

— הערט אויף, זיטאָ! איך האָב קיינמאָל אזוי ניט געדענקט וועגען קיין לעבעדיגער בעשעפעניש.

— איהר האָט מיר קיינמאָל ניט געליעבט — האָט זי בייז ווידערהאָלט.

— אמת, איך האָב אייך קיינמאָל ניט געליעבט. הערט מיך אויס און בעמיהט זיך מיר ניט צו אורטהיילען אזוי שלעכט.

— ווער זאָגט אייך דען, דאס איך האָב וועגען אייך אַ שלעכטע מיינונג? איך....

— וואַרט אויס אַ מינוט. אָט וואס איך וויל אייך זאָגען: איך הויב ניט אָן צו גלויבען אין דעם קאָנווענציאָנעלען קאָדעקס פון מאָראל און איך האָב ניט קיין רעספעקט פאר איהם. פאר מיר זיינען די בעציהונגען צווישען מאַן און פרוי אַ פראגע פון סימפּאַטהיע און אַנטיפּאַטהיע....

— און פון געלד — האָט זי איהם איבערגעשלאָגען מיט אַ גיפטיגען געלעכטער.

ער האָט געמאַכט אַן אונרוהיגע בעוועגונג און אַ מינוט געבליבען ווי צוטומעלט.

— דאס איז נאַטירליך, זעהר מייאוס. גלויבט מיר, דאס ווען איך זאל בעמערקען, אז איך געפעל אייך ניט, וואָלט איך קיינמאָל ניט פאַרגעשלאָגען מיר זאָלען זיך פעראייניגען... איך בין אין מיין גאַנצען לעבען קיינמאָל ניט בעגאַנגען קיין פערברעכען אין בעצוג צו אירגענד וועלכע פרוי, און איך האָב זיך קיינמאָל ניט פערשטעלט. איהר מעגט מיר גלויבען, דאס איך זאָג די ריינע ווארהייט.

ער האָט זיך אויף אַ מינוט אָבגעשטעלט און נאָכהער ווייטער פאָרט־געזעצט:

— איך האָב געדענקט, דאָס ווען אַ מאַן איז איינזאַם אין דער וועלט, און ער פיהלט אַ בעדירפנים אין... אין דער פריינדשאַפט פון אַ שעהנער, ניט אָבשטויסענדער פרוי, האָט אַ רעכט אָנצונעהמען פון איהר, ווי אַ דאַנקבאַרער פריינד, יענע פריינדשאַפט, וועלכע זי קען איהם געבען, ניט שליסענדיג מיט איהר קיין ענגען פערבאַנד. איך זעה אין אַזעלכע בעציהונגען ניט קיין שלעכטעס, אויב ביידע צדדים האַנדלען עהרליך אָהנע נאַררייען און בעליידיגונגען. וואָס אַנבעלאַנגט דעם, וואָס איהר זייט פריהער געווען אין אַזעלכע בעציהונגען מיט אַנדערע מענער, האָב איך וועגען דעם גאָרניט געטראַכט. איך האָב איינפאַך געדענקט, דאָס אונזער פעראייניגונג וועט זיין אַנגענעהם און אָהן שאָדען פאַר אונז ביידען און יעדער איינער פון אונז וועט קענען עס צורייסען, ווי נאָר איהם אָדער איהר וועט ווערען איבערדריסיג. אויב איך האָב אַ טעות געמאַכט.... אויב איהר האָט אָנגעהויבען קוקען אויף דעם אַנדערש, דאַן....

ער האָט זיך ווידער אָבגעשטעלט.

— וואָס דאַן — האָט זי שטיל אַ מורמעל געטהאָן, קוקענדיג אין אַ זייט.

— דאַן איז עס געווען ניט ריכטיג פון מיין זייט און איך בעדויער עס זעהר, איך האָב אָבער ניט געמיינט צו טהאָן אייך שלעכטעס.

— איהר האָט „ניט געמיינט" און „ניט געוואָלט"! פעליטישע, זייט איהר דען פון אייזען? האָט איהר דען קיינמאָל אין אייער לעבען ניט געליעבט אַ פרוי, אום דאָס איינצוזעהען דאָס איך ליעב אייך?

ער האָט ביי דיזע ווערטער אַ שטאַרקען ציטער געטהאָן. שוין לאַנג ווי ער האָט ניט געהערט פון קיינעם די ווערטער: „איך ליעב אייך."

זי איז שנעל אויפגעשפרונגען און איהם פעסט ארומגענומען.

— פעליטשע, קומט, לאָמיר אוועקפאָהרען פון דיזע שרעקליכע מענשען און זייער פּאָליטיק? וואָס האָבען מיר מיט זיי צו טהאָן? מיר וועלען אוועק נאָך זיד־אַמעריקאַ, וואו מיר האָבען פריהער געוואוינט און לעבען גליקליך צוזאַמען.

— זיטאַ! בעמיהט זיך צו פערשטעהן דאָס, וואָס איך זאָג יעצט צו אייך. איך ליעב אייך ניט און ווען איך זאָל זאָגאַר אייך ליעבען, וואָלט איך אויך מיט אייך ניט אוועקגעפאָהרען. אין איטאַליען האַלט מיך מיין אַרבייט און מיינע חברים...

— און נאָך אימיצער, וועמען איהר ליעבט מעהר פון מיר — האָט זי ווילד אויסגעשריען. — אַ, איך וואָלט אייך קענען הרג'ענען! ניט וועגען די חברים קימערט איהר זיך; עס איז.... איך וויים, ווער דאָס איז!

— שווייגט — האָט ער געזאָגט מיט אַ רוהיגע שטימע — איהר זייט

אויפגערעגט און שטעלט זיך פאַר זאַכען, וועלכע זיינען אין דער ווירקליכ־קייט ניט אמת.

— איהר מוזט דענקען, דאַס איך מיין סיניאָרא באַללאַ. ניין, מיר קען מען מען אזוי לייכט ניט אָבנאַרען; מיט איהר האָט איהר בלויז פּאָליטישע געשפּרעכען און איהר ליעבט איהר אזוי ווייניג, ווי מיר. טהייער איז אייך בלויז דיעזער קאַרדינאַל!

„דער שטעכעדיגער" איז געבליבען שטעהן, ווי פערשטיינערט.

— דער קאַרדינאַל? — האָט ער מעכאַניש ווידערהאָלט.

— יע, דער קאַרדינאַל מאַנטאַנעלי, וועלכער איז געקומען אהער אין הערבסט האַלטען דאַ זיינע דרשות. איהר דענקט, איך האָב ניט געזעהן, ווי עס האָבען זיך אין אייך געביטען אַלערליי קאָלירען, ווען זיין קאַרעטע איז דורכ־געפאָהרען פערביי אונז. איהר ציטערט דאָך ווי א בלאַט, ווען איך דערמאָן בלויז זיין נאָמען.

— איהר ווייסט ניט, וואָס איהר רעדט — האָט ער געזאָגט מיט א ־זויי־בער אויסגעצויגענער שטימע. איך.... האַס דעם קאַרדינאַל, ער איז מיין ערנסטער שונא.

— א שונא אָדער ניט, איהר ליעבט איהם אָבער שטאַרקער פון אַלעם אין דער וועלט. קוקט מיר גלייך אין געזיכט און זאָגט, אויב איהר קענט אַז דאָס איז ניט ריכטיג!

ער האָט זיך אָבגעקעהרט און אָנגעהויבען קוקען אין גאָרטען. זיטאַ האָט מיט שרעק נאָכגעפאָלגט זיין בליק: עטוואָס גרויזאַמעס איז געווען אין זיין לאַנגען שווייגען. ענדליך האָט זי זיך פאַרזיכטיג צוגעטוליעט צו איהם, ווי אַן איבערגעשראָקענע קינד, און איהם לייכט א ציה געטהאָן פאַר'ן אַרבעל.

„דער שטעכעדיגער" האָט זיך א קעהר געטהאָן צו איהר מיט'ן פּנים.

— עס איז אמת — האָט ער א זאָג געטהאָן.

11

— ק־ק־ען איך זיך מיט אייך טרעפען וואו עס איז אין די בערג? בריז־געלאַ איז א צו־רויזיקאַלישער פּלאַץ פאַר דיר.

— אין ראָמאַניאַ איז יעדער פּלאַץ פאַר אייך געפעהרליך, אָבער גראַדע יעצט איז אין בריזגעלאַ זיכערער ווי אירגענד אנדערש־וואו.

— פאַר־וואָס?

— איך וועל אייך באַלד זאָגען... זעהט, אז דער מאַן מיט'ן בלויען ראָק זאָל ניט בעמערקען אייער געזיכט; עס איז פאַר אייך געפעהרליך... יע, עס איז געווען א שרעקליכער שטורם, שוין לאַנג ניט געזעהן די ווייןגערטנער אזוי רואינירט.

„דער שטעכעדיגער" האָט אָנגעשפּאַרט די הענד אָן טיש און זיך איינ־געגראָבען אין זיי מיט'ן קאָפּ, ווי איינער וואָס איז שטאַרק מיעד און בע־טרונקען. וואַרפענדיג ארום דעם צימער א שטאַרקען בליק, האָט דער מאַן אין בלויען ראָק דערזעהען פאַר זיך בלויז צוויי בויערען, וועלכע פיהרען צווישען זיך א געשפּרעך וועגען זייערע וויינגערטנער און איינעם וואָס איז איינגעשלאָפען פון מיעדקייט נעבען זיי. בעשליסענדיג וואהרשיינליך, דאָס עס זיינען ניט קיינע פערדעכטיגע פּערזאָנען, איז ער לאַנגזאַם אוועקגעגאַנ־גען. ווען ער האָט זיך א ביסעל דערוויטערט, איז דער שטעכעדיגער לאַנג־זאַם אויפגעשטאַנען, גענעצענדיג און רייבענדיג זיך די אויגען מיט'ן ארבעל פון זיין בלוזע.

— זיי האָבען זיך שוין עפּעס צו־פיעל פערמעהרט די לעצטע צייט אין אייערע מקומות — האָט ער א זאָג געטהאָן, אָבשניידענדיג א שטיקעל שוואַר־צע ברויט, וועלכע איז געלעגען אויפ'ן טיש.

— ערגער פון די מאָסקיטאָס אין תמוז. זיי לאָזען איינפאַך ניט רוהען א מינוט. וואוהין איהר זאָלט ניט געהן, אומעטום דרעהט זיך א שפּיאָן. אין די בערג פלעגען זיי אמאָל ציטערען דעם נאָז אריינצושטעקען, און יעצט טרעפט איהר זיי דאָרטען אָפּט ארומוואַנדערענדיג גרופּענוויז פון 3—4 פּערזאָן. דארום איז שוין פיעל גלייכער יעצט צו בעגעגענען זיך אין שטאָדט.

— אָבער וואָרום עפּעס אין בריזגעלא, א שטאָדטביים גרענעץ איז דאָך אימער פול מיט מענשען.

— בריזגעלא איז דערפאַר יעצט א זעהר פּאַסענדער פּלאַץ, ווייל די שטאָדט איז פול מיט פּילגרימען פון אלע עקען פון לאַנד.

— ווי קומט עס ? איך האָב גאָרניט ג־ג־גע־וואוסט, אז אין בריזגעלא געפינט זיך עפּעס מערקווירדיגעס.

— דאָרטען געפינט זיך דער קאַרדינאַל. איהר גערענקט דעם וועלכער איז אין דעצעמבער פון פאָריגען יאָהר געקומען נאָך פלאָרענץ האַלטען דרשות ? אָט דאָס איז ער, דער זעלבער קאַרדינאַל מאַנטאַנעלי. מען זאָגט, דאָס ער מאַכט איבעראַל א גרויסען פוראָר.

— זעהר וואהרשיינליך. איך געה ניט הערען קיין דרשות.

—ער האָט זאָגאַר א רעפּוטאַציע פון א הייליגען.

— ווי אזוי האָט ער זיך עס ערוואָרבען ?

— איך וויים ניט, מעגליך דערפאַר, ווייל ער צוטהיילט אלעס, וואָס ער בעקומט, און לעבט אליין זעהר איינפאַך, ווי א פּראָווינציעלער גייסט־ליכער.

— דאָס איז נאָך ניט אלעס — האָט צוגעגעבען דער צווייטער, וועלכער האָט געהייסען דזשינא. — ניט נאָר גיט ער אָפּ זיין געלד, נאָר ער אָפּפערט

זיין גאנצען לעבען פאר וואהלטהעטיגקייט. ער העלפט די אָרימע, פּאסט אויף, אז די קראַנקע זאָלען גוט בעזאָרגט ווערען, הערט אוים דעם גאנצען טאָג פערשיעדענע קלאָגען פון אונצופריעדענע און ווערט ניט מיעד גוטעס צו טהאָן. איך האָב ניט ווייניגער פון איהם פיינט די גלחים; מאָנסעניאָר מאנטאנעלי איז אָבער גאַרניט עהנליך צו די איבריגע קארדינאַלען.

— ווי זאָל איך זיך אליזא, אַנטהאָן, ווי אַ פּילגרים? דער פּלאַן ג־ג־געפעהלט מיר אפילו, עס טויג אָבער ניט צו ווייזען זיך אין בריזגעלא אזוי ווי איך זעה יעצט אוים. מען קען מיר דאַן לייכט פערדעכטיגען און ארעסטירען.

— מען וועט אייך ניט ארעסטירען. מיר האָבען פאר אייך אַן אויס־געצייכענטען קאָסטיום מיט אַ פּאַספּאָרט און אַלעס וואָס עס פאָדערט זיך.

— וואָס איז עס פאר אַ קאָסטיום?

— פון אַן אַלטען שפּאַנישען פּילגרים, אַ מערדער וואָס איז געוואָרען אַ בעל־תשובה. פאָריגען יאָהר איז ער קראַנק געוואָרען אין אנקאָן און איינער פון אונזערע פריינד האָט איהם אוים מיטלייד גענומען אויף זיין האַנדעלס־שיף און איהם נאכהער ארונטערגעזעצט אין ווענעציע צו זיינע פריינד. אום מיט עטוואָס ארויסצואווייזען זיין דאַנקבאַרקייט, האָט דער אַלטער איבער־געלאָזען זיינע פּאַפּיערען און יעצט וועלען זיי אונז גראַדע צונוץ קומען.

— פון אַ מ־מ־ער־ד־ער, אַ בעל־תשובה? ווי וועט דען זיין מיט דער פּאָליציי?

— אָ, וועגען דעם דאַרפט איהר זיך ניט בעאונרוהיגען. אין די אויגען פון דער פּאָליציי איז פּאָלקאָם כשר. ער איז אָבגעקומען זיין טערמין קאַ־טאָרגע מיט אייניגע יאָהר צוריק און פון יענער צייט האלט ער אין איין ארומגעהן נאָך ירושלים און אַנדערע הייליגע פּלעצער, אום זיין נשמה צו ראַטעווען.

— איז ער שוין גאַנץ אַלט?

— יע, אָבער אַ גוטער גרים וועט אויך אייך פערוואַנדלען אין אַן אַל־טען מאַן. אין פיעלע הינזיכטען איז ער זאָגאַר געווען עהנליך צו אייך. ער האָט עטוואָס צוגעהונקען און געהאַט כמעט דעם זעלבען שניט אויפ'ן געזיכט ווי ביי אייך. אויסער דעם איז ער אַ שפּאַניער פון געבורט און איהר קענט דאָך גראַדע רעדען שפּאַניש.

— וואו דאַרף איך זיך בעגעגענען מיט דאָמיניקאַנא?

— איהר וועט צושטעהן אויפ'ן וועג צו אַ פּאַרטיע פּילגרימען און צוזאַ־מען מיט זיי אריינקומען אין שטאָדט. דאָרטען וועט איהר געהן גלייך מיט זיי צום מאַרק־פּלאַץ, וועלכער איז געגענאיבער דעם קאַרדינאַל'ס פּאַלאַץ.

— וואוינט ער, אלזא, אין א פאלאץ, ניט אכטענדיג אויף זיין גאנצע הייליגקייט?

— ער וואהנט בלויז אין איין פליגעל פון פאלאץ, אלע איבעריגע צי־מערען זיינען פערוואנדעלט אין א האספיטאל. די פילגרימען וועלען דארטען ווארטען אויפ׳ן קארדינאל ער זאל ארויסגעהן און געבען זיין ברכה. אין דיעזער צייט וועט דאמיניקאנא צוקומען צו אייך מיט א קארב אין האנד און אייך פרעגען: „זייט איהר א פילגרים, פאטער מיינער?" איהר וועט איהם ענטפערען: „איך בין אן ארעמער בעל עברה". דאן וועט ער אוועק־שטעלען די קארב אויף דער ערד און אנהויבען צו ווישען די שוויים מיט׳ן ארבעל.

— דאן וועלען מיר אבמאכען וואו זיך צו פערזאמלען?

— יע, ער וועט דאן האבען גענוג צייט אום אלעס איבערצוגעבען. מיר האבען אויסגעטראכט דיזען פלאן. אויב אבער ער געפעהלט אייך ניט, קענען מיר געבען צו וויסען דאמיניקאנא׳ן און איינארדנען די זאך אנדערש.

— ניין, ניין, אייער פלאן איז אויסגעצייכענט. זעהט נאר, אז די בארד און דער פאריק זאלען זיין גוט געמאכט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— זייט איהר א פילגרים, פאטער מיינער?

דער שטעכעדיגער איז געזעסען אויף די טרעפלעך פון עפיסקאפ׳ס פא־לאץ. די גרויע לאקען פון די צוקודעלטע האר זיינען איהם אראבגעהאנגען איבער׳ן געזיכט. ער האט אויפגעהויבען די קאפ און אויסגעשפראכען דעם בעשטימטען ענטפער מיט א הייזעריגער שטימע מיט א שטארקען אויסלענ־דישען אקצענט. דאמיניקאנא האט ארונטערגעלאזען פון אקסעל דעם לעדער־נעם פאס און אוועקגעשטעלט אויפ׳ן טרעפ זיין קארב מיט קארעלען און צלמים.

קיינער פון עולם האט אויף זיי קיין פערדאכט ניט געקענט הא־בען, פונדעסטוועגען האבען זיי זייער געשפרעך געפיהרט זעהר פארזיכטיג. דאמיניקינא האט גערעדט אויף דעם דיאלעקט פון יענער געגענד און „דער שטעכעדיגער" אויף א צובראכענעם איטאליעניש, אפט צוגעמישט מיט אויס־לענדישע ווערטער.

— זיין הייליגקייט! זיין הייליגקייט געהט — האבען אויסגעשריען די וואס זיינען געשטאנען נעבען טיהר.

„דער שטעכעדיגער" און דאמיניקאנא האבען זיך אויפגעשטעלט.

נאט אייך, פאטער — האט דאמיניקאנא געזאגט, אריינלעגענדיג איהם אין האנד א קליינעם צלם׳ל איינגעוויקעלט אין פאפיער — בעט גאט פאר מיר, ווען איהר וועט קומען נאך רוים.

„דער שטעכעדיגער" האט אריינגעלעגט דעם צלם'ל אין בוזעם און זיך אומגעקעהרט א קוק צו טהאָן אויף דעם קארדינאל'ס פיגור.

אין א פּראכטפאָלען ליליען־מאנטעל און אין א דונקעל רויטער היטעל איז ער געשטאנען אויף דער אויבערשטער טרעפּ און געבענטשט דעם עולם מיט אויסגעשטרעקטע הענד.

נאכהער האט ער זיך לאנגזאם אראבגעלאזען פון די טרעפּ און דער עולם האט איהם ארומגערינגעלט פון אלע זייטען. יעדער איינער וועלענדיג כאפּען זיין האנד אָדער פּאָלע צום קושען.

— פריעדען מיט אייך, קינדער מיינע!

דערהערענדיג דיזע פעסטע, קלינגענדע שטימע, האט דער שטעכעדיגער ארונטערגעלאזען די קאָפּ און די גרויע האָר האָבען זיך ארונטערגעשאָטען ביי איהם איבער'ן געזיכט. דאָמיניקינאָ האָט בעמערקט, ווי דער הויכער שטעקען, וועלכען ער האט געהאלטען אין האנד, האָט אָנגעהויבען צו ציטע־רען און ער האָט מיט ענטציקונג א קלער געטהאָן: „וואָס פאר אַן אויסגע־צייכענטער אקטיאָר ער איז!"

א פרוי, וועלכע איז געשטאנען ניט ווייט פון זיי מיט א קינד, האט הויך אויסגערופען צו איהם: „קום, זיין הייליגקייט וועט דיך בענשען!"

— ווי גרויזאם עס איז דאָס לעבען! — האָט „דער שטעכעדיגער" א טראכט געטהאָן — אלע די פרעמדע מענשען קענען צוגעהן און רעדען מיט איהם... ער וועט לעגען זיין האנד אויפ'ן קאָפּ פון זייערע קינדער און וועט אפשר אָנרופען איינעם פון די בויערען־קינדער מיט'ן נאָמען „קארינא", ווי ער האָט איהם אמאָל גערופען... דאָס וואָלט שוין געווען מעהר וויפיעל א מענש קען איבערטראָגען... זיין אזוי נאָהענט, אזוי נאָהענט פון איהם, דאָס מען קען כמעט בעריהרען זיין טהייערע האנד...

— איהר וועט פילייכט אריינגעהן אָנוואַרימען זיך, פריינד מיינער? — האט ער דערהערט א ווייכע שטימע — מיר שיינט, אז איהר זייט שטארק פערפראָרען.

דעם שטעכעדיגען'ס הארץ האט אויפגעהערט צו קלאפּען. א שמערצ־ליכער געפיהל האט איהם ארומגענומען און געדריקט זיין ברוסט. ווען ער האט אויפגעהויבען די קאָפּ, האט ער דערזעהן ווי ערנסטע בלויע אויגען קו־קען אויף איהם מיט צערטליכקייט און מיטלייד.

— רוקט זיך אָב א ביסעלע, מיינע פריינדע — האט געזאגט מאנטאנעלי, ווענדענדיג זיך צום עולם — איך וויל רעדען מיט דיזען אלטען.

אלע זיינען לאנגזאם אבגעטראָטען. דער שטעכעדיגער איז געזעסען אָהן בעוועגונג מיט צוזאמענגעדריקטע ציין און די אויגען ארונטערגעלאזען צו

דער ערד. פּלוצלונג האָט ער דערפיהלט אַ צערטליכע בעריהרונג פון מאַנטאַ־נעלי׳ס האַנד אויף זיין אַקסעל.

— איהר האָט וואַרשיינליך איבערגעלעבט פיעל צרות. קען איך אייך ניט מיט עפּעס העלפען?

דער שטעכעדיגער האָט שווייגענדיג אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ.

— זייט איהר אַ פּילגרים?

— איך בין אַן אָרימער בעל עברה.

דער קאַרדינאַל האָט זיך איינגעבויגען צו איהם נאָך ניעדעריגער.

— פילייכט ווילט איהר מיט מיר זיך דורכרעדען פּריוואַט?

„דער שטעכעדיגער" האָט זיך ענדליך געפּאַסט מוטה און אַ קוק געטהאָן מאַנטאַנעלי׳ן גלייך אין די אויגען.

— דאַס וועט צו גאָר ניט ברענגען, מיין שמערץ וועסטו ניט לינדערען...

פון צווישען עולם איז אַרויסגעטראָטען אַ פּאָליציי־בעאַמטער.

— ענטשולדיגט, אייער הייליגקייט, וואָס איך מיש זיך אַריין. איך דענק, אַז דער אַלטער איז שוין עובר בטל. ער איז געוועזן אין קאַטאָרגע פּאָר אַ שווערען פערברעכען און יעצט טהוט ער תשובה, אום צו ראַטעווען זיין נשמה.

— פּאָר אַ שווערען פערברעכען — האָט „דער שטעכעדיגער" מעכאַניש ווידערהאָלט.

— איך דאַנק אייך, קאַפּיטאַן. זייט אַזוי גוט און לאָזט אונז אַליין. אַלזאָ, פריינד מיינער, מען קען אימער העלפען דעם, וועלכער איז אַן אמת׳ער בעל תשובה. וועט איהר פילייכט אַריינגעהן צו מיר אין אָבענד?

— וועט דען אייער הייליגקייט וועלען עמפּפאַנגען אַ פּערזאָן, וועלכער איז שולדיג אין דעם טויט פון זיין אייגענעם זוהן?

דער טאָן פון זיין פראַגע איז געוועזן, ווי ער זאָל אַנדייטען אויף עט־וואָס. מאַנטאַנעלי האָט אַ שטאַרקען ציטער געטהאָן.

— זאָל מיך גאָט אויסהיטען אייך צו פעראורטהיילען, וואָס איהר זאָלט ניט האָבען געטהאָן! — האָט ער פייערליך אויסגערופען. — אין זיינע אויגען זיינען מיר אַלע גלייך זינדיג. אויב איהר וועט קומען צו מיר, וועל איך אייך אויפנעהמען אַזוי, ווי איך וואָלט וועלען גאָט זאָל מיר עמפּפאַנגען, ווען עס וועט קומען מיין לעצטע שטונדע.

„דער שטעכעדיגער" האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנד און אַנגעפאַנגען פּלוצלונג מיט אַ ליידענשאַפטליכען טאָן:

— הערט זיך איין — האָט ער געזאָגט — אויך איהר, בויערען, קענט הערען. ווען יעמאַנד האָט אומגעבראַכט זיין אייגענעם זוהן — אַ זוהן, וועל־כער האָט דעם פּאָטער געליעבט און געגלויבט און יענער האָט איהם אַריינ־

געצויגען אין א געץ, פון וועלכער דער איינציגער אויסוועג איז געווען זעלבסט מארד — צו קען דען נאך אזא פערזאן האפען אויף עטוואס? איך האב זיך מתודה געווען אויף מיין פערברעכען פאר גאט און פאר לייטען. איך בין אבגעקומען די שטראף וואס מענשען האבען אויף מיר ארויפגעלעגט. ווען וועט שוין אבער גאט זאגען „גענוג!" וועמעס ברכה וועט בעפרייען מיין נשמה פון זיין קללה? ווער קען מיר געבען אזא תשובה, וועלכע זאל ענדערען דאס, וואס איך האב געטהאן?

א לאנגע צייט האט געהערשט א טוידטע שטילקייט. מען האט געקענט זעהן ווי עס ציטערט ביי מאנטאנעלי'ן אויפ'ן ברוסט דער צלם. ענדליך האט ער אויפגעהויבען די אויגען און געבענשט דעם עולם מיט ציטערענדע הענד.

— גאט איז בארמהערציג — האט ער געזאגט — פערטרוי איהם אלע דיינע צרות און דיר וועט לייכטער ווערען אויפ'ן הארצען.

ער האט זיך אבגעקעהרט און איז אוועק איבער'ן פלאץ, אבשטעלענדיג זיך אויף יעדען טריט צו רעדען מיט וועמען עס איז אדער נעהמען א קינד אויף די הענד.

אבענדס איז דער שטעבעדיגער אוועק צו דעם פלאץ, וואו עס האט גע־זאלט פארקומען די פערזאמלונג. דעם אדרעס האט ער איבערגעלאזען אויף דעם פאפיערעל, אין וועלכען עס איז געווען איינגעוויקעלט דעם צלם'ל, וואס דאמיניקינא האט איהם געגעבען. דאס איז געווען אין דער הויז פון א היעגען דאקטאר, א טהעטיגען מיטגליעד פון דער ארגאניזאציאן. די מעהרסטע צאהל פון די מיטגליעדער איז שוין געווען צוזאמענגעקומען און די שמחה, מיט וועלכער מען האט בעגריסט זיין ערשיינונג, האט איהם געגעבען א נייעם בעוויז פון זיין פאפולאריטעט אלס בעליעבטער פיהרער, אויב ער האט זיך נאך געצוויפעלט אין נייע בעווייזע.

— מיר זיינען העכסט צופריעדען וויעדער אייך צו זעהן מיט אונז, — האט איהם געזאגט דער דאקטאר — אונז וועט אבער נאך מעהר פרעהען, ווען איהר וועט בשלום פון אונז פערשווינדען. אייער קומען אהער איז א זעהר ריזיקאלישע אונטערנעהמונג און איך פערזענליך בין געווען געגען דעם פלאן. זייט איהר זיכער, דאס קיינער פון די פאליצייאישע מייז האט אייך היינט אין דער פריה ניט בעמערקט אויפ'ן פלאץ?

ב־ב־ב־עמערקט האבען זיי מיך געווים, אבער זיי האבען מיך ניט דער־קאנט. דאמיניקאנא האט אלעס פראכטפאל איינגעארדענט. וואו איז ער דאס? איך זעה איהם ניט.

— ער איז נאך ניט געקומען. אלזא, אלעס איז אריבער גלאט. דער קאר־דינאל האט אייך געגעבען זיין ברכה?

— נאך וואס פאר א ברכה! — האט אויסגערופען דאמיניקאנא, ארייג־

קומענדיג. — ריוואַרעס איבעראַשט מיט סורפּרייזען, ריכטיג ווי אַ קריסט־מאַס קייק. וועלכע נאָך טאַלאַנטען קען מען ביי אייך ענטדעקען?

— וואָס מיינט איהר? — האָט דער שטעכעדיגער פויל געפרעגט, זי־צענדיג אַנגעשפּאַרט אויפ'ן ווענטעל פון שטוהל און רויכענדיג אַ סיגאַר.

— איך האָב גאָר ניט חושד געווען, דאָס איהר זייט אַזאַ אויסגעצייכענ־טער אַקטיאָר. איך האָב קיינמאָל אין לעבען ניט געזעהן יעמאַנד זאָל אַזוי גוט שפּיעלען אַ ראָליע. איהר האָט דאָך איינפאַך געריהרט דעם קאַרדינאַל ביז צו טרעהרען.

— ווי איז עס פאָרגעקומען? דערצעהלט, ריוואַרעס.

„דער שטעכעדיגער" האָט אַ קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס און גאָר ניט געענטפערט. זעהענדיג דאָס מען וועט פון איהם ניט קענען דערגעהן, האָ־בען אַלע אַנוועזענדע זיך געווענדעט צו דאָמיניקאָנאָ. דער גאַנצער עולם האָט הערצליך געלאַכט ווען יענער האָט איבערגעגעבען די סצענע, וועלכע האָט זיך אָבגעשפּיעלט אין דער פריה אויפ'ן מאַרק־פּלאַץ. איין יונגער אַרבייטער בלויז איז געבליבען ערנסט און געזאָגט מיט אַ בייזען טאָן:

— איהר האָט, נאַטירליך, מייסטערהאַפט דורכגעפיהרט אייער ראָלע, אָבער איך זעה ניט איין וואָס פאַר אַ נוצען איהר קענט האָבען פון דיעזער טהעאַטראַלער פאָרשטעלונג.

— אָט וועלכע — האָט געענטפערט „דער שטעכעדיגער". — איך קען יעצט פריי אַרומשפּאַציערען איבעראַל און טהאָן וואָס איך דאַרף; קיינעם וועט ניט איינפאַלען צו צווייפלען אין מיין פּערזענליכקייט און דאָס איז פאַר מיר זעהר וויכטיג.

— יע, דאָס איז זעהר גוט, איך וואָלט פונדעסטוועגען מעהר צופריעדען געווען, ווען דער זעלבער רעזולטאַט זאָל דערגרייכט ווערען דורך אַן אַנדער וועג און מען זאָל ניט דאַרפען מאַכען אַזוי פיעל שפּאַס פון דעם אָרימען קאַרדינאַל. ער איז אַ צו גוטער מענש דערפאַר.

—יע, ער האָט מיר אויך געשיינט צו זיין אַן ערענטליכער מאַן — האָט פויל צוגעשטימט „דער שטעכעדיגער".

— לאָז איבער די נאַרישקייטען אָן אַ זייט, סאַנדרא! אונז קימערען דאָ ווייניג די קאַרדינאַלען — האָט געזאָגט דאָמיניקאַנאָ. — ווען מאַנטאַנעלי זאָל זאָל געווען אָננעהמען די שטעלע אין רוים, וועלכע מען האָט איהם געהאָט פאָרגעשלאָגען, וואָלט ריוואַרעסען ניט אויסגעקומען צו טרייבען מיט איהם שפּאַס.

— דער קאַרדינאַל האָט אָבער דערפאַר ניט איינגעשטימט צו פאָהרען נאָך רוים, ווייל ער האָט ניט געוואָלט זיך דאָ שיידען מיט זיין וואָהלטהע־טיגער אַרבייט.

— מעגליך, אז עס איז גאָר דערפאַר, ווייל ער האט א צובראָכענע האַרץ — האט „דער שטעכעדיגער" ערווידערט, בעטראַכטענדיג ווי די רינג־לעך רויך פון זיין סיגאַר הויבען זיך אויף און פליהען אוועק. — איז שוין ניט צייט אבער צוצוטרעטען צו דער ארבייט, מיינע הערען?

די פערזאמעלטע האבען גענומען גענוי ארומרעדען די פּראָיעקטען וועגען איבערפיהרען די קאָנטרבאנד און מיטלען ווי די געוועהר צו פערהיטען. „דער שטעכעדיגער" האָט זיך צוגעהערט צו יעדען וואָרט מיט גרוים נייגעריג־קייט איבערשלאָגענדיג פון צייט צו צייט די דעבאַטירענדע מיט שאַרפע בעמערקונגען. ווען אַלע אַנוועזענדע האָבען שוין געהאַט אויסגעדריקט זייערע מיינונגען, האט ער אריינגעבראכט איינינע פּראַקטישע פארשלעגע און די מעהרסטע פון זיי זיינען אָנגענומען געוואָרען אָהן דעבאַטען. מיט דעם האט זיך די פערזאמלונג געענדיגט און אַלע זיינען זיך צוגאנגען. עס זיינען בלויז איבערגעבליבען דער דאָקטאָר. דאָמיניקאַנאָ און ריוואַרעס. די דריי האָבען מיט זיך פאַרגעשטעלט א קאָמיסיע אום צו בעטראַכטען איינינע ספּעציעלע פראגען. עס האָט זיך צווישען זיי פערבונדען א לאַנגער און הייסער געשפּרעך. דער זייגער האט געשלאָגען האלב נאָך צוועלף.

— שוין שפּעט! — האט אויסגערופען דאמיניקאנא — מיר טאָרען דא לענגער ניט פערבלייבען, אויב מיר ווילען ניט ריזיקירען אָנצושטויסען זיך אויף דעם נאכט־פּאַטרול.

— וועלכע צייט הויבט דער פּאַטרול אָן ארומצוגעהן — האט געפרעגט דער שטעכעדיגער.

— ארום 12. גוט נאכט, דזשאַרדאנא. געהען מיר צוזאמען, ריוואַרעס?

— ניין, איך דענק איינציגווייז איז זיכערער צו געהן. וועל איך אייך מאָרגען זעהן?

— יע, אין קאסטעל באלאניעזע.

— איך ווייס נאָך ניט ווי איך וועל זיין מאסקירט, איהר ווייסט דאָך אָבער דעם פּאַראָל, געהט איהר מאָרגען אוועק פון דאָרטען?

שטעהענדיג פאַר'ן שפּיעגעל, האט דער שטעכעדיגער זארגפעלטיג צור־געפיקסט דעם פאַריק אויפ'ן קאָפּ.

— יע, מארגען פריה צוזאמען מיט די פּילגרימען. איבערמאָרגען וועל איך קראַנק ווערען און אָבשטעלען זיך אין א הייזעל פון א פּאסטוך. פון דאָרטען וועל איך אוועק גלייך איבער די בערג און וועל קומען נאָך קאסטעל באאלניעזע פריהער פון אייך. גוט נאכט!

דער זייגער האט געשלאָגען צוועלף, ווען דער שטעכעדיגער איז צו־געגאַנגען צו דער טיהר פון א קהל'שער געביידע, וועלכע איז פערוואנדעלט געוואָרען אין א פּלאַץ צו שלאָפען איבער נאכט פאר די פּילגרימען. אויף דער

ערד זיינען איבעראַל געלעגען מענשליכע פיגורען און א שטאַרקער בראַפּען האט הויך אבגעקלונגען אין דער ארומיגער שטילקייט. די לופט איז געווען אונערטרעגליך שווער; „דער שטעכעדיגער" האָט א ציטער געטהאָן פון עקעל און זיך צוריקגעצויגען. שוין בעסער ארומצוגעהן א גאַנצע נאַכט, פיליכט וועט ער זיך אָנשטויסען וואו אויף א בארג היי, ער זאל קענען זיך א ביסעל צושפּארען.

עס איז געווען א פּראַכטפאָלע נאַכט. די לבנה איז שטיל געשוואומען אי־בער'ן לויטערען הימעל. דער שטעכעדיגער האט צוועקלאז ארומגעוואנדערט איבער די גאַסען. די סצענע אין דער פריה מיט דעם קאַרדינאַל האָט זיך גע־פּלאָנטערט ביי איהם אין קאָפּ ווי א קאשמאר.

ווי שטאַרק דער פּאדרע האָט זיך געענדערט! בלויז די שטימע איז געבליבען.

אויף דער צווייטער זייט פון גאס האט זיך בעוויזען א לאַנטערנע פון א נאכט־וועכטער און „דער שטעכעדיגער" האט זיך פערקירעוועט אין א שמאָלע געדרעהטע געסעל. ער איז אבגעגאַנגען אייניגע טריט און ער האט פלוצלונג דערזעהן, דאס ער געפינט זיך נעבען לינקען פליגעל פון עפּיסקאָפּ'ס פּאלאַץ.

דער גאַנצער פּלאַץ איז געווען בעלויכטען פון דער לבנה און דער שטע־בעדיגער האט בעמערקט, דאס די זייטיגע טיהר פון קירכע איז האלב אָפען. ווארשיינליך האָט יעמאַנד פערגעסען צוצומאַכען, האָט ער א טראַכט גע־טהאָן. פאר וואָס זאל ער אהין ניט אריינגעהן און צולעגען זיך אויף איינער פון די בענק? אין דער פריה וועט ער זיך פּאַרזיכטיג ארויס'גנב'ענען פון דאר־טען און ווען מען וועט איהם אפילו זעהן, וועט מען געוויס דענקען, דאס דער משוגע"נער דיעגא האט מתפּלל געווען וואו אין א ווינקעל און איז איינ־געשלאָפען נאכהער.

א מינוט איז ער געשטאַנען ביים טיהר און זיך איינגעהערט, נאכהער איז ער גאַנץ שטיל אריינגעגאַנגען. דער אלטאַר איז געווען העל בעלויכטען פון דער לבנה־שיין. פלוצלונג האט ער א שטאַרקען ציטער געטהאָן. ניט ווייט פון אלטאר האט ער בעמערקט ווי דער קאַרדינאַל מאַנטאַענלי שטעהט אויף די קניע מיט א בלויזער קאָפּ און די הענד צוזאַמענגעלעגט ווי פאר א תפלה.

דער שטעכעדיגער האט זיך שנעל בעהאלטען אין שאָטען. זאל ער פּי־לייכט אוועקגעהן איידער מאַנטאַנעלי וועט איהם דערזעהן? — האט ער גע־קלעהרט — דאָס וועט זיין אם בעסטען. אבער ווי קען מען ביישטעהן אזא נסיון צוצוגעהן און נאך אמאָל זעהן דעם פּאדרע. עס וועט איהם שוין פיליכט קיינמאָל מעהר ניט אויסקומען צו האָבען די געלעגענהייט. נאָר איינמאָל א קוק טהאָן אויף איהם, ער זאל איהם ניט בעמערקען, און דאַן צוריק צו דער ארבייט.

האלטענדיג זיך אין שאָטען, האט ער זיך פאַרזיכטיג צוגעגליטשט צו דער ווענטעל פון אַלטאַר און האָט זיך אָבגעשטעלט אויף אַן אויגענבליק נעבען דעם עפּיסקאָפּ'ס טהראָן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אטהעם.

— מיין ארעמער אינגעל! אָ, גאָט! מיין אַרעמער אינגעל!

אין דיזען הארצרייסענדען אויפרוף האט זיך געהערט אזא שטארקער אונענדליכער יאוש, דאס „דער שטעכעדיגער" האט זיך א טרייסעל געטהאָן פון אויפרעגונג. נאכהער האבען זיך דערהערט טיעפע, שווערע זיפצען אָהן ווערטער און ער האט געזעהן ווי מאָנטאנעלי האט פערבראָכען מיט די הענד, ווי אייגער וואס האט אונגעהויערע פיזישע שמערצען.

ער האָט פריהער ניט געוואוסט דאָס דער פּאַדרע האָט אזוי פיעל שמערצען, ניט איינמאָל פלעגט ער ביי זיך דענקען, דאָס די אַלטע וואונד זיינע האט זיך שוין געווים פערהיילט און יעצט, נאָך אזוי פיעל לאנגע יאהרען, האָט ער דערזעהן די וואונד אַן אָפענע, טריפענדיג מיט בלוט. ווי לייכט עס וואָלט געווען איהר צו פערהיילען, ער דארף בלויז אויסשרייען: „פּאַדרע, דאס בין איך!"

און ביי דזשעמאַ'ן איז שוין אויך דאַ אַ גרויער לאָק. אָ, ער וואָלט געקענט מוחל זיין! ווען ער וואלט נאָר געקענט אויסמעקען פון זכרון די ביטערע פערגאנגענהייט — דעם שכור'ען מאַטראָז, די צוקער פּלאַנטאַציע און דעם וואנדערענדען צירק! עס איז שוין ניטאָ קיין גרעסערע שמערץ אויף דער וועלט, ווי ווען וועלען מוחל זיין, שטרעבען צו פערצייהען און ניט קענען.

מאנטאנעלי איז ענדליך אויפגעשטאנען און איז אבגעגאנגען פון אַלטאר, זיך איבער'צלם'ענדיג. דאן איז ער לאנגזאם אוועק צום טיהר, ניט בעמערקענדיג איהם.

ניט געזעהן... אָ, וואָס האָט ער געטהאָן! דאָס איז דאָך געווען די לעצטע מעגליכקייט און ער האט עס פערנאכלעסיגט. ער איז האסטיג אויפגעשפרונגען און איז ארויס פון זיין בעהעלטעניש.

— פּאדרע!

דער קלאַנג פון זיין אייגענער שטימע האָט איהם אַנגעפילט מיט א מיסטישען שרעק און ער איז צוריק אוועק אונטער דעם סלופּ אין שאָטען. מאָנטאָנעלי איז געבליבען שטעהן בעוועגלאָז מיט ברייט־געעפענטע אויגען און זיך איינגעהערט פול מיט טוידט־שרעק אויף זיין געזיכט. ווי לאַנג דיזע שטילקייט האט אַנגעהאלטען, א מינוט אדער אן אייביגקייט, וואָלט דער שטעכעדיגער ניט געקענט זאגען. מאָנטאנעלי האט זיך אַנגעהויבען שאָקלען אין אלע זייטען, זיינע ליפּען האבען זיך בעוועגט אָהנע עטוואָס צו רעדען.

— ארטהור — האט ער ענדליך שטיל ארויסגעשטאַמעלט — ניין, די וואסער איז טיעף...

— ענטשולדיגט מיר — האָט דער שטעבעדיגער געזאָגט, צוגעהענדיג צו איהם — איך האָב געמיינט דאָס עס איז וועד פון די היגע גלחים.

— אָ, דאס איז יענער פּילגרים — האט ער ארויסגערעדט א ביסעל א בערוהיגטער — נויטיגט איהר זיך פיליכט אין עטוואס, פריינד מיינער?

— ענטשולדיגט אייער הייליגקייט, וואס איך האב איך בעאונרוהיגט. איך האב געזעהן דאס די טיהר איז אָפען און איך בין אריינגעגאנגען תפלה טהאָן.

—עס מאכט ניט, זוהן מיינער. גאט איז מילד און בארמהערציג. געה נאָך רוים און בעט זיך דאָרטען אויס אַ גוטע ברכה פון זיין דיענער, דעם הייליגען פאָטער. פריעדען מיט דיר!

— —

אין אייניגע טעג ארום האט זיך „דער שטעבעדיגער" צוריקגעקעהרט נאָך פלאָרענץ מיט א דיליזשאנס פון פיסטאי. צום ערשטען איז ער אוועק צו דזשעמא'ן. ניט טרעפענדיג איהר צו הויז, האט ער געבעטען איבערצוגע־בען, דאס ער וועט זיין ביי איהר מאָרגען אין דער פריה, און איז אוועק אהיים. דיעזען מאל — האָט ער געטראכט — וועט שוין זיטא ווארשיינליך מעהר ניט זיצען אין זיין קאבינעט. עס איז איהם אייגפאך געווען אונערטרעגליך צו הערען איהרע אייפערזיכטיגע טענות.

— גוטען אבענד, ביאנקא — האט ער א זאָג געטהאָן דער דיענסט, וועל־כע האט איהם געעפענט די טיהר. — איז מאדאם רעני געווען דאָ היינט?

— מאדאם רעני? איז זי דען צוריקגעקומען?

— וואס מיינט איהר דערמיט? — האט ער געפרעגט בלייבענדיג שטעהן פערוואונדערט אויפ'ן שוועל.

— זי איז גאנץ אונערווארטעט אוועקגעפאָהרען גלייך נאָך אייער אוועק־געהן, ניט מיטנעהמענדיג קיינע זאכען.

— גלייך נאָך מיר? ווען? מיט צוויי וואכען צוריק?

— יע, מיין הערר, דעמזעלבען טאָג. אלע איהרע זאכען ליעגען אָנגעוואר־פען. די שכנים האלטען שוין אין איין רעדען וועגען דעם.

ער האט זיך אומגעדרעהט צוריק, ניט זאָגענדיג א וואָרט און איז אוועק צו דער הויז וואו זיטא האט געוואוינט. אלעס דארטען איז געבליבען ווי גע־ווען. אלע זיינע מתנות זיינען געלעגען אויף זייערע פלעצער. קיין בריעף, קיין צעטעלע אפילו האט ער ניט געפונען אין ערגעץ.

— הערר! — האט איהם אבגערופען די דיענסט, ארייגשטעקענדיג די קאָפּ אין טיהר — עפּעס אן אלטע פרוי וויל אייך זעהן.

— וואס דארף זי מיר? זאגט איהר, אז איך ק־ק־קען איהר ניט עמפפאנ־גען. איך האב קיין צייט ניט.

— זי קומט אבער כמעט יעדען אבענד פון דער צייט וואס איהר זייט אוועקגעפאהרען און פרעגט אלץ, ווען איהר וועט קומען.

— פרעגט איהר וואס זי דארף, אדער ווארט, איך וועל שוין בעסער אליין ארונטערגעהן.

די אלטע האט געווארט אין פארצימער פון זיין הויז. זי איז געווען זעהר ארעם געקליידעט. דער פנים איהרער איז געווען זעהר דונקעל און צוקנייטשט און אויפ'ן קאפ האט זי געטראגען א קאלירטע טוך פון העלע פארבען. ווען דער שטעבעדיגער איז אריינגעקומען, האט זי זיך אויפגעהויבען און אויף איהם א קוק געטהאן מיט איהרע שווארצע ברענענדיגע אויגען.

— זייט איהר עס אלזא דער הינקעדיגער הערר? — האט זי געזאגט, בעטראכטענדיג איהם מיט א קריטישען בליק פון קאפ ביז די פיס. — איך בין צו אייך געקומען מיט א שליחות פון זיטא רעני.

ער האט געעפענט די טיהר פון קאבינעט און איהר אריינגעלאזען דאר־טען. ווען זי איז אריינגעגאנגען, האט ער צוגעמאכט די טיהר, אום ביאנקא זאל ניט אונטערהערען וואס זיי רעדען.

— ביטע, זעצט זיך. זאגט מיר, ווער זייט איהר?

— דאס איז ניט אייער זאך, ווער איך בין. איך בין בלויז געקומען זא־גען, דאס זיטא רעני איז פון אייך אוועק מיט מיין זוהן.

— מיט... אייער... זוהן?

— יע, מיין הערר, ווען איהר האט ניט געקענט איינהאלטען אייער גע־ליעבטע, דארפט איהר זיך ניט בעקלאגען וואס אנדערע האבען איהר צוגענר־מען. ביי מיין זוהן רינט אין די אדערען בלוט, ניט מילך מיט וואסער. ער איז א זוהן פון א ראמאנישען שבט.

— זייט איהר א ציגיינערין? האט, הייסט עס, זיטא זיך אומגעקעהרט צוריק צו איהר פאלק?

זי האט אויף איהם א קוק געטהאן מיט פעראכטונג. די קריסטען האבען ווי עס שיינט, קיין מוטה ניט צו בייזערען זיך, ווען מען בעליידיגט זיי.

— איז זי אוועק מיט'ן גאנצען ציגיינער שבט, אדער זי לעבט בלויז מיט אייער זוהן?

— דענקט איהר פיליכט איהר נאכצויאגען און ברענגען צוריק? שוין צו שפעט. איהר האט פריהער געדארפט וועגען דעם טראכטען.

— ניין, איך וויל בלויז וויסען דעם אמת, אויב איהר ווילט עס מיר דערצעהלען.

זי האט א קוועטש געטהאן מיט די פלייצעס.

— נו, אט איז דער אמת, אויב איהר ווילט וויסען. אין דעם טאג, וואס איהר האט זי פערלאזען, האט זי אנגעטראפען מיין זוהן אויפ'ן וועג און זיך

מיט איהם פונאנדערגערעדט אויף אונזער אייגענער שפּראך. ווען ער האט דערזעהן, דאָס זי איז, ניט קוקענדיג אויף איהרע קאָסטבאַרע קליידער, אַ קינד פון אונזער פאָלק, האט ער זיך אין איהר פערליעבט. און פערליעבט האט ער זיך ווי עס פערליעבען זיך אונזערע מענער און איהר געבראכט צו אונז אין לאגער. זי האט אונז דערצעהלט ווי זי האט נעבעך געליטען און זי האט אזוי פיעל געוויינט, דאָס די האַרץ איז איינפאך צופלאַצט געוואָרען פון מיט־לייד. מיט האבען איהר געטרייסט ווי מיר האבען געקענט. ענדליך האט זי אויסגעטהאָן איהרע רייכע קליידער און אָנגעצויגען די קליידער, וועלכע אונ־זערע מיידלעך טראָגען. זי האָט איינגעשטימט צו לעבען מיט מיין זוהן אלס מאַן און ווייב. ער וועט איהר ניט זאָגען: „איך ליעב אייך ניט" און „איך בין בעשעפטיגט מיט עטוואָס אנדערס". ווען אַ פרוי איז יונג, דאַרף זי האבען אַ מאַן, און וואס זייט איהר פאר אַ מאַן? איהר קענט דאָך אפילו ניט אַ קוש טהאָן ווי עס בעדאַרף צו זיין אַ שעהנע מיידעל. ווען זי נעהמט אייך אַרום!

— איהר האט דאָך געזאגט — האט ער איהר איבערגעשלאָגען אין מי־טען — דאס איהר זייט געקומען עפּעס מיט אַ שליחות פון איהר.

— יע, איך האב זיך בכיון אבגעשטעלט אום איבערצוגעבען אייך איהרע ווערטער. זי האט מיר געבעטען אייך צו זאגען, דאס איהר זיינען צוגעגעסען געוואָרען די געבילדעטע לייטע, ביי וועלכע עס פליסט אזוי לאנגזאם דאס בלוט אין די אָדערען און וועלכע האבען ליעב זיך צו אַמפּערען איבער אַן אויסגעבלאָזענע איי, און קעהרט זיך דארום אום צוריק צו איהר פאָלק צו אַ פרייען לעבען, גיט איהם איבער — האָט זי געזאָגט — דאָס איך בין אַ פרוי, איך האב איהם געליעבט און זיך דארום ניט געוואָלט אָבשטעלען בלויז אלס שפּיעלצייג זיינע.

„דער שטעכעדיגער" האט זיך אויפגעשטעלט.

— דאס איז אלעס וואס זי האט געהייסען מיר איבערגעבען? זאגט איהר, דאס איך בעטראכט איהר טהאָט פאר אַ זעהר גוטען און איך האָף, דאס זי וועט זיין גליקליך. גוט נאכט!

ווען זי איז אוועקגעגאנגען, איז ער אַ לאנגע צייט געבליבען שטעהן פערטראכט. נאכהער האט ער זיך אראבגעלאָזען אין שטוהל און פערמאכט מיט די הענד דעם פּנים.

— נאָך אַ פּאַטש! ער האָט שוין כמעט אַלע מעגליכע ליידען איבערגע־טראָגען אין זיין לעבען און יעצט האָט נאָך דיעזע ציגיינערין, וועלכע ער האָט ארויסגעשלעפּט פון זומפּ, איהם דערלאנגט אַ נייעם קלאַפּ.

אונטער'ן טיהר האט זיך דערהערט אַן אומעדיגע קוויטשעריי פון זיין געטרייען הונד ש ט ן. „דער שטעכעדיגער" האט זיך אויפגעהויבען און גע־עפענט די טיהר. דער הונד האט זיך אַ וואַרף געטהאָן צו איהם מיט דעם גע־

וועתנליכען אויסדרוק פון גרויסער שמחה, דערפיהלענדיג אבער, דאס זיין בעל הבית איז אין א שלעכטער לוינע, האט ער זיך רוהיג אוועקגעלעגט אויפ׳ן קארפעט נעבען זיינע פיס און צוגעדריקט זיין קאלטען נאז צו דעם שטעכעדיגענס גלייכגילטיגער האנד.

א שטונדע שפעטער איז צו דער אויסוועניגסטער טיהר צוגעגאנגען דזשעמא. זי האט אנגעקלונגען, אבער קיינער האט איהר ניט געענטפערט. זעהענדיג, דאס דער בעל הבית קלויבט זיך ניט צו עסען מיטאג, איז די דיענסט ביאנקא אוועקגעגאנגען בעזוכען דער שכנ׳ישער קעכין. דזשעמא האט אונטערגעווארט אייניגע מינוט, נאכהער האט זי בעשלאסען אריינצוגעהן און פרובירען געפינען ריווארעס׳ען: זי האט געדארפט מיט איהם רעדען וועגען זעהר וויכטיגע נייעס, וועלכע זי האט נאר וואס ערהאלטען פון ביילי. זי האט אנגעקלאפט אין טיהר פון קאבינעט און דערהערט דעם שטעכעדיגען׳ס שטימע:

— איהר קענט אוועקגעהן, ביאנקא. איך דארף יעצט קיין זאך ניט.

זי האט פארזיכטיג געעפענט די טיהר. אין צימער איז געווען גאנץ פינסטער, בלויז א שמאלער פאס ליכט איז אריינגעדרונגען פון לאמפ, וועלכער איז געשטאנען אין פארצימער. „דער שטעכעדיגער" איז געזעסען די קאפ ארונטערגעלאזען אויפ׳ן ברוסט און נעבען זיינע פיס איז געלעגען צוגעגעדרעהט זיין טרייער הונד.

—דאס בין איך — האט געזאגט דזשעמא.

ער איז שנעל אויפגעשפרונגען.

— דזשעמא, דזשעמא! א, איך האב אייך אזוי געוואלט זעהן.

און איידער זי האט נאך צייט געהאט אויסצורעדען א ווארט, איז ער שוין געשטאנען אויף די קניע נעבען איהרע פיס און בעהאלטען זיין קאפ אין די פאלדען פון איהר קלייד. דער גאנצער קערפער זיינער האט זיך געווארפען פון א קאנוואלסיווען ציטער.

דזשעמא איז געשטאנען שווייגענדיג, אהן א בעוועגונג. זי האט דאך איהם גאר ניט געקענט העלפען! דאס איז געווען פאר איהר אם שרעקליכסטען. שטעהן נעבען איהם און צוקוקען פאסיוו זיינע ליידען... מיט וואס פאר א שמחה וואלט זי עס איהר לעבען געאפפערט, ווען זי זאל איהם קענען בעפרייען פון זיינע גרויסע שמערצען. א, ווען זי וואלט נאר האבען דעם מוטה איינצובויגען זיך צו איהם, ארומנעהמען און צודריקען איהם צו איהר הארצען, אום צו בעשיצען פון אלע נייע צרות און געפאהרען! דאן וואלט ער פאר איהר ווידער זיין דער אלטער ארטהור און א העלע ליכט וואלט פארנאנדערטרייבען אלע שרעקליכע שאטענס פון איהר לעבען.

אבער ניין, עס איז דאך אונמעגליך! וועט ער דען קענען אמאהל פער-

געסען? האט זי דען אליין מיט איהרע אייגענע הענד ניט געשטויסען איהם אין גיהנום?

„דער שטעכעדיגער" האט זיך געשווינד אויפגעהויבען און זיך געזעצט ביי'ם טיש, פערמאכענדיג מיט די הענד זיינע אויגען און בייסענדיג די ליפען אזוי שטארק, ווי ער וואלט זיי וועלען דורכלעכערען.

עס זיינען אוועק נאך איניגע שרעקליכע מינוטען. ער האט אויפגעהויבען די קאפ און געזאגט מיט א רוהיגער שטימע:

— ענטשולדיגט, איך האב א ד, שיינט מיר, איבערגעשראקען...

דזשעמא האט צו איהם אויסגעצויגען איהרעביידע הענד.

— פריינד מיינער — האט זי געזאגט — צו דען איז אונזער פריינדשאפט נאך ניט גענוג שטארק איהר זאלט קענען מיר עטוואס אנפערטרויען. איהר אליין האט דאך מיר שוין כמעט אלעס דערצעהלט וועגען זיך, פאר וואס פערטרויט איהר מיר ניט דאס, וואס איז נאך פערבליבען ניט דערזאגט? איהר קענט טראגען א מאסקע, אויב איהר געפינט אין דעם א טרויסט. אבער ווארפט ארונטער פון אייער הארצען דאס, וואס עס דריקט אייך און פערטרויט עס מיר ווי אייערע א שוועסטער.

ער האט ארונטערגעלאזען די קאפ נאך נידעריגער.

— אייך וועט אויסקומען צו זיין מיט מיר זעהר געדולדיג. איך האב מורא, דאס אזא ברודער ווי איך, וועט אייך ווייניג פריידען פערשאפען. ווען איהר וואלט נור געוואוסט... איך בין שיער פון זינען ניט אראפ די לעצטע טעג. ריכטיג ווי א פארטזעצונג פון דער זיד-אמעריקאנישער געשיכטע איז עס פארגעקומען... זיין שטימע האט זיך אין מיטען איבערגעהאקט.

— גיט-זשע מיר אויך א מעגליכקייט אנטהייל צו נעהמען אין אייערעליידען — האט דזשעמא שטיל אויסגערעדט.

זיין קאפ האט זיך ארונטערגעלאזען אויף איהר האנד.

— שווער איז דיין שטראף, גאט!

דרייטער טהייל.

.1

די וויטערדיגע וואָכען זיינען פאר דעם שטעכעדיגען און דזשעמא׳ן אוועק אין שטענדיגער אויפרעגונג און אָנשטרענגענדער ארבייט. עס איז ביי זיי איינפאך קיין צייט ניט געווען א קלעהר צו טהאָן וועגען אייגענע פערזענליכע אינטערעסען. די געוועהר איז מיט מזל דורך איבער׳ן גרענעץ אין דער טעריטאָריום פון פּאַבסט. עס איז בלויז איבערגעבליבען צו טהאָן די שווערסטע און געפעהרליכסטע ארבייט: מען האָט געדארפט פון די געהיימע פערלאגען אין די בערג־הייל‍ען און גריבער איבערפיהרען אלצדינג אונבעמערקבאר און צושטעלען עס אין אייניגע אָרטיגע צענטערס און פון דאָרטען פארנאנדערשיקען איבער די איינצעלנע דערפער. די גאנצע געגענד איז געווען פערפלייצט מיט שפּיאָנען. דאָמיניקינא, וועמען „דער שטעכעדיגער" האָט איבערגעגעבען די אַרבייט, האָט געשיקט נאָך פלאָרענץ א שליח, פאָדערענדיג הילפע אדער מעהר צייט. דער שטעכעדיגער האט פערלאנגט, דאס אלעס זאל אום יעדען פרייז פערענדיגט ווערען ביז אין מיטען יוני און דאָמיניקינאָ איז איינפאַך געווען אין פערצווייפלונג. איבערצופיהרען די שווערע טראנספּאָרטען איבער די געדרעהטע געהיימע וועגען איז געווען גאָר ניט לייכט און דאָ האָט מען נאָך געדארפט יעדע מינוט מורא האָבען עס זאָל ניט ענטדעקט ווערען. "איך בין צווישען סצילא און כאַרבידא" — האט ער געשריעבען — „איך וואַג ניט אָנצופיהרען די ארבייט צו שנעל און דאַרף זיך שטאַרק אַליין, אויב מען דאַרף דורכאויס זיין פערטיג ביז יענער צייט. איך וועט דארום אויסקומען צו שיקען מיר א טיכטיגען געהילפע, אָדער געבען צו וויסען די ווענעציאַנער, דאס מיר וועלען זיין פערטיג די ערשטע וואָך אין יוני.

„דער שטעכעדיגער„ האָט דאָמיניקינאָ׳ס בריעף אוועקגעטראָגען צו דזשעמא׳ן.

זי האט זיך פערטיעפט אין לעזען און ער האט זיך צוגעזעצט אויף א ניעדריגען בענקעל, גלעטענדיג די פעלכעל פון איהר ליעבלינג, דעם גרויסען קאָט.

— א שלעכטע מעשה — האָט זי געזאָגט — עס וועט אייך קוים געלינגען אויסצופיהרען די ווענעציאַנער זאָלען ווארטען 3 וואָכען.

— געוויס וועט עס ניט געלינגען. וואס פאר א מאָדנער געדאנק! דאָמיניקינא האט עס גע־ד־ד־ד־ארפט פער־רשטעהן. מיר דארפען זיך צופאסען צו די ווענעציאַנער און ניט זיי צו אונז.

— מען קען פונדעסטוועגען אויך דאָמיניקינאָ׳ן ניט בעשולדיגען. ער

װענדעט אָן אַלע זײַנע קרעפטען, אבער ער קען דאָך ניט בעהויפּטען צו טהאָן אונמעגליכעס.

— יע, די שולד איז דאָ ניט זײַנע. דער גאַנצער אונגליק איז, וואָס ער איז אײנער אלײן. מען דאַרף דאַרטען האָבען צוויי פעראַנטװאָרטליכע אַר־בײטער און ער מוז האָבען צו זיך נאָך אײנעם.

— װעמען קענען מיר איהם דען רעקאָמענדירען? פון פּלאָרענץ קען מען קײנעם ניט שיקען.

— אויף אַזאַ אופן װו־װו־על איך אַלײן פאָהרען.

— נײן, דאָס טויג ניט. עס איז צו ריזיקאַליש.

— עס װעט אָבער אויסקומען צו ריזיקירען, אויב קײן אנדער אויסװעג איז ניטאָ.

— מען מוז געפינען אַן אנדער אויסװעג — דאָס אַלעס. איהר טאָרט ניט דענקען װעגען פאָהרען אַהין.

דעם שטעבעדיגען'ס אונטערשטע ליפּ האָט זיך צוזאַמענגעלעגט אין אַן עקשנות'דיגען פאַלד.

— איך ק־ק־ק־ען ניט פערשטעהן פאַר װאָס איך טאָר װעגען דעם ניט דענקען.

— איהר װעט עס פערשטעהן אויב איהר װעט אויף א מינוט רוהיג נאכדענ־קען. בלויז פינף װאָכען זײַנען אװעק פון דער צייט װאָס איהר האָט זיך צו־ריקגעקעהרט. די פּאָליציי האָט שוין עטװאָס דערשמעקט װעגען דער געשיכ־טע מיט'ן נילגרים און זוכט אייך יעצט ארום איבער'ן גאַנצען לאַנד. איך װײס װי גוט איהר קענט בײַטען אייער אויסזעהן, איהר קענט אבער ניט פערדעקען אייער צייכען אויפ'ן געזיכט און די הינקעדיגע פוס. פאָהרען יעצט אַהין װאָלט הײסען אײַנפאַך זיך אַרײַנװאַרפען אין א פאַסטקע מיט אָפענע אויגען. מען װעט אייך געװיס אַרעסטירען.

— אבער אימיצער דאַרף דאָך העלפען דאָמיניקינאַ'ן.

— א שעהנע הילף װעט עס זײַן, װען איהר זאָלט אַרײַנפאַלען ריכטיג אין אַזאַ קריטישע מינוט. אָהן אייך װעט די גאַנצע אונטערנעהמונג זײַן א דורכפאַל.

איהר האָט געשײַנט, דאָס דער פערלאַנג זײַנער צו פאָהרען אַהין איז ניט צוליעב דעם, װאָס עס איז אַזוי ערנסט נויטיג, זאָנדערן װײַל ער איז אײַנ־פאַך דורשטיג נאָך געפעהרליכע אונטערנעהמונגען. זעהענדיג אָבער, דאָס אַלע איהרע ארגומענטען קענען ניט ענדערען זײַן אײַנגעשפּאַרטען בעשלוס, האָט זי פּרובירט װירקען אויף איהם, בעריהרענדיג זײַן שװאַכע סטרונע.

— זאָלען מיר װעניגסטענס זײַן עהרליך — האָט זי געזאָגט — און אָנ־רופען זאַכען מיט זײערע ריכטיגע נעמען. ניט דער פערלאַנג ארויסצוהעלפען דאָמיניקאַנאַ צװינגט אייך צו זײַן אַזאַ עקשן, זאָנדערן די ליעבע צו אייער..

— דאָס איז ניט אמת — האָט ער איהר איבערגעשלאָגען מיט היץ.— ער איז פאר מיר גאָר ניט, און מיר אַרט ניט, ווען איך וועל איהם קיינמאָל ניט זעהן.

ער איז פּלוצלונג אַנשוויגען געוואָרען, לעזענדיג אויף איהר געזיכט, דאָס ער איז אריינגעפאַלען. זייערע בליקען האָבען זיך בעגעגענט און האָבען ביידע שנעל אַראָבגעלאָזען די אויגען.

— ניט.... ניט דאָמיניקאַנאַ'ן וויל איך רעטען, — האָט ער ענדליך שטיל אַרויסגעשטאַמעלט—בעהאַלטענדיג כמעט זיין געזיכט אין דער פעלכעל פון קאָט — אָבער איך... איך פערשטעה, וועלכע געפאַהר עס איז פאַר דער זאַך, ווען קיינער וועט איהם צו הילף ניט קומען.

זי האָט זיך געמאַכט ניט בעמערקענדיג זיין לעבערליכען אויסרעד און זי האָט פאַרטגעזעצט, ווי ער וואָלט איהר גאָר־ניט איבערגעשלאָגען.

— אייער ליעבע צו געפאַהר שטויסט אייך צו מאַכען דיזע רייזע. ווען אייך ערגערט עטוואָס, דאַרפט איהר נויטיג אַ שטאַרקען מיטעל, ווי אַפּיום דאַן, ווען איהר זיינט קראַנק.

— איך האָב דאַן קיין אַפּיום ניט געבעטען. זיי האָבען פערלאַנגט, איך זאָל דאָס נעהמען.

— נו, געוויס! איהר שטאָלצירט דאָך אזוי מיט אייער סטאָיציזם.

„דער שטעכעדיגער" האָט פערוואָרפען די קאָפּ פון קאָט און אריינגעקוקט אין זיינע קיילעכדיגע גרינע אויגען.

— איז עס אמת, פאַשט? — האָט ער געפרעגט — צו דען בין איך ווירקליך אזוי שולדיג אין די אַלע שלעכטע זאַכען, אין וועלכע דיין בעל־חבית'טע וואַרפט מיר פאָר? דיינע אור־עלטערען זיינען געוועזען געטער אין עגיפּטען און מענשען האָבען ניט געוואַגט אַנצוטרעטען זיי אויף די ווידלעך. איך וואָלט פונדעסטוועגען געוואָלט וויסען, וואָס וואָלט איבערגעבליבען פון דיין שטאָלצער פעראַכטונג צו די אירדישע ליידען, ווען איך זאָל פּלוצלונג נעהמען דיין לאַפּע און האַלטען איהר אויף אַ ברענענדע ליכט. דו וואָלסט דאַן געבעטען אַ ביסעל אַפּיום, ניט וואָהר? פּילייכט וואָלסטו אויך דעם טוידט אויף זיך געבעטען?

— הערט אויף! מיר וועלען נאָך צייט האָבען צו פילאָזאָפירען, יעצט האָבען מיר עטוואָס אַנדערש צו בעטראַכטען.. וואָס איז בעסי? איז ווער געקומען? איך בין פערנומען און קען קיינעם ניט אויפנעהמען.

— איינער האָט עפּעס געבראַכט פאַר אייך צוגעשיקט פון מיס רייט.

אין אַ פערזיעגעלטען פּאַקעט איז געלעגען אַ פּערמאַכטער בריעף מיט אַ מאַרקע פון פּאַבסט'ס ראַיאָן, אַדרעסיט צו מיסס רייט. זייענדיג יוגענד־

פריינד מיט מיסס רייט, פלעגט דזשעמאַ אַלע בעזאָנדערס וויכטיגע בריעף ניט זעלטען ערהאַלטען אויס פאָרזיכטיגקייט אויף איהר אדרעס.

— דאָס איז מיקעלעס פאָראויס־בעשטימטער צייכען — האָט זי גע־זאָגט, שנעל דורכלויפענדיג דעם בריעף, אין וועלכען עס איז געווען געמעל־דעט וועגען די זומער־פרייזען פון אַ פענסיאָן אין יענעם געגענד און אָנצייכענדיג אויף צוויי טינט־פלעקען אין אַ זייט.

„דער שטעכעדיגער" האָט אַוועקגעלעגט דעם בריעף אויפ'ן טיש און האָט בעשמירט דעם פאַפּיער מיט אַ דינעם פענזעל. ווען עס איז ארויס פון אויבען דער אמת'ער אינהאַלט פון בריעף, האָט ער זיך צוריקגעוואָרפען אויפ'ן שטוהל אהינטער און אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער.

— וואָס איז עס ? — האָט דזשעמאַ איילענד אַ פרעג געטהאָן.

ער האָט איהר דערלאַנגט דעם בריעף.

„דאָמיניקאנא איז ארעסטירט. קומט אַם שנעלסטען."

זי האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן מיט ברייט געעפענטע אויגען.

— נו, וואָס ? — האָט ער ענדליך ארויסגערעדט מיט זיין ווייבער, אויס־געצויגענער שטימע, פול מיט איראָניע — יעצט איז אייך קלאָר, דאָס איך מוז פאָהרען ?

יע, איך דענק, דאָס מיר דארפען — האָט זי געענטפערט מיט אַ זיפץ — איך דארף אויך.

— איהר אויך ? אָבער...

— געווים דארף איך. עס איז נאַטירליך זעהר ניט בעקוועם, וואָס אין פלאָרענץ וועט קיינער ניט בלייבען. עס איז אָבער יעצט ניט וויכטיג. די הויפט זאַך איז צו האָבען אויפ'ן פלאַץ אַ פּאָר איבריגע הענד.

— אָבער דאָרט וועלען זיך געפינען הענד וויפיעל מען וועט דארפען.

— יע, אָבער ניט פון אַזעלכע מענשען, וועלכע מען קען אימער געטרויען. איה־ האָט דאָך אַליין געזאָגט, דאָס מען דארף דאָרט וועניגסטענס צוויי פעראַנטוואָרטליכע ארבייטער. אויב דאָמיניקינאָ האָט זיך אַליין קיין עצה ניט געקענט געבען אָנצופיהרען אַליין די גאַנצע ארבייט, וועט איהר, וואָס איהר זיינט אַזוי שטאַרק קאָמפּראָמעטירט, געווים עס ניט קענען בעהויפּטען.

„ דער שטעכעדיגער" האָט זיך פערטראַכט.

— יע, איהר זייט גערעכט — האָט ער ענדליך געזאָגט — מיר מוזען ביידע פאָהרען, און וואָס פריהער אַלץ בעסער. ביידע צוזאַמען טאָרען מיר אָבער ניט ארויספאָהרען. איך פאָהר אַוועק היינט ביינאַכט און איהר וועט קענען געהן מאָרגען נאָכמיטאָג.

— וואהין זאָל איך פערפאָהרען ?

— דאָס דארף מען בעקלעהרען. מיר איז בעקוועמער צו געהן גלייך

נאָך פּאַנגע. אין בורגא סאן לאָרענצאָ וועל איך אריבער דעם גרענעץ מיט דער הילפע פון די קאָנטראַבאַנדיסטען און פאָהרען נאָכהער דירעקט אהין.

דזשעמאַ האָט אונרוהיג צוזאַמענגעצויגען די ברעמען.

איך ווייס ניט ווי מען קען אַנדערש מאַכען — האָט זי געזאָגט. — עס איז אָבער אַ גרויסע געפאַהר פאַר אייך אַוועקצופאָהרען אין אַזאַ איי־לעניש. איהר האָט געדאַרפט האָבען וועניגסטענס אַ דריי טעג, אום צו פאָהרען מיט זייטיגע וועגען און פערניכטען אייערע שפּורען איידער איהר וועט צוקומען צום גרענעץ.

— אָ, וועגען דעם דאַרפט איהר זיך ניט בעאונרוהיגען — האָט ער געענטפערט מיט אַ שמייכעל. — אין די בערג בין איך אזוי זיכער ווי דאָ. קיין אייגציגער קאָנטראַבאַנדיסט וועט מיך ניט אויסגעבען. ווי וועט איהר אָבער איבערגעהן דעם גרענעץ, דאָס קען איך זיך ניט פאָרשטעלען.

— אָ, דאָס איז פאַר מיר זעהר לייכט! איך וועל נעהמען ביי לואיזע רייט איהר פּאַספּאָרט און פאָהרען אויף איהר נאָמען. מיר קען דאָך אין ראָמאַניע קיינער ניט, און אייך קען יעדער שפּיאָן.

— צום גליק, אויך יעדער קאָנטראַבאַנדיסט.

זי האָט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן זייגער.

— האַלב נאָך דריי. מיר האָבען נאָך גענוג צייט.

— איך וועל בעסער געהן יעצט אַהיים און זיך פאַרבערייטען. ארום 5 וועל איך זיין צוריק און איהר וואָלט זיך בעמיהען אין דיזער צייט אויפזוכען מאַרטיני'ן און איהם אַלעס ערקלעהרען.

— מאַרטיני'ן! דזשעמאַ האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן מיט איבער־ראַשונג.

— יע. אונז וועט אויסקומען איהם אַלעס אַנפערטויען, אויב איהר האָט ניט קיין אַנדער אויסוועג.

— איך פערשטעהע ניט גענוי וואָס איהר מיינט מיט דעם.

— מיר דאַרפען דאָ האָבען אַ פערטרויענסווערטהען מאַן אין פאַל פון אירגענד וועלכען צופאַל. און פון דער גאַנצער קאָמפּאַני שיינט מיר מאַרטיני צו זיין דער בעסטער. ריקאַרדאָ וואָלט געוויס אויך אַלעס פאַר אונז גע־טהאָן, אָבער מאַרטיני איז זיכערער. נאָר איהר מוזט דאָך בעסער וויסען. בעשליסט.

— איך צווייפעל ניט אַז מען קען זיך אויף מאַרטיני'ן פערלאָזען, אָבער... ער האָט גלייך פערשטאַנען.

— שטעלט זיך פאַר דזשעמאַ, דאָס אייערער אַ גוטער פריינד וועט זיך צו אייך ניט ווענדען נאָך הילפע אין זיין ביטערער נויט בלויז דערפאַר, ווייל ער וועט מורא האָבען צו מאַכען אייך שמערצען. וואָס וואָלט איהר וועגען דעם געדענקט? וואָלט איהר עס בעטראַכט פאַר ריכטיג?

— נו, זאָל זיין אזוי — האָט זי געזאָגט נאָך א קורצען שטילשווייגען— איך וועל באַלד שיקען נאָך איהם און בעטען ער זאָל קומען אהער. דערווייל וועל איך אריינגעהן צו לואיזע'ן נאָכ'ן פּאַספּאָרט. ווי וועט זיין מיט געלד? זאָל איך ארויסנעהמען פון באַנק א ביסעל?

— ניין, פערליערט אויף דעם קיין צייט ניט. איך האָב גענוג געלד. ווען ביי מיר וועט אויסגעהן דאָס געלד, וועלען מיר דאַןביידע לעבען אויף אייערע. מיר וועלען זיך, אַלזאָ, טרעפען ארום פינף. וועט איהר דאָ זיין צו יענער צייט?

— אָ, יע. איך וועל זיך אומקעהרען א סך פריהער.

ווען ער איז צוריק געקומען, האָט ער געטראָפען דזשעמאַ'ן און מאַרטיני'ן אויפ'ן באַלקאָן. ער האָט גלייך פערשטאַנען דאָס צווישען זיי איז פאָרגעקומען א היציגער געשפּרעך. שפּורען פון אויפרעגונג האָט מען נאָך געקענט בעמערקען אויףביידענס געזיכטער.

— האָט איהר שוין אַלעס פאָרבערייטעט? — האָט דזשעמאַ געפרעגט, אויפהויבענדיג דעם קאָפּ.

— יע, איך האָב אייך אויך געבראַכט געלד אויפ'ן וועג. אהיים וועל איך זיך שוין מעהר ניט צוריקקעהרען. די טיהר איז שוין דאָרטען בעוואַכט פון א שפּיאָן, וועלכער דענקט, דאָס איך בין אין הויז.

— ווי זשע איז אייך געלונגען פון דאָרטען ארויסצוגעהן אונבעמערקט?

— איך בין ארויסגעקראָכען דורכ'ן פענסטער פון קיך און אריין אין גערטעל. נאָכהער בין איך אריבער איבער'ן וואַנד פון דער שכנישער הויז און בין גלייך אהער געקומען.

— וועט איהר, אַלזאָ, פערבלייבען דאָ דעם גאַנצען אָבענד?

— געוויס. איך וויל ניט מען זאָל מיר זעהן אין גאַס יעצט. ווילט איהר א סיגאַר, מאַרטיני? איך ווייס, דאָס סעניאָראַ באָלאַ האָט ניט געגען דעם מען זאָל רויכערען.

— ווען איך זאָל אפילו יא זיין דאַגעגען, וועל איך אַלץ איינס ניט זיין דערביי. איך געה אין קיך העלפען קיידין פאַרצובערייטען עטוואָס צוצוביסען.

ווען זי איז ארויס, איז מאַרטיני אויפגעשטאַנען פון פּלאַץ און אָנגעהויבען ארומצוגעהען הין און צוריק איבער'ן צימער א פערטראַכטער. „דער שטעכעדיגער" האָט שווייגענדיג גערויכערט און ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער אויפ'ן גאַס.

— ריוואַרעס! — האָט זיך אָנגערופען מאַרטיני, אָבשטעלענדיג זיך נעבען איהם מיט אראָבגעלאָזענע אויגען. — אין וואָס פאַר א סאָרט אונטערנעהמונג ווילט איהר דאָס יעצט דזשעמאַ'ן אריינשלעפּען?

„דער שטעכעדיגער" האָט ארויסגענומען דעם סיגאַר פון מויל און ארויסגעלאָזען אַ וואָלקען מיט רויך.

— זי האָט זיך אויף דעם זעלבסט אָנגעבאָטען — האָט ער געזאָגט — קיינער האָט איהר ניט געצוואונגען.

— יע, יע, איך וויים, אָבער זאָגט מיר —

ער האָט זיך אין מיטען אָבגעשטעלט.

— איך וועל אייך זאָגען אַלץ וואָס איך קען.

— נו, דאַן זאָגט מיר... איך וויים ניט גענוי, די איינצעלהייטען פון אייער אונטערנעהמונג אין די בערג, זאָגט מיר בלויז, וועט זי דאַרטען זיין אין אַן ערנסטער געפאהר ?

— ווילט איהר דורכאוים וויסען דעם אמת ?

— געוויס.

— יע, אויב אזוי.

מארטיני האָט זיך אָבגעקעהרט און גענומען ארומשפּאצירען פון ווינקעל צו ווינקעל. נאכהער האָט ער זיך ווידער אָבגעשטעלט.

— נאָך אַ פראגע וויל איך אַ שטעלען. איהר קענט נאַטירליך ניט ענטפערען, אויב אייך וועט זיין שווער. ליעבט איהר זי ?

„דער שטעכעדיגער" האָט לאַנגזאַם אָבגעטרויסעלט די אַש פון סיגאַר און פאַרטגעזעצט רויכערען, ניט רעדענדיג אַ וואָרט.

— דאַרף איך פערשטעהן, דאָס איהר ווילט אויף מיין פראגע ניט ענטפערען ?

— ניין, ניט דאָס, אָבער איך דענק, דאָס איך האָב אַ רעכט צו וויסען וואָרום איהר פרעגט עס מיר.

— וואָרום ? גאָט מיינער ! צו דען פערשטעהט איהר ניט וואָרום ?

— אַ, איך פערשטעה ! אַלזאָ, איך וועל אייך זאָגען, ווען איהר פער-לאַנגט עס. יע, איך ליעב איהר. דענקט אָבער ניט, דאָס איך קלייב זיך איהר צו ערקלערען אין ליעבע, איך וועל גיכער...

— וואָס ?

— איך וועל איינפאַך פריהער שטאַרבען.

ער האָט געקוקט פאַר זיך אייניגע מינוטען מיט שטאַרע בליקען, ריכ-טיג ווי ער וואָלט שוין געווען טוידט. נאכהער האָט ער ווידער אָנגעפאַנגען מיט אַ זאַנדערבאַרער, קוים הערבאַרער שטימע :

— עס איז קיין ברעקעל האָפנונג ניטאָ, דאָס איך וועל בלייבען גאַנץ, איהר דאַרפט איהר אָבער ניט זאָגען פאַר דער צייט. מיין האַלז איז שוין לאַנג אין דער פעטליע און ווי איך וועל נאָר אריבער דעם גרענעץ, דאַן פערציה איך מיט דעם אַליין די שטריק.

— וואָס מיינט איהר צו זאָגען, ריוואַרעס ? די אונטערנעהמונג איז, אָהנע צווייפעל זעהר א ריזיקאַלישע, בעזאָנדערס פאַר אייך, אָבער איהר זייַנט דאָך שוין ניט איין מאָל אַריבער דעם גרענעץ און זייט געבליבען גאַנץ.

— ביז יעצט יע, און דיעזען מאָל וועל איך אַריינפאַלען.

— פאַרוואָס עפּעס יעצט ? פון וואַנען קענט איהר עס וויסען פאָראויס?

„דער שטעכעדיגער" האָט טרויעריג א שמייכעל געטהאָן.

— געדענקט איהר די דייטשע לעגענדע וועגען איינעם, וועלכער איז געשטאָרבען ווען ער האָט בעגעגענט זיין דאָבעל-גענגער? ניין? ער האָט איהם געטראָפען ביינאַכט אין איין איינזאַמען פּלאַץ, ברעכענדיג די הענד אין פערצווייפלונג. ווען איך בין לעצטענס געוועזען אין די בערג, האָב איך אויך געטראָפען מיין דאָבעל-גענגער. אויב איך געה יעצט איבער דעם גרענעץ, וועל איך זיך שוין מעהר ניט צוריקקעהרען.

— הערט זיך איין ריוואַרעס: איך פערשטעה ניט א וואָרט פון אייערע מעטאַפיזישע דריידלאַך. עס איז אָבער קלאָר, דאָס מיט אַזעלכע פאָרגעפיהלען איז פאַר אייך ווירקליך א גרויסער געפאַהר צו פאָהרען. פאָהרען מיט דער איבערצייגונג, דאָס דו וועסט אַריינפאַלען, איז דער זיכערסטער וועג דורכצופאַלען. איהר מוזט זיין קראַנק, אָדער אין אַן אָנפאַל פון מעלאַנכאָליע, ווען איהר האָט זיך געקענט אַריינגעהמען אין קאָפּ אַזא נאַרישקייט. לאָזט מיר בעסער פאָהרען. איך קען ערפילען די גאַנצע פּראַקטישע אַרבייט, וועלכע וועט זיין נויטיג און...

— גע'הרג'עט ווערען אָנשטאָט מיר ? ניט קיין שלעכטער איינפאַל, בנאמנות.

— א, מיר וועט זיין לייכטער זיך אויסצוהיטען. זיי קענען מיך וועניגער פון אייך. און אויב אפילו איך זאָל....

ער האָט זיך אָבגעשטעלט און „דער שטעכעדיגער" האָט אויף איהם א קוק געטהאָן ערשטוינט.

— זי וועט קוים בענקען נאָך מיר אַזוי ווי נאָך אייך — האָט ער פאָרטגעזעצט מיט זיין געוועהנליכער רוהיגער שטימע. — דערצו איז עס דאָך א געזעלשאַפטליכע אַרבייט און מען דאַרף עס בעטראַכטען פון דעם שטאַנדפונקט פון ניצליכקייט פאַר א גרעסערער צאָהל מענשען. אייער „בעגרענצטע ניצליכקייט" — אַזוי דאַכט זיך, רופען עס דאָך די עקאָנאָמיסטען — איז פיעל העכער פון מיינער. איהר זייט א גרעסערע קראַפט פון מיר און אייער טוידט וואָלט געוועזען א בעדייטענד גרעסערער פערלוסט, ווי מיינער.

דאָס אַלעס האָט ער אַרויסגערעדט אין אַזא טאָן, ריכטיג ווי עס וואָלט זיך האַנדלען וועגען פּרייזען אויף אַקציעס אויף דער בירזשע. „דער שטע

בעדיגער" האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן און געגעבען אויף איהם אַ זאָנדער־בארען קוק.

— הערט זיך איין, מארטיני, מיר האלטען דאַ ביידע אין פלוידערען. אום גאָטעס ווילען, לאָזט זיך ניט פערבלענדען מיט שעהנע ווערטער איבער ראָמאַנטישע זעלבסטאויפאָפּפערונג. מיר לעבען יעצט אין נייינצעהנטען יאהרהונדערט און אויב איך בין אין געפאהר צו בעגעגנען דעם טוידט, דאַן זאָל עס פּאַסירען.

— און אויב איך בין פעראורטהיילט צום לעבען, דאַן זאָל איך לעבען—גאָרניט צו מאַכען.... איהר זייט אַ גליקליכער מענש, ריוואַרעס.

— יע — האָט דער שטעבעדיגער לאַקאָניש צוגעשטימט. — מיר איז אימער געגאַנגען.

איניגע מינוטען זיינען זיי געזעסען שווייגענדיג און געראַוכערט. נאָכהער האָבען זיי אָנגעפאַנגען אַרומצורעדען געגוי די פּאָרשטעהענדע ארבייט. ווען דזשעמאַ איז זיי געקומען רופען צו מיטאָג, האָט זי ניט אויף זייערע געזיכטער און ניט נאָך זייער האַלטונג געקענט בעמערקען, דאָס צווי־שען זיי איז פּאַרגעקומען אַן אויסערגעוועהנליכער געשפּרעך. נאָכ'ן עסען האָבען זיי אַלע דריי אָבגעשטימט איניגע זעהר וויכטיגע פּונקטען. ווען עס האָט געשלאַגען עלף אַ זייגער, האָט זיך מארטיני אויפגעהויבען און גענומען זיין הוט.

— איך וועל געהן אהיים און איך ברענגען אייער רייזע מאַנטעל, רי־וואַרעס. אין איהם וועט אייך שווערער זיין צו דערקענען ווי אין דיזען לייכ־טען קאָסטיום. אגב וועל איך נאָכזעהן, אויב עס דרעהען זיך ארום הויז ניט שפּיאָנען. איך וועל זיין צוריק ארום צוועלף. גיט מיר אַ שליסעל פון טיהר, דזשעמאַ, עס זאָל מיר ניט אויסקומען אָנצוקלינגען.

ווארפענדיג אויף איהם אַ דורכדרינגענדען בליק, האָט דזשעמאַ פער־שטאַנען, דאָס ער האָט עס מיט אַ כיון אויסגעטראַכט דעם תירוץ, אום צו לאָזען איהר אַליין מיט דעם שטעבעדיגען.

— גוט — האָט זי געזאָגט — מיר וועלען זיך נאָך דורכרעדען מאָרגען איידער איך וועל אָוועקפאָהרען.

— אָ, יע! עס וועט נאָך זיין גענוג צייט. אַלזאָ, אויף ווידערזעהן, ביז צוועלף.

ער האָט זיך אַ לייכטען נייג פעטהאָן און איז שמייכלענדיג ארויס פון הויז, געבענדיג אַ שטאַרקען קלאַפּ מיט'ן טיהר, אום די שכנים זאָלען דענקען דאָס סעניאָרא באָלאָ'ם געסט זיינען שוין אוועק.

דזשעמאַ איז אריינגעגאַנגען אין קיך און בעפרייט דער הויז־מיידעל.

נאכהער האָט זי אָנגעגאָסען א גלאָז שווארצע קאַפע און עס צוגעטראָגען רי־וואַרעס׳ען.

— ווילט איהר פיליכט זיך א ביסעלע צושפּארען ? אייך וועט דאָך ניט אויסקומען צו שלאָפען א גאַנצע נאַכט.

— איהר האָט א טעות. איך וועל זיך קענען אויסרוהען אין סאן לאָ־רענצא ביז מען וועט מיר צוגרייטען א קאָסטיום.

— נו, אויב אזוי, טרינקט אויס א גלאָז קאַפע. איך וועל אייך געבען ביסקוויט.

זי האָט זיך געשטעלט אויף די קניע, אום עס ארויסצונעהמען פון דעם אונטערשטען שיפלאָד פון בופעט. דער שטעבעדיגער האָט זיך אָנגעבויגען איבער איהר אַקסעל.

— וואָס איז דאָרט ביי אייך אַזעלכעס ? שאָקאָלאַד מיט קרים און ענגלישע קאָנפעקטען ! אי, דאָס איז דאָך א קעניגליכע לוקסוס.

זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און א לייכטען שמייכעל געטהאָן, וואָס ער איז אזוי פרעהליך געשטימט.

— איהר האָט אויך ליעב נאַשווארג ? איך האַלט עס אימער פאַר צעזאַר׳ן. ער האָט עס זעהר ליעב.

— ווירקליך ? נו, דאַן וועט איהר איהם מאָרגען קויפען אַנדערע. איך איך וועל די מיטנעהמען מיט זיך און זיי וועלען זיין מיין נחמה פאַר אַלע פערלאָרענע לעבענס-פריידען. איך האָף דאָס זיי וועלען מיר ערלויבען עס צו נאַשען אין דעם טאָג, ווען מען וועט מיך הענגען.

— נו, זיצט רוהיג און זייט א מענש. עס איז זעהר מעגליך דאָס מיר וועלען שוין מעהר ניט האָבען אזא גוטע געלעגענהייט זיך דורכצורעדען....

— היינט דאַרפט איהר מיר נאָכגעבען אַלע מיינע קאַפּריזען. פריהער פון אַלעס וויל איך, איהר זאָלט זיך זעצען אויף דיזען שטוהל און אזוי ווי איהר האָט געזאָגט, דאָס איך מעג זיך צושפּארען, וועל איך זיך לעגען אָט דאָ. דאָס וועט זיין זעהר גוט.

ער האָט זיך אויסגעצויגען אויפ׳ן קאַרפּעט נעבען איהרע פיס און זיך אָנגעשפּארט אויפ׳ן עלענבויגען.

— ווי בלאַס איהר זעהט אויס ! — האָט ער געזאָגט קוקענדיג איהר אין געזיכט. — דאָס איז דערפאַר, ווייל איהר נעהמט דאָס לעבען ערנסט און האָט ניט ליעב קיין שאָקאָלאַד.

— זייט דאָך ערנסט אויף פינף מינוט אַם ווענינגסטענס. עס האַנדעלט זיך דאָך וועגען לעבען און טוידט.

— אפילו צוויי מינוט וויל איך ערנסט ניט זיין, מיין פריינד. ניט דאָס לעבען און ניט דער טוידט פערדיענען עס. קוקט דאָך ניט אזוי בייז אויף מיר,

מינערווא. נאָך אַ מינוט און איך וועל זיך פערנאַנדערוויינען און איהר וועט דאַן האָבען מיטלייד מיט מיר. נו, זידעלט זיך ניט, מיין גוטע. קומט, מיר וועלען ביידע עסען צוזאַמען די ביסקוויטס, ווי צוויי גוטע קינדער און זיך דערביי ניט קריגען — מאָרגען געהען מיר דאָך צו דער שחיטה.

ער האָט גענומען פון טעלער אַ זיסען ביסקוויט און עס איבערגעבראָכען אויף צוויי גלייכע טהיילען.

— זאָל עס זיין אונזער הזכרת נשמות, וועלכע גוטע מענשען קריגען אין דער קירכע. אויך וויין דאַרפען מיר אויסטרינקען פון איין גלאָז — יע, יע, אַזוי.

— זאָל שוין זיין גענוג — האָט דזשעמאַ אויסגערופען מיט טרעהרען אין די אויגען, אַוועקשטעלענדיג צוריק די גלאָז.

— נו, גוט. יעצט וועלען מיר זיצען רוהיג.

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט'ן קאָפּ אָן איהרע קניע און איז אַנשוויגען געוואָרען. זי האָט זיך עטוואָס צוגעבויגען צו איהם און אַוועקגעלעגט איהר האַנד אויף זיין שווארצע קאָפּ האָר.

די צייט איז געפלויגען, איין מינוט נאָך דער צווייטער איז אַוועק אין דער עוויגקייט און זיי זיינען געזעסען בעוועגלאָז, ניט רעדענדיג אַ וואָרט.

— פריינד מיינער, עס איז דאָך שוין כמעט צוועלף — האָט זי ענדליך געזאָגט. ער האָט אויפגעהויבען די קאָפּ.

— עס זיינען פערבליבען בלויז איינציגע מינוט. מאַרטיני וועט באַלד צוריק־קומען. צו דען האָט איהר מיר גאָרניט וואָס צו זאָגען ביי דיעזער געלעגענהייט?

ער איז לאַנגזאַם אויפגעשטאַנען פון פּלאַץ און איז איבערגעגאַנגען צום צווייטען זייט פון צימער.

— איך וועל אייך זאָגען אָט וואָס, — האָט ער אָנגעפאַנגען מיט אַ קוים־הערבארע שטימע — אייך זאָגען.... פאָלגענדעס....

ער האָט זיך אָבגעשטעלט און פערמאַכט דעם פּנים מיט די הענד.

— אַ שעהן ביסעל צייט האָט ביי אייך גענומען זיך בעשליסען איבער מיר מיטלייד צו האָבען — האָט זי ווייך אַ זאָג געטהאָן.

— איך האָב אויך ווייניג מיטלייד צו זיך געזעהן אין מיין לעבען. אָנ־פאַנגס האָב איך געדענקט, דאָס אייך אינטערעסירט עס ווייניג.

— יעצט דענקט איהר שוין מעהר ניט אַזוי? זאָגט מיר דאָך ענדליך דעם אמת. בעטראַכט נאָר, ווי שרעקליך איך וועל פיהלען דעם גאַנצען לע־בען, אויב איהר זאָלט אריינפאַלען, ניט איבערגעבענדיג מיר אַלעס...

— ווען איך בין אַוועק נאָך זיד־אַמעריקאַ.... אַך, אָט איז מאַרטיני! פּינקטליך צו דער מ—מ—מ—ינוט. ווי געוועהנליך! איהר זייט אַ—לע—

לעבענדיגער בראַנאַמעטער, מאַרטיני... דאַ איז דער־ר—ר—ייזע מאַנטעל?

— יע, און דאַ האָב איך פאַר אייך נאָך אייניגע אַנדערע זאַכען. איך האָב זיך בעמיהט צו ברענגען אַלעס טרוקען, אָבער דער רעגען גיסט עמער־ווייז. איך האָב מורא אז אייך וועט זיין פּאַסקודנע צו פאָהרען.

— אַי, דאָס איז ניט וויכטיג. איז די גאַס פריי פון שפּיר־הינד?

— יע. אַלע שפּיאָנען זיינען וואהרשיינליך אַוועק שלאָפען. איז פּי־לייכט דאַ קאַפּע, דזשעמאַ? ער דאַרף עפּעס אויסטרינקען ווארעמעס, אַנדערש קען ער זיך שטאַרק פערקיהלען אין אַזאַ וועטער.

— יע, איך האָב שווארצע קאַפּע. איך וועל בלויז אויפקאָכען אַ ביסעל מילך.

זי איז אַוועק אין קיך, שטאַרק צוזאַמענדריקענדיג איהרע ציין און הענד, אום זיך ניט פאַרנאַנדערצוּוואַיינען. ווען זי איז צוריקגעקומען מיט די מילך, איז שוין „דער שטעכעדיגער" געווען אָנגעטהאָן אין מאַנטעל. ער האָט שטעהענדיג אויסגעטרונקען אַ גלאָז קאַפּע און אָנגעטהאָן אַ גרויסע הוט מיט ברייטע עקען.

— נו, מאַרטיני, עס איז שוין צייט צו געהן. זייט געזונד סעניאָראַ. פרייטאָג טרעפען מיר זיך אין פּראַלי, אויב עס וועט נאַטירליך קיין זאַך ניט פּאַרקומען. איין מינוט. איך וועל אייך געבען די אַדרעסע.

ער האָט אָבגעריסען אַ בלעטעל פון זיין נאָטיץ־ביכעל און אויפגעשרי־בען אויף איהם אייניגע ווערטער מיט אַ בלייפעדער.

— איך האָב שוין די אַדרעסע — האָט זי ערווידערט מיט אַ רוהיגען, אומעדיגען טאָן.

— איהר האָט ש—ש—שוין? נו, עס מאַכט ניט, נעהמט אויך דיעזען אויף יעדען פאַל. קומט, מאַרטיני.

זיי זיינען פאַרזיכטיג אַרונטער פון די טרעפּ. ווען די אויסוועניגסטע טיהר האָט זיך הינטער זיי פערמאַכט, איז דזשעמאַ צוריק אַריין אין איהר צימער און מעכאַניש אויפגעוויקעלט דעם פּאַפּיערעל, וואָס דער שטעכעדיגער האָט איהר אַריינגעלעגט אין האַנד. אונטער'ן אַדרעס איז געווען אָנגע־שריבען: דאָרטען וועל איך אייך אַלעס זאָגען.

2

אין בריזיגעלע איז געווען אַ גרויסער יעהרליכער מאַרק־טאָג. בויערען פון אַלע אַרומיגע שטעדטלעך און דערפער זיינען זיך צוזאַמענגעפאָהרען מיט הינער, הייער, מילכיגעס און מיט אַנדערע אַרטיקלען. דער עולם האָט זיך בעוועגט איבער'ן מאַרק פערטיפט אין די געשעפטען און מאַכענדיג פון צייט צו צייט שפּאַס איינע מיט די אַנדערע; קליינע באָרוועסע קינדער

האָבען זיך געפלאָנטערט צווישען די פיס, שפּיעלענדיג זיך ניט ווייט פון זייערע שטאַרק פּערנומענע עלטערען.

ווען מאָנסיניאָר מאַנטאַנעלי איז ארויסגעקומען אויפ'ן מאַרק ווינשען דעם עולם א „גוטען מאָרגען", איז ער גלייך ארומגערינגעלט געוואָרען פון א רוישיגער קאָמפּאַניע קינדער און פון אַלע זייטען האָבען זיך געצויגען קליינע הענטלאך מיט פערשיעדענע בוקעטען פון בלומען. וועלכע זיינען געוואַקסען אויף די ארומיגע בערג־געגענדען, זיין ליידענשאַפט צו בלומען איז אַלעמען געווען בעוואוסט, און דער עולם האָט זיך צו דעם בעצויגען גוט־מוטיג אזוי ווי צו יעדער זאַנדערבארקייט, מיט וועלכער גרויסע מענשען צייכענען זיך אויס. ווען א צווייטער, וועלכער איז ניט געווען אזוי אַלגעמיין בעליעבט ווי מאַנטאַנעלי, וואָלט אָנגעפילט זיין הויז מיט וואַסער־פלאַנצען און מיט גראָזען — וואָלט מען זיכער פון איהם זיך אויסגעלאַכט; אָבער דעם „היילינען קארדינאַל" האָט מען געקענט ערלויבען אזא אונשולדיגע זאָנדערבארקייט.

— וואָס מאַסטו, מאַריאוצא? — האָט ער געזאָגט, אָבשטעלענדיג זיך לעבען א קליין מיידעלע, און צערטליך גלעטענדיג זי איבער'ן קעפּעל — דו ביזט שוין אויסגעוואַקסען זינט איך האָב דיך געזעהן. וואָס מאַכט עפּעס דיין באָבע? ווי געהט עס מיט איהר רעוומאַטיזם?

— די באָבע פיהלט בעסער, אייער הייליגקייט, אָבער די מאַמע איז קראַנק געוואָרען.

— אָרימע פרוי! זאָג איהר זי זאָל ווי עס איז אהער קומען. דער דאָק־טאָר דזשאָרדאַנאָ וועט זי היילען. און איך וועל פאַר איהר אויפזוכען א פּלאַץ, וואו זי זאָל זיך אויפהאַלטען. ס'קען זיין, אז מיר וועלען זי אין גאַנ־צען אויסהיילען. און דו, לואידזשי, קוקסט אויס זעהר גוט; די אויגען טהוען דיר מעהר ניט וועה?

און רעדענדיג מיט די פּויערים איז מאַנטאַנעלי לאַנגזאַם געגאַנגען פאָרוועטס. ער פּלעגט שטענדיג געדענקען די נעמען און דעם עלטער פון די קינדער און וואָס פאַר א דאגות זיי און זייערע עלטערען האָבען. ניט איינמאָל פּלעגט ער זיך אָבשטעלען און מיט גרויס מיטגעפיהל נאָכפרעגען, וואָס מאַכט די בהמה וואָס האָט אָנגעהויבען קרענקען ארום קריסטמאַס־צייט? אָדער וואָס איז געוואָרען פון דער ליאַלקע, וועלכע איז פאָריגען מאַרק־טאָג ארונטערגעפאַלען אונטער א ראָד פון א וואָגען?

ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט צו זיך אין פּאַלאַץ, האָט זיך דער ירִיד אָנגעפאַנגען. א הינקעדיגער מענש אין א בלויער העמד, מיט שווארצע האָר, מיט א טיעפען שניט אויף דער לינקער באַק, איז צוגעגאַנגען צו א ביידעל און האָט אויף א שלעכטער איטאַליענישער שפּראַך געבעטען לעמאָנאַד.

— עס ווייזט אויס אז איהר זיינט ניט פון אונזערע מקומות — האָט געזאָגט די פרוי אָנגיסענדיג איהם די לעמאָנאַד און האָט מיט אויפמערק־זאַמקייט בעטראַכט דעם אונבעקאַנען.

— ניין, איך קום פון קארסיקא.

— וואהרשיינליך זוכט איהר ארבייט?

— יע. יעצט איז דאָך די צייט פון היי־שניידען. איינער א הערר — ער האָט לעבען ראָוועו זיינע אן אייגענעם פארם — איז דיעזע טעג געווען אין באסטיא און האָט מיר געזאָגט, אז דאָרטען איז דאָ גענוג ארבייט.

— איך האָף דו וועסט געפינען. די צייטען זיינען אפילו זעהר שלעכטע.

— זיי זיינען נאָך ערגער אין קארסיקא, אלטע.

— ביזטו דאָ אליין?

— ניין, מיינער א חבר איז געקומען מיט מיר צוזאמען, דאָ איז ער אין דער רויטער העמדעל.

מייקעל איז צוגעקומען, האלטענדיג די הענד אין די קעשענעס און זיי האָבען זיך ביידע לאנגזאם אוועקגעלאָזען איבער'ן מארק.

—אָט איז מארקאָני אין יענעם ווינקעל, רייטענדיג אויף א פערד — האָט מיקעל שטיל א שושקע געטהאָן. „דער שטעכעדיגער" האָט זיך אוועק־געלאָזען אין יענער ריכטונג.

— דארפט איהר פיליכט האָבען א היי־שניידער? — האָט ער געזאָגט, בעריהרענדיג זיין צוריסענע היטעל און צולעגענדיג א פינגער צו דעם צוים פון פערד. דאָס איז געווען א אָבגעמאַכטער סיגנאַל. דער רייטער וועלכער האָט אויסגעזעהן ווי א פערוואַלטער פון א גוט, איז ארונטער און פערוואָרפען די צוים דעם פערד אויפ'ן רוקען.

— וואָס פאר אן ארבייט קענסטו טהאָן?

דער שטעכעדיגער האָט געקנייטשט אין האַנד זיין היטעל.

— איך קען שניידען גראָז, מאַכען פלייטען — און אויף א האָר ניט אי־בערבייטענדיג זיין שטימע, האָט ער פאָרטגעזעצט— איינס אזייגער ביינאַכט, ביי'ם אריינגאַנג אין דעם קיילעכדיגען הייל. עס וועט נויטיג זיין א פוהר מיט צוויי גוטע פערד. איך וועל ווארטען אויף אייך אין הייל.... און גראָבען קען איך, מיין הערר....

— גוט, דאָס איז גענוג, איך דארף בלויז א היי־שניידער. האָסטו שוין געלעבט א מאָהל צווישען ארבייטער?

— יע, איין מאָל. האָט אין זינען, אז מען דארף זיין גוט בעוואָפענט. אונז וועט פיעלייכט אויסקומען בעגעגענען זיך מיט א קאָמפּאַניע קאַוואַ־לעריע. געהט ניט מיט'ן וועג דורך דעם וואלד, מיט דעם ארומיגען וועג וועט זיין וועניגער געפעהרליך. אויב איהר וועט בעגעגענען א שפּיאָן,

פערליערט ניט קיין צייט אויף איבעריגע רייד — שיסט אויפ׳ן שטעל... ווי צופרידען איך וואלט געווען שטעלען זיך צו דער ארבייט, מיין הערר.

— יע, אבער איך דארף האבען א מענשען, וואס וויים גוט זיין פאך... איך האב ניט קיין קליין־געלד, אלטיצקער.

אן אלטער בעטלער, אין צוריסענע קליידער, איז צוגעגאנגען צו זיי און האט אנגעהויבען רעדען מיט א וויינענדיגען קול:

— אין דעם נאמען פון דער הייליגער יונג־פרוי האט רחמנות אויף אן ארימען בלינדען.... אנטלויפט זאפארט! עס פאהרט די קאוואלעריע... הייליגע הערשערין פון הימעל.... מען זוכט אייך, ריוואראס; אין צוויי מינוט וועלען זיי זיין דא..... זאל אייך אייער זכות־אבות בייזשטעהן.·. איהר וועט דארפען זיך דורכרייסען דורך זייערע רייהען; שפיאנען זיינען פול אומעטום, עס איז ניטא קיין מעגליכקייט דורכצוגעהן אונבעמערקט.

מארקאנע האט דערלאנגט דעם שטעכעדיגען די לייצעס.

—היילט זיך צו! פאהרט צום בריק, דארט לאזט איבער דאס פערד און בעהאלט זיך אין גראבען. מיר זיינען אלע בעוואפענט און איך בין זיכער, אז מיר וועלען קענען זיי אויפהאלטען א מינוט צעהן.

— ניין, ניין! איך וויל ניט, מען זאל אייך אלעמען ארעסטירען. שטעלט זיך אלע נעבען מיר און שיסט איינער נאכ׳ן אנדערען. לאמיר צוגעהן נעהענטער צו אונזערע פערד. גרייט אן די מעסערס. מיר וועלען אבטרעטען פערטהיידיגענדיג זיך. ווען איך וועל א ווארף טהאן די היטעל, זאלט איהר זיך ארויפכאפען אויף די פערד.. אויף אזא אופן וועלען מיר אלע קענען צוקומען צום וואלד.

דער געשפרעך איז געפיהרט געווארען האלב שטיל און אזוי רוהיג, דאס זאגאר די, וואס זיינען דערביי געשטאנען, וואלטען ניט געקענט חושד זיין, אז דא שמועסט מען וועגען עפעס וואס איז מעהר געפעהרליך ווי היי־שניידען.

מארקאנע האט גענומען זיין קליאטשע פאר׳ן צוים און האט זי אוועק־געפיהרט צו די צוגעבונדענע פערד. דער שטעכעדיגער איז געגאנגען פערביי שלעפענדיג ווי פריהער זיינע פים און דער בעטלער איז זיי נאכגע־גאנגען מיט אויסגעשטרעקטע הענד און מיט א וויינעדיגער שטימע האט ער אלץ געבעטעלט. זיי האבען באלד אנגעזאגט די איבעריגע חברים, וואס זיי־נען געווען פערקליידעט ווי פויערים און זיצענדיג אויף דער ערד האבען זיי געגעסען ציבעלעס.

די לעצטע זיינען אויך גלייך אויפגעשטאנען און זיינען צוגעשטא־נען צו די איבעריגע. אויף אזא אופן האט זיך די גאנצע קאמפאניע, וואס איז בעשטאנען פון 7 מענשען, פערזאמעלט לעבען די טרעפ פון פאלאץ, ניט

צוציהענדיג קיינעם'ס אויפמערקזאמקייט. יעדער איינער האט געהאלטען בע־האלטען אין קעשענע א רעוואָלווער און אלע זיינען געווען פּאַרזיכטיג געגוג ניט אויפקצוגעהן צו ווייט פון די פערד, וועלכע זיינען געווען צוגעבונדען צום גאניק.

— גיט זיך ניט ארויס, איידער איך וועל געבען א סיגנאל — האט גע־זאָגט דער שטעכעדיגער מיט א שטילער, נור מיט א הערבארער שטימע — עס קען זיין, אז זיי וועלען אונז ניט דערקענען. ווען איך וועל אויסשיסען, דאן שיסט אויך. שיסט ניט אין די מענשען, נור אין די פערד, דאן וועלען זיי ניט קענען נאָכפּלאָגען אונז. שיסט איינער נאָכ'ן אנדערען. דריי זאלען שיסען און דריי זאלען דערווייל אָנלאָדען זייערע פיסטאָלעטען. אויב אימי־צער וועט זיך שטעלען צווישען אונז און אונזערע פערד — טוידט איהם. ווען איך וועל א וואָרף טהאָן מיין היטעל אויף דער ערד, דאן לויפט וואוהין די אויגען וועלען אייך טראָגען. אין קיין פאל זאָל זיך קיינער ניט אָבשטע־לען.

— אָט פאָהרען זיי — האט געזאגט מיקעלע.

דער שטעכעדיגער האט זיך אומגעקעהרט און ער האט געמאכט א נאאי־ווען און א נאריש־פערוואונדערטען געזיכט. דער האנדעל האט זיך מיט אמאָל אָבגעשטעלט און אלע האבען געווענדעט זייערע בליקען צו דער געסעל פון וואנען עס זיינען ארויסגעפאָהרען פופצעהן בעוואָפענטע רייטער. זיי זיינען לאנגזאם געפאָהרען, קוים דורכשטויסענדיג זיך צווישען די גרויסע מחנות מענשען אויפ'ן מארק. ווען ניט די שפּיאָנען, וואס זיינען געווען צו־שטעלט אין יעדער ווינקעלע, וואָלטען די 7 רעוואָלוציאָנערען געקענט גאנץ רוהיג פערשווינדען, אין דער צייט ווען דער עולם האט זיין גאנצע אויפ־מערקזאמקייט געשענקט די סאלדאטען. מיקעל האט זיך עטוואס צוגערוקט צום שטעכעדיגען.

— זאָלען מיר יעצט פּילייכט זיך אָבטראָגען ?

— דאָס איז אונמעגליך ; מיר זיינען ארומגערינגעלט מיט שפּיאָנען און איינער פון זיי האָט מיך שוין דערקענט. ער האָט שוין געשיקט מעל־דען וועגען דעם קאפּיטאן. אונזער איינציגער אויסוועג איז צו פער־וואונדען זייערע פערד.

— וואו איז ער, יענער שפּיאָן ?

— דאָס איז דער ערשטער, אין וועמען איך וועל שיסען. זייט איהר שוין אָלע פערטיג ? זיי זיינען שוין נאָהענט. באלד אטקירען זיי אונז.

— אוועק פון וועג ! — האָט א געשריי געטהאָן דער קאפּיטאן — אין

דעם נאָמען פון זיין הייליגקייט בעפעהל איך אייך, איהר זאָלט מיר לאָזען פריי די וועג.

די מענגע, א דערשראקענע און א פערוואונדערטע, האָט אָבגעטראָטען די וועג און די סאָלדאַטען האָבען זיך א לאָז געטהאָן אויף דער קליינער גרופע, וואָס איז געשטאַנען לעבען פאַלאַץ. „דער שטעכעדיגער" האָט ארויסגעשלעפּט פון אונטער'ן העמד א פּיסטאָלעט און ער האָט אויסגעשאָסען, אָבער ניט אין די סאָלדאַטען, נור אין דעם שפּיאָן, וועלכער איז אין דיעזען אויגענבליק צוגעאַנגען צו די פערד. יענער איז גלייך געפאַלען א פערוואונדעטער. כמעט אין דער זעלבער רגע האָבען נאָך זעקס אויסגעשאָסען און די רעוואָלוציאָנערען האָבען אָנגעהויבען אָבצוטרעטען צו זייערע פערד.

איין פערד פון די רייטער האָט זיך אויסגעגליטשט און איז אָבגעשפּרונגען אָן א זייט. א צווייטער איז געפאַלען אויף דער ערד, הירזשענדיג הילכיג און יאָמערליך. דער דערשראקענער עולם האָט אָנגעהויבען שרייען העכער פון אלעמענס געשרייען האָט זיך דערהערט די שטימע פון קאַפּיטאַן, דעם קאָמאַנדיר פון די סאָלדאַטען:

— אהער, חברה, נאָך מיר!

ער האָט זיך מיט אמאָל א שאָקעל געטהאָן אין זאָטעל און איז געפאַלען אויף הינטער, ווייל „דער שטעכעדיגער" האָט ווידער אמאָל אויסגעשאָסען און האָט געטראָפען אין ציעל. פון דעם קאַפּיטאַנ'ס מונדיר האָט זיך געגאָסען בלוט, אָבער מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג האָט ער זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער גריווע פון זיין פערד, האָט זיך אויסגעגלייכט אין זאָטעל און מיט רציחה א געשריי געטהאָן:

— דער'הרג'עט דיעזען קרומען טייוועל, אויב איהר קענט איהם ניט נעהמען א לעבעדיגען! דאָס איז ריוואַרעס!

— נאָך איין שאָס יעדער, אָבער שנעל! — האָט „דער שטעכעדיגער" א געשריי געטהאָן צו זיינע חברה — נאָכהער לויפט!

און ער האָט א ווארף געטהאָן זיין היטעל אויף דער ערד.

דאָס איז געווען פּונקט אין צייט, ווייל די שווערדען פון די אויפגערייצטע סאָלדאַטען האָבען שוין געשוועבט כמעט איבער זיין קאָפּ.

— ווארפט אוועק דאָס געוועהר! אלע!

מיט דיעזען אויסגעשריי האָט זיך דער קארדינאַל מאַנטאַנעלי אריינגעוואָרפען צווישען ביידע מחנות.

אין דיעזען אויגענבליק האָט זיך דערהערט א פערצווייפעלטער געשריי פון איינעם פון די סאָלדאַטען:

— אייער הייליגקייט! מיין גאָט, זיי וועלען אייך הרג'ענען.

אָבער מאָנטאָנעלי האָט געמאכט נאָך א טריט פאָרוועדטס און האָט זיך אוועקגעשטעלט פונקט אנטקעגען דעם שטעכעדיגען פיסטאָלעט.

5 פון די רעוואָלוציאָנערען זיינען שוין געווען אויף די פערד און זיי זיינען געפלויגען בארג ארויף איבער'ן גאס. מארקאָני איז נאָר וואָס אריינגעשפרונגען אין זאָטעל, נאָר איידער לאָזען זיך לויפען האָט ער זיך אומגעקעהרט און א קוק געטהאָן, צו עס נויטיגט זיך ניט אין הילף זייער אָנפיהרער. דעם שטעכעדיגענ'ס פערד איז אויך געשטאנען דערביי. נאָך איין אויגענבליק און אלע זיעבען וואָלטען זיך געקענט רעטען, נאָר אין דיעזער רגע, ווען דעם קארדינאל'ס פיגור אין א רויטע ראָסע איז ארויסגעטראָטען אין פאָראויס, האָט זיך דער שטעכעדיגער א שאָקעל געטהאָן און זיין האנד וואָס האָט געהאלטען דעם רעוואָלווער, האָט זיך אראָבגעלאָזען. דיעזער אויגענבליק האָט די גאנצע לאגע איבערגעאנדערשט. דעם „שטעכעדיגען" האָט מען גלייך ארומגערינגעלט און מען האָט איהם אנידערגעוואָרפען אויף דער ערד. א סאָלדאט האָט איהם א קלאפּ געטהאָן מיט'ן שווערד און האָט איהם דאָס געוועהר ארויסגעשלאָגען פון האנד. מארקאָנע האָט א שמיץ געטהאָן זיין פערד. די קאוואלעריסטען האָבען איהם נאָכגעיאָגט און זיינען אין גאָצען געווען אויף א צוויי טריט פון איהם. עס וואָלט געווען מעהר ווי גוצלאָז ווען ער וואָלט זיך אָבגעשטעלט און מען וואָלט איהם אויך ארעסטירט. ער האָט זיך נאָך א מאָל אומגעקעהרט אין זאָטעל, כדי צום לעצטען מאָל אויסשיסען אין זיין נעהענטסטען נאָכיאָגער, און ער האָט נאָך א מאָל געזעהן דעם שטעכעדיגען. דעם שטעכעדיגענ'ס געזיכט איז געווען פערגאָסען מיט בלוט. סאָלדאטען, פערד און שפּיאָנען האָבען איהם געטראָטען מיט די פיס.

מאָנטאָנעלי האָט ניט געזעהן, וואָס ס'איז פאָרגעקומען. ער איז ארונטער פון גאניג און האָט זיך בעמיהט צו בערוהיגען די צושראָקענע מענשען. מיט א מאָל אבער, ווען ער האָט זיך געהאט אָנגעבויגען איבער דעם פערוואונדעטען שפּיאָן, האָט זיך די מענגע אָנגעהויבען צו ריהרען, און דאָס האָט איהם געבראכט ער זאָל אויפהויבען זיין קאָפּ.

די סאָלדאטען האָבען דורכגעשניטען דעם מארק, שלעפּענדיג זייער געפאנגענעם פאר א שטריק, מיט וועלכען זיינע הענד זיינען געווען געבונדען. דער שטעכעדיגער האָט קוים געאָטהעמט. פון וועהטאָג איז זיין געזיכט געוואָרען רויט. ער האָט א קוק געטהאָן אויפ'ן קארדינאל, און שמייכלענדיג מיט זיינע בלאסע ליפּען ארויסגעשעפּטשעט:

— איך גראטוליר אייך, אייער היילינקייט!

פינף טעג שפּעטער איז מארטיני געקומען צופאָהרען אין פּאָרלי.

דזשעמאַ האָט איהם דורך פּאָסט צוגעשיקט אַ פּעקל געדרוקטע אַנאַנסען, וואָס איז געווען אָן אָבגערעדטער צייכען, אַז זיין אַנוועזענהייט איז אונבעדינגט נויטווענדיג, צוליעב זעהר וויכטיגע פּאַסירונגען. ער האָט זיך דערמאַנט אָן דעם געשפּרעך וואָס ער האָט געהאַט מיט׳ן שטעכעדיגען אויף דער טעראַסע און ער האָט גלייך פערשטאַנען דעם אמת. די גאַנצע וועג האָט ער זיך זעלבסט געוואָלט איינשמועסען, אַז מיט דעם שטעכעדיגען האָט וואהרשיינליך ניט פּאַסירט עפּעס אויסערגעוועהנליכעס און אַז עס איז איבערהויפּט לעכערליך אַנצונעהמען ערנסט די קינדערשע אַבערגלויבישע פּאַרגעפּיהלען פון דיעזען קראַנקען פּאַנטאַזיאַר. נאָר וואָס גרינדליכער ער האָט געדיינקט וועגען דעם, אַלץ מעהר האָט ער אָנגעהויבען גלויבען, אַז דער אונגליק האָט ווירקליך געטראָפען דעם שטעכעדיגען.

— איך האָב פריהער געוואוסט, וואָס עס האָט פּאַסירט — האָט ער געזאָגט אַריינקומענדיג צו דזשעמאַ׳ן — רעוואַרעס איז אַרעסטירט, ניט אמת ?

— מען האָט איהם אַרעסטירט לעצטען דאָנערשטאָג אין בריזינעל. ער האָט זיך מיט פערצווייפלונג פערטהיידיגט און פערוואונדעט אַ קאָמאַנדיר און אַ שפּיאָן.

— בעוואָפענטער ווידערשטאַנד, אַ שלעכטע מעשה !

— איהם איז אַלץ איינס. ער האָט געהאַט אַזאַ שלעכטען שם, אַז אַן איבעריגער שאָס קען זיין לאַגע פיעל ניט פערערגערען...

וואָס דענקט איהר, וועלען זיי איהם טהאָן ?

דזשעמאַ׳ס בלאַסע געזיכט איז געוואָרען נאָך בלאַסער.

איך דענק, אַז מיר דאַרפען ניט וואַרטען, כדי מיר זאָלען עס ערפאַהרען.

— איהר דענקט אַז אונז וועט געלינגען איהם צו בעפרייען ?

— מיר מ ו ז ע ן דאָס טהאָן.

ער האָט זיך אָבגעקעהרט און אָנגעהויבען אונטערפּייפען, פערלעגענדיג די הענד אויף הינטען. דזשעמאַ האָט איהם ניט געשטערט צו טראַכטען. אַליין האָט זי זיך אויך פערטיעפט אין איהרע געדאַנקען און איז געזעסען בעוועגלאָז, די קאָפּ פערוואָרפען אויף דער פּלייצע פון שטוהל, קוקענדיג אין דער ווייט מיט אַן אונבעוועגליכען, טראַגישען בליק. דער אויסדרוק פון איהר געזיכט האָט ערינערט דוירער׳ס בילד : „די מעלאַנכאָליע״.

מאַרטיני האָט אויף אַ ווייל אויפגעהערט שפּאַנען אַהין און צוריק און האָט געפרעגט :

— האָט איהר איהם געזעהן ?

— ניין, מיר האָבען זיך געדאַרפט טרעפען מיט אַ טאָג שפּעטער.

— יאָ, יאָ. איך געדענק. וואו איז ער איינגעשפּאַרט ?

— אין פעסטונג, שטארק בעוואכט, און מען זאָגט, ער איז געשמידט אין קייטען.

— אָה, דאָס איז ניט וויכטיג. די הויפּט־זאַך איז, צו ער איז ניט פערוואונדעט ?

— דאַכט זיך, ער איז פערוואונדעט, נור ווי וויט ערנסט זיינע וואונדען זיינען, ווייס איך ניט. הערט בעסער אוים וואָס מיקעלע האָט צו דערצעהלען, ער איז געוועזן ביים אַרעסט.

— אָבער ווי אַזוי האָט זיך מיקעלע געראַטעוועט ? איז עס מעגליך ער זאָל אַנטלויפען און איבערלאָזען ריוואַרעס׳ען אַליין אין אַזאַ ערענסטע לאַגע ?

— דאָס איז ניט זיין שולד. ער האָט געקעמפּפט ניט ערגער פון אַלעמען און ער האָט אויסגעפיהרט פינקטליך אַלע בעפעהלען. קיינער האָט ניט איבערגעטראַכטען די בעפעהלען מיט דער אויסנאַהמע פון ריוואַרעס׳ען, אַזוי ווי ער וואָלט אַלעס פערגעסען וואָס מען האָט פריהער אָבגעמאַכט און ער האָט געמאַכט א טעות אין דער לעצטער מינוט. עס איז זעהר זאָנדערבאַר און קיינער קען ניט פערשטעהן זיין האַלטונג. וואַרט צו, איך וועל מיקעלע׳ן באַלד אַריינרופען.

זי איז אַרוים פון צימער און האָט זיך גלייך צוריקגעקעהרט, אַריינפיהרענדיג מיקעלע׳ן און נאָך איהם, א בריטפּלייצעדיגען בויער פון די בערג.

— דאָס איז מאַרקאָני, איינער פון אונזערע קאָנטראַבאַנדיסטען — האָט זי געזאָגט — איהר האָט געהערט וועגען איהם און ער וועט וואהרשיינליך אַרויסהעלפען מיקעלע׳ן דערצעהלען אַלע איינצעלהייטען. מיקעלע, דאָס איז צעזאַר מאַרטיני, וועגען וועמען איך האָב מיט אייך שוין גערעדט. דערצעהלט פאַר איהם אַלעס וואָס עס איז פאָרגעקומען פאַר אייערע אויגען.

מיקעלע האָט דערצעהלט אין קורצען וועגען דעם צוזאַמענשטויס פון די רעוואָלוציאָנערען מיט די סאָלדאַטען.

— איך קען נאָך אַלץ ניט פערשטעהן ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט — האָט ער געזאָגט, ווען ער האָט געענדיגט — קיינער פון אונז וואָלט ניט אַוועקגעפאָהרען ווען מיר וואָלטען פאָראויסגעזעהן, אַז מען וועט איהם אַרעסטירען. ער האָט אונז געגעבען פּינקטליכע אָרדערס ווי און וואָס צו צו טהאָן און אונז איז אַפּילו אויפ׳ן געדאַנק ניט אַרויפגעקומען, אַז נאָכדעם ווי ער וועט א וואָרף טהאָן די היטעל, וועט ער בלייבען שטעהן אויפ׳ן אָרט און וועט זיך לאָזען אַרעסטירען. ער איז שוין געוועזן נעבען זיין פערד און איך האָב געזעהן ווי ער האָט איבערגעשניטען די שטריקעל, אויף וועלכער דער פערד איז געווען צוגעבונדען. איך האָב איהם מיט מיינע אייגענע הענד דערלאַנגט אַן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער, איידער איך בין אַרויפגעשפּרונגען

אויף מיין פערד. עס קען זיין אז צוליעב זיין הינקען האט ער זיך ספּאַטי־קעט, זעצענדיג זיך אויפ'ן פערד — דאָס איז דאס איינציגע וואס איך קען מיר משער זיין. אבער אין דיזען פאל וואלט ער דאך געקענט אויסשיסען.

— ניין, ניט אזוי איז געווען — האט זיך ארייגעמישט מאַרקאָנע — ער האָט קיין פּערזוך ניט געמאַכט זיך צו זעצען אויפ'ן פערד. איך האָב גע־זעהן וואס עס איז פּאַרגעקומען. מיין קליאַטשע האט זיך דערשראָקען פאר דער שיסעריי און האט זיך אַנגעהויבען ווארפען אַן א זייט; מיר איז דע־ריבער אויסגעקומען צו אנטלויפען צום לעצטען. אָבפאַהרענדיג האָב איך זיך אומגעקוקט. אויב אלעס איז אין בעסטען אָרדנונג. ער וואָלט זיכער געקענט אנטלויפען, ווען ניט דער קארדינאל.

— אָה, — האט האלב אויסגעשריען דזשעמא און מארטיני האט פער־וואונדערט איבערגעפרעגט: — דער קארדינאל ?

— יע. דער קארדינאל איז פּלוצים אריינגעשפּרונגען אין מיטען און האט זיך אוועקגעשטעלט אנטקעגען ריוואַרעס'עס פּיסטאָלעט. דער טייוועל זאָל איהם נעהמען ! ריוואַרעס האָט א ציטער געטהאָן, ווארשיינליך צוליעב דער אונערוואַרטעטער אריינמישונג. זיין האנד, וועלכע האט געהאלטען דעם רעוואָלווער, האָט זיך אַראָבגעלאָזט און די צווייטע האנד האָט ער אויפגע־הויבען אַט אזוי — מאַרקאָנע האט צוגעלעגט זיין לינקע האנד, צוגעמאכט אין א קולאק צו זיינע אויגען. — אין יענעם מאָמענט האבען זיי אלע, נאַ־טירליך, ארויפגעוואָרפען זיך אויף איהם.

— איך פערשטעה דאס ניט — האט געזאגט מיקעלע — ניט פאר רי־ווארעס'ען פּאַסט עס צו פערליערען זיך אין א געפאַהר.

— ער האט ווארשיינליך ארונטערגעלאָזען זיין פּיסטאָלעט אויס מורא ער זאָל ניט טויטען אן אונבעוואָפענטען — האט מארטיני בעמערקט.

מיקעלע האט א קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס.

— אונבעוואפענטע דארפען ניט קריכען אהין וואו מען קעמפּפט. א מלחמה איז א מלחמה. כיי'וואלט בעסער ריווארעס מכבד געווען מיט א קויל זיין הייליגקייט און ער זאָל זיך ניט געווען איבערגעבען אין זייערע לאַפּעס ווי א שטילינקע לעמעלע ! עס וואלט דאן געווען אויף דער וועלט מיט איין אָרענטליכען מענשען מעהר און מיט איין גלח ווייניגער.

ער האָט זיך אָבגעקעהרט און אָנגעהויבען בייסען זיינע וואנצעס נאָך איין מינוט און ער וואלט פון כעס זיך צרוויינט.

— ווי עס זאל ניט זיין — האט געזאגט מארטיני — איז עס א פערפאַ־לענע זאך. איבערקייען נאָך אמאל אלע איינצעלהייטען, וואלט געהייסען אומזיסט פערליערען צייט. יעצט שטעהט אונז פאַר די פראגע, ווי מאכט

מען ער זאל קענען אנטלויפען פון פעסטונג. איך גלויב, אז אלע זיינען איינ־שטימיג צו ריזיקירען אויף דעם.

מיקעלע האט זאגאר ניט געפונען פאר נויטיג צו ענטפערען אויף דיעזער אוננויטיגער פראגע און דער קאנטראבאנדיסט האט געענטפערט מיט שפאט:

— איך וואלט אפילו גע׳הרג׳עט מיין אייגענעם ברודער, ווען ער וואלט ניט איינגעשטימט.

— זעהר גוט. לאמיר שוין צוטרעטען צו דער ארבייט. אבער פריהער פון אלעם זאגט מיר: האט איהר שוין דעם פלאן פון דער פעסטונג?

דזשעמא האט געעפענט דאס טיש־קעסטעל און ארויסגענומען עטליכע בויגעלעך פאפיער.

— איך האב שוין געמאכט אלע פלענער. דאס איז דער ערשטער עטאזש פון דער פעסטונג. דאס זיינען די פלענער פון די אונטערשטע און אויבערשטע עטאזשען פון די פאר־פעסטונגען. דאס זיינען די וועגען וואס פיהרען צום טהאל; דא זיינען די סטעזשקעס און די געהיימע פלעצער אין די ארומיגע בערג און דאס זיינען די אונטעראירדישע הייהלען.

— ווייסט איהר אין וועלכער טהייל פון דער פעסטונג ער געפינט זיך?

— אין דער טהייל פון מזרח־זייט, אין א קיילעכדיגען צימער מיט גראַ־טעס אויפ׳ן פענסטער. איך האב עס אנגעצייכענט אויפ׳ן פלאן.

— פון וואנען האט איהר בעקומען דיעזע ידיעות?

— פון א סאלדאט פון דער פעסטונג־וואך. ער איז דזשינא׳ס א קרוב, איינער פון אונזערע.

— איהר האט גאנץ שנעל ערפאהרען.

— מיר טארען אבער ניט פערליערען צייט. דזשינא איז גלייך אוועק אין בריזיגעל. מיר האבען שוין אויסגעארבייט עפעס א פלאן. די ליסטע פון די געהיימע פלעצער אין די בערג האט ריווארעס אליין צוזאמענגעשטעלט. איהר זעהט, אט איז זיין האנדשריפט.

— וואס פאר א מענשען זיינען די סאלדאטען אויף דער וואך?

— עס איז נאך אונז ניט געלונגען זיך צו בעקענען מיט זיי. דער סאל־דאט וואס האט אונז געגעבען די אויסקינפטע, איז ערשט אהין אנגעקומען און ער קען נאך ניט זיינע קאמעראדען.

— מען דארף אויך פאנאנדערפרעגען דזשינא, וואס פאר א מענש איז זיין קרוב. צו עס איז שוין בעוואוסט, וואס די רעגיערונג געהט טהאן? וואו דער משפט וועט זיין? אין בריזיגעל אדער אין ראווען?

— דאס ווייסען מיר דאך ניט. ראווען איז די הויפטשאדט פון דעם קאנסולאט, און לויט דעם געזעץ, דארפען אלע וויכטיגע פראצעסען פארקומען דארט, אין דעם געריכט פון דער ערשטער אינסטאנץ. אבער אין דעם

פאבסט'ס דיסטריקט רעכענט מען זיך זעהר ווענינ מיט געזעצען. זיי ווערען געענדערט לויט דעם גוטען אָדער דעם שלעכטען ווילען פון די, וואס האבען די מאכט אין האנד.

— אין ראוועו וועט מען איהם ניט פיהרען — האט בעמערקט מיקעלע.

— ווארום דענקט איהר אזוי?

— איך בין אין דעם זיכער. דער פאַלקאָוניק פעראָרי, דער מיליטערי־שער קאָמאנדיר איבער בריזיגעל, און אַן אָנקעל פון דעם אָפיצער, וועלכען ריווארעס האט פערוואונדעט. דאס איז א ראכע־לוסטיגע בעסטיע און ער וועט ניט דורכלאָזען די געלעגענהייט ארויסצוצייגען זיין מאכט.

— איהר דענקט, דאס ער וועט זעהן פועלען, אז ריווארעס זאָל בלייבען אין בריזיגעל?

— איך דענק, אז ער וועט אַלעס טהאָן, אז ריווארעס'ען זאל מען אויפ־הענגען.

מארטיני האט א קוק געטהאָן אויף דזשעמא'ן. זי איז געווען זעהר בלאס, אבער איהר געזיכט האט זיך ביי דיעזע ווערטער ניט פערענדערט. עס ווייזט אוים, אז זי האט זיך שוין צוגעוואהנט מיט דעם געדאנק.

— זיי וועלען ניט קענען בעגעהן זיך אָהן די נויטיגע פאָרמאליטעטען — האט זי געזאגט רוהיג — דער פאַלקאָוניק וועט ווארשיינליך קריגען אן אויסרייד מען זאל ריווארעס'ען משפט'ען אין א מיליטערישען געריכט און נאכהער וועט ער זיך פערענטפערען, דאס ער איז געווען געצוואונגען דאס צו טהאָן, כדי איינצופיהרען אָרדנונג און רוהיגקייט אין שטאָדט.

— נו, און דער קארדינאל? — דענקט איהר אז ער וועט צושטימען צו אזא געזעצלאָזיגקייט?

— אין מיליטערישע אנגעלעגענהייטען האט ער קיין דעה ניט.

— אָבער ער האָט דאָך א געוואלדיגען איינפלוס. דער פאַלקאָוניק, נאַ־טירליך, וועט ניט וואגען אויף אזא שריט אָהן זיין צושטימונג.

— דעם קארדינאל'ס צושטימונג וועט ער קיינמאָל ניט קריגען — האט זיך אריינגעמישט מארקאָנע — מאָנטאנעלי איז שטענדיג געווען געגען אַלע קריעגס געריכטען. אזוי לאנג ווי ריווארעס איז אין בריזיגיל, איז זיין לאגע ניט איבעריג געפעהרליך. דער קארדינאל וועט זיך זיכער שטעלען אויף דער זייט פון דעם בעשולדיגטען. מעהר פון אַלץ האב איך מורא, מען זאל איהם ניט אוועקפיהרען אין ראוועו. דארט איז ער זיכער פערלאָרען.

— איך גלויב ניט, אז מען זאל איהם אהין דערפיהרען — האט געזאגט מיקעלע — מיר קענען מאכען ער זאל אנטלויפען פון וועג. ארויסנעהמען איהם פון דער פעסטונג וועט אבער זיין שווערער.

— איך דענק — האָט געזאָגט דזשעמא, — אז עס וואָלט געווען נוצ־

לאָז צו וואַרטען ביז וואַנען מען וועט איהם אָנהויבען אריבערפיהרען. מיר מוזען מאַכען אַ פערזוך בעפרייען איהם אין בריזגילע און מיר טאָרען ניט פערליערען קיין צייט. צעזאר, לאָמיר זיך נעהמען שטודירען די פּלענער, ווי אזוי ער זאָל קענען פון דאָרט אנטלויפען. איך האָב שוין אַן אידעע, איך קען אבער ניט בייקומען איין שוועריגקייט.

— קומט מאַרקאנע — האט געזאגט מיקעלע אויפהויבענדיג זיך פון פּלאַץ — לאָמיר זיי לאָזען אויסאַרבייטען דעם פּלאַן. איך דאַרף זיך דורכגעהן היינט צו פּאַניאַנאַ, פיליכט וואָלט איהר מיט מיר מיטגעגאַנגען? ווינצענצאָ האט נאך ביז יעצט ניט צוגעשיקט די פּאַטראָנעס און זיי האבען געדאַרפט אהער אָנקומען נאך נעכטען.

ווען זיי זיינען ארויס, איז מאַרטיני צוגעגאנגען צו דזשעמאַ'ן און ער האָט איהר שווייגענדיג דערלאַנגט זיין האנד. אַ מינוט איז איהר האנד געלעגען אין זיינער.

— איהר זייט אַלע מאָל געווען אַ גוטער חבר, צעזאר — האט זי ענדליך געזאגט — און מען האט אַלע מאָל געקענט רעכענען אויף אייער הילף אין דער צייט פון נויט. און יעצט לאָמיר בעטראַכטען דעם פּלאַן, ווי אזוי ריוואַרעס זאָל אנטלויפען פון פעסטונג.

3

— איך פערזיכער אייך נאָך אַמאָל, אייער הייליגקייט, אַז מיט אייער ענטזאגען זיך, שטעלט איהר אין געפאהר די רוהיגקייט פון שטאָדט.

דער גאָווערנאָר האט זיך בעמיהט רעדען מיט אזא העפליכקייט, מיט וועלכער עס איז פאר איהם נויטיג געווען צו רעדען מיט אַ הויכען אָנגע־שטעלטען פון דער קירכע, אבער אין זיין שטימע האט זיך געפיהלט אַן אויפרעגונג. ער האט געליטען פון אַ לעבער קראנקהייט און דערצו האט איהם זיין פרוי פשוט רואינירט מיט איהרע גוואלדיגע הוצאות און די לעצטע דריי וואָכען האט זיין געדולד געדאַרפט אויסשטעהן אַ גרויסען נסיון. די שטאָדט איינוואוינער זיינען געווען אויפגערעגט; די אונצופריעדענהייט איז געוואַקסען יעדען טאָג און האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר פערשפּרייט. די גאַנצע געגענד ארום און ארום איז געווען פול מיט פערראַטה צו דער רעגיע־רונג און איז געווען איבערפילט מיט געהיימע געוועהר־מאַגאַזינען. סאָלדאַ־טען זיינען געווען ווענינ און זייער טרייהייט צו דער רעגיערונג איז געווען אַ צווייפעלהאפטע. און צו דעם אַלעמען האט ער נאָך געדאַרפט האבען עסקים מיט'ן קאַרדינאַל, וועמען, אין אַ פּריוואַט געשפּרעך פּלעגט ער רופען „די היי־ליגע פערקערפערונג פון עזות־עקשנות". דאס אַלעס האט איהם שיער ניט ארויסגעבראַכט פון די כלים און דערצו איז איהם נאָך אָנגעקומען אַ נייע אָנשיקעניש — דער שטעכעדיגער — די קווינט־עסענץ פון אַל־דאָס־בייז.

אָנגעפאנגען האט דער שטעכעדיגער וואס ער האט פערוואונדעט זיין געליעבטען שוועסטער־קינד, דעם קאפּיטאן און דעם בעסטען שפּיאָן. נאכהער האט דיעזער „שפּאנישער טייוועל“ אראָבגעפיהרט פון דרך הישר אלע געפענגנים־וועכטער, האט ארויפגעוואָרפען א שרעק אויף אלע אָפיציערען און האָט פערוואָנדעלט די געפענגנים אין אַן אַמוזירונגס־פּלאַץ. שוין דריי וואָכען אז ער זיצט אין פעסטונג און די בעאמטע פון בריזיגעל האבען ניט געוואוסט וואס זיי זאלען מיט איהם טהאָן. יעדען טאָג האבען זיי איהם גענומען צום פערהער, מיט אלערליי מיטלען האט מען ביי איהם געוואלט ארויסקריגען ער זאָל זיך מודה זיין, אבער אלעס איז געווען אומזיסט. יעצט האָבען די שטאָדט בעאמטע אָנגעהויבען דענקען, אז עס וואלט שוין געווען פיעל גלייכער, ווען זיי וואלטען איהם גלייך פון אָנפאנג אָבגעשיקט נאך ראווען. יעצט איז שוין אבער געווען צו שפּעט צו פעררעכטען דיעזען פעהלער. ווען דער גאָווערנאָר האט געשיקט צום קאָנסולאט די ידיעה וועגען דעם ארעסט פון דעם „שטעכעדיגען“, האט ער דאן געבעטען ביים קאָנסולאט, אלס א טובה, די ערלויבנים, אז ער פּערזענליך זאָל אָנפיהרען די אונטערזוכונג. זיין בקשה האָט דער קאָנסולאט בעוויליגט. ווען דער גאָווערנאָר וואָלט יעצט געוואָלט זיך צוריקציהען פון דער אונטערזוכונג, וואלט ער געדארפט מיט חרפּה זיך מודה זיין, אז דער ארעסטירטער איז ניט פאר זיינע כחות.

דאן איז איהם ארויף אויפ'ן געדאנק דער מיליטערישער געריכט, אלס דער איינציגער אויסוועג פון זיין פערלעגענהייט. דער איינציגער וואס האט איהם געשטערט דורכצופיהרען דיעזען פּלאן, איז געווען דער קארידנאל מאנטאָנעלי.

— איך דענק — האט ווייטער געזאגט דער גאָווערנאָר — אויב אייער הייליגקייט וואלט געוואוסט, וויפיעל מיר און מיינע געהילפען איז אויסגעקומען זיך אָנליידען פון דיעזען מענשען, דאן וואלט איהר אנדערש געקוקט אויף דעם. איך פערשטעה גאנץ גוט אייערע הומאניטערע מאָטיווען, אבער דאָס איז דאָך אַן אויסנאהמס־פּאַל.

— פאר מיר — האָט געענטפערט מאָנטאָנעלי — זיינען ניטאָ קיינע פעלע, וועלכע מען זאָל קענען רעכטפערטיגען מיט אונגערעכטיגקייט. משפּט'ען א בירגער פאר א געהיימען קריעגס־געריכט — איז אונגערעכט און אונגעזעצליך.

— לאָמיר בעטראכטען דיעזען פאל, אייער הייליגקייט! עס איז קלאָהר אז דער ארעסטירטער איז שולדיג אין עטליכע שווערע פערברעכענס. ער האט גענומען אן אנטהייל אין דער פערשווערונג פון סאווינאָ און דער קריעגס־געריכט וועלכען מאנסיניאָר ספּינאָללא האט בעשטימט, וואלט איהם זיכער פעראורטהיילט צום טוידט אָדער צו קאטאָרגע, ווען איהם וואלט ניט געלונ־

גען צו אנטלויפען נאָך טאַסקאָן. פון דאָן אָן האָט ער ניט אויפגעהערט צו אָרגאַניזירען פערשווערונגען. עס איז בעוואוסט, אז ער איז אַן איינפלוסרייכער מיטגליעד פון איינער פון די שעדליכסטע געהיימע אָרגאַניזאַציאָנען פון לאַנד. עס זיינען דאָ פיעל גרינדע צו פערדעכטיגען, אז ער האָט גוטגעהייסען, אויב ער האָט אַליין ניט אָרגאַניזירט, די הינריכטונג פון וועניגסטענס דריי פּאָליציי אַגענטען פון דער געהיים פּאָליציי. יעצט האָט מען איהם געכאַפּט אריבערשמוגלענדיג געוועהר אין פּאַפּסט'ס דיסטריקט. ער האָט ארויסגעציינט אַ בעוואָפענטען ווידערשטאַנד און ער האָט שווער פערוואונדעט צוויי רעגיערונגס־בעאַמטע אין דער צייט, ווען יענע האָבען געטהאָן זייער פּפליכט. יעצט ווידער איז ער אַ שטערונג צו דער רוהיגקייט און דער זיכערהייט פון דער שטאָדט. דאס אַלעס איז אָהן צווייפעל גענוג צו רעכטפערטיגען אַ קריעגס־געריכט.

— וואָס דיעזער מענש זאָל ניט האָבען געטהאָן — האָט געענטפערט מאָנטאַנעלי — האָט ער אַ רעכט גע'משפט צו ווערען נאָכ'ן געזעץ.

— פיהרען דעם פּראָצעס אויף אַ געוועהנליכען געזעצליכען אופן, וועט דאָס פערנעהמען צופיעל צייט, אייער היילינגקייט, און פאר אונז איז יעצט טהייער יעדע מינוט. דערצו האָב איך נאָך שטענדיג מורא, אז ער וועט אנטלויפען.

— אויב ער קען אנטלויפען, דאַרפט איהר זעהן פערשטאַרקען די וואַך.

— איך טהו אַלעס וואָס איך קען, אייער היילינגקייט, אָבער איך מוז דאָך זיך פערלאָזען אויף די געפענגניס־אָנגעשטעלטע, און דער ארעסטירטער האָט זיי אַלעמען אזוי ווי פער'כשופ'ט. אין פערלויף פון די דריי וואָכען האָב איך שוין פיער מאָל געביטען די מענשען וואָס היטען איהם און עס העלפט אַלץ ניט: איך קען אַלץ ניט אויספיהרען זיי זאָלען אויפהערען איבערגעבען זיינע בריעף צו זיינע חברים און זייערע בריעף צו איהם. זיי זיינען פערליעבט אין איהם ווי אין אַ פרוי, דיעזע שוטים !

— עס איז אינטערעסאַנט ! ער מוז זיין אַן אויסערגעוועהנליכער מענש.

— אַן אויסערגעוועהנליכער מאַדים אויף טייוועלשע שפּיצלעך.. ענטשולדיגט, אייער היילינגקייט, בנאמנות, דיעזער מענש קען ארויסברענגען פון געדולד אפילו אַ היילינגען. איהר וועט עס ניט גלויבען, אָבער איך אַליין מוז פיהרען דעם פערהער, ווייל דער אָפיציר וואָס דאַרף עס טהאָן, קען שוין מעהר ניט איבערטראָגען.

— וואָס הייסט ?

— דאס איז שווער צו ערקלעהרען, אייער היילינגקייט, איהר וואָלט עס אָבער פערשטאַנען, ווען איהר הערט כאָטש איינמאָל ווי ריוואַרעס פיהרט

זיך אויף ביים פערהער. מען קען דענקען, אז דער אפיציר, וואס פערהערט איהם, איז דער פערברעכער און ער — איז דער ריכטער.

— וואס קען ער אבער אזוינס טהאן. ער קען זיך ענטזאגען צו ענטפע־רען אויף אייערע פראגען, אבער ער האט דאך ניט קיין אנדער געוועהר, אויסער שווייגען.

— און א צונג ווי א ראזיר־מעסער. מיר זיינען אלע שטערבליכע, אייער היילינקייט. און די מעהרסטע פון אונז האבען בעגאנגען פעהלערן אין לע־בען. קיינער וויל אבער ניט, אז וועגען זיי זאל וויסען די גאנצע וועלט. אזוי איז די מענשליכע נאטור. און דא מיט אמאל ווערען אויפגעגראבען אלע איי־ערע פעהלערן, וואס איהר האט געמאכט מיט צוואנציג יאהר צוריק און מען ווארפט זיי אייך אין געזיכט.

— האט דען ריווארעס אנגעריהרט וועלכע ניט איז פערזענליכע געהיימ־ניס פון דעם אפיציר, וואס פיהרט אן די אונטערזוכונג?

— יע, איהר פערשטעהט: ווען ער איז געווען א קאוואלעריע אפיציער, איז דער ארימער יונג אריינגעקראכען אין חובות און האט געליהען א קליינע סומע פון דער קאסע פון פאלק...

— אין דער אמת׳ען הייסט עס, ער האט גע׳גנב׳עט?

— אה, נאטירליך, עס איז געווען זעהר שלעכט פון זיין זייט, אייער היילינקייט, אבער זיינע פריינד האבען גלייך פאר איהם די גאנצע סומע אריינגעטראגען און דעם גאנצען עסק האט מען צוריבען. ער שטאמט פון א גוטער פאמיליע, און פון דאן אן איז ער פעהלערלאז. איך קען ניט פערשטעהן פון וואנען האט געקענט ריווארעס ערפאהרען פון דיעזער סקאנדאליעזער געשיכטע; אבער גלייך ביים ערשטען פערהער האט ער זי ווידער אויפגע־לעבט, און נאך אין דער אנוועזענהייט פון פראסטע סאלדאטען! פערשטעהט זיך, אז מען רעדט שוין וועגען דעם איבער דער גאנצער געגענד. אויב אייער היילינקייט וואלט אנוועזענד געווען בלויז אויף איין פערהער, וואלט איהר דאן פערשטאנען... ריווארעס דארף וועגען דעם ניט וויסען. איהר וואלט אלעס געקענט הערען פון...

מאנטאנעלי האט א קוק געטהאן אויפ׳ן גאווערנאר מיט אזא בליק, מיט וועלכען ער פלעגט זעלטען ווען קוקען.

— איך בין א דיענער פון דער קירכע, אבער ניט קיין פאליציי־שפיאן. אונטערהערען אונטער׳ן טיהר געהט ניט אריין אין דעם קרייז פון מיינע פרא־פעסיאנעלע פפליכטען.

— איך.. איך האב אייך ניט געוואלט בעליידיגען.

— איך דענק, אז די ווייטערע בעטראכטונג פון דיעזער פראגע, וועט

ניט ברענגען קיינע רעזולטאטען. אויב איהר וועט צושיקען דעם אָרעסטירטען צו מיר, וועל איך זיך דורכשמועסען מיט איהם.

— איך ערלויב זיך העפליכסט צו ראטהען אייער היילינקייט, איהר זאלט מיט איהם גאָר ניט אָנהויבען רעדען. איהם קען מען ניט אויסבעסערען. עס וואלט געווען אי זיכערער, אי קליגער אָנצורווענדען אין דיעזען פאל דעם געזעץ אין זיין בוכשטעבליכען זין און פטור ווערען פון איהם, איידער ער האט צייט געהאט אָנצוטהאָן נייע צרות. מיט גרויס אונטערטהיניגקייט ער־לויב איך זיך בלייבען ביי מיין מיינונג נאָך דעם אַלעמען, וואס אייער היי־ליגקייט האָט געזאגט; סוף כל סוף בין איך דאָך פאַרט פעראנטווארטליך פאר׳ן קאָנסולאט פאר דער רוהיגקייט פון דער שטאָדט.

— און איך — האט איבערגעשלאגען מאנטאנעלי — בין פעראנטוואָרט־ליך פאר גאָט און פאר׳ן הייליגען פאפסט, אז אין מיין עפּיסקאָפאל זאל קיין זאך ניט געטהאָן ווערען אין געהיים. איך וועל ניט ערלויבען קיין געהיימען קריעגס־געריכט אין דיעזער שטאָדט, אין דער צייט פון פריעדען. אויב איהר, גאָווערנאָר, בלייבט ביי אייער מיינונג, וועל איך זיך ערלויבען בענוצען מיט מיין פּריווילעגיע, אלס קארדינאל. איך וועל אויפנעהמען דעם אָרעסטירטען דאָ, אונטער פיער אויגען, מאָרגען, צעהן דעם זייגער אין דער פריה.

— ווי איהר ווילט, אייער היילינקייט — האט געענטפערט דער גאָווער־נאָר מיט א פינסטערער געהאָרכזאמקייט. ארויסגעהענדיג האט ער געבור־טשעט פאר זיך: „וואס אנבעלאנגט עקשנות, שטייגען זיי איבער איינער דעם אנדערען".

דער גאָווערנאָר האט קיינעם ניט דערצעהלט וועגען דער פאָרשטעהענדער בעגעגענים פון דעם שטעבעדיגען מיט׳ן קארדינאל ביז דער לעצטער מינוט, ווען עס איז שוין נויטיג געווען ארונטערצונעהמען פון דעם ארעסטירטען די קייטען און פיהרען איהם אין פאלאץ.

— עס איז שוין צופיעל — האט דער גאָווערנאָר געזאגט צו זיין פער־וואונדעטען קרוב, דעם קאפיטאן: דיעזער הייליגער זוהן פון בלעם׳ס עזעל טהוט מיט׳ן געזעץ ווי דאס הארץ גלוסט איהם. עס וואלט מעהר ניט געפעלט ווען די סאָלדאטען זאָלען מאכען א פערשווערונג מיט ריוואַרעס׳ען און זיי־נע פריינד, און ער זאל אנטלויפען פון וועג.

דער שטעבעדיגער איז אריין אונטער א שטארקער וואך אין דעם צימער וואו מאנטאנעלי איז געזעסען פאר א טיש פול מיט פאפיערען און האט גע־שריעבען. קוקענדיג אויף דעם, האט ער זיך דערמאָהנט אָן א הייסען זומער־דיגען טאָג, ווען ער איז געזעסען און געבלעטערט מאָנוסקריפּטען אין אן עהנליכען קאבינעט. די לאָדען זיינען דאן געווען פערמאכט אזוי ווי אין דיע־

זען, כּדי די היץ זאָל ניט אריין, און אויפ'ן גאס האט א פרוכט־הענדלער גע־שריען: „סטראָבעררים, סטראָבעררים!"

מיט א בייזער בעוועגונג האט ער פערוואָרפען אויף הינטען זיינע האָר, וועלכע זיינען איהם געקראָכען אין די אויגען, און אויף זיינע ליפּען האט זיך בעוויזען א שמייכעל.

מאנטאנעלי האט אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

— איהר קענט צוּוואַרטען אין גאסט־צימער — האט ער געזאגט צו די סאָלדאטען.

— ענטשולדיגט, אייער היייליגקייט — האט אנגעפאנגען דער סערזשאנט מיט א האלבען מויל — דער גאָווערנאָר דענקט, אז דער ארעסטירטער איז זעהר א געפעהרליכער און עס וואלט געווען גלייכער...

מאנטאנעלי'ס אויגען האבען זיך אָנגעצונדען.

— איהר קענט צו־וואַרטען אין גאסט־צימער — האט ער ווידערהאלט מיט א רוהיגער שטימע.

דער סארזשענט און די סאלדאטען האבען פערלאזען דעם צימער..

— זיצט! — האט געזאגט דער קארדינאל צו דעם שטעכעדיגען, ווען די טיהר האט זיך צוגעמאכט.

דער שטעכעדיגער האט זיך שווייגענדיג אוועקגעזעצט.

— סיניאָר ריווארעס — האט אָנגעפאנגען מאנטאנעלי נאך א קורצען שווייגען — איך וועל אייך שטעלען אייניגע פראגען און איך וואלט אייך געווען זעהר דאנקבאר, ווען איהר וואלט מיר אויף זיי געענטפערט.

„דער שטעכעדיגער" האָט א שמייכעל געטהאָן.

— מיין ה־ה־ה־ויפּט ב־ב־ב־עשעפטיגונג איז יעצט אויסצוהערען פראגען.

— און ניט ענטפערען אויף זיי? — אזוי וועניגסטענס האט מען מיר דערצעהלט. אבער יענע פראגען האבען אייך געשטעלט אָפיציערען, וואס פיהרען די אונטערזוכונג. זיי וואלטען געדארפט זיך בענוצען מיט אייערע ענטפערס, אלס בעווייזע געגען אייך.

— און די פ־פ־פ־ר־ר־א־גען פון אייער היייליגקייט?

א פערלאנג צו בעליידיגען האָט זיך געפיהלט מעהר אין דעם טאָן ווי אין די ווערטער. דער קארדינאל האט עס גלייך פערשטאנען, אבער זיין געזיכט האט ניט פערלאָרען זיין ערנסטען און צו דערזעלבער צייט פריינד־ליכען אויסזעהן.

— מיינע פראגען — האט ער געזאגט — וועלען בלייבען צווישען אונז, צו איהר וועט ענטפערען אויף זיי, צו ניט. אויב זיי וועלען בעריהרען פּאָלי־טישע סודות, דאן, נאטירליך, וועט איהר ניט ענטפערען. אין געגען פאל,

האָף איך, וועט איהר, טהוענדיג מיט א פערזענליכע טובה, יא ענטפערען אויף מיינע פראגען, כאטש מיר זיינען גאנץ פרעמדע איינער צום אנדערען.

— צו אייער דיענסט ,אייער היילינקייט.

דער אויסדרוק פון געזיכט און דער טאָן, מיט וועלכען דיעזע ווערטער זיינען געזאגט געווארען, וואלטען אָבגענומען דעם חשק בעטען א טובה פון דעם שטעבעדיגען, זאָגאר ביי א זעהר מוטהיגען מענשען.

— זאגט מיר פריהער פון אלעס, וואס האט איהר גערענקט טהאָן מיט'ן געוועהר, וועלכען איהר האָט געוואָלט אריינפיהרען?

— ה־ה־ה־רג־ע־נען מייז.

— א שרעקליכער ענטפער. ווערען דען מענשען־ברידער ביי אייך פער־וואנדעלט אין מייז, ווען זיי טהיילען ניט אייערע איבערצייגונגען?

— אייניגע פון זיי.

מאנטאנעלי האט זיך אָנגעשפארט אָן דער פּלייצקע פון שטוהל און אין פערלויף פון עטליכע מינוט האט ער שווייגענדיג געקוקט אויפ'ן שטעבע־דיגען.

— וואס איז ביי אייך אויפ'ן האנד? — האט ער פּלוצלונג געפרעגט.

— אלטע סמנים פון צ־צ־צ־ייהנער פון די זעלבע מייז.

— ענטשולדיגט, איך רעד וועגען דער צווייטער האנד. אויף איהר איז א פרישע וואונד.

די ווייכע, בייגזאמע האנד איז אין גאנצען געווען פערוואונדעט און די הויט איז געווען אָבגעריסען. דער שטעבעדיגער האט זי אויפגעהויבען. זי איז געווען געשוואָלען און איבער'ן געשווילאכץ האט זיך געצויגען א שוואר־צער פלעק.

— א קלייניגקייט, ווי איהר זעהט. ווען מען האט מיך ארעסטירט, א דאנק אייער היילינקייט, האט א סאָלדאט ארויפגעטראטען אויף איהר מיט'ן פוס.

מאָנטאנעלי האט גענומען דעם שטעבעדיגען'ס האנד אין זיינע און ער האט זי אָנגעהויבען פּאָרזיכטיג בעטראכטען.

— ווארום אבער איז זי אין א שרעקליכען צושטאנד יעצט? — האט ער געפרעגט — עס זיינען שוין פּאָריבער דריי וואכען און זי איז נאָך אלץ אין גאנצען ענטצונדען.

— עס איז מעגליך אז די שווערע קייטען זיינען ניט געווען קיין איבריג גוטע רפואה.

דעם קארדינאל'ס געזיכט האט זיך בעדעקט מיט א וואָלקען.

— זיי האבען אָנגעטהאָן די קייטען אויף א פרישער וואונד?

— פּ־פּ־פּ־ערשטעהט זיך, אייער היילינקייט. פרישע וואונדען זיינען

פאר דעם ווי געוואונשען. אלטע וואונדען זיינען ווייניג וואס ווערטה; זיי באדרען בלויז, אבער זיי טהוען ניט וועה, ווי געהעריג איז.

מאַנטאנעלי האט א קוק געטהאַן אויפ'ן שטעכעדיגען מיט א לאנגען פאַרשענדען בליק, נאכהער איז ער אויפגעשטאנען און געעפענט א קעס־טעל פול מיט כירורגישע אינסטרומענטען.

— גיט מיר די האנד — האט ער געזאגט.

דער שטעכעדיגער האט איהם דערלאנגט זיין האנד. זיין געזיכט איז גע־ווען אונבעוועגליך און פערשטיינערט. מאַנטאנעלי האט אָבגעוואשען די וואונד און ער האט זי איבערגעבונדען פאַרזיכטיג. דיזע ארבייט איז פאר איהם געווען א געוועהנליכע.

— איך וועל רעדען מיט די געפענגנים בעאמטע וועגען די קייטען — האט ער געזאגט — איצט אבער וויל איך אייך שטעלען נאָך א פראגע: וואס דענקט איהר ווייטער צו טהאָן?

— מיין ענטפער איז זעהר אן איינפאכער, אייער הייליגקייט: אנטלויפען, אויב ס'וועט זיך איינגעבען. אויב ניט, איז שטאַרבען.

— פארוואָס עפּעס שטארבען?

— דערפאר, ווייל אויב דער פאַלקאָווניק וועט ניט פועל'ן מען זאל מיך דערשיסען, וועט מען מיך פעראורטהיילען צו קאטאָרגע און דאס איז פאר מיר דאָסזעלבע ווי דער טוידט: ביי מיר וועט קיין כחות ניט קלעקען איבערצו־טראָגען די קאטאָרזשנע ארבייט.

מאַנטאנעלי האט זיך אָנגעשפארט מיט'ן האנד אָן טיש און ער האט זיך פערטיעפט אין געדאנקען. „דער שטעכעדיגער" האט איהם ניט געשטערט.

— לאָמיר זיך פאַרשטעלען — האט ווידער אָנגעפאנגען מאַנטאנעלי — אז אייך איז געלונגען צו אנטלויפען. וואס וואלט איהר דאן געטהאָן מיט אייער לעבען?

— איך האב אייך שוין געזאגט, אייער הייליגקייט: איך וואלט גע־הרג'עט מ־מ־מ־ייז!

— איהר וואלט גע'הרג'עט מייז. הייסט עס, ווען איך גיב אייך יעצט די מעגליכקייט צו אנטלויפען פון דאנען — לאָמיר זיך פאַרשטעלען, אז דאס איז אין מיין מאכט — וואלט איהר זיך בענוצט מיט אייער פרייהייט צו אונטער־שטיצען גוואלד און בלוט־פערגיסונג, אָבער ניט צו פערהינדערען זיי?

דער שטעכעדיגער האט אויפגעהויבען זיין בליק אויף קריסטוס'עס קריי־צונגס־בילד, וואס איז געהאנגען אויפ'ן וואנד.

„קיין שלום, נור דער שווערד" — האט ער אויפ'ן קול איבערגעלעזען די אונטערשריפט — אלזא, וועל איך, הייסט עס, זיין אין א גוטער געזעל־שאפט. הגם וואָס אנבעלאנגט מיר, געפעלט מיר בעסער א פיסטאָלעט.

— סיניאָר ריוואַרעס — האָט געזאָגט דער קאַרדינאַל מיט אַן אונגע־שטערטער רוהיגקייט — איך האָב אייך ניט בעליידיגט. איך האָב זיך ניט ערלויבט צו רעדען מיט אַ בעליידיגענדען טאָן וועגען אייערע פריינד און אייערע איבערצייגונגען. בין איך ניט בערעכטיגט צו העפליכקייט פון אייער זייט? אָדער איהר ווילט איך זאָל דענקען, אַז אַן אַטעאיסט קען ניט זיין קיין דזשענטעלמאַן?

— איך האָב גאָר פערגעסען, אַז אייער העפליכקייט האַלט איהר פאַר איינער פון אייערע קריסטליכע טוגענדען. עס דערמאָנט זיך מיר אייערע אַ דרשה וואָס איהר האָט געהאַלטען אין פלאָרענץ וועגען מיין ויכוח מיט אייער אַנאָנימען פערטהיידיגער.

— איך האָב זיך טאַקע געקליבען צו רעדען מיט אייך וועגען דעם. וועט איהר ניט אַזוי גוט זיין און מיר ערקלעהרען די אורזאַכע פון יענער בעזונדע־רער שנאה וואָס איהר פיהלט צו מיר? אויב איהר האָט איינפאַך אויסגעקלי־בען מיך אַלס ציעל פאַר אייערע גיפטיגע פיילען פון אייער שאַרפזיניגקייט, דאַן איז אַן אַנדער פראַגע. אייערע וועגען און מיטלען פאַר דעם פאָליטישען קאַמפף זיינען אייער זאַך און מיר פיהרען יעצט ניט קיין פּאָליטישען ויכוח. נור מיר האָט זיך דאַן געדאַכט, אַז איהר פיהלט צו מיר עפּעס אַ פּערזענליכע שנאה און איך וואָלט געוועזען זעהר צופריעדען ווען איך וואָלט ערפאַהרען, אויב איך האָב אייך ווען עס איז געטהאָן שלעכטס, צו איך האָב אייך אין אַלגעמיין געגעבען אַן אורזאַכע פאַר אייער שנאה.

אויב דער קאַרדינאַל האָט איהם געטהאָן שלעכטס!...

„דער שטעכעדיגער" האָט צוגעלעגט זיין איבערגעבונדענע האַנד צום האַרצען.

— זאָל אייער הייליגקייט דערמאָנען זיך שעקספּיר'ן — האָט ער גע־זאָגט מיט אַ קורצען געלעכטער — אין איינער פון זיינע דראַמען איז פאַראַן אַ העלד, וועלכער קען ניט אַנזעהן אַזאַ אונשולדיגע, נוצליכע חיה'לע, ווי אַ קאַץ. איך פיהל אויך אַזאַ מין שנאה צו גלחים. דער אַנבליק פון אַ ריזע, רופט ביי מיר אַרוים ציהען־וועהטאָג...

— אָה, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען דעם... מאַנטאַנעלי האָט מיט אַ מאַך פון דער האַנד געגעבען צו פערשטעהן, אַז די טהעמאַ האָט זיך אויסגע־שעפּט — פונדעסטוועגען — האָט ער צוגעגעבען — קען מען אָנפאַלען אויף יענעם, אָבער ניט פערקריפּלען די פאַקטען. ענטפערענדיג אויף מיין דרשה האָט איהר פערעפענטליכט, אַז איך ווייס, ווער עס בעהאַלט זיך אונטער דעם פּסעוודאָנים פון מיין פערטהיידיגער. דאָס איז אַ טעות. איך בעשולדיג אייך ניט אַז איהר האָט בעוואוסטזיניג געזאָגט ליגען, אָבער אייער ערקלעהרונג איז געוועזען ניט ריכטיג. ביז היינטיגען טאָג ווייס איך נאָך ניט דעם נאָמען פון יענעם שרייבער.

„דער שטעכעדיגער" האט אנגעבויגען דעם קאָפּ אָן א זייט און ער האט אזוי געקוקט אויפ'ן קארדינאל א קורצע ווײלע זעהר ערנסט. פּלוצלונג האט ער פערוואָרפען די קאָפּ אויף הינטער און האט אויסגעבראָכען אין א געלעכטער. —

— די הייליגע איינפאכקייט! אָה, איהר אונשולדיגע גן־עדן מענשען! האט איהר טאָקי ניט פערשטאַנען ווער דאָס איז? האט איהר ניט איינגעזעהן דעם שפּור פון דער צווייענדיגער קאָפּיטע?

מאנטאנעלי האט זיך אויפגעהויבען.

— אנדערש געררעדט, הייסט עס, אז איהר, סינאָר ריוואַרעס, האט געשריעבען פארביידע צדדים פון ויכוח?

— דאס איז געווען זעהר ניט שעהן, איך ווייס — האט געענטפערט „דער שטעכעדיגער", קוקענדיג אויפ'ן קארדינאל מיט זיינע גרויסע, אונשולדיגע אויגען — און איהר האט דאס אלעס אראבגעשלונגען. איך האָב געהאנדעלט שלעכט, אבער עס איז געווען אזוי אמוזירענד!

מאנטאנעלי האט פערביסען די ליפּען און האט זיך ווידער אנידערגעזעצט. גלייך פון אָנפאנג האט ער פערשטאַנען, אז דער שטעכעדיגער וויל איהם ארויסברענגען פון די כלים און ער האט בעשלאָסען איינמאָל פאר אלע מאָל ניט צו פערליערען זיין זעלבסט־בעהערשונג. יעצט האָט ער אָנגעהויבען פערשטעהן, פאר וואס דער גאָווערנאָר איז געווען אזוי אויפגעבראכט אויפ'ן שטעכעדיגען. א מענשען, וועמען עס איז אויסגעקומען טאָג־טעגליך אין פערלויף פון צוויי שטונדען נעהמען אויפ'ן פערהער דעם שטעכעדיגען, האט מען געקענט אלעס מוחל זיין.

— לאָמיר אויפגעבען דיעזען געשפּרעך — האט ער געזאגט — איך וויל אייך ערקלעהרען דעם הויפּט־צוועק פון אונזער בעגעגענים. ער בעשטעהט אין דעם: א דאנק מיין שטעלע אלס קארדינאל, וועלען די היגע בעאמטע דארפען רעכענען זיך מיט מיין מיינונג ווען זיי וועלען דארפען ענטשיידען די פראגע, וואס צו טהאָן מיט אייך. נאטירליך דאן, ווען איך וועל זיך בענוצען מיט מיין פּריווילעגיע. איך וועל זעהן, אז קיין גוואלד־טהאַט זאל ניט בעגאנגען ווערען איבער אייך, אזוי לאנג דאס וועט ניט זיין נויטיג צו פערהיטען וועלכע ניט איז גוואלד־טהאטען פון אייער זייט. איך האב געשיקט נאָך אייך, ערשטענס, כדי אויסצוגעפינען אויב איהר האט ניט וועלכע עס איז קלאגען — וועגען די קייטען וועל איך שוין אכטונג געבען אז מען זאל זיי אויף אייך מעהר ניט אָנטהאָן, אבער איהר קענט פיליכט האבען אנדערע קלאגען — און, צווייטענס, האב איך גערעכנט, אז איך האב דאס רעכט א קוק צו טהאָן אויף אייך, איידער איך האָב ארויסגעזאָגט מיין מיינונג, וואס מען זאָל מיט אייך טהאָן.

—איך האב ניט קיינע קלאגען, אייער היילינקייט. איך בין ניט א חדר־אינגעל און איך ווייס אז די רעגירונג וועט מיך ניט גלעטען איבער'ן קעפּעל פאר'ן קאָנטראבאנדיסטישען אריינפיהר פון פייער־געוועהר אין איהר טערי־טאָריע. פערשטעהט זיך, אז די רעגירונג וועט פון מיר נעהמען ראכע אזוי פיעל, וויפיעל זי וועט קענען. און וואס איז שייך די פראגע, וואס פאר א מענש איך בין, האב איך שוין איינמאל געהאט די געלעגענהייט מתודה זיין זיך פאר אייך אויף מיינע זינד. פערלאנגט איהר פיליכט, איך זאל עס אי־בער'חזר'ען נאָך אמאל?

— איך פערשטעה אייך ניט — האט מאנטאנעלי געזאגט — ער האט גענומען פון טיש א בליישטיפט און האט איהם גערדעהט צווישען די פינגער.

— אייער היילינקייט — האט איך, האט נאָך ניט פערגעסען דעם אל־טען פילגרים דיאָגע? — „דער שטעכעדיגער" האט פלוצלונג געענדערט זיין טאָן און מיט דער שטימע פון דיאָגע האט ער אויסגעצויגען: — איך בין אן אָרימער זינדער...

די בלייפעדער האט אָנגעהויבען ציטערען ביי מאנטאנעלי'ן אין האנד.

— עס איז שוין איבער דער מאָס — האָט ער געזאָגט אויפשטעהענדיג.

דער שטעכעדיגער האט זיך צולאכט.

— סינאָר ריווארעס — האט מאנטאנעלי געזאגט — איהר האט זיך מיט מיר בעגאנגען ווי קיין מענש, וואס איז געבוירען פון א פרוי, וואלט זיך בע־גאנגען מיט זיין ערגסטען שונא. איהר האט אריינגעדרונגען אין דער געהיימ־ניס פון מיינע פערזענליכע צרות און איהר האט זיך געמאכט א שפיעלצייג פון די ליידען פון אייערע'ן א מיט־מענשען. איך בעט אייך נאָך אמאָל: זאגט מיר, האב איך אייך געטהאָן שלעכטס? און אויב ניט, ווארום האט איהר אבגעשפיעלט מיט מיר אזא הארצלאָזען שפּאס?

„דער שטעכעדיגער" האָט א שמייכעל געטהאָן מיט זיין דינעם, קאלטען, רעטוזלהאפטען שמייכעל.

— מיך האט עס אזוי אמוזירט, אייער היילינקייט: איהר האט אזוי נאָהענט גענומען צום הארצען מיינע ווערטער, און דערצו האט דאס מיר אבי־סעל דערמאָנט דעם וואנדערענדען צירק...

מאָנטאָנעלי'ס ליפּען זיינען בלאס געוואָרען. ער האָט זיך אָבגעקעהרט און האט א קלונג געטהאָן.

די סאלדאטען זיינען אריינגעקומען.

— איהר קענט אוועקפיהרען דעם ארעסטירטען — האט ער צו זיי גע־זאָגט.

ווען זיי זיינען ארויס האָט ער זיך צוגעזעצט צום טיש און געציטערט

מיט'ן גאנצען קערפּער פון אויפרעגונג. ער האָט זיך ווידער גענומען פאַר די ביכער, נאָר ער האָט זיי באַלד אַבגעשטויסען און זיך אָנגעבויגען איבער'ן טיש, פערדעקענדיג דאָס געזיכט מיט די הענד. „דער שטע־כעדיגער" האָט אַזוי ווי געלאָזען נאָך זיך אַ שרעקליכען שאָטען. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער געשטאַלט פון דיזען מענשען שוועבט אַרום אין דעם קאַרדינאַל'ס צימער. מאַנטאַנעלי האָט זיך אין גאַנצען איינגעבויגען, ציטע־רענדיג מיט'ן גאַנצען קערפּער. ער האָט מורא געהאַט אויפצוהויבען די אויגען, ער זאָל זיך ניט בעגעגענען מיט איהם.

ענדליך האָט ער זיך ווידער גענומען צו דער אַרבייט. אין פערלויף פון גאַנצען טאָג האָט ער ניט געהאַט כמעט קיין פרייע מינוט, און דער שרעקלי־כער גייסט פון דעם שטעכעדיגען האָט איהם שוין מעהר ניט בעאונרוהיגט. שפּעט ביי נאַכט אָבער, ווען ער איז צוגעקומען צו זיין שלאָפצימער, האָט איהם פּלוצלונג אַרומגעכאַפּט אַ גרויסע מורא. ער זאָל דעם שטעכעדיגען ניט דערזעהן אין חלום. ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף די קניע און אָנגעהויבען תפלה טהאָן.

אָבער אַ גאַנצע נאַכט נאָך דעם האָט ער מיט אַן אויג ניט צוגעמאַכט.

4.

צוליעב זיין כעס האָט מאַנטאַנעלי ניט פערגעסען זיין הבטחה. ער האָט אַזוי ענערגיש פּראָטעסטירט געגען די קייטען וואָס מען האָט אָנגעטהאָן אויף די פערוואונדעטע הענד פון דעם אַרעסטירטען, דאָס דער אונגליקליכער גאָ־ווערנאָר האָט אין גאַנצען פערלאָרען זיין קאָפּ. ער האָט אויף אַלעם אַ מאַך געטהאָן מיט'ן האַנד און געהייסען אין גאַנצען בעפרייען דעם שטעכעדיגען פון די קייטען.

— ווער ווייס — האָט ער זיך געקלאָגט פאַר זיין אַדיוטאַנט — געגען וואָס זיין הייליגקייט קען נאָך פּראָטעסטירען? אויב ער קען אָנרופען אַלס גרויזאַמקייט אַ פּאָר הענד־קייטלעך, וועט ער באַלד מסתמא אָנפאַנגען אַ מלחמה געגען די אייזערנע גראַטעס, אָדער ער וועט פאָדערען איך זאָל געבען ריוואָרעס'ען געבראָטענע טייבעלעך צום עסען. אין מיינע יונגע יאָהרען זיי־נען פערברעכער געווען פערברעכער און מען האָט זיך בעגאַנגען מיט זיי אַלס אַזעלכע. קיינער האָט דאַן ניט געדענקט, אַז אַ „פּאָליטישער" איז מיט וואָס ניט איז בעסער פון אַ גנב. היינט אָבער זיינען די בונטאָווציקעס אַריין אין דער מאָדע און זיין הייליגקייט, ווייזט אויס, וויל צוגעבען מוטה דיזע אויס־וואורפען.

— איך פערשטעה ניט, וואָרום ער מישט זיך גאָר אַריין — האָט בע־מערקט דער אַדיוטאַנט. אין מיליטערישע און ציוויל אַנגעלעגענהייטען האָט ער גאָר קיין מאַכט ניט, לויט'ן געזעץ...

— גזעזע! עס לוינט זיך ניט צו רעדן וועגן גזועזע! מען קען ניט ערוואַרטען קיין רעספעקט צום גזועזע, נאָכדעם ווי דער הייליגער פאָטער האָט געעפענט די געפענגנים און האָט אַראָבגעלאָזען פון קייט די גאַנצע באַנדע ליבעראַלע בונטאָווּשטשיקעס! עס איז אַן איינפאַכע משוגעת! פערשטעהט זיך, אַז מאָנסיניאָר מאַנטאַנעלי איז ביי זיך געוואָרען זעהר גרויס. ער איז יעצט כמעט די ערשטע פיגור. ער האָט זיך ביי אַלעמען בעליעבט געמאַכט און טהוט וואָס איהם געפעלט. איך קען זיך מיט איהם ניט פערמעסטען אין כחות. פיליכט האָט ער געהיימע אינסטרוקציאָנען פון וואַטיקאַן? ווער ווייס? אַלע האָט זיך יעצט איבערגעקעהרט מיט׳ן קאָפּ אַראָב און מיט די פיס אַרויף; מען קען זאָגאַר ניט פאָראויסזעהן, וואָס דער מאָרגעדיגער טאָג וועט ברענגען. אין די גוטע אַלטע צייטען האָבען מענשען געוואוסט ווי צו האַלטען זיך. אָבער יעצט...

דער גאָווערנאָר האָט טרויעריג אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ. אַזאַ וועלט, ווען קאַרדינאַלען קענען זיך מישען אין די איינצעלהייטען פון דער געפענגנים דיסציפלין און קענען רעדען וועגן די „רעכטע“ פון פּאָליטישע פערברעכער, איז געוואָרען פאַר איהם צופיעל קאָמפּליצירט און אונפערשטענדליך.

„דער שטעכעדיגער“ האָט זיך צוריקגעקעהרט אין פעסטונג אין אַ זעהר נערוועזען, כמעט היסטערישען צושטאַנד.

די בעגעגעניס מיט מאַנטאַנעלי׳ן האָט כמעט אויסגעשעפּט דעם קוואַל פון זיין אויסדויער. נאָך איין אויגענבליק, און ער וואָלט ניט אויסגעהאַלטען.

זיין לעצטע בעמערקונג וועגן דעם וואַנדערענדען צירק האָט זיך ביי איהם אַרויסגעריסען אין אַ מינוט פון פערצווייפלונג: ער האָט געמוזט איבעררייסען ווי עס איז דעם געשפּרעך, ווייל ער וואָלט זיך זיכער פערענדיגט מיט טרעהרען, ווען ער וואָלט זיך פערצויגען נאָך אַ פינף מינוט.

אין עטליכע שטונדען אַרום, ווען מען האָט איהם גערופען צום פערהער, האָט ער אויף אַלע פראַגען געענטפערט מיט אַ היסטערישען געלעכטער. און ווען דער גאָווערנאָר, אַרויסגעהענדיג פון געדולד, האָט געלאָזען פריי זיין צונג, האָט זיך „דער שטעכעדיגער“ אַזוי שטאַרק צולאַכט, ווי ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געלאַכט. דער אונגליקליכער גאָווערנאָר האָט זיך געוואָרפען, געשליידערט, האָט געסטראַשעט דעם שטעכעדיגען מיט אַלע מעגליכע שטראָפען, אָבער סוף כל סוף איז ער פאָרט געקומען צום בעשלוס, אַז עס איז אַן אומזיסטער פערלוסט פון צייט און געזונד צו וועלען איבערצייגען אין וואָס ניט איז אַ מענשען, אויף וועמען די לאָגיק האָט קיין שליטה ניט.

דעם שטעכעדיגען האָט מען אָבגעפיהרט צוריק אין קאַמער. ליגענדיג אויף זיין שטרויזאַק האָט איהם בעהערשט יענע פינסטערע און האָפנונגסלאָזע שטימונג, וועלכע פלעגט קיינמאָל ניט פערפעהלען צו קומען נאָך אַ גרויסע

אויפרעגונג. ביז פאר נאכט איז ער אזוי אָבגעלעגען בעוועגונגס־לאָז, אָהן א געדאנק אין קאָפּ. ער איז אריינגעפאלען אין עפּעס א זאָנדערבארען אַפּאַטי־שען צושטאַנד. זיינע ליידען זיינען געווארען פאר איהם ניט זיינע אייגענע.

נור עפּעס פרעמדע, זייטיגע, וועלכע האָבען איהם צוגעדריקט מיט זייער פאַרמלאָזער און שווערער משא. אין דער אמת׳ען, האט ער געטראכט, איז שוין פאר איהם געוועזן אלץ איינס, ווי עס וועט זיך ענדיגען. וואס פאר איהם, ווי פאר יעדען פיהלענדען וועזען איז געווען וויכטיג, איז צו בעפרייען זיך פון די אונערטרעגליכע ליידען.

פיליכט וועט איהם געלינגען צו אנטלויפען און ס׳קען זיין, אז מען וועט איהם הרג׳ענען. יעדענפאלס וועט ער שוין קיינמאל ניט זעהן דעם פאר־רע, און וואס ווייטער איז אלעס הבל הבלים...

דער וועכטער האט איהם געבראכט מיטאג. דער שטעכעדיגער האט אויף איהם שווער און גלייכגילטיג א קוק געטהאָן.

— וויפיעל איז דער זייגער?

— זעקס א זייגער. איך האב אייך געבראכט מיטאָג, מיין הערר.

ער האט מיט עקעל א קוק געטהאָן אויף די ניט־פרישע, שלעכט שמע־קענדע, פערזויערטע מאכלים און האָט זיך אבגעקעהרט. ער האָט זיך געפיהלט ניט נאָר צובראכען גייסטיג, נור אויך פיזיש קראנק און פון דעם אנבליק פון די מאכלים האט איהם אָנגעהויבען נודיען.

— איהר וועט קראנק ווערען, אויב איהר וועט ניט עסען — האט אויף שנעל אויסגערעדט דער סאלדאט — עסט אויף כאָטש א שטיקעל ברויט. דאס וועט אייך אויפמונטערען.

דער וועכטער האט גערעדט מיט א זאָנדערבארער ערנסטקייט, אויפהוי־בענדיג פון טעלער א שטיק אונטערגענעצטען ברויט. אין דעם שטעכעדיגען האט גלייך ערוואכט דער קאָנספּיראטאָר, ער האט גלייך פערשטאַנען, אז אין ברויט מוז עפּעס זיין בעהאלטען.

— לאָזט עס; שפּעטער מסתמא וועל איך דאָס אויפעסען — האט ער געזאגט מיט א לייכטען טאָן.

די טהיר איז געווען אָפען און דער שטעכעדיגער האָט געוואוסט, אז דער סארזשענט, וואס שטעהט אויף די טרעפּ, הערט יעדעס ווארט פון זייער גע־שפּרעך.

ווען די טיהר האט זיך צוגעמאכט און ער האט זיך איבערצייגט, אז קיי־נער שפּיאָנירט איהם ניט דורכ׳ן פענסטערעל אין טהיר, האט ער גענומען דעם שטיקעל ברויט און האט איהם פארזיכטיג צוברעקעלט. אינוועניג איז געלעגען א בינטעל דינינקע זעגעלעך. אויף א שטיקל פאפּיער אין וועלכען זיי זיינען געווען פערוויקעלט, איז געווען אָנגעשריבען עטליכע ווערטער. ער האט

זאָרגפעלטיג אויסגעגליכען דאס פאפּיערעל און איהם צוגעטראָגען צום לעמ־פעל. די ווערטער זיינען געווען אזוי געדיכט געשריעבען און דער פּאפּיער אזוי דין, דאָס איבערלעזען זיי איז געווען ניט גרינג.

„די טיהר איז אָפען. די נאכט איז א פינסטערע. זעגט איבער די גראטעס שנעל ווי מעגליך און געהט דורך דעם אונטעראירדישען דורכגאנג צווישען צוויי און דריי. מיר זיינען פארטיג. א צווייטע געלעגענהייט קען זיך ניט מאכען אזוי שנעל".

ער האט פיבערהאפט צוקנייטשט דאס פאפּיערעל אין האנד. אלזא, אלעס איז פארטיג, ער דארף בלויז איבערזעגען די גראטעס אויפ'ן פענסטער. וואס פאר א גליק וואס די קאנדאלען האט מען ארונטערגענומען! ער וועט זיי ניט דארפען זעגען און פערליערען איבעריגע צייט. וויפיעל זיינען דאָ גראטעס? צוויי, פיער. יעדען דארף מען איבערזעגען אין צוויי פלעצער. צוזאמען, אלזא, אכט. אָה, ער וועט מיט זיי פארטיג ווערען, ווען ער וועט זיך צואיילען... ווי האט עס דזשעמא'ן און מארטיני'ן געלונגען איינצואָרדענען אזוי שנעל? קריגען קאָסטיומען, פאספּאָרטען און קווארטירען. עס ווייזט אויס, זיי האָ־בען געאַרבייט ווי די פערד, כדי ניט צו פערשפּעטיגען... הייסט עס, אָננעה־מען איהר פּלאַן. צו ניט, אבי ער איז א גוטער. אין דער זעלבער צייט אבער איז איהם געווען זעהר אנגענעהם: זי, די ערשטע איז געפאלען אויפ'ן גע־דאנק אויסצוניצען דעם אונטעראירדישען דורכגאנג, אנשטאָט דעם פּלאַן ארונטערצולאזען זיך אויף א שטריק־לייטער, ווי די קאָנטרא־באנדיסטען הא־בען פון אָנפאנג פארגעשלאָגען. איהר פּלאַן איז געווען שווערער דורכצופיה־רען, אָבער דערפאר האָט ער בעזייטיגט די געפאהר פאר'ן לעבען פון דעם וועכטער, וועלכער איז געשטאַנען אויף יענער זייט פון מזרח־וואנד. ניט לאנג טראכטענדיג האט ער דעריבער אויסגעקליבען דזשעמא'ס פּלאַן, ווען ביידע פּלענער זיינען איהם בעקאנט געמאכט געווארען.

לויט דיעזען פּלאַן האט דער סאלדאט, וואס האט מיטגעפיהלט מיט די רעוואלוציאָנערען, געדארפט ביי דער ערשטער געלעגענהייט, אָהן דעם וויסען פון זיינע חברים, אָבשליסען די אייזערנע טהירעל וואס פיהרט פון געפענג־ניס־הויף צום אונטעראירדישען דורכגאנג און נאכהער אויפהענגען צוריק דעם שליסעל אויפ'ן צוואָק אין דער וועכטער־קאמער. דער שטעכעדיגער האט געדארפט איבערזעגען די גראטעס; צורייסען די העמד אויף לאנגע פאסען, אויספלעכטען פון זיי א שטריק און פון איהר ארונטערלאזען זיך אויף דער ברייטער מזרח־וואנד פון הויף. נאכהער האט ער געדארפט קריכען איבער דער וואנד אויף אלע פיער דאן, ווען דער וועכטער האט געקוקט אין א צוויי־טער ריכטונג. אבער ווען דער וועכטער האט געקוקט אויפ'ן וואנד, האט ער געדארפט אוועקלעגען זיך ווי א פלאכע און בלייבען ליעגען אונבעוועגליך.

דאָרט, וואו די וואַנד האָט זיך געענדיגט, איז געשטאַנען אַ קליין טהורעם. די וואַנד פון דיעזען טהורעם זיינען געוועזן האַלב צושטערט, און בלויז די ווילדע פּלאַנצען, וואָס האָבען זיי אַרומגערינגעלט מיט אַ שטייפער נעץ, האָבען אויפגעהאַלטען זיי זאָלען אין גאַנצען ניט צופאַלען ווערען. פיעלע שטיינער זיינען שוין אַרויסגעפאַלען און זיינען געלעגען בערגלעך־ווייז אויפ׳ן הויף, נעבען דער וואַנד. איבער דיעזע שטיינער האָט דער שטעכעדיגער געדאַרפט אַרונטערלאָזען זיך פון וואַנד אין הויף, עפענען פאָרזיכטיג די אייזערנע טירעל און אַריינגעהן אין דעם אונטעראירדישען טונעל. עטליכע יאָהרהונדערטע צוריק האָט דיזער טונעל פעראייניגט די פעסטונג אין דעם טורעם, וועלכער איז געשטאַנען אויף אַ זייטיגען בערגעל. יעצט האָט איהם קיינער ניט בענוצט און אין עטליכע פלעצער איז ער געווען פערשאָטען. בלויז די קאָנטראַבאַנדיסטען האָבען געוואוסט וועגען דער געהיימער עפענונג, וועלכע זיי האָבען אויסגעבראָכען ביי דעם סאַמע טונעל. קיינער האָט ניט פערדעכטיגט און די פערבאָרגענע סחורות זיינען גאַנץ אָפט געלעגן וואָכען־לאַנג אונטער די בערג, נעבען דער סאַמע פעסטונג, אין דער צייט וואָס די קאָסטאָם בעאַמטע האָבען זיי אומזיסט געזוכט איבער די הייזער פון די פער׳חשד׳טע בערג־איינוואוינער, ביי וועמען די אויגען פלעגען גלאַנצען פון כעס.

„דער שטעכעדיגער“ האָט געדאַרפט דורכקריכען דורך דיעזער עפענונג און אין דער פינסטער צוקומען צו אַ בעשטימטען פּלאַץ, וואו עס האָבען אויף איהם געזאַלט וואַרטען מאַרטיני און אַ קאָנטראַבאַנדיסט. אַזאַ געלעגענהייט צו עפענען די אייזערנע טירעל האָט זיך ניט געקענט מאַכען יעדען טאָג. עס איז אונמעגליך געווען אַרונטערצולאָזען זיך אין אַ זעהר ליכטיגע נאַכט און דער וועכטער זאָל ניט בעמערקען. היינט, אַלזאָ, האָט ער געהאַט אַלע שאַנסען אויף ערפאָלג, און ער האָט ניט געטאָרט פערנאַכלעסיגען די גוטע געלעגענהייט.

ער האָט זיך געזעצט און אָנגעהויבען עסען דעם ברויט, וועלכער האָט ביי איהם ניט אַרויסגערופען אַזאַ עקעל, ווי די איבעריגע געפענגנים־מאַכלים. עס איז נויטיג געווען צו עסען עפּעס, אום אונטערצוהאַלטען די קרעפטען.

נאָכהער האָט ער בעשלאָסען זיך צושפּאַרען אַביסעל און פּרוּווען איינשלאָפען. עס וואָלט געווען צופיעל ריזיקע אָנצופאַנגען זעגען די גראַטעס פריהער פון צעהן דעם זייגער, און אויסער דעם איז פאָרגעשטאַנען אַ שווערע אַרבייט.

אַלזאָ, פּאַדרע האָט פונדעסטוועגען געטראַכט צו העלפען איהם אַנטלויפען! מעז האָט עס געקענט ערוואַרטען פון „פּאַדרע“. ער וואָלט אָבער צו דעם קיינמאָל ניט צוגעשטימט. אַלץ יע, אָבער דאָס ניט. אויב ער וועט יעצט אַנט־

לויפען, וועט ער עס האבען צו פערדאנקען זיך זעלבסט און זיינע חברים. ער וואלט קיינמאל ניט דערלאָזען, אז א גלח זאל איהם טהאָן א טובה!

אָה, ווי היים! ס'ווייזט אויס, אז עס וועט זיין א שטורעם. די לופט איז אזוי שווער, שטיקענד. ער האט זיך אונרוהיג געווארפען אויף זיין שטרוי־זאק, אונטערלעגענדיג צוקאָפּענס זיין איבערגעבונדענע האנד. ער האט זי באלד ארויסגענומען פון צוקאָפּענס. ווי זי היצט וואָס פאר א שטעכעדיגער וועהטאָג... וואס איז מיט איהם?... אָה, נארישקייטען... ס'איז איינפאך פון וועטער, פאר'ן שטורעם. ער וועט איינשלאָפען און וועט זיך אביסעל אויסרוהען איידער ער פאנגט אָן צו זעגען.

אכט גראַטעס, און אַלע אַזעלכע דיקע און שווערע! וויפיעל דארף ער נאָך איבערזעגען? וואהרשיינליך, שוין ניט פיעל! ער זעגט דאָך שוין לאַנג, זעהר לאַנג און דעריבער טהוט איהם די האנד אזוי וועה. און נאָך וואָס פאר א וועהטאָג! דורך און דורך, ביז'ן ביין! ס'קען אָבער ניט זיין, אז די ארבייט זאָל ארויסרופען דעם וועהטאָג. און דער זעלבער שטעכע־דיגער, ברענענדיגער וועהטאָג אין זיין הינקענדיגער פוס... טהוט די פוס אויך וועה דערפון וואָס ער האָט געזעגט?....

ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס. ניין ער האָט ניט געשלאָ־פען. ער האָט געטרוימט מיט אָפענע אויגען, געטרוימט אז ער זעגט די גראַטעס און זיי זיינען נאָך גאָר ניט אָנגעריהרט. אָט צייכענען זיי זיך אויס פון פענסטער, אַזעלכע שטאַרקע, ווי שטענדיג. דער ווייטער טהורעם־זייגער האָט געשלאָגען צעהן. שוין צייט זיך נעהמען צו דער ארבייט.

א קוקגעבענדיג אין טיהר־פענסטערעל און זעהענדיג, אז קיינער שפּיאָנירט איהם ניט, האָט ער ארויסגענומען איינע פון די זעקעלעך, וועלכע זיינען געווען בעהאַלטען ביי איהם אויפ'ן ברוסט.

ניין, מיט איהם האָט קיין זאַך ניט פּאַסירט — קיין זאַך ניט! דאָס האָט זיך איהם בלויז אויסגעדאַכט. דער וועהטאָג אין זיין זייט קומט מסתמא פון א שלעכטען מאָגען, פון א פערקיהלונג, אָדער פון עטוואָס עהנליכעס. דאָס איז גאַנץ נאַטירליך נאָך דריי וואָכען פון עקעלהאַפטען געפענגנים־לעבען און געפענגנים־לופט. און דיזע שאַרפע שטעכענים אין גאַנצען קערפער קומט טהיילווייז פון נערוועזיטעט און טהיילווייז פון פערשפּאַרטען לעבען. יע, אזוי איז דאָס. אין אַלץ איז שולדיג די געפענגנים. ווי נאַריש דאָס איז געווען וואָס ער איז פריהער ניט געפאַלען אויף דעם געדאַנק.

פונדעסטוועגען דארף ער אביסעל זיצען רוהיג. דער וועהטאָג וועט זיך איינשטילען און ער וועט זיך ווידער נעהמען צו דער ארבייט. אין איינינע מינוטען וועט אַלעס פאַריבער.

זיצען רוהיג איז ערגער פון אַלעס. ווען ער זיצט, מאַטערט איהם דער

וועהטאָג אונ׳רחמנות׳דיג. זיין געזיכט איז בלאַס געוואָרען פון שרעק. ניין, מען דאַרף אויפשטעהן און נעהמען זיך צו דער אַרבייט. מען דאַרף פון זיך פעריאָגען די קראַנקהייט. פיהלען אָדער ניט פיהלען דעם וועהטאָג — העגגט אָפּ אין דער שטאַרקייט פון זיין ווילען. ער וויל איהם ניט פיהלען, וועט איהם צווינגען איינשטילען זיך.

ער איז ווידער אויפגעשטאַנען און האָט געזאָגט אויפ׳ן קול מיט א דייטליכער שטימע :

— איך בין ניט קראַנק. איך האָב קיין צייט ניט צו זיין קראַנק. איך דאַרף איבערזעגען די גראַטעס און טאָר ניט קראַנק ווערען.

ער האָט אָנגעהויבען זעגען.

א פערטעל אויף עלף, האַלב, דריי־פערטעל... ער זעגט און זעגט... און יעדעס מאָל, ווען די זעג האָט קוויטשענדיג אָנגעריהרט זיך אָן אייזען, האָט זיך איהם געדאכט אז אימיצער זעגט איהם זיין קערפּער, זיין מח. „ווער וועט זיך פריהער איבערזעגען ?" האָט ער צו זיך זעלבסט געזאָגט מיט גע־לעכטער — „איך אָדער די גראַטעס ?" ער האָט פערביסען די ליפּען און האָט ווייטער געזאָגט.

האַלב צוועלף. ער האָט נאָך אַלץ געזעגט כאָטש זיין האַנד איז איהם געוואָרען געשוואָלען, און איז געוואָרען ווי א האָלץ און האָט מיט מאַטער־ניס צוגעהאַלטען די זעג. אָבער ניין... ער קען זיך ניט אָבשטעלען און אָב־רוהען ; ווען ער לאָזט אַרוים פון האַנד דיזע פערפלוכטע זעגעל, וועט שוין ביי איהם קיין כחות ניט סטאַיען אָנצוהויבען פון דאָס ניי.

אויף יענער זייט טיר האָט זיך דערהערט די טריט פון דעם וועכטער. דער שטעכעדיגער האָט אויפגעהערט זעגען, און ניט אַראָפּלאָזענדיג די זעג פון האַנד, האָט ער זיך אַרומגעקוקט. האָט מען איהם ענטדעקט ?

עפּעס א קליינער, קייַלעכדיגער געגענשטאַנד איז דורכ׳ן פענסטערל פון טהיר אַריינגעפאַלען צו איהם אין קאַמער. דאָס איז געווען א שטיקעל צוקנייטשטע פאַפּיער.

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

ער האָט אויפגעהויבען דאָס פּאַפּיערל, צוגעטראָגען צום ליכט און האָט איהם פאָרזיכטיג אויסגעגלייכט.

„קום היינט ביי־נאַכט אונטער אַלע אומשטענדען" — איז דאָרט געווען געשריעבען.—מאָרגען וועט מען אונזער סאַלדאַט איבערפיהרען אויף א צוויי־טען פּלאַץ. דאָס איז אונזער לעצטע מעגליכקייט."

ער האָט פּערניכטעט דיזען צעטעלע אַזוי ווי דעם פריהערדיגען, האָט אויפגעהויבען די זעג און שטאַרק פּערצווייפעלט האָט ער זיך ווידער גענו־מען פאַר דער אַרבייט.

איינס ביי נאַכט. ער האָט שוין געאַרבייט דריי שטונדען און זעקס גראַטעס זיינען שוין געווען איבערגעזעגט. נאָך צוויי — און נאַכהער אַרונ־טער לאָזען זיך...

ער האָט זיך אָנגעהויבען דערמאָנען וועגען אַנדערע פעלע, ווען עס האָט איהם בעהערשט די שרעקליכע קראַנקהייט. לעצטען מאָל איז דאָס געווען ניי־יאָהר. אַ שוידער איז איהם אַריבער איבער'ן לייב, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן יענע פינף נעכט. אָבער דאָן איז די קראַנקהייט אָנגעקו־מען ניט אַזוי פּלוצלונג.

די זעג איז אַרויסגעפאַלען פון זיינע הענד. אינסטינקטיוו האָט ער אויפ־געהויבען די הענד אַרויף און צום ערשטען מאָל זינט ער איז געוואָרען אַן אַטע־איסט האָבען זיינע ליפּען אָנגעהויבען שעפּטשען אַ תּפלה. ער האָט תּפלה געטהאָן, ווענדענדיג זיך אין ווייטען רוים — צו קיינעם ניט בעזונדער, נאָר צו דער גאַנצער וועלט אין אַלגעמיין.

— נור ניט היינט! זאָל איך מאָרגען קראַנק ווערען! מאָרגען וועל איך אַלעס אַריבערטראָגען, אָבער נור ניט היינט.

אַ מינוט איז ער געשטאַנען רוהיג, צולייגענדיג ביידע הענד צו די שלייפען. נאַכהער האָט ער גענומען די זעג און זיך ווידער גענומען צו דער אַרבייט.

האַלב צוויי. ער האָט זיך גענומען פאַר דער לעצטער גראַטע. די אַר־בעל פון זיין העמד זיינען צופליקט געוואָרען אין פּאַסען, אויף די ליפּען האָט זיך בעוויזען בלוט; פאַר די אויגען איז געשטאַנען אַ בלוטיגער טו־מאַן, דער שווייס האָט גערונען טייכענווייז פון זיין שטערען און ער האָט אַלץ געזעגט, געזעגט, געזעגט...

מאָנטאָנעלי איז איינגעשלאָפען ערשט דאַן, ווען עס האָט שוין אָנ־געהויבען טאָגען. ער איז געווען זעהר אויסגעמאַטערט פון דער שלאָפלאָ־זער נאַכט אין אַ געוויסער צייט איז ער געשלאָפען רוהיג. נאַכהער האָט זיך איהם אָנגעהויבען חלום'ען.

פון אָנפאַנג זיינען דאָס געווען אַבגעריסענע חלומות; שטיקלאַך פון בילדער, איינער מעהר פאַנטאַסטיש פאַר דער צווייטער האָבען זיך גע־טראָגען אין כאַאָס. פון זיי אַלע האָט געוועהט מיט ליידען און קאַמפּף, מיט אַ שאָטען פון אונבעגרייפליכען שרעק. נאַכהער האָט ער דערזעהן

אין זיין שלאָפלאָזען שלאָף — דעם אלטען, געוועהנליכען שרעקליכען חלום. וועלכער האָט איהם געמאַטערט אין פערלויף פון פיעלע יאָהרען. און כאָטש דאָס איז געוועזען אין חלום, פון דעסטוועגען איז פאַר איהם געוועזען קלאָר, אז דאָס חלום'ט זיך איהם ניט צום ערשטען מאָל.

אָט בלאָנדזשעט ער אַרום איבער אַ גרויסען, ליידיגען פּלאַץ, זוכענדיג צו געפינען אַ רוהיגען ווינקעל, וואו זיך צולעגען און איינשלאָפען. איבעראַל דרעהען זייך אַרום מענשען, זיי רעדען, לאַכען, שרייען, בעטען עפּעס, קלינגען אין גלעקער, קלאַפּען אין פערשיעדענע מעטאַל־אינסטרומענטען. ער געהט אוועק פון זיי. דערוויטערט זיך אויף אַ געוויסער שטרעקע פון דעם גערויש, ער לעגט זיך אויפ'ן גראָז, אויף אַ הילצערנעם בענקעל, אויף אַ שטיין. ער מאַכט צו די אויגען, פערדעקט זיי מיט די הענט, די ליכט זאָל איהם ניט שטערען און זאָגט צו זיך אליין: „יעצט וועל איך איינשלאָפען." די מענגע אָבער דערנעהנטערט זיך מיט הילכיגע, קלעגליכע געשרייען. מען רופט איהם ביים נאָמען, מען שרייט צו איהם: „וואכט אויף, וואכט אויף שנעלער, מיר דאַרפען אייך!"

און מיט אַ מאָל דערזעהט ער זיך אין אַ גרויסען פּאַלאַץ, מיט אַ סך רייך בעפּוצטע צימערען, אין וועלכע עס זיינען איבעראַל צושטעלט בעטען, דיוואַנען, ווייכע, נידריגע סאָפעס. עס ווערט נאכט און ער זאָגט צו זיך: „ענדליך וועל איך דאָ געפינען אַ רוהיגען פּלאַץ, וואו זיך אויסצושלאָפען." ער קלייבט אויס אַ דונקעלען צימער און לעגט זיך. פּלוצלונג קומט מען אריין אין צימער מיט אַן אָנגעצונדענעם לאָמפּ, דער העלער פייער שניידט איהם די אויגען אָהן רחמנות און אימיצער שרייט איהם אין אויער: „שטעהט אויף, מען רופט אייך!"

ער שטעהט אויף און געהט ווייטער, וואקלענדיג זיך און ספּאָטיקענדיג זיך אויף יעדען טריט, ווי אַ טוידטליך־פערוואונדעטע חיה. דער זייגער שלאָגט איינס און ער ווייסט, אַז אַ האַלבע נאכט איז שוין פאַראיבער, אַ העלפט פון דער אונשעצבארער, קורצער נאַכט! צוויי, דריי, פיער, פינף — זעקס אזייגער וועט די גאַנצע שטאָדט זיך אויפכאַפּען און צו דער שטילקייט וועט דאַן נעהמען אַן ענדע.

ער געהט אין אַ צווייטען צימער און וויל נור וואָס זיך לייגען אויף אַ בעט, ווי פּלוצלונג הויפּט זיך אימיצער אויף פון די קישענס און שרייט: „דאָס איז מיין בעט!" און מיט אַ פערצווייפלונג אין הארצען טרעט ער אָפּ צוריק.

איין שטונדע געהט נאָך דער צווייטער און ער בלאָנדזשעט אַלץ אַרום פון צימער צו צימער, פון איין קארידאָר אין דעם צווייטען, פון איין הויז אין דער אַנדערער. אַ בליאסק אויף טאָג. דער איבערדריסיגער סערער

טאָג גנב'עט זיך אַלץ נעהענטער און נעהנטער. דער זייגער שלאָגט פינף. די נאכט איז שוין פערביי און ער האָט נאָך אַלץ ניט געפונען קיין רוה! וואָס פאר אַ שרעק! נאָך איין טאָג..... נאָך איינער!

ער געפינט זיך פּלוצלונג אין אַן אונטעראירדישען קאָרידאָר, אַ נידריגער און אַן אונענדליך לאַנגער. דער גאנצער קאָרידאָר איז בעלויכטען מיט ווי בליצען בלענדענדע לאָמפּען און דורך דער סטעלי דערטראָגט זיך אַ געלעכטער, פרעהליכע מוזיק, טענץ. דאָרט אויבען איבער זיין קאָפּ, אין דער וועלט פון לעבעדיגע מענשען פייערט מען עפּעס אַ יום־טוב. אָה, ווען מען קען נור קריגען עפּעס אַ פּלאַץ, וואו מען זאָל קענען זיך בעהאַלטען און איינשלאָפען! דעם קלענסטען אָרט, חאָטש אַ קבר! ער זאָגט דאָס אַרויס און שטויסט זיך אָן אָן דעם ברעג פון אַ קבר. מיט טוידט און מיט פוילקייט וועהעט פון דאָרטען. אויך אַן עסק — אבי זיך אויסשלאָפען.

— דאָס איז מיין קבר! — שרייט גלעדי'ס שטימע! זי הוייבט אויף די קאָפּ און קוקט אויף איהם מיט ברייט געעפענטע אויגען, ארויסרוקענדיג די קאָפּ פון די האַלב־צופוילטע תכריכים. ער שטעלט זיך אויף די קניע און מיט געבעטע ציהט ער אויס צו איהר זיינע הענד.

— גלעדים! גלעדים! האָב רחמנות! ערלויב מיר אריינקריכען אין קבר, פערגעהמען לעבען דיר אַ לעדיגען פּלאַץ און איינשלאָפען. איך בעט ביי דיר ניט קיין ליעבע. איך וועל דיר ניט אָנריהרען, איך וועל מיט דיר ניט רעדען. ערלויב מיר בלויז צו ליגען לעבען דיר און שלאָפען! טייערע, איך האָב שוין אַזוי לאַנג ניט געשלאָפען! נאָך איין טאָג מעהר וועל איך שוין ניט אריבערטראָגען. דאָס ליכט פון טאָג ברענגט מיר די נשמה, דער גערויש פערוואַנדעלט מיין מח אין שטויב. גלעדים, ערלויב מיר אריינגעהען צו דיר אין קבר און שלאָפען!

ער וויל מיט איהרע תכריכים פערדעקען זיינע אויגען. זי רוקט זיך אָב און שרייט מיט גרוים מורא.

— דאָס איז אַ חלול הקודש! דו ביזט דאָך אַ גלח!

און ער געהט אַלץ ווייטער און ווייטער און קומט צו צו דעם ברעג פון ים, אויף נאַקעטע פּרוכטלאָזע שטיינער, וועלכע זיינען בעלויכטען מיט אַ ברענענדער ליכט. דאָס וואַסער קרעכצט שטיל און יאָמערליך, אַזוי ווי בעטענדיג רוה.

— אָך! — זאָגט ער — דער ים וועט אויף מיר רחמנות האָבען! ער אויך איז טוידט־מיעד און קען ניט שלאָפען.

פון דער טיפעניש פון ים שטעהט דאַן אויף אַרטהור און שרייט הילכיג:

— דער ים איז מיינער!

— אייער הייליגקייט, אייער הייליגקייט!

מאנטאנעלי האט זיך מיט א מאל אויפגעכאפט. מען האט געקלאפט אין טיהר. ער האט זיך מאשינעל אויפגעהויבן און געעפענט. דער דיענער וועלכער איז געקומען איהם וועקען, האט אויסגעזעהן ווילד און שטארק איבערגעשראקען.

— איהר זייט קראנק, אייער הייליגקייט?

מאנטאנעלי האט צוגעלעגט די הענד צום שטערען.

— ניין, איך האב געשלאפען. איהר האט מיך איבערגעשראקען.

— ענטשולדיגט, אייער הייליגקייט, ווען ס'האט אנגעהויבען טאגען, האט מיר אויסגעדוכט, אז איהר געהט ארום און איך האב געדענקט....

— וויפיעל איז יעצט דער זייגער?

— ניין א זייגער. דער גאווערנאר איז געקומען און וויל אייך זעהען. ער זאגט, אז ער האט אייך איבערצוגעבען וויכטיגע ידיעות, און וויסענדיג, אז געוועהנליך שטעהט איהר אויף פריה...

— ער ווארט אויף מיר אונטען? איך וועל באלד קומען.

ער האט זיך אנגעטהאן און איז ארונטער.

— איך האב מורא, אז איך האב איבערגעטראגען דעם עטיקעט, קומענדיג אזוי פריה צו אייער הייליגקייט — האט אנגעפאנגען דער גאווערנאר.

— איך האף אז קיין בעזאנדערעס האט ניט פאסירט.

— עס האט גראדע פאסירט עטוואס זעהר וויכטיגעס. ריווארעס'ען איז שיער, שיער ניט געלונגען צו אנטלויפען.

— אויב ס'איז איהם דאך ניט געלונגען, הייסט עס, אז קיין אויסערגעוועהנליכעס האט ניט פאסירט. ווי איז דאס פארגעקומען?

— מען האט איהם געפונען אויפ'ן הויף, לעבען דער אייזערנער טירעל. ווען דער פאטרול איז דריי אזייגער פארטאג ארומגעגאנגען דעם הויף, האט א סאלדאט זיך אנגעשטויסען אן עטוואס, וואס איז געלעגען אויף דער ערד. מען האט געבראכט פייער און מען האט דערזעהן, אז דאס איז ריווארעס. ער איז געלעגען בעוואוסטלאז לעבען דער סאמע טירעל, איבער'ן וועג. מען האט גלייך אויפגעהויבען א טרעוואגע און מען האט מיך אויפגעוועקט. איך בין געגאנגען בעטראכטען זיין קאמער און האב דערזעהן, אז אלע גראטעס פון זיין פענסטער זיינען איבערגעזעגט און פון פענסטער הענגט ארונטער א שטריק, וועלכע איז אויסגעפלאכטען פון צוריסענע אונטערוועש. ער האט זיך איבער איהר ארונטערגעלאזען און איז דורכגעקראכען, פויזענדיג פערביי דער וואנד. די אייזערנע טירעל, וואס פיהרט צו דעם אונטעראירדישען דורכגאנג איז געווען אבגעשלאסען. דערפון קען מען דענקען, אז די וואך איז אונטערגעקויפט.

— אויף וועלכען אופן אבער איז ער געקומען אויף דעם וועג צום טירעל? איז ער ארונטערגעפאלען פון וואנד און האט זיך צושלאגען?

— איך האָב פון אָנפאַנג אויך אַזוי געדיינקט, אָבער דער געפּענגנים דאָקטאָר האָט אויף איהם ניט געפונען קיינע סמנים פון פאַלען. דער וועכ־טער האָט געזאָגט, אַז נעכטען אבענד, ווען מען האָט איהם געבראַכט מי־טאָג, איז ריוואַרעס געווען טוידט קראַנק און ער האָט גאַרנישט געגעסען, אָבער דאָס האָט ניט געקענט זיין. עס איז אונמעגליך, אַז אַ קראַנקער זאָל איבערזעגען אַזעלכע דיקע גראַטעס און זאָל אַריבער פּויזען אַזאַ וואַנד. דאָס איז אונדענקבאַר.

— דערצעהלט ער עפּעס וועגען דעם?

— ער איז בעוואוסטלאָז, אייער היילינקייט.

— נאָך אַלץ בעוואוסטלאָז?

— צייטענווייז קומט ער אַ ביסעל צו זיך, קרעכצט, ער פאַלט אָבער ווידער אַריין אין אַ בעוואוסטלאָזען צושטאַנד.

— עס איז זעהר זאָנדערבאַר. וואָס דענקט דער דאָקטאָר?

— ער ווייס ניט וואָס איבערצודענקען. ער געפינט ניט קיינע סמנים פון הארץ־קראַנקהייט, דורך וועלכער מען וואָלט זיך געקענט ערקלערען דעם צושטאַנד פון דעם קראַנקען. אין וואָס אָבער זיין קראַנקהייט זאָל ניט בע־שטעהען, איז איין זאַך קלאָר, אַז זי האָט איהם אָנגעכאַפּט פּלוצלונג, ווען ער איז שוין כמעט אַנטלאָפען. וואָס אַנבעלאַנגט מיך, דענק איך, אַז דאָ האָט זיך אַריינגעמישט די השגחה עליונה.

מאָנטאַנעלי'ס געזיכט האָט זיך פערוואָלקענט.

— וואָס דענקט איהר מיט איהם צו טהאָן? — האָט ער געפרעגט.

— דיעזע פראַגע וועט ענטשיידען ווערען די נעכסטע עטליכע טעג. דערווייל האָב איך געהאַט אַ גוטע לעקציע. דאָס איז דער רעזולטאַט פון די אַרונטערגענומענע קייטען — איהר וועט מיך ענטשולדיגען, אייער היי־ליגקייט.

— איך האָף — האָט געזאָגט מאָנטאַנעלי — אַז יעדענפאַלס וועט איהר איהם ניט פערשמיעדען, אַזוי לאַנג ווי ער איז קראַנק. אַ מענש אין אַזאַ צושטאַנד ווי ער איז יעצט, קען ניט מאַכען אַ צווייטען פערזוך צו אַנטלוי־פען.

— איך וועל שוין זאָרגען, אַז דאָס זאָל זיך ניט טרעפען — האָט אונ־טער'ן נאָז אַרויסגערעדט דער גאָווערנער, אַרויסגעהענדיג. זאָל אַפּילו זיין היילינקייט דערוואַרגען זיך מיט זיינע סענטימענטאַלע חלומות — מיר איז אָבער אַלץ איינס. ריוואַרעס איז יעצט פעסט איינגעשמידט אין קייטען און איך וועל זיי פון איהם ניט אַרונטער נעהמען, צו ער איז געזונד, צו קראַנק.

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

— אָבער ווי האָט דאָס געקענט פּאַסירען? פּערליערען דעם בע־וואוסטזיין די לעצטע מינוט, ווען אַלעס איז שוין געווען פאַרטיג, ווען ער איז שוין געווען ביים טירעל? אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען עפּעס אַ עקעלהאַפּ־טער שפּאַס.

— נאָך מיין מיינונג — האָט געזאָגט מאַרטיני — דאָס איינציגע וואָס מען קען זיך פאָרשטעלען איז, דאָס ער איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרען, דאָס ער האָט געקעמפּט מיט דער קראַנקהייט ביז די לעצטע כחות און אַז ער האָט זיך שוין אַרונטערגעלאָזען אין הויף, האָט ער פערלאָרען דעם בעוואוסטזיין פּשוט פון פיעל אָנשטרענגונג.

מאַרקאַני האָט מיט כעס אויסגעטרייסעלט די אַשעס פון זיין ליולקע.

— ווי עס זאָל ניט זיין, אָבער אַלעס איז שוין פערלאָרען, און מיר וועלען מעהר גאָר נישט קענען טהאָן פאַר איהם. אָרימער יונג!

— אָרימער יונג! — האָט שטיל ווידערהאָלט מאַרטיני. ער האָט אָנגעהויבען בעגרייפען, אַז פאַר איהם וועט די וועלט אויך אויסזעהען פּוסט און פער׳חשכ׳ט, ווען דער שטעכעדיגער וועט מעהר ניט זיין אויף איהר.

— וואָס דענקט זי? — האָט געפרעגט דער קאָנטראָבאַנדיסט, ווייזענדיג מיט׳ן פינגער אויף דזשעמאַ׳ן, וועלכע איז געזעסען איינזאַם אין אַ צווייטען ווינקעל פון צימער. איהרע הענד זיינען געלעגען בעוועגלאָז אויף איה־רע קניע און איהרע אויגען האָבען געקוקט ווייט, ניט זעהענדיג קיין זאַך פאַר זיך.

— איך האָב זי ניט געפרעגט. זי רעדט גאָר־נישט, זינד זי האָט זיך דערוואוסט. לאָמיר זי בעסער יעצט ניט בעאונרוהיגען.

עס האָט אויסגעוויזען, אַז זי בעמערקט זיי ניט, פונדעסטוועגען האָבען זיי גערעדט שטיל, אַזוי ווי אין צימער וואָלט זיך געפונען אַ מת. עס זיינען דורכגעגאַנגען עטליכע מינוט אין שווערען שווייגען. מאַרקאַני איז אויפ־געשטאַנען און האָט בעהאַלטען זיין ליולקע.

— איך וועל צוריק קומען אין אָבענד — האָט ער געזאָגט.

מאַרטיני האָט איהם מיט אַ מאַך מיט דער האַנד אָבגעשטעלט.

— געהט ניט אוועק. איך דאַרף נאָך מיט אייך רעדען. ער האָט נאָך שטילער אָנגעהויבען רעדען און פאַרטגעזעצט כמעט שעפּטשענדיג:

— דענקט איהר, אַז ס׳איז מעהר ניטאָ קיין האָפנונג?

— איך ווייס ניט וועלכע האָפנונג עס קען נאָך זיין. אַ צווייטער פער־זוך איז פאַר אונז אונמעגליך. אויב אָבער ער וואָלט אפילו געווען גענוג שטאַרק אום צו ערפילען זיין טהייל אַרבייט, וואָלטען מיר אָבער אונזערע ניט געקענט טהאָן. אַלע וועכטער זיינען פערדעכטיגט און מען בייט זיי

איבער; אונזער סאָלדאט וועט שוין מעהר ניט געלינגען ווידער אמאָל אָנקומען אין פעסטונג — איהר מעגט אין דעם זיין זיכער.

— דענקט איהר ניט — האָט פּלוצלונג א פרעג געטהאָן מארטיני — אז ווען ער וועט געזונט ווערען, וואָלטען מיר געקענט פּרובירען בעפרייען איהם, אָבציהענדיג די אויפמערקזאַמקייט פון די וועכטער?

— אָבציהען די אויפמערקזאַמקייט פון די וועכטער? וואָס מיינט איהר דערמיט צו זאָגען?

— מיר איז איינגעפאַלען אזא געדאַנק: אין דעם טאָג פון „קאָרפּוס דאָמיני", ווען די פּראָצעסיאָן וועט דורכגעהען פערביי דער פעסטונג, זאָל איך פּלוצלונג פערצאַמען די וועג דעם גאַ־ועַרנאר און אויסשיסען איהם גלייך אין געזיכט. אַלע וועכטער וואָלטען זיך געלאָזען לויפען מיך כאַפּען, — עס וואָלט זיך אויפגעהויבען א שרעקליכע טומאַטאַכע, — און איהר און אייערע חברים וואָלטען דערווייל געקענט איהם בעפרייען. דאָס איז נאָך דערווייל ניט קיין פולער פּלאַן. מיר איז דאָס ערשט איינגעפאַלען.

— איך גלויב ניט אז דאָס זאָל אונז געלינגען צו אָרגאַניזירען — האָט געזאָגט מארקאָני זעהר ערנסט. מען דאַרף דאָס, נאַטירליך, זעהר גרינד־ליך בעטראַכטען, אום צו מאַכען עס ערפאָלגרייך. אָבער... — ער האָט א קוק געטהאָן אויף מארטיני — אָבער, ווען זאָגאר דאָס וואָלט געווען מעג־ליך צו אָרגאַניזירען, וואָלט איהר זיך אונטערגענומען שיסען דעם גאָווער־נער?

— אויב איך וואָלט זיך אונטערגענומען? — האָט מארטיני ווידער־האָלט — טהוט א קוק אויף איהר!

אַלע אַנדערע ערקלערונגען זיינען געווען ניט וויכטיג. מיט דיעזע ווער־טער איז אַלעס געזאָגט געוואָרען. מארקאָני האָט זיך אומגעקעהרט און א קוק געטהאָן אויף דזשעמאַ'ן.

זי האָט ניט געמאַכט קיין בעוועגונג, זינד דער געשפּרעך האָט זיך אָנ־געפאַנגען. איהר געזיכט האָט ניט אויסגעדריקט ניט קיין צווייפעל, ניט קיין מורא, זאָגאר קיינע ליידען — קיין זאַך אויסער א שאָטען פון טוידט. די אויגען פון קאָנטראַבאַנדיסט זיינען פול געוואָרען מיט טרעהרען, ווען ער האָט אויף איהר א קוק געטהאָן.

— איילט זיך צו, מיקעלע — האָט ער געזאָגט עפענענדיג די טיר צו דער וועראַנדע. בלויז איהרביידע האָט זיך ניט ארויסגעשלאָגען פון כחות. עס זיינען נאָך דאָ הונדערט זאַכען צו בעזאָרגען.

מיקעלע און דזינא זיינען ארויף אויף דער וועראַנדע.

— איך בין פאַרטיג — האָט געזאָגט מיקעלע —איך האָב בלויז גע־וואָלט פרעגען די סיניאָרע...

ער האָט זיך געלאָזען געהן אין דער ריכטונג צו דזשעמא. מארטיני האָט איהם א שלעפּ געטהאָן פאר'ן ארבעל.

— טשעפּעט זי ניט. איהר איז בעסער, ווען זי איז אליין.

— לאָזט זי צורוה — האָט צוגעגעבען מארקאָני — פון אונזער טרויס־טען וועט גאָר ניט ארויסקומען. גאָט איז אַן עדות, אז ס'איז אונז אלע־מען שווער. איהר אָבער, דער אונגליקליכער, איז שווערער פון אלעמען...

5.

א גאַנצע וואָך איז דער שטעכעדיגער געלעגען אין א שרעקליכען צו־שטאַנד. ער איז געווען זעהר קראַנק, און דער גאָווערנער, ווילד ווערענדיג פון מורא, האָט ניט נור פערשמידט דעם קראַנקען'ס הענד און פיס אין קיי־טען, נור ער האָט אויך געהייסען צובינדען איהם צום בעטעל מיט רימענס. די רימענס זיינען געווען פערצויגען אַזוי שטייף, דאָס ביי יעדער בעוועגונג האָבען זיי זיך איינגעשניטען אין זיין קערפּער. ביז דעם זעקסטען טאָג האָט „דער שטעכעדיגער" דאָס אלעס איבערגעטראָגען מיט זיין געוועהנ־ליכער עקשנות. נאָך דעם אָבער איז זיין שטאָלץ געבראָכען געוואָרען און ער האָט כמעט מיט טרעהרען אין די אויגען געבעטען זיך ביים געפענגנים־דאָקטאָר, ער זאָל איהם געבען א ביסעל אָפּיום. דער דאָקטאָר האָט גערן איינגעוויליגט, אבער דער גאָווערנער דערהערענדיג דיזע בקשה, האָט שטאַרק פערבאָטען „אַזא צולאָזענקייט".

— פון וואַנען ווייסט איהר, אויף וואָס ער דאַרף דעם אָפּיום? — האָט ער געענטפערט — ס'איז זעהר מעגליך, אז ער האָט די גאַנצע צייט בלויז געמאַכט זיך קראַנק און ער וויל גאָר מיט'ן אָפּיום איינשלעפערען דעם וועכטער, אָדער אָבטהאָן אַן אַנדער שפּיצעל. ער איז אויף אלעס פעהיג.

— אויב איך וועל איהם געבען א קליינע דאָזע, וועט ער דערמיט ניט קענען איינשלעפערען דעם וועכטער — האָט געענטפערט דער דאָקטאָר מיט א שמייכעל — אז ער זאָל זיך בלויז מאַכען קראַנק, איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען. ער וועט כמעט ווי זיכער שטאַרבען.

— וואָס עס זאָל ניט זיין, אָבער איך וועל ניט ערלויבען צו געבען איהם אָפּיום. אויב א מענש וויל מען זאָל זיך מיט איהם צערטלען, טאָ זאָל ער ניט זיין אַזא עקשן. ער האָט פאָלשטענדיג פערדיענט די אַנוועג־דונג פון גענוג שטרענגע מיטלען. עס קען זיין, אז דאָס זאָל איהם זיין א לעקציאָן און עס וועט איהם אויסלערנען א ביסעל פאָרזיכטיגער צו בעגעהען זיך מיט אייזערנע גראַטעס...

— דער געזעץ אָבער פערבאָט דאָך צו פּייניגען — האָט זיך דער

דאָקטאָר ערלויבט צו בעמערקען — און דיזע „געגוג שטרענגען מיטלען" זיינען איינפאַכע יסורים.

— דער געזעץ, גלויב איך, זאָגט אויך גאָר ניט װעגען אַפּיום — האָט געזאָגט דער גאָווערנאָר מיט אויפרעגונג אין זיין שטימע.

— נאַטירליך איז עס פאַר אייך צו ענטשיידען. איך האָף פון דעסט־וועגען, אַז איהר וועט ערלויבען וועניגסטענס ארונטערנעהמען פון איהם די רימענס. זיי זיינען אין גאַנצען איבעריג און פערגרעסערען בלויז זיינע ליידען. עס איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען יעצט, אַז ער וועט אַנטלויפען. ווען מען וואָלט איהם זאָגאָר בעפרייט פון די קייטען, וואָלט ער זיך ניט געקענט האַלטען אויף די פיס.

— דאָקטוירים קענען אַ טעות האָבען, אזוי ווי אַלע שטערבליכע. ער איז שטאַרק צוגעבונדען און וועט אַזוי פערבלייבען.

— טאָ הייסט װעניגסטענס שוואַכער מאַכען די רימענס. עס איז דאָך אמת'ער באַרבאַריזם פערציהען זיי אויף שטייף.

— זיי וועלען בלייבען ווי זיי זיינען און אייך און וועל איך העפליכסט בעטען איהר זאָלט מיר מעהר ניט רעדען וועגען באַרבאַריזם. אויב איך טהו עפּעס, האָב איך פאַר דעם אַן אורזאַכע.

אויף אַזאַ אופן איז קיין פערלייכטערונג ניט געקומען אויך אויף דער זיבעטער נאַכט און דער סאָלדאַט וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך לע־בען דער טיר פון דעם שטעכעדיגען'ס קאַמער, האָט אַ גאַנצע נאַכט געשוי־דערט און האָט זיך גע'צלם'ט, הערענדיג די האַרצרייסענדע קרעכצען פון דעם פערשפּאַרטען. צום סוף האָט ער עס מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען.

זעקס אַזייגער אין דער פריה, פאַר זיין אָוועקגעהן, האָט דער סאָלדאַט פאָרזיכטיג געעפענט די טיר און איז אריין אין דער קאַמער. ער האָט גע־וואוסט, אַז ער בעגעהט אַן ערנסטען פערברעכען געגען דער דיסציפּלין, אָבער ער האָט ניט געקענט אָוועקגעהן, ער זאָל ניט זאָגען אַ גוט וואָרט דעם קראַנקען.

„דער שטעכעדיגער" איז געלעגען אונבעװעגליך, מיט פערמאַכטע אוי־גען און מיט אַ האַלב אָפענעם מויל. אַ מינוט איז דער סאָלדאַט געשטאַנען לעבען איהם שווייגענדיג, נאָכהער האָט ער זיך אָנגעבויגען און ער האָט געפרעגט:

— קען איך עפּעס טהאָן פאַר אייך, מיין הערר? זאָגט שנעל, איך האָב בלויז איין מינוט.

„דער שטעכעדיגער" האָט געעפענט די אויגען.

— לאזט מיך — האט ער אויסגעקרעכצט — לאזט מיך צורוה.
און איידער דער וועכטער האט צייט געהאט אומקעהרען זיך צו זיין פלאץ, האט דער שטערבעדיגער שוין געשלאפען.

צעהן טעג שפעטער האט דער גאוורנער ווידער א מאהל בעזוכט דעם פאלאץ, נור מען האט איהם געזאגט, אז דער קארדינאל איז אוועקגעגאנגען בעזוכען א קראנקען און ער וועט צוריקקומען ערשט אין אבענד..
אין אבענד, ווען דער גאווערנאר איז געזעסעןביים טיש צו מיטאג, איז אריינגעקומען דער דיענער און האט געמעלדעט:
— זיין היילינקייט וויל מיט אייך רעדען.
דער גאווערנער האט אויף זיך געווארפען א שנעלען בליק אין שפיגעל, כדי צו איבערצייגען זיך אויב זיין מונדיר איז אין גוטער ארדנונג, ער האט אנגענומען אן אויסזעהן פול מיט זעלבסטווירדע און איז ארויס אין פאר־צימער. מאנטאנעלי איז דארטען געזעסען, קוקענדיג פערטראכט אין פענסטער און געפויקט מיט די פינגער אויף דער הענטעל פון בענקעל. צווישען זיינע ברעמען איז געלעגען אן אונרוהיגער קנייטש.
— מען האט מיר געזאגט, אז איהר זייט היינט געווען ביי מיר — האט ער געזאגט, שארף איבעררייסענדיג די העפליכע בעגריעסונג פון דעם גאווערנער, אננעהמענדיג כמעט א בעפעהלענדען אויסזעהן, וועלכען ער פלעגט קיינמאל ניט האבען, בשעת ער פלעגט רעדען מיט פויערים — וואהרשיינליך זייט איהר געקומען מיט מיר רעדען וועגען דעם זעלבען ענין, וועגען וועלכען איך האב געוואלט מיט אייך רעדען.
איך בין געווען ביי אייך צוליעב ריווארעס'ען, אייער היילינקייט.
— איך האב אזוי געדענקט. די לעצטע טעג האב איך די פראגע בעטראכט. נור איידער מיר טרעטען צו צו איהר, האב איך אייך געוואלט פרעגען, צו האט איהר ניט עפעס נייעס?
דער גאווערנער האט געדרעהט די וואנצעס מיט א צוטומולטען אויסזעהן.
— די זאך איז די, איך בין געווען ביי אייך צו ערפאהרען, אויב אייער היילינקייט האט מיר עפעס צו זאגען. אויב איהר זייט נאך אלץ דאגעגען דעם פארגעשלאגענעם פלאן, וואלט איך געווען זעהר צופריעדען איהר זאלט מיר אן עצה געבען, וואס איך זאל טהאן, ווייל, אויף מיין ווארט, איך וויים ניט ווי צו האנדלען.
זיינען דען דא נייע שוועריגקייטען?
— דער יום טוב „קארפוס דאמיני" וועט זיין דעם קומענדען דאנער־

שטאג, דעם 3טען יוני און די פראגע, אזוי צו אזוי, דארף ביז דאן ענטשיע־דען ווערען.

— יע, דאַנערשטאג איז „קאַרפּוס דאַמיני,“ ריכטיג, נור ווארום דארף די פראגע ענטשיעדען ווערען ביז יענעם טאַג?

— מיר איז זעהר אונאנגענעהם, אייער הייליגקייט, דאַס עס קומט אויס, אז איך שטעה אין אן אפּאָזיציאָן צו אייך; אָבער איך קען אויף זיך ניט נעהמען די פעראנטוואָרטליכקייט פאר דער רוהיגקייט פון דער שטאָדט. כל זמן מיר וועלען ניט פּטור ווערען פון ריוואַרעס'ען ביז יענער צייט. יענעם טאָג, ווי אייער הייליגקייט איז געווים בעוואוסט, קומען זיך צוזאַמען אהער די געפעהרליכסטע עלעמענטען פון די בערג. עס איז מעהר ווי ווארשיינליך, אז זיי וועלען מאכען א פערזוך צו עפענען מיט גוואלד די טויערען פון דער פעסטונג און צו בעפרייען איהם. דאָס וועט זיי ניט גע־לינגען. איך וועל וועגען דעם שוין זאָרגען, אויב אפילו עס וועט מיר אויס־קומען אָבטרייבען זיי פון די טויערען מיט קוילען. עטוואָס עהנליכעס וועט געווים פאָרקומען יענעם טאָג. דאָ אין ראמאניען זיינען די מענשען אמת'ע רוצחים און אז עס וועט שוין האַלטען ביי מעסערס...

— איך דענק, אז מען קען פערהיטען עס זאָל ניט קומען צו מע־סערס. איך האָב אויסגעפונען, אז מיט דיעזע מענשען קען מען לייכט אויס־קומען, ווען מען ווייס נור ווי זיך צו בעגעהען מיט זיי. פערשטעהט זיך, אויב מען רעדט דאגעגען א ראָמאַנער, אָדער מען סטראשעט איהם, דאַן שטעלט ער זיך אַנטקעגען. האָבען מיר דען וועלכען עס איז גרונד צו דענ־קען, אז עס אָרגאַניזירט זיך א נייער פערזוך צו בעפרייען ריוואַרעס'ען־?

— איך האָב געהערט היינט אין דער פריה און נעכטען אויך פון מיינע פערטרויענסווערטע אַגענטען, אז איבער דער געגענד טראָגען זיך ארום פיעלע אונרוהיגע קלאַנגען, עס גרייט זייך עפּעס ניט קיין פרעהליכעס. די איינצעלהייטען ווען מיר וואָלטען געוואוסט, וואָלט דאַן לייכטער געווען זיך פאָרצובערייטען פאר דעם. איך פערזענליך וואָלט זיך צוגעגרייט צו דאָס ערגסטע. מען קען גאָרניט זיין צופיעל פאָרזיכטיג מיט אזא כיט־רען פוקס, ווי ריוואַרעס.

— פאָריגען מאָל האָט איהר געזאָגט, אז ריוואַרעס איז שטאַרק קראנק, קען זיך ניט בעוועגען און קען ניט רעדען. ווייזט אויס, ער ווערט שוין בעסער אין געזונד?

— ויאהרשיינליך איז איהם יעצט פיעל בעסער. ער איז געווען זעהר קראנק, אויב, נאַטירליך, ער האָט זיך ניט געמאַכט...

— האָט איהר א אורזאכע צו חושד זיין איהם אין דעם?

— דער דאָקטאָר איז פאָלשטענדיג איבערצייגט, אז ער מאַכט זיך ניט;

אָבער זיין קראַנקהייט איז פון אַ זעהר געהיימען כאַראַקטער, דאַרף איך אייך זאָגען. אַזוי צו אַזוי, ער ווערט שוין געזונד און מיט איהם איז פיעל שווע־רער יעצט אויסצוקומען, ווי ווען עס איז פריהער.

— וואָס טהוט ער אַזעלכעס?

— צום גליק, קען ער גאָר נישט טהאָן — האָט ער געענטפערט און אַ שמייכעל געטהאָן, דערמאָנענדיג זיך וועגען די רימענס — אָבער די אַרט און ווייזע ווי ער האַלט זיך — דאָס איז עטוואָס אונבעשרייבליכעס. געכטען אין דער פריה בין איך אַריין צו איהם אין קאַמער, שטעלען איהם עטליכע פראַגען. ער איז נאָך צו שוואַך ער זאָל קענען קומען צו מיר אויפ'ן פער־הער. און עס איז אויך בעסער, אַז זייטיגע זאָלען איהם ניט זעהן ביז וואנען ער וועט ניט אין גאַנצען געזונד ווערען. דאָס וואָלט זאָגאַר געווען פערבונדען מיט אַ ריזיקע. מען וואָלט גלייך אויסגעטראַכט אַ היסטאָריע.

— אַלזאָ, זייט איהר געגאַנגען איהם שטעלען עטליכע פראַגען?

— יע, אייער הייליגקייט, איך האָב געהאָפט, אַז יעצט איז ער אַ ביסעל קליגער געוואָרען.

מאַנטאַנעלי האָט אַ קוק געטהאָן אויפ'ן גאָווערנער מיט אַזאַ בליק, אַזוי ווי ער וואָלט געשטודירט עפּעס אַ נייעס פאַר איהם, אַ זאָאָלאָגישע בעשע־פענים. דער גאָווערנאָר האָט ניט בעמערקט זיין בליק, און האָט פאָרט־געזעצט מיט אַ רוהיגען טאָן.

— איך האָב זיך ניט בענוצט מיט קיינע אויסערגעוועהנליכע מיטלען, אָבער איך בין געווען געצוואונגען ארויסצוצייגען אַ ביסעל שטרענגקייט, ווייל אונזער געפענגניס איז דאָך אַ מיליטערישע. דארום האָב איך געהאָפט אַז געוויסע פערלייכטערונגען קענען גראָדע יעצט זיין אין צייט. איך האָב איהם פאָרגעשלאָגען בעדייטענד פערלייכטערען דעם רעזשים, אויב ער וועט איינשטימען אויפפיהרען זיך פערנינפטיג. ווי דענקט איהר אייער הייליג־קייט, וואָס האָט ער מיר אויף דעם געענטפערט? אַ ווײַלע האָט ער אויף מיר געקוקט, ווי אַ וואָלף, וואָס איז אַריינגעפאַלען אין אַ פאַסטקע, נאָכהער האָט ער געזאָגט מיט אַ פאַלשטענדיג רוהיגען טאָן: "איך קען ניט אויפ־שטעהען און דערשטיקען אייך, אָבער מיינע ציינער זיינען גוט גענוג. האַלט אייער גאָרגעל אַ ביסעל ווייטער." ער איז אַזוי אונצאַהמבאַר, ווי אַ ווילדע קאַץ.

— דאָס וואונדערט מיך ניט אפילו אויף אַ האָר — האָט רוהיג גע־ענטפערט מאַנטאַנעלי — איך וועל אייך יעצט שטעלען אַ פראַגע: גלויבט איהר אויפריכטיג אין דעם, אַז ריוואַרעס'ס אנוועזענהייט אין דער היגער געפענגניס שטעלט מיט זיך פאַר וועלכע ניט איז געפאַהר פאַר דער רוהיג־קייט פון דער געגענד?

— אויף דעם אויפריכטיגסטען אופן, אייער הייליגקייט.

— דענקט איהר, אַז כדי צו פערהיטען בלוט פערגיסונג, איז נויטיג אזוי צו אזוי פּטור ווערען פון איהם ביז „קאַרפּוס דאָמיני״?

— איך קען בלויז נאָך א מאָל ווידערהאָלען, אַז אויב ער וועט דאַ זיין דאָנערשטאַג, וועט דער יום טוב ניט פאַראיבערגעהן אָהן אונרוהען און, העכסט וואהרשיינליך, זעהר ערנסטע.

— און נאָך אייער מיינונג דאַרף מען איהם בלויז דערוויטערען פון דאַ־נען, כדי צו פערהיטען די געפאַהר?

— דאַן וועלען קיינע אונרוהען ניט זיין, אין ערגסטען פאַל, וועט מען זיך א ביסעל אָנשרייען און וואַרפען א פּאָר שטיינער. אויב אייער הייליג־קייט וועט געפינען א וועג ווי אזוי פּטור צו ווערען פון איהם, בין איך דאַן פעראַנטוואָרטליך פאַר דער אָרדנונג. אין געגענפאַל ערוואַרט איך ערנסטע פּאַסירונגען. איך בין איבערצייגט, אַז עס גרייט זיך צו א נייער פערזוך צו בעפרייען איהם און דאַס קען מען ערוואַרטען טאַקע דאָנערשטאַג. אויב מען וועט יענעם טאָג ערפאַהרען, אַז ער איז מעהר ניטאָ אין פעסטונג, וועט דיזער פּלאַן ממילא דורכפאַלען. אָבער אויב אונז וועט אויסקומען זיך אָב־שלאָגען און צווישען די גרויסע מחנות פון פאָלק וועלען די מעסערס אָנהויי־בען ארבייטען, דאַן וועט די שטאָדט פערניכטעט ווערען פון פייער איידער די נאַכט וועט אָנקומען.

— וואָרום זאָלט איהר, אין אזא פאַל, ניט איבערפיהרען איהם און ראַווען?

— גאָט איז מיין עדות, אייער הייליגקייט, אַז איך וואָלט דאַס געטהאָן זעהר גערן, אָבער דאַן זיינען מיר ניט זיכער, אויב זיי וועט ניט געלינגען צו בעפרייען איהם פון מיטען וועג. איך האָב ניט גענוג סאָלדאַטען זיי זאָלען קענען אָבשלאָגען א בעוואפענטען אָנפאַל, און אַלע בערג־איינוואָהנער האָ־בען מעסערס, ביקסען אָדער עטוואָס עהנליכעס.

— פאָלגליך פערלאַנגט איהר א מיליטער־געריכט און איהר ווילט מיין הסכמה?

— ענטשולדיגט, אייער הייליגקייט, דאָס איינציגע וואָס איך פערלאַנג פון אייך איז, איהר זאָלט מיר העלפען פערהיטען בלוט־פערגיסונג און אונ־רוהען. איך בין פאָלשטענדיג איינשטימיג, אַז אזעלכע מיליטער פעלד־גע־ריכטען, אויף וועלכע דער פּאָלקאָווניק פרעדדי איז געווען פאָרזיצענדער, זיינען צייטענווייז געווען איבעריג שטרענג, זיי האָבען בלויז אויפגערייצט דעם פאָלק, אנשטאָט צו בערוהיגען איהם. אין דיעזען פאַל וואָלט א מילי־טער־געריכט געווען א גאַנץ פערנינפטיגער מיטעל און סוף כל סוף אויך א בארמהערציגער. ער וואָלט פערהיט אונרוהען, וועלכע זיינען אַן און פיר

זיך אן אונגליק און קענען צוריק אַרויסרופען די מיליטער פעלד־געריכטען, וועלכע זיין א ל ל ע ר ה י י ל י ג ק י י ט האָט פערבאָטען.

דער גאָווערנער האָט געענדיגט זיין קורצע רעדע זעהר פייערליך און געוואָרט אויף דעם קאַרדינאַל׳ס ענטפער. וואַרטען איז איהם אויסגעקומען גאַנץ לאַנג און דער ענטפער האָט איהם ווי א דונער געטראָפען מיט זיין אונערוואַרטעהייט.

— גאָווערנער פעראַרי, גלויבט איהר אין גאָט?

— אייער הייליגקייט! — האָט דער גאָווערנער געשטאַמעלט, שווער אָטהעמענדיג, און זיין שטימע האָט זיך אָבגעהאַקט פון אויפגערעגטקייט.

— גלויבט איהר אין גאָט? — האָט מאָנטאַנעלי ווידערהאָלט, אויפ־שטעהענדיג און קוקענדיג אויף איהם מיט א שאַרפען דורכדרינגענדען בליק.

דער גאָווערנער האָט זיך אויפגעשטעלט.

— אייער הייליגקייט, איך בין א קריסט און ביז יעצט האָט מען מיר נים ענטזאָגט צו מוחל זיין מיר אויף מיינע זינד.

מאָנטאַנעלי האָט אויפגעהויבען פון זיין ברוסט דעם צלם.

— דאַן שווערט מיר ביים צלם פון אונזער ערלעזער, וועלכער איז גע־שטאָרבען פאַר אונז, אז איהר האָט מיר געזאָגט דעם אמת.

דער גאָווערנער איז געשטאַנען אונבעוועגליך, קוקענדיג מיט א פערלאָ־רענעם בליק אויפ׳ן קאַרדינאַל. ער האָט אויף קיין פאַל נים געקענט פער־שטעהן, ווער פון זייביידע האָט זיך געריהרט פון זינען — ער, אָדער דער קאַרדינאַל.

— איהר האָט געבעטען — האָט פאָרטגעזעצט מאָנטאַנעלי — איך זאָל אייך געבען מיין הסכמה צו טוידטען א מענשען, קושט דעם צלם, אויב אייער געוויסען ערלויבט אייך דאָס צו טהאָן, און זאָגט מיר נאָך א מאָל, אז איהר ווייסט נים קיין אַנדער מיטעל צו פערהיטען בלוט־פערגיסונג. גע־דענקט זשע, ווען איהר זאָגט א ליגען, פערלירט איהר אייער אונשטערבליכע נשמה.

עטליכע אייגענבליקען האָבען זיי ביידע געשוויגען, נאָכהער האָט זיך דער גאָווערנער אָנגעבויגען און האָט צוגעלעגט זיינע ליפען צום צלם.

— איך ווייס קיין אַנדער מיטעל — האָט ער געזאָגט.

מאָנטאַנעלי האָט זיך לאַנגזאַם אומגעדרעהט, כדי אוועקצוגעהען.

— מאָרגען וועל איך אייך געבען איין בעשטימטען ענטפער. איך דאַרף אָבער פריהער זיך זעהען מיט ריוואַרעס׳ען און רעדען מיט איהם אונטער פיער אויגען.

— אייער הייליגקייט.... אויב מיר איז ערלויבט צו געבען אייך אן עצה.... כ׳בין איבערצייגט, אז איהר וועט שפּעטער חרטה האָבען. יע, גוט,

וואָס איך האָב זיך דערמאָנט, ער האָט נעכטען געשיקט זאָגען, אז ער וויל אייך זעהען, נור איך האָב צו זיינע רייד ניט געשענקט קיין אויפמערקזאמ־קייט, ווייל, —

— איהר האָט ניט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט! — האָט נאָכ־געזאָגט מאנטאנעלי — אַ מענש ווענדעט זיך צו אייך אין אזא נויט און איהר שענקט איהם ניט קיין אויפמערקזאמקייט? ...

— איך בעדויער זעהר וואָס אייער הייליגקייט איז אזוי אונצופריעדען. איך האָב אייך ניט געוואָלט בעאונרוהיגען, נור צוליעב דעם איהר זאָלט אויסהערען זיינע עזות'קייטען. איך קען שוין ריוואַרעס'ען צו גוט, איך זאָל זיין איבערצייגט, אַז ער וויל אייך פּשוט בעליידיגען. איך ערלויב מיר, אגב אורחא, אייך צו זאָגען, אַז צוגעהען צו איהם נאָהענט אונבעוואַכט איז ווייט ניט אונגעפעהרליך, אויף אזוי ווייט ניט אונגעפעהרליך, אַז איך האָב געפּו־נען פאר נויטיג מאַכען איהם אונשולדיג, אַנווענדענדיג מיטלען, וועלכע זיינען, איבריגענס, גאַנץ מילדע מיטלען"?

— דיינקט איהר הייסט עס ווירקליך, אַז עס איז געפעהרליך צו געהן נאָהענט צו אַ קראַנקען אונבעוואָפענטען מענשען, ווען איהר האָט נאָך דערצו געזאָרגט „צו מאַכען אונשעדליך, אַנוועגדענדיג גאַנץ מילדע מיט־לען"?

מאָנטאַנעלי האָט גערעדט מיט אַ רוהיגען קול, אָבער דער גאָווערנאָר האָט דערפיהלט אין זיין טאָן אַ פערבאָרגענע פעראַכטונג און די פאַרב איז איהם געקומען אין פּנים אריין.

— אייער הייליגקייט וועט טהאָן ווי ער וועט וועלען — האָט ער געזאָגט זעהר טרוקען — איך האָב בלויז געוואָלט פערהיטען אייך פון אונאַנגענעמ־ליכקייטען, אויסצוהערען זיינע געפעהרליכע גאָט־לעסטערונגען.

— וואָס דענקט איהר איז שווערער פאַר אַ גלויביגען קריסט: אויס־הערען גאָט־לעסטערונגען, אָדער פערלאָזען זיין מענשען־ברודער, וועלכער גע־פינט זיך אין דער לעצטער נויט?

דער גאָווערנער איז געשטאַנען אויסגעצויגען, אין גאַנצען פערגליווערט אין זיין אָפיציעלער טרוקענקייט. זיין געזיכט האָט אויסגעוויזען צו זיין אויסגעשניצט פון האָלץ. ער איז געווען טיעף בעליידיגט דורך מאָנטאַנע־לי'ס האַלטונג און האָט ארויסגעוויזען זיין אונצופריעדענהייט מיט דער אי־בערטריבענער אָפיציאַליטעט פון זיינע מאַנערען.

— ווען וויל, אייער הייליגקייט, בעזוכען דעם ארעסטירטען? — האָט ער געפרעגט.

— איך געה גלייך צו איהם.

— ווי איהר ווילט, אייער הייליגקייט. וועט איהר ניט אזוי גוט זיין

צואוואַרטען דאָ אַ ביסעל, ביז וואַנען איך וועל אימיצען שיקען זאָגען מען זאָל איהם פאַרבעררייטען?

דער גאָווערנער האָט זיך מיט אַ מאָל אַרונטערגעלאָזען פון זיין אַפּיצי־עלען פּעדעסטאַל. ער האָט ניט געוואָלט, אַז מאַנטאַנעלי זאָל זעהן די רי־מענס.

— איך דאַנק אייך. איך וואָלט פאַרגעצויגען זעהן איהם אַזוי ווי ער איז, אָהן קיינע פּאַרבעררייטונגען. איך געה גלייך אין פעסטונג. אויף ווידערזעהען! מאָרגען פריה גיב איך אייך מיין בעשטימטען ענטפער.

6.

דער שטעכבעדיגער האָט דערהערט, אַז מען עפענט די טיהר פון זיין קאַמער און ער האָט גלייכגילטיג אַ קוק געטהאָן אהין. ער האָט געדענקט, אַז דאָס געהט דער גאָווערנער מאַטערען איהם מיט אַ נייעם פערהער. אי־בער דער שמאָלער טרעפּעל האָבען זיך געהערט די טריט פון די סאָלדאַטען און דער קלאַנג פון זייערע ביקסען, וועלכע האָבען זיך געקלאַפּט אַן וואַנד.

אימיצער האָט געזאָגט מיט זעהר אַ העפליכען טאָן;

— די טרעפּ זיינען דאָ געדרעהטע, אייער הייליגקייט.

דער שטעכבעדיגער האָט זיך פּיבערהאַפט אַ ריס געטהאָן פון אָרט, אָבער די רימענס האָבען זיך גלייך איינגעשניטען אין זיין קערפּער און ער האָט זיך אין גאַנצען אויפגעקאַרטשעט, אָטהעמענדיג זעהר שווער.

אין קאַמער איז אַריין מאַנטאַנעלי, נאָך איהם אַ סאַרזשענט און דריי סאָלדאַטען.

— אייער הייליגקייט, זייט אַזוי גוט און וואַרט צו אַ ביסעל — האָט געזאָגט דער סערזשאַנט און זיין שטימע האָט לייכט געציטערט — באַלד וועט מען אייך ברענגען אַ שטוהל. איך האָב געשיקט אַ מענשען נאָך איהם. איהר וועט אונז ענטשולדיגען, אייער הייליגקייט: ווען מיר וואָלטען אייך ערוואַרטעט, וואָלטען מיר געווען אַלעס צוגעגרייט.

— מען האָט גאָר ניט געדאַרפט צוגרייטען, סאַרזשאַנט. זייט אַזוי גוט און לאָזט מיך איבער אליין מיט'ן אַרעסטירטען. איהר וועט אויף מיר וואַרטען אויף די טרעפּ.

— צו אייער בעפעהל, אייער הייליגקייט. אָט איז שוין דאָ דער שטוהל: וואו וועט איהר איהם הייסען שטעלען?

דער שטעכבעדיגער איז געלעגען מיט פערמאַכטע אויגען, אָבער ער האָט אויף זיך געפיהלט מאָנטאַנעלי'ס בליק.

— דאַכט זיך, ער שלאָפט, אייער הייליגקייט — האָט ווידער אָנגע־פאַנגען דער סערזשאַנט. אין דיזען אויגענבליק האָט דער שטעכבעדיגער געעפענט די אויגען.

— ניין, איך שלאף ניט — האט ער געזאגט.

די סאלדאטען האבען זיך שוין געקליבען אוועקצוגעהען, נור מאנטאנע־לי'ס פלוצלונגער אויסגעשריי האט זיי אבגעשטעלט. ער האט זיך אנגעבוי־בויגען איבער דעם ארעסטירטען און בעטראכט די רימענס.

— ווער האט עס געטהאן? — האט ער געפרעגט.

— דער גאווערנער האט אזוי געהייסען, אייער היילייגקייט.

— איך האב וועגען דעם גאר ניט געוואוסט, סינאר ריווארעס — האט געזאגט מאנטאנעלי און א טיפער טרויער האט זיך געהערט אין זיין קול.

דער שטעכעדיגער האט א שמייכעל געטהאן מיט זיין געוועהנליכען שטרענגען שמייכעל.

— איך האב דאך געזאגט אייער היילינקייט, אז איך האב ניט ערוואר־טעט מען זאל מיר גלעטען איבער'ן קעפעל.

— ווען האט מען עס בעפוילען, סארזשענט?

— נאך זיין פערזוך צו אנטלויפען, אייער היילינקייט.

— מעהר ווי צוויי וואכען צוריק? ברענגט א מעסער און צושניידט גלייך די רימענס.

— ענטשולדיגט, אייער היילינקייט דער דאקטאר האט אויך געוואלט זיי ארונטערנעהמען, אבער דער גאווערנער פעראריי האט ניט ערלויבט.

— ברענגט שנעל א מעסער.

מאנטאנעלי האט ניט אויפגעהויבען העכער זיין שטימע, אבער זיין געזיכט איז בלאס געווארען פון כעס. דער סערזשאנט האט ארויסגענומען פון קעשענע א צונויפגעלעגטען מעסער און אנבויגענדיג זיך איבער דעם ארעסטירטען, האט ער זיך גענומען שניידען דעם רימען וואס האט איהם פערצויגען די הענד. ער האט עס געטהאן זעהר אונגעשיקט און דערביי פערצויגען דעם רימען נאך שטארקער. דער שטעכעדיגער האט א ציטער געטהאן און פערביסען די ליפען. מאנטאנעלי איז שנעל צוגעקומען.

— איהר קענט ניט, גיט מיר אהער דעם מעסער.

— א־א־א! — די רימענס האבען זיך צושאטען.

דער שטעכעדיגער האט אויסגעגלייכט די הענד און פון זיין הארצען האט זיך ארויסגעריסען א לאנגער פערלייכטערונגס־זיפץ. נאך א שניט מיט'ן מעסער און מאנטאנעלי האט בעפרייט זיינע פיס.

— נעהמט פון איהם אויך ארונטער די קאנדאלען, סערזשאנט, נאכהער וועט איהר צוגעהען צו מיר. איך וויל מיט אייך רעדען.

מאנטאנעלי איז אבגעגאנגען צום פענסטער און שווייגענדיג געקוקט ווי דער סערדזשאנט האט ארונטערגענומען פון דעם ארעסטירטען די קייטען, אז ער האט געענדיגט זיין ארבייט, איז דער סערזשאנט צוגעקומען צו איהם.

— יעצט האָט געזאָגט מאָנטאַנעלי — דערצעהלט מיר אַלעס וואָס עס האָט פּאַסירט פאַר דער צייט.

דער סערזשאַנט האָט גאַנץ גערן דערצעהלט אַלעס, וואָס ער האָט געוואוסט: וועגען דעם שטעכעדיגען'ס קראַנקהייט, וועגען די „שטרענגע מיטלען" און וועגען דעם אונגעלונגענעם פערזוך פון דעם דאָקטאָר ארייצוזומישען זיך.

— אָבער איך, אייער הייליגקייט, דענק אזוי — האָט ער צולעצט צוגעגעבען — דער גאָווערנער האָט אַבזיכטליך ניט געהייסען אַרונטערצונעהמען די רימענס, כדי צו צווינגען איהם, ער זאָל זיך מודה זיין.

— מודה זיין?

— יע, אייער הייליגקייט. עטליכע טעג צוריק האָב איך געהערט ווי דער גאָווערנער האָט איהם פאָרגעשלאָגען אַרונטערצונעהמען די רימענס, אויב ער — דאָ האָט דער סאַרדזשענט געוואָרפען אַ שנעלען בליק אויפ'ן שטעכעדיגען — וועט איינוויליגען צו ענטפערען.

מאָנטאַנעלי האָט מיט כעס אַ קלאַפּ געטהאָן איבער'ן פענסטער. די סאָלדאַטען האָבען זיך פערוואונדערט איבערגעקוקט איינער מיט'ן אנדערען, זיי האָבען קיין מאָל ניט געזעהען דעם גוטען קאַרדינאַל צו זיין אין כעס. דער שטעכעדיגער האָט אין דיזען מאָמענט פערגעסען וועגען דער אנוועזענהייט פון מענשען אין זיין קאַמער, ער האָט פערגעסען וועגען אַלעס אויף דער וועלט, אויסער דעם פיזישען געפיהל פון פרייהייט. אַלע זיינע גליעדער זיינען געווען פערגליווערט און ער האָט זיי אויסגעגלייכט, געצויגען אין אַלע ריכטונגען, אין גאַנצען איבערגעבענדיג זיך דעם פערגעניגען פון פיהלען זיך פריי.

— יעצט קענט איהר געהן סאַרזשאַנט. — האָט געזאָגט דער קאַרדינאַל — זייט ניט אונרוהיג, איהר האָט ניט בעגאַנגען קיין פערברעכען געגען דער דיסציפּלין. איהר האָט גערארפט מיר אַלעס דערצעהלען, ווען איך האָב אייך געפרעגט. גיט אַכטונג, אַז קיינער זאָל אונז ניט שטערען. ווען איך וועל ענדיגען וועל איך צו אייך ארויסגעהען.

ווען די סאָלדאַטען זיינען ארויס, האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט מיט'ן עלענבויגען צום פענסטער, האָט געקוקט אייניגע מינוט אויף דער פערגעהענדער זון, געבענדיג דעם שטעכעדיגען די מעגליכקייט צו אָנזעטיגען זיך אַביסעל מיט זיין פרייהייט..

— מען האָט מיר איבערגעגעבען, אַז איהר ווילט מיט מיר רעדען אונטער פיער אויגען — האָט ער ענדליך געזאָגט, אַבגעהענדיג פון פענסטער און זעצענדיג זיך לעבען שטרויזאַק. אויף וועלכען דער אַרעסטירטער איז

געלעגען — אויב איהר פיהלט זיך געזונד גענוג צו זאָגען מיר איצט דאָס, וואָס איהר האָט געוואָלט — בין איך צו אייער דיענסט.

ער האָט גערעדט מיט אַ קאַלטען בעפעהלענדען טאָן, וועלכער איז געווען פאַר איהם אונגעוועהנליך. כל זמן דער שטעכעדיגער איז געלעגען געבונדען אין די רימענס, איז ער פאַר איהם געווען בלויז אַ ליידענדער, אויסגעמאַטערטער מענשליכער ווזען — יעצט אָבער האָט ער זיך דערמאָנט וועגען זייער לעצטען געשפּרעך, וועלכער האָט זיך פערענדיגט מיט אַ טויטליכער בעליידיגונג פאַר איהם.

דער שטעכעדיגער האָט לאַנגזאַם אַנגעשפּאַרט די קאָפּ אויפ'ן האַנד און אויפגעהויבען די אויגען אויפ'ן קאַרדינאַל.

ער איז געווען בעשענקט מיט שעהנע קערפּער־בעוועגונגען און פּאָזען און קוקענדיג אויף זיין פיגור, ווען זיין געזיכט איז פערבליבען אין שאָטען, וואָלט קיינער זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, דורך וואָס פאַר אַ גיהנם דיזער מענש איז דורכגעגאַנגען. ווען ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָט מען ביים ליכט פון אויסלעשענדען טאָג געקענט בעמערקען זיינע בלאַנדזשענדע אויגען, בלאַסעם געזיכט און שפּורען פון שרעקליכע ליידען, וואָס ער האָט איבערגעלעבט די לעצטע טעג. — מאַנטאַנעלי'ס כעס האָט זיך אויסגעלאָשען.

— דער געדאַנק, אַז איהר זייט געווען שטאַרק קראַנק, וואַרפט אויף מיר אַרויף אַ שרעק — האָט ער געזאָגט — עס טהוט מיר זעהר לייד וואָס איך האָב דאָס פריהער ניט געוואוסט. דאַן וואָלט איך שוין לאַנג אַריינגעמישט זיך.

דער שטעכעדיגער האָט אַ קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס.

— אין אַ מלחמה קלייבט מען ניט אויס קיין מיטלען — האָט ער קאַלט געזאָגט — אייער הייליגקייט אַנערקענט ניט קיין רימענס טעאָרעטיש, פון דעם קריסטליכען שטאַנדפּונקט, דאָך איז עס קוים רעכט צו פאָדערען פון גאָווערנער ער זאָל טהיילען אייערע מיינונגען. אָהן צווייפעל, ער וואָלט ניט איבעריג געגאַרט צו בעקענען זיך מיט רימענס אויף זיין אייגענער פעל, איך אליין קוק אויך כמעט מיט'ן זעלבען בליק אויף דעם. אין אלגעמיין איז דאָס אַ פראַגע פון פּ־פּ־ערזענליכע בעקוועמליכקייט. אין דיזען מאָמענט בין איך דער יעניגער, וואָס ליגט אונטען — וואָס־זשע ווילט איהר? —

— יעדענפאַלס איז דאָס זעהר ליעבענסווירדיג פון אייער זייט, אייער הייליגקייט מיך צו בעזוכען. און אפשר האָט איהר עס געטהאָן אויפ'ן גרונד פון דער קריסטליכער מאָראַל? בעזוכען געפאַנגענע, אָה, יאָ! איך האָב פערגעסען. „און ווער ס'וועט אַנטרינקען איינעם פון דיזע קליינע"

שטעהט געשריבען און ז. וו. דאָס איז ניט איבעריג ליבענס־ווערטה, אָבער איינער פון „דיעזע קליינע" איז אייך זעהר דאנקבאר.

— סינאָר ריוואַרעס — האָט איבערגעריסען דער קאַרדינאַל — איך בין געקומען אהער אויף אייער פערלאנג, אָבער ניט צוליעב זיך. אויב איהר וואָלט ניט געווען „פון אונטען", ווי איהר דריקט זיך אויס, וואָלט איך קיינ־מאָל מיט אייך מעהר ניט גערעדט, נאָך אונזער לעצטען געשפרעך. איהר האָט אָבער אַ צווייענדיגע פּריווילעגיע: פון אַ קראַנקען און פון אַן אַרעס־טירטען, און איך וואָלט זיך ניט געקענט ענטזאגען צו קומען צו אייך. האָט איהר עפּעס וואָס צו זאָגען מיר יעצט, ווען איך בין צו אייך געקומען, אָדער איהר האָט געשיקט נאָך מיר בלויז צוליעב דעם, כדי זיך לוסטיג צו מאַכען אַ ביסעל פון אַן אַלטען מאַן.

קיין ענטפער, דער שטעכעדיגער האָט זיך אָבגעקעהרט און האָט פער־דעקט די אויגען מיט'ן האַנד.

— איך בעט אום ענטשולדיגונג... וואָס מיר קומט אוים אייך צו בע־אונרוהיגען — האָט ער ענדליך געזאָגט מיט אַ הייזעריגער שטימע — זייט אַזוי גוט, גיט מיר אַ טרונק.

אויפ'ן פענסטער איז געשטאַנען אַ קוואַרט מיט וואַסער; מאַנטאַנעלי איז אויפגעשטאַנען און זי איהם געבראַכט. אַנבויגענדיג זיך איבער דעם אַרעסטירטען און אַרומנעהמענדיג איהם אַרום פּלייצע, כדי איהם אונטער־צוהויבען, האָט ער דערפיהלט ווי דעם שטעכעדיגענ'ס פייכטע און קאַלטע פינ־גער האָבען צוזאַמענגעדריקט זיין האַנד אַזוי ווי מיט צוואַנגען.

— גיט מיר אייער האַנד... שנעלער... אויף איין מינוט — האָט שטיל געזאָגט דער קראַנקער — אָה, דאָס וועט קיין זאַך ניט ענדערען! אויף איין מינוט בלויז!

ער האָט זיך אַראָבגעלאָזען אָהן כחות, בעהאַלטענדיג זיין געזיכט אין מאַנטאַנעלי'ס האַנד און ציטערענדיג מיט'ן גאַנצען קערפּער.

— טרינקט אַ ביסעלע וואַסער — האָט געזאָגט מאַנטאַנעלי נאָך אַ קור־צער פּאַוזע.

דער שטעכעדיגער האָט שווייגענדיג געפאָלגט. נאָכהער האָט ער זיך ווי־דער געלייגט אויפ'ן שטרוי־זאַק מיט פערמאַכטע אויגען. ער אַליין האָט ניט געקענט אָבגעבען זיך אַ רעכנונג, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט, ווען מאַנ־טאַנעלי'ס האַנד האָט אַנגעריהרט זיין באַק. ער האָט בלויז געפיהלט, אַז דאָס איז געווען דער שרעקליכסטער מאָמענט אין זיין גאַנצען לעבען.

מאַנטאַנעלי האָט צוגערוקט נעהענטער זיין שטוהל צום שטרוי־זאַק און האָט זיך צוגעזעצט. דער שטעכעדיגער איז געלעגען אונבעוועגליך ווי אַ

ליבע, מיט אן אויסגעצויגענעם, גרין־גוואָרענעם געזיכט. ענדליך האָט ער געעפענט די אויגען און זיין בליק וואָס האָט אומגעבלאָנדזשעט ווי ביי אַ רוח, האָט זיך אָבגעשטעלט אויף מאַנטאַנעלי'ן.

— איך דאַנק אייך — האָט ער געזאָגט — און איך בעט ענטשולדיגען. דאַכט זיך, אַז איהר האָט מיר עפּעס געפרעגט ?

— איהר טאָרט ניט רעדען. אויב איהר ווילט מיר עפּעס זאָגען, וועל איך זיך מטריח זיין קומען צו אייך מאָרגען.

— איך בעט אייך, געהט ניט אוועק, אייער הייליגקייט. בנאמנות, איך פיהל זיך פאָלקאָם געזונד. איך האָב פּשוט זיך אַביסעל אויפגערעגט די לעצטע טעג. און דאָס אויך, איך האָב זיך מעהר געמאַכט — פרעגט דעם גאָווערנאָר, וועט ער אייך אַלעס דערצעהלען.

— איך ציה פאָר צו מאַכען מיינע אייגענע שליסע — האָט מאַנטאַנעלי רוהיג געגענטפערט.

— און דער גאָווערנאָר ציהט זיינע. בנאמנות, זיי זיינען צייטענווייז זעהר שאַרפזיניג. דאָס איז זיך שווער פאָרצושטעלען, אורטהיילענדיג נאָך זיין אויסערליכקייט, אָבער צייטענווייז פאַלט ער אויף אָריגינעלע געדאַנקען. לעצטען פרייטאָג, צום ביישפּיעל — דאַכט זיך, דאָס איז געווען פרייטאָג — איך האָב אָנגעהויבען זיך פּלוטען אין די טעג די לעצטע צייט, נור דאָס מאַכט ניט— האָב איך געבעטען אַ דאָזע אָפּיום. דאָס געדענק איך גראָדע זעהר גוט. האָט ער געזאָגט, אַז איך קען בעקומען אָפּיום, ווען איך וועל מסכים זיין צו דערצעהלען, ווער עס האָט אויפגעשלאָסען די אייזערנע טהי־רעל. איך געדענק, ער האָט געזאָגט: „אויב איהר זייט ווירקליך קראַנק, וועט איהר מסכים זיין; אויב ניט, איז אַ סימן, אַז איהר מאַכט זיך בלויז". מיר איז גאָר אויפ'ן געדאַנק ניט ארויף, אַז דאָס איז לעכערליך. דאָס איז זעהר אַ טשיקאַווע געשיכטע...

ער האָט פּלוצלונג אויסגעבראָכען אין אַ הילכיגען, שניידענדען געלעכ־טער. נאָכהער האָט ער מיט אַמאָהל אַ קעהר געטהאָן זיך צום קאַרדינאַל און ווייטער געריעדט אַלץ שנעלער און שנעלער, שטאַרק פערהיקענדיג זיך, אַזוי אַז עס איז שווער געווען צו הערען וואָס ער רעדט.

— פּ־פּ־פּ־ערשטעהט איהר דען ניט, ווי דאָס איז לעכערליך ? נו, נאַט־ט־ט־טירליך. גייסטליכע האָבען אין זיך ניט דעם חוש פאַר הומאָר. זיי נעהמען אַלעס טראַגיש. אין יענער נאַכט, צום ביישפּיעל, אין קלויסטער — ווי יום־טוב'דיג איהר זייט געווען! איבריגענס, ווייזט אויס, אַז איך האָב געדאַרפט האָבען זעהר אַ פּאַטהעטישען אויסזעהן אין דעם קאָסטיום פון אַ פּילגרים. איך ד־ד־ענק ניט, אַז איהר זאָלט פערשטעהען די ל־ל־ללע־

בערליבע זייט פון דעם עסק, צוליעב וועלכען איהר זייט היינט בייגאכט געקומען אהער.

מאנטאנעלי האט זיך געשטעלט.

— איך בין געקומען אייך אויסהערען, אבער, ס'ווייזט אויס, אז איהר זייט צופיעל אויפגערעגט איהר זאלט קענען היינט רעדען. זאל דער דאקטאר פריהער אייך געבען עפעס צו בערוהיגען זיך און מארגען פריה, ווען איהר וועט זיך אויסשלאפען, וועלען מיר זיך דורכשמועסען.

— אויסשלאפען? איך וועל שלאפען זעהר ג־ג־גוט, אייער הייליגקייט, דאן, ווען איהר וועט געבען אייער הסכמה אויף דעם גאווערנאר'ס פלאן. און אגנץ בליי איז א ז־ז־זעלטענער בערוהיגונגס־מיטעל.

— איך פערשטעה אייך ניט — האט געזאגט מאנטאנעלי, אומקעהרענדיג זיך צו איהם מיט א זעהר פערוואונדערטען בליק.

„דער שטעכעדיגער" האט אויסגעשאסען מיט א געלעכטער.

— אייער הייליגקייט, אייער הייליגקייט! דער אמת איז די הויפט־קריסטליכע טוגענד! דענקט איהר דען, אז איך וויים ניט ווי דרינגענד דער גאווערנאר מאטערט זיך צו קריגען אייער הסכמה אויף א מיליטער־געריכט? בנאמנות, איהר האט גענדארפט מסכים זיין, אייער הייליגקייט. אלע אייערע קאמעראדען וואלטען אויך אזוי געהאנדעלט אויף אייער פלאץ. איהר וואלט געטהאן אזוי פיעל גוטעס און אזוי ווייניג שאדען! איך פערזיכער אייך, די פראגע אייז ניט ווערט די שלאפלאזע נעכט, וואס איהר האט אויף איהר פערבראכט.

— איך בעט אייך, הערט אויף לאכען חאטש אויף איין מינוט — האט איהם איבערגעריסען מאנטאנעלי — זאגט מיר בעסער פון וואנען ווייסט איהר עס אלעס. ווער האט עס אייך דערצעהלט?

— האט אייך דען דער גאווערנאר קיינמאל ניט געזאגט, אז איך בין א טייוועל און ניט קיין מענש? ניין? און מיר האט ער גאנץ אפט געזאגט! יע, איך בין פיעלערמאסען א טייוועל, אום צו וויסען וועגען וואס מענשען דענקען. אייער הייליגקייט האלט מיך פאר א טייוויליש־אונאנגענעהמען מענשען. אין דיזען מאמענט וואלט פאר אייך געוועזען זעהר ווינשענסווערטה אז אן אנדערער זאל דארפען ענטשיידען די פראגע וואס צו טהאן מיט מיר, און אייער פיהלענדער געוויסען זאל אויף אזא אופן זיך ניט בעאונרוהיגען. איך האב ריכטיג געטראפען, ניט אמת?

— הערט מיך אויס — האט געזאגט דער קארדינאל מיט זעהר אן ערנסטע געזיכט, זעצענדיג זיך ווידער אמאהל לעבען איהם — אויף וועלכען אופן איהר האט דאס ניט ערפאהרען, אבער אלעס איז אמת. דער גאווערנאר פערארי האט מורא, אז אייערע חברים זאלען מאכען א צווייטען פערזוך אייך

צו בעפרייען און וויל דאָס פערהיטען.... מיט דעם מיטעל, וועגען וועלכען איהר האָט גערעדט. ווי איהר זעהט, רעד איך מיט אייך גאַנץ אָפענהערציג.

— אייער הייליגקייט איז שוין לאַנג בעריהמט מיט זיין אויפריכטיגקייט — האָט דער שטעכעדיגער צוגעגעבען מיט אַ שטימע פול מיט ביטערקייט.

— איהר ווייסט, נאַטירליך, האָט פאַרטגעזעצט מאַנטאַנעלי — אַז גע־זעצליך קען איך קיין דעה ניט זאָגען אין וועלטליכע אנגעלעגענהייטען. איך בין אַ יעפּיסקאָפּ, אָבער ניט קיין לעגאַט. אָבער איך איב אויס אין דיזער געגענד אַ גרויסען איינפלוס און איך דענק ניט אַז דער גאָווערנאָר זאָל זיך בעשליסען אויף אַזעלכע עקסטרעמע מיטלען, ניט קריגענדיג האָטש מיין שווייגענדיגע הסכמה. ביז היינטיגען טאָג בין איך געווען אבסאָלוט דאגע־גען זיין פּלאַן. יעצט סטאַרעט ער זיך מיט אַלע כוחות איבערשפּארען מיך, פערזיכערענדיג, אַז דאנערשטאג, ווען דאָס פאָלק וועט זיך צונויפקלייבען בייצוואוואוינען די פּראָצעסיאָן, שטעהט פאַר אונז פאַר די געפאהר פון אַ בעוואפנעטען פערזוך אייך צו בעפרייען וועלכער קען זיך פערענדיגען מיט אַ בלוט־באַד. הערט איהר וואָס איך רעד צו אייך?

„דער שטעכעדיגער“ האָט צוטראָגען געקוקט אין פענסטער. ער האָט זיך אָבגעקעהרט און געענטפערט מיט אַ מיעדער שטימע:

— יע, איך הער אייך.

—פיליכט זייט איהר דאָך ניט געזונד גענוג פאַר דיזען געשפּרעך? וואָלט ניט בעסער געווען, ווען איך קום צו אייך מאָרגען אין דער פריה? די פראגע איז זעהר אַן ערנסטע און זי פּאָדערט, איהר זאָלט זיך בעציהען צו איהר מיט פולער אויפמערקזאַמקייט.

— איך וואָלט פאָרצוויגען ענדיגען די פראגע היינט — האָט דער שטעכעדיגער געענטפערט מיט דער זעלבער מיעדער שטימע — איך הער זיך צו צו אַלעס, וואָס איהר זאָגט.

—אַלזאָ, אויב ס'איז ווירקליך אמת — האָט פאַרטגעזעצט מאַנטאַנע־לי — אַז צוליעב אייך קענען אויסברעכען אונרוהען, וועלכע קענען פיהרען צו בלוט־פערגיסונג, נעהם איך אויף זיך אַ שרעקליכע פעראנטוואָרטליכקייט, זייענדיג דאַגעגען דעם גאָווערנאָר'ס פּלאַן. איך דענק אויך, אַז איז זיינע ווערטער איז דאָ אַ טהייל אמת. הגם, פון דער צווייטער זייט, שטערט איהם זיין פּערזענליכע אַנטיפּאַטהיע צו אייך צו זיין אונפּאַרטייאיש און דאָס מאַכט איהם, ער זאָל קוקען דורך אַ פערגרעסערונגס־גלאָז אויף דער געפאהר. דאָס צייגט מיר נאָך מעהר צו זיין מעגליך, נאָכדעם ווי איך האָב געזעהן די בעווייזע פון זיין ערשטוינענדער גרויזאַמקייט. — דער קאַרדינאַל האָט געוואָרפען אַ בליק אויף די רימענס און אויף די קייטען, וואָס זיינען געלעגען אויף דער פּאָדלאָגע און פאַרטגעזעצט:

— געבען מיין הסכמה הייסט אונטערצושרייבען אייער טוידט־אורטהייל. אבזאגען אין דעם, הייסט שטעלען אין געפאהר די לעבענס פון אונשולדיגע. איך האב זעהר ערנסט בעטראכט די פראגע, און מיט מיין גאנצען הארצען האב איך געזוכט צו געפינען אן אויסוועג פון דיזער שרעקליכער דילעמא. יעצט האב איך סוף כל סוף, אנגענומען א בעשטימטע ענטשיידונג.

— טוידטען מיך און רעטען די אונשולדיגע? — דאס איז די איינציגע ענטשיידונג, צו וועלכער עס קען קומען א גוטער קריסט. „אויב דיין רעכטע האנד פערפיהרט דיך"... און זא ווייטער. און איך האב זאגאר ניט די עהרע צו זיין די רעכטע האנד פון אייער הייליגקייט. דערצו האב איך נאך אייך בעליידיגט. דער שלום איז קלאר, אבער, האט איהר עס מיר ניט געקענט זאגען אהן אזא לאנגע הקדמה?

„דער שטעכעדיגער„ האט גערעדט פויל און גלייכגילטיג מיט אן אבקלאנג פון איבערדריסיגקייט אין זיין שטימע, ווי א מענש, וועמען עס איז שוין לאנג דערעסען געווארען די גאנצע פראגע.

— נו, אלזא? — האט ער געפרעגט נאך א קורצער פאוזע — דאס איז געווען די ענטשיידונג פון אייער הייליגקייט?

— ניין.

„דער שטעכעדיגער" האט זיך געמאכט בעקוועמער אויפ'ן געלעגער, האט פערלייגט די הענד אונטער'ן קאפ און האט א קוק געטהאן אויף מאנטאנעלי'ן מיט האלב פערמאכטע אויגען. מאנטאנעלי איז געזעסען האלב פערטראכט. זיין קאפ איז אראבגעזונקען אויף זיין ברוסט און זיינע פינגער האבען לאנגזאם געפויקט איבער'ן הענטעל פון בענקעל.

— דאס, וואס איך האב בעשלאסען צו טהאן, האט, ווארשיינליך, נאך קיינער ניט געטהאן. ווען מען האט מיר געזאגט, אז איהר ווילט מיך זעהן, האב איך בעשלאסען קומען אהער, דערצעהלען אייך אלעס און איהר אליין זאלט ענטשיידען די פראגע.

— איך אליין.... ענטשיידען?

— סיניאר ריווארעס, איך בין געקומען צו אייך ניט אלס קארדינאל, ניט אלס יעפיסקאפ, ניט אלס ריכטער. איך בין געקומען צו אייך ווי א מענש צו א מענשען. איך לייג אייך ניט פאר, איהר זאלט מיר זאגען, אויב אייך זיינען בעוואוסט די פלענער צו בעפרייען אייך, וועגען וועלכע דער גאווערנאר האט מיר דערצעהלט; איך פערשטעה גאנץ גוט, אז אויב איהר ווייסט זאגאר וועגען דעם, איז דאס אייער געהיימניס, וועלכע איהר וועט מיר ניט פערטרויען. איך בעט אייך אבער, איהר זאלט זיך פארשטעלען אויף מיין פלאץ. איך בין שוין אלט און מיר איז ניט פערבליבען לאנג צו לעבען. איך וויל געהן אין קבר, מיינע הענד זאלען ניט זיין פערפלעקט מיט קיינעמס בלוט.

— און ביז יעצט זיינען זיי פאַלשטענדיג ריין געווען פון בלוט, אייער הייליגקייט?

מאָנטאַנעלי איז אַ ביסעל בלאַס געוואָרען, אָבער ער האָט פאָרטגע־זעצט מיט אַ רוהיגע שטימע:

— מיין גאַנצען לעבען בין איך געווען דאַגעגען אַלע געוואַלד־מיטלען און גרויזאַמקייטען, וואו איך האָב זיך נור מיט זיי אָנגעשטויסען. איך האָב אימער פּראָטעסטירט געגען טוידט־שטראָף אין אַלע איהרע פאָרמען. פאַר דער פאָריגער רעגיערונג האָב איך ניט איינמאָל זיך שאַרף אויסגע־שפּראָכען געגען די מיליטערישע פעלד־געריכטען, און צוליעב דעם בין איך געוואָרען ניט בעליעבט אין רעגיערונגס־קרייזען. מיין גאַנצען איינפלוס, וועלכען איך האָב אויסגעאיבט אין מיין לעבען, האָב איך ביז היינטיגען טאָג אָוועקגעגעבען אויף צדקה־ארבייט. איך בעט אייך, גלויבט מיר, ווענינגסטענס, אַז איך זאָג דעם אמת. יעצט שטעהט פאַר מיר פאַר אַ שווע־רע דילעמאַ. ענטזאָגענדיג זיך איינשטימען אויף דעם גאָווערנאָר׳ס פאָר־שלאַג, שטעל איך אַוועק די שטאָדט אין געפאַהר פון אונרוהען מיט אַלע איהרע שרעקליכע פאָלגען, בלויז צוליעב דעם אַליין, כדי צו רעטען דעם לעבען פון איין מענשען. דיעזער מענש האָט בעליידיגט מיין רעליגיאָן, מיך פערזענליך האָט ער פערפאָלגט מיט רכילות און בעליידיגונגען (אי־בעריגענס איז דאָס ניט וויכטיג) און אויב מען וועט איהם לאָזען לעבען, וועט ער זיך מיט זיין לעבען בענוצען — איך צווייפעל אין דעם אַ האָר ניט — אויף שעדליכע צוועקען. און דאָך האַנדעלט זיך דאָ וועגען אַ מענשליכעם לעבען.

אַ ווילע האָט ער געשוויגען, נאָכהער האָט ער ווייטער גערעדט:

— סיניאָר ריוואַרעס, אַלעס וואָס איך ווייס וועגען אייער טהעטיגקייט, צווינגט מיך צו קוקען אויף אייך ווי אויף אַ מענשען אַ שלעכטען און אַ שעדליכען. אַ לאַנגע צייט האָב איך אייך געהאַלטען פאַר אַ גרויזאַמען, פּרינציפּענלאָזען מענשען, וועלכער שטעלט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּ. טהיילוויז האָב איך נאָך אויך יעצט דיזעלבע מיינונג וועגען אייך. אָבער די לעצטע צוויי וואָכען האָב איך איינגעזעהן, אַז איהר זייט אַ מוטהיגער מענש און איהר קענט זיין געטריי אייערע חברים. דערצו האָט איהר בעוויזען צו געווינען די ליעבע און אכטונג פון די סאָלדאַטען, וואָס ניט יעדען איינעם געלינגט עס. און איך דענק, אַז איך האָב פיללייכט געהאַט אַ טעות אין מיין אורטייל וועגען אייך, און איהר זייט פיעל בעסער ווי איהר זעלבסט ווילט זיך אַרויסצייגען. אָט צו דיעזען צווייטען בעסערען מענשען אין אייך ווענד איך זיך יעצט און איך פערשווער איהם, ער זאָל מיר מיט

א ריינעם געוויסען זאָגען דעם גאַנצען אמת: וואָס וואָלט איהר געטהאָן ווען איהר זייט אויף מיין פּלאַץ?

א לאַנגער שווייגען, נאָכהער האָט זיך דערהערט דעם שטעכעדיגען'ס שטימע.

— יעדענפאַלס וואָלט איך אַליין בעשלאָסען ווי צו האַנדלען און איך וואָלט אויף זיך גענומען די גאַנצע פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר מיינע האַנדלונגען. איך וואָלט ניט געזוכט צו בעהאַלטען זיך היפּאָקריטיש און מיט געמיינער פייגהייט — ווי דאָס טהוען די קריסטען — הינטער די פּלייצעס פון אנדערע, בעטענדיג זיי זאָלען לעזען פאַר מיר מיינע אויפגאַבען.

דער שטורעמדיגער, שרעקליכער טאָן פון דיזען פּלוצלינגען אָנפאַל האָט אָבגעקלונגען ווי א שניידענדער קאָנטראַסט מיט דער געמאַכטער גלייכגילטיגקייט, אין וועלכער, עס האָט זיך אויסגעדראַכט, „דער שטעכעדיגער" איז געווען פערזונקען א מינוט צוריק. עס האָט אויסגעזייגט, אַז ער האָט אראָבגעוואָרפען פון זיך די מאַסקע.

— מיר אַטעאיסטען — האָט ער פאָרטגעזעצט מיט א פערביסענעם כעס — ווייסען, אַז אויב א מענש ווערט פעראַורטהיילט פון שיקזאַל צו טראָגען א שווערע משא, דאַרף ער זי טראָגען וואָס מוטהיגער. אויב ער פאַלט אונטער דער שווערקייט פון דער משא, איז וואָס דאַן? — אַלץ ערגער פאַר איהם. אבער א קאַטאָליק ווענדעט זיך מיט געוויין און קרעכצען צו זיינע הייליגע, און אויב זיי קענען איהם ניט העלפען, געהט ער צו זיינע שונאים — ער וועט שוין אויפזוכען א פּלייצע, אויף וועלכער ער זאָל קענען ארויפוואַרפען זיין שווערע משא. האָט איהר דען ניט אין אייערע קאַטעכיזיסען און אין אייערע היפּאָקריטישע רעליגיעזע ביכער גענוג אָנווייזונגען ווי צו האַנדלען אין אַזעלכע פעלע, דאַס איהר קומט צו מיר און איהר בעט מיך איך זאָל אייך לערנען וואָס צו טהאָן? אום גאָטעס ווילען! איז דען ניט גענוג שווער מיין אייגענער פּעקעל, אַז איהר זאָלט נאָך דיזע פעראַנטוואָרטליכקייט אויך ארויפוואַרפען אויף מיינע פּלייצעס? און אין גאַנצען וועט איהר הרג'ענען סך הכל אַן אַטעאיסט, א מענשען וועלכער גראָבט אונטער די שטיצען פון דער געזעלשאַפט און דאָס איז, נאַטירליך, ניט אַזא געוואַלדיגער פערברעכען.

ער האָט זיך אָבגעשטעלט, אָבגעצויגען דעם אָטהעם און האָט פאָרטגעזעצט:

— און איהר שמועסט נאָך וועגען גרויזאַמקייט! אבער יענער דומער עזעל וואָלט מיך ניט געקענט אויסמאַטערען אין פערלויף פון א יאָהר ווי איך האָט אבגעגליקט צו טהאָן אין עטליכע מינוט. אַלעס וואָס ער קען אויסטראַכטען, איז שטייפער צו פערציהען די רימענס און אַז מען קען זיי

מעהר ניט פערציהען, איז דאן זיין גאנצע עמפפינדליכקייט אויסגעשעפט. אזא גרויזאמקייט קען יעדער דומקאָפּ אויסטראכטען! אבער איהר האט ער־פונדען עטוואס אויסערגעוועהנליכעס: „וועט איהר ניט אזוי גוט זיין אונטער־צושרייבען אייער אייגענעם טויט־אורטהייל? מיין הארץ איז צו ערעל איך זאָל עס קענען טהאָן.“ אזא זאך קען אויסטראכטען בלויז א קאטאָליק — א לייטזעליגער, מיטפיהלענדער קאטאָליק, ביי וועמען די בלוטען שטארבען אָב, ווען ער דערזעהט א צו שטייף פערצויגענעם רימען! ווען איהר זייט אריין אהער ווי א גוטער מלאך, און איהר זייט אזוי ענטריסטעט געוואָרען פון דעם „בארבאריזמוס“ פון דעם גאָווערנאָר, האָב איך געקענט ערוואַרטען, אז יעצט ערשט וועט זיך אָנפאנגען מיין ריכטיגע פייניגונג! וואָס קוקט איהר אזוי אויף מיר? גיט אייער הסכמה, פארשטעהט זיך, און געהט אהיים שלאָפען. דער גאנצער עסק איז ניט ווערטה, איהר זאָלט זיך אזוי נעהמען צום הארצען. זאָגט פשוט אייער גאָווערנאָר ער זאָל הייסען מיך שיסען, הענגען, אָדער... אָפּבראָטען מיך א לעבעדיגען, אויב דאָס קען איהם פערשאפען פערגעניגען! זאָל ער נאָר מאכען שנעל אן ענדע!

דעם שטעבעדיגען איז געווען שווער צו דערקאָנען. ער איז געווען אוי־סער זיך פון כעס, האָט געציטערט, שווער געאָטהעמט און זיינע אויגען האָבען געפינקעלט מיט א גרינעם פייערעל אזוי ווי ביי א צובייזערטער קאַץ.

מאָנטאָנעלי האָט זיך אויפגעשטעלט און געקוקט אויף איהם שווייגענדיג. ער האָט גאָרניט פערשטאנען פון דיזען שטראָם בעליידיגענדע פאָרווירפע, ער איז אָבער געווען קלאָר בעוואוסטזיניג, אז זיי קומען פון א מענשען, וועלכער איז געבראכט געוואָרען ביז דער לעצטער שטופע פון פערצווייפלונג. דאָס פערשטעהענדיג, האָט ער איהם מוחל געווען אלע בעליידיגונגען.

— בערוהיגט אייך — האָט ער געזאָגט — איך האָב ניט געוואָלט אייך מאָטערען. בנאמנות, איך האָב ניט געוואָלט ארויפוואַרפען דעם יאָך פון מיינע אקסלען אויף אייך, וועמעס משא איז אָהן דעם אויך גענוג שווער. איך האָב דאָס קיין מאָל בעוואוסטזיניג ניט געטהאָן צו קיין מענשליכען וועזען.

— ס'איז א ליגען! — האָט אויסגעשריען דער שטעבעדיגער מיט פלאַ־מענדע אויגען — און דער יעפּיסקאָפּטהום?

— יעפּיסקאָפּטהום?

— אָה, איהר האָט וועגען דעם פערגעסען! פערגעסען איז אזוי לייכט! „אויב דו ווילסט, ארטהור, וועל איך זאָגען, אז איך קען ניט פאָהרען“... מיר איז אויסגעקומען צו ענטשיידען דעם קורס פון אייער לעבען פאר אייך, מיר, צו ניינצעהן יאָהר! ווען דאָס וואָלט ניט געווען זעהר לעכערליך!

— שטעהט! — האָט זיך ארויסגעריסען ביי מאָנטאָנעלי'ן א פערצווייַ־פעלטער געשריי און ער האָט זיך געכאפּט מיט די הענד פאר'ן קאָפּ. זיינע

הענד האָבען זיך נאָכהער הילפלאָז ארונטערגעלאָזען און ער איז לאַנגזאַם אָב־געגאַנגען צום פענסטער. ער האָט זיך געזעצט אויפ'ן פענסטער, מיט די הענד אָנגענומען די גראַטעס און זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיי מיט'ן שטערען. „דער שטעכעדיגער האָט נאָכגעפאָלגט אַלע זיינע בעוועגונגען, ציטערענדיג מיט'ן גאַנצען קערפּער.

עטליכע אויגענבליקען זיינען פערבייגעלאָפען. מאַנטאַנעלי איז אויפ־געשטאַנען און צוגעגאַנגען צום שטעכעדיגען. זיינע ליפּען זיינען געווען בלאַס ווי קרייד.

— ענטשולדיגט, זייט מוחל — האָט ער געזאָגט, קעמפּפענדיג פערצוויי־פעלט מיט זיך, ניט צו פערליערען זיין געוועהנליכען רוהיגען אויסזעהן — איך מוז אייך יעצט פערלאָזען. איך בין ניט אין גאַנצען געזונד.

ער האָט געציטערט ווי אין א קדחת. דעם שטעכעדיגען'ס בעס האָט זיך גלייך איינגעשטילט.

— ניט שוין־זשע פערשטעהט איהר ניט, „פּאַדרע" ?

מאַנטאַנעלי'ס קערפּער האָט זיך א בויג געטהאָן אויף הינטער און איז אזוי ווי פערגליווערט געוואָרען.

— נור ניט דאָס — האָט ער געמורמעלט — אַלץ וואָס דו ווילסט, גאָטעניו. אָבער ניט דאָס ! אויב איך ווער אַראָב פון זינען....

דער שטעכעדיגער האָט זיך אונטערגעהויבען אויפ'ן עלענבויגען און האָט גענומען די ציטערענדע הענד פון דעם אַלטען קארדינאַל אין זיינע.

— „פּאַדרע", פערשטעהט איהר דען ניט אז איך האָב זיך ניט דערטרונ־קען ?....

די הענד וועלכע ער האָט געהאַלטען אין זיינע, זיינען פּלוצלונג געוואָרען קאַלט און פערגליווערט. ס'האָט געהערשט א טוידטער שווייגען. מאַנטאַנעלי האָט זיך נאָכהער ארונטערגעלאָזען אויף די קניע און בעהאַלטען זיין געזיכט אויף דער ברוסט פון זיין ערשט־געוועזענעם שונא.

ווען מאַנטאַנעלי האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ, האָט זיך די זון שוין געזעצט און די רויטע שטראַהלען האָבען זיך אויסגעלאָשען אין מערב־זייט. דער פּאָטער און זוהן האָבען פערגעסען וועגען צייט, און פּלאַץ, וועגען לעבען און טוידט ; זיי האָבען זאָגאַר פערגעסען, אז זיי זיינען געווען שונאים.

— אַרטהור — האָט געשעפּטשעט מאַנטאַנעלי — דאָס ביזטו אין דער אמת'ען ? דו האָסט זיך צוריקגעקעהרט צו מיר ? דו ביזט אויפגעשטאַנען תחית־המתים ?

— תחית־המתים — האָט ווידערהאָלט דער שטעכעדיגער און א ציטער געטהאָן. ער האָט אַוועקגעלעגט זיין קאָפּ אויף מאַנטאַנעלי'ס האַנד, ווי א קראַנקע קינד, וואָס ליגט אין דער מוטער'ס שויס.

— דו האָסט זיך צוריקגעקעהרט, צוריקגעקעהרט, סוף כל סוף!

דער שטעכעדיגער האָט שווער אַ זיפץ געטהאָן.

— יע, האָט ער געזאָגט — און איהר דאַרפט מיט מיר קעמפּפען, אָדער מיך טוידטען.

— שווייג, צוליעב וואָס דאָס אַלעס יעצט! מיר ביידע זיינען ווי צוויי קינדער, וועלכע האָבען פערבלאָנזשעט אין דער פינסטער און על פּי טעות האָבען זיי אָנגענומען איינער דעם אַנדערען פאַר געשפּענסטער. יעצט האָבען מיר געפונען איינער דעם אַנדערען און ארום און ארום איז געוואָרען ליכטיג. מיין אָרימער אינגעל, ווי דו האָסט זיך פערענדערט.... ווי שרעקליך דו האָסט זיך פערענדערט. דו זעהסט אויס אזוי ווי דו וואָלסט דורכגעגאַנגען אַ גאַנצען ים פון צרות, דו, וועלכער איז אַ מאָל געוועזען אזוי פול מיט לעבענספרייד! ארטור, איז דאָס אין דער ווירקליכקייט דו? איך האָב אזוי אָפט געזעהען אין חלום, אַז דו האָסט זיך צוריקגעקעהרט צו מיר און נאַכהער פלעג איך זיך אויפכאַפּען און ארום איז געווען פינסטער און פוסט. קען איך זיין זיכער, אַז איך וועל זיך ווייטער ניט אויפכאַפּען און דאָס וועט זיך ארויסצייגען צו זיין אַ חלום? לאָז זיך מיר איבערצייגען, אַז דאָס איז די ווירקליכקייט און ניט קיין חלום.... דערצעהל מיר אַלעס, וואָס מיט דיר האָט דאָן פּאַסירט.

—— דאָס איז געווען גאַנץ איינפאַך. איך האָב זיך בעהאַלטען אויף אַ פראַכט־שיף, וועלכע האָט זיך דאַן אויסגעלאָדען אין האַפען און איך בין אוועקגעפאָהרען נאָך זיד־אַמעריקאַ.

— און דאָרט?

— דאָרט האָב איך געלעבט, אויב מען קען דאָס נאָר אָנרופען לעבען, אזוי לאַנג, ביז... נו, מיט איין וואָרט, אזוי לאַנג, ביז איך האָב ערפאַהרען עטוואָס מעהר פון דעם וואָס איך האָב ערפאַהרען אין דעם רעליגיעזען סעמינאַריום, וואו איהר האָט מיר געלערענט פילאָזאָפיע. איהר זאָגט, איהר האָט מיך געזעהן אין חלום... איך האָב אייך אויך געזעהען.

ער האָט אויפגעציטערט מיט'ן גאַנצען קערפּער און זיין שטימע האָט זיך אָבגעהאַקט.

— דאָס איז געווען — האָט ער ווייטער אָנגעפאַנגען, — ווען איך האָב געאַרבייט אין די מיינס, אין עקוואַדאָר.

— איך האָף ניט אַלס מיינער?

— ניין, אַלס דיענער פון אַ מיינער, האָב איך געטהאָן צוזאַמען מיט די כינעזישע קוליעס אַלע צופעליגע אַרבייטען. געשלאָפען האָבען מיר אין באַראַקען, וועלכע זיינען געשטאַנען לעבען דעם סאַמע אריינגאַנג אין דער מיין. איך האָב דאָן שמערצליך געליטען פון דער זעלבער שרעקליכער קראַנקהייט וואָס דאָ, און אַ גאַנצען טאָג האָב איך געטראָגען שטיינער אונטער דער ברע־

גענדער זון. איין מאָל ביי נאַכט האָב איך געהאַט גרויסע היץ און דאַן האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט, אז איך זעה אייך ארייננקומענדיג אין טיהר. אין האַנד האָט איהר געהאַלטען א קרייצונגס־בילד, עהנליך צו דעם, וואָס הענגט דאָרטען אויפ'ן וואַנד. איהר האָט תפילה געטהאָן, איהר זייט דורכגעגאַנגען פערביי מיר, אָבער איהר האָט זיך ניט אומגעקעהרט אַ קוק טהאָן אויף מיר. איך האָב געשריען, בעטענדיג אייך העלפען מיר, געבען מיר גיפט, אָדער אַ מעסער — וואָס ניט איז, וואָס זאָל ענדיגען מיינע ליידען, איידער איך האָב פערלאָרען דעם בעוואוסטזיין, און איהר... אָה!

מיט איין האַנד האָט ער צוגעדריקט די אויגען, די צווייטע האָט מאָנטאָנעלי געהאַלטען אין זיינע הענד.

— נאָך אייער געזיכט האָב איך געזעהן, אז איהר האָט דערהערט מיין געשריי, נאָר איהר האָט אפילו ניט אַ קוק געטהאָן אין מיין ווינקעל, און איהר האָט אַלץ תפילה געטהאָן. בלויז דאַן, ווען איהר האָט געענדיגט אייער תפילה און איהר האָט אַ קוש געטהאָן דעם צלם, בלויז דאַן האָט איהר אַ קוק געטהאָן אויף מיר און האָט געמורמעלט: „איך האָב זעהר פיעל מיטלייד מיט דיר, אַרטור, אָבער איך וואַג ניט דאָס ארויסצוצייגען...“ ווען איך בין געקומען צו זיך און איך האָב ווידער אמאָהל דערזעהן דעם באראק און די קראַנקע, קרעציגע קוליעס, דאַן האָב איך אַלעס פערשטאַנען, פאַר מיר איז קלאָר געוואָרען, אז פאַר אייך איז פיעל וויכטיגער דערדיענען זיך די ברכות פון הימעל, איידער ארויסרייסען מיך פון גיהנם, דעם שרעקליכסטען גיהנם, וואָס איז נאָר דאָ. איך האָב דאָס שטענדיג געהאַט אין זינען. איך האָב עס פערגעסען בלויז אין דיעזען מאָמענט, ווען איהר האָט זיך צוגעריהרט צו מיר. איך בין געוועזן קראַנק און צובראָכען און איך האָב אייך אמאָל אזוי געליעבט. אָבער צווישען אונז קען בלויז זיין אַ קאַמפף, קאַמפף, קאַמפף. ווארום האַלט איהר מיין האַנד. ווייסט איהר דען ניט, אַז אזוי לאַנג ווי איהר וועט זיין אַ רעליגיעזער קענען מיר זיין בלויז שונאים ?

מאנטאנעלי האָט אויפגעהויבען די קאָפּ און אַ קוש געטהאָן די פערוואונדעטע האַנד.

— אַרטור, ווי זאָל איך ניט גלויבען ? אויב איך האָב אויפגעהאַלטען מיין גלויבען אין פערלויף פון דיעזע שרעקליכע יאָהרען, קען איך דען איהם יעצט פערליערען, ווען גאָט האָט דיך צוריקגעקעהרט צו מיר ? דערמאָן זיך: איך בין געוועזן איינגעגלויבט, אַז דו ביזט בעגאַנגען זעלבסטמאָרד.

— דאָס שטעהט פאר אייך פאָר צו טהאָן.

— אַרטור !... דאָס איז געווען אַן אויסגעשריי פול מיט אמת'ע שרעק. דער „שטעכעדיגער“ אָבער האָט פאָרטגעזעצט, אזוי ווי ער וואָלט איהם ניט געהערט.

— לאָמיר זיין עהרליך אין אַלעם. צווייאיגקייט איז אוננויטיג. אַ טיע־פער אָבגרונד טהיילט אונז אָב איינער פון אַנדערען און עס איז האָפנונגסלאָז דער מאַטערען זיך אויסשטרעקען די הענד איינער צום אַנדערען איבער איהר. אויב איהר האָט בעשלאָסען אַז איהר קענט ניט, אָדער איהר ווילט זיך ניט ענטזאַגען פון אייער גלויבען — ער האָט געוואָרפען אַ בליק אויפ'ן צלם, וואָס איז געהאַנגען אויפ'ן וואַנד — וועט אייך אויסקומען מסכים צו זיין אויף גאָווערנאָר'ס פאָרשלאָג.

— מסכים זיין! גאָט מיינער.... מסכים זיין.... אַרטור, איך ליעב דאָך דיך!

דעם שטעכעדיגען'ס געזיכט האָט זיך פערקרימט.

— ווען ליעבט איהר מעהר?

מאָנטאָנעלי איז אויפגעשטאַנען מיט שווערינקייט. אַ שרעק האָט אַרומ־כאַפּט זיין נשמה און צוגעדריקט זיין קערפּער. ער האָט זיך דערפיהלט שוואַך אַלט, צונויפגעדרעהט ווי אַ בלעטעל, וועלכע דער ערשטער פראָסט האָט אָנ־געריהרט. יעצט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון זיסען חלום און אַלעס אַרום איז געוועזען פינסטער און פּוסט.

— אַרטור, האָב אויף מיר רחמנות, כאָטש אַ ביסעל.

— האָט איהר עפּעס געהאַט אַ סך רחמנות אויף מיר, ווען איהר האָט מיך מיט אייער אויפפיהרונג געבראַכט צו אַזאַ צושטאַנד, איך זאָל זיין אַ שקלאַף ביי ניגערס אויף די צוקער־פעלדער? איהר ציטערט ווי אַ בלאַט ווען איך דערצעהל אייך וועגען דעם... אָה, איהר ווייכהערציגע הייליגע! אין גאַנצען איז דאָך געשטאָרבען בלויז זיין זוהן! איהר זאָגט איהר האָט מיך ליעב — נו, געוויס! מיר האָט טהייער געקאָסט אייער ליעבע? דענקט איהר דען, אַז איהר וועט קענען אַלעס פערגלעטען און פערוואַנדלען מיך אין דעם אַלטען אַרטור? מיך, וועלכער האָט געוואַשען געשיער אין שמוציגע אויסגעלאַסענע שענקלאַך און האָט גערייניגט די שטאַהלען ביי די פאַרמער־קרעאָלען, וועלכע זיינען ערגערע חיות ווי זייערע בהמות זיינען? מיך, וועלכער איז געוועזען אַ קלאָון מיט גלעקעלאַך אויפ'ן קאָפּ אין אַ וואַנדערענדען צירק, אַ קענעכט און אַ שקלאַף פון די מעטאַדאָרען אויף דער אַרענע, וואו עס זיינען פאָרגעקומען „בול־פייטס“ ווילדע אָקסען קעמפּפע? מיך, וועלכער איז געוועזען אַ קנעכט פון אַלע שוואַרץ־הויטיגע סקלאַוועס, וועל־עס האָט נאָר געהאַט חשק צו הערשען איבער מיר? מיך, וועלכער האָט געהונגערט, וועמען מען האָט געטראָטען מיט די פיס, אויף וועמען מען האָט געשפּיגען, וועך עס האָט צו אַלעמען אויס־געשטרעקט זיין האַנד און געבעטעלט דעם אָבפאַל פון זייער טיש און וועמען מען פלעגט ענטזאָגען דאָס צו געבען, ווייל זייערע הינד זיינען געוועזען בילכער? אָה, וואָרום זאָג איך אייך דאָס אַלעס? קען איך אייך דען איבערדערצעהלען

אַלע שרעקען, צו וועלכע אייער האַנד האָט מיך געשטויסען? און יעצט דער־צעהלט איהר מיר וועגען אייער ליעבע צו מיר? ווי גרויס איז זי, דיעזע ליעבע? איז זי געווען שטאַרק אַז איהר זאָלט צוליעב איהר קענען ענטזאַגען זיך פון אייער גלויבען? וואָס האָט פאַר אייך געטהאָן יעזוס? האָט ער געליטען צוליעב אייך, איהר זאָלט איהם ליעב האָבען מעהר איידער מיך? פאַר זיינע געלעכערטע הענד ליעבט איהר איהם? טהוט־זשע אַ קוק אויף מיינע! און אויף דאָס קוקט, און אויף דאָס, אויף דיזעס...

ער האָט אויפגעריסען די העמד און בעוויזען די שרעקליכע סמנים פון וואונדען אויף זיין קערפּער.

— פאַדרע, אייער הארץ דאַרף מיט רעכט בעלאַנגען צו מיר! פאַדרע, עס זיינען ניטאָ אַזעלכע צרות, וועלכע איך האָב ניט איבערגעליטען צוליעב אייך. אויב איהר וואָלט נאָר געוואוסט אַלעס, וואָס איך האָב איבערגעלעבט! פון דעסטוועגען וויל איך דאָך ניט שטאַרבען. איך האָב אַלעס איבערגעלעבט און פון גערולדיגקייט איז מיין נשמה פערהאַרטעוועט געוואָרען, ווייל איך האָב געוואָלט צוריק זיך אומקעהרען צום לעבען און ווידער אַ מאָל ערקלעהרען מלחמה. דיעזער ציעל איז געווען אַ פּאַנציר פאַר מיין הארץ, ווען פאַר מיר איז געשטאַנען די געפאַהר פון משוגעת און זעלבסטמאָרד. און יעצט צוריק־קעהרענדיג זיך צום לעבען, זעה איך ווידער פאַר זיך א י ה ם, ו ו ע ל כ ע ן איז געווען צוגענאַגעלט צום צלם אין פערלויף פון זעקס שטונדען און נאָכ־העהר איז ער אויפגעשטאַנען טחית המתים! פאַדרע, מיך האָט מען געקרייציגט פינף לאַנגע יאָהר און איך בין אויך אויפגעשטאַנען תחית המתים. וואָס וועט איהר מיט מיר יעצט טהאָן? וואָס וועט איהר מיט מיר טהאָן?

זיין שטימע האָט זיך איבערגעריסען. מאָנטאַנעלי איז געזעסען אונבע־וועגט, פּונקט ווי אַ שטיינערנע סטאַטוע, אָדער אַ מת, ווען מען האָט אוועק־געזעצט אויף אַ בענקעל. דעם „שטעכעדיגען'ס" שטורמדיגער אויסדרוק פון פערצווייפלונג האָט פריהער ביי איהם ארויסגערופען אַ לייכטען ציטער, זיינע מוסקולען האָבען זיך מאַשינעל צוזאַמענגעצויגען אַזוי ווי אונטער די שמיץ פון אַ בייטש. יעצט אָבער איז ער געזעסען פאַלשטענדיג רוהיג.

א לאַנגע, שווערע פּאַוזע. ענדליך האָט מאָנטאַנעלי אָנגעהויבען צו רעדע און זיין שטימע האָט געקלונגען אָהן לעבען, טרויעריג:

— ארטהור, ערקלעהר מיר קלאָהרער דיין געדאַנק. דו טיראַניזירסט מיך, מיינע געדאַנקען פּלוטען זיך און איך קען דיך ניט פערשטעהן. וואָס פער־לאַנגסטו פון מיר?

„דער שטעכעדיגער" האָט אומגעקעהרט צו איהם זיין בלאַסע, שאָטענ־האַפטע געזיכט.

— איך פערלאנג גארניט. ווער וועט דען געהן פאדערען ליעבע מיט געוואלד? איהר זייט פריי אויסצוקלייבען פון אונזביידע דעם, ווער ס'איז אייך ליעבער. אויב איהר ליעבט איהם מעהר, קלייבט איהם אויס.

— איך קען דיך גאר ניט פערשטעהען — האט מאנטאנעלי ווידערהאלט זעהר מיעד — וועגען וועלכען אויסוואהל רעדסטו? די פערגאנגענהייט קען מען דאך ניט פערריכטען.

איהר דארפט אויסקלייבען איינעם פון אונז ביידע. אויב איהר ליעבט מיך, דאן נעהמט ארונטער פון האלז דיזען צלם און לאמיר אוועקגעהן אין אן אנדער וועלט. מיינע פריינד ארגאניזירען א צווייטען פערזוך מיך צו בעפרייען און מיט אייער הילף וועט זיי לייכט זיין דאס אויסצופיהרען. ווען מיר וועלען זיין אויף דער צווייטער זייט גרענעץ, אויסער געפאהר, וועט איהר מיך עפענטליך אנערקענען פאר אייער זוהן. אויב אבער איהר ליעבט מיך ניט גענוג, איהר זאלט עס קענען טהאן, אויב אייער גלויבען איז אייך טהייערער, ווי איך, דאן געהט צום פאלקאווניק און זאגט, איהר זייט מסכים. אבער אין אזא פאל געהט שוין, באלד, בעפרייט מיך פון די יסורים אייך צו זעהן. אהן דעם איז מיר אויך ניט גרינג.

מאנטאנעלי האט אויפגעהויבען די קאפ. יעצט האט ער אנגעהויבען פערשטעהן. זיינע כחות האבען איהם פערלאזען, א ציטער איז איהם אריבער איבער'ן קערפער.

— איך וועל נאטירליך קומען אין פערבינדונג מיט דיינע פריינד, אבער געהן מיט דיר איז פאר מיר אונמעגליך — איך בין דאך א גלח.

— און פון א גלח וויל איך קיין טובה. קיינע קאמפראמיסען מעהר, פאדרע! איך האב גענוג פון דעם געליטען. איהר דארפט זיך ענטזאגען אדער פון אייער שטעלע, אלס גייסטליכער, אדער פון מיר.

— ווי־זשע וועל איך זיך פון דיר שיידען, ארטור? ווי אזוי וועל איך זיך פון דיר שיידען?

— טו, שיידט זיך מיט'ן קלויסטער. קלייבט אויס צווישען אונז ביידע. שלאגט מיר ניט פאר צו טהיילען אייער ליעבע צווישען אונז ביידע — האלב מיר, האלב דעם קלויסטער. איך וויל ניט קיינע ברעקלעך פון זיין טיש.

— ארטור, ארטור, ווילסטו דען צורייסען מיין הארץ אויף שטיקער? ווילסטו דען מיך ברענגען ביז משוגעת?

דער שטעכעדיגער האט א קלאפ געטהאן מיט'ן האנד איבער'ן וואנד.

מאנטאנעלי האט ארויסגענומען א קליינעם פארטפעל, וואס איז געווען בעהאלטען ביי איהם אויפ'ן ברוסט און פון איהם האט ער ארויסגענומען א צוקארטשעטען, צוריסענעם פאפיערעל.

— זעה — האט ער געזאגט.

— איך האב געגלויבט אין אייך ווי אין

א ג אָ ט א ו ן א י ה ר ה אָ ט מ י ך ג ע נ א ר ט ד ע ם ג אַ נ־
צ ע ן ל ע ב ע ן.

דער שטעכעדיגער האָט זיך צולאַכט און איהם צוריקגעגעבען דעם פּאַפּירעל.

— ווי וואונדערליך יונג איינער איז צו ניינצעהן יאָהר! נעהמען א האַמעריל און צושמעטערען מיט איהם זאַכען, דאַכט זיך דאָס אויס אזוי לייכט אויף יעצט, אָבער דאָ בין איך אליין אונטער'ן האַמער. נו, איהר וועט נאָך געפינען גענוג מענשען איהר זאָלט זיי קענען נאַרען און זיי וועלען דאָס זאַגאַר קיינמאָל ניט פערשטעהן.

טהו ווי דו ווילסט — האָט געזאָגט מאָנטאָנעלי — אָט ווייסט, פיי־לייכט אויף דיין פּלאַץ וואָלט איך געוועזן אזוי באַרמלאָז ווי דו ביזט. איך קען ניט טהאָן דאָס, וואָס דו פאָדערסט פון מיר, אַרטור, אָבער איך וועל טהאָן דאָס, וואָס איך קען. איך וועל העלפען דיר אַנטלויפען און ווען דו וועסט זיין אויסער געפאַהר, וועט דאַן מיט מיר פּאַסירען אַן אונגליקס־פאַל אין די בערג, אָדער איך וועל אַנשטאָט אַ שלאָף־פּולווער נעהמען עטוואָס אַנדערש — קלייב אויס וואָס דו ווילסט. וועט דאָס דיר צופריעדענשטעלען, דאָס איז אַלעס וואָס איך קען טהאָן. דאָס איז אַ גרויסע עבירה, אָבער איך האָף, אַז ער וועט מיר מוחל זיין. ע ר איז באַרעמהערציג.. דער „שטעכע־דיגער" האָט אויסגעשפּרייט זיינע הענד און האָט אַרויסגעלאָזען אַ געשריי.

—אָה, דאָס איז צופיעל, צופיעל! וואָס האָב איך געטהאָן, איהר זאָלט וועגען מיר אזוי דענקען? וואָס פאַר אַ רעכט האָט איהר... אזוי ווי איך וואָלט זיך געקליבען נעהמען פון אייך ראַכע! פערשטעהט איהר דען ניט, אַז איך וויל אייך בלויז רעטען? זעהט איהר דען ניט ווי איך ליעב אייך?

ער האָט געכאַפּט מאָנטאָנעלי'ס הענד און האָט זיי אָנגעהויבען בעדע־קען מיט הייסע קושען, אויסמישענדיג זיי מיט טרעהרען.

— פּאַדרע, קומט מיט מיר! וואָס פאַר אַ געמיינשאַפטליכעס האָט איהר מיט דיזער טוידטער וועלט פון טעות'ען און פאַראורטהיילע? זיי זיינען דאָך בלויז דער שטויב פון די פערגאַנגענע יאָהרהונדערטע; זיי זיינען דאָך פערפוילט דורך און עס וועהט פון זיי מיט אַ געשטאַנק פון פער־ניכטונג. קומט מיט מיר פון דיזער וועלט אין אַ וועלט פול מיט ליכט! פּאַדרע, מיר זיינען — לעבען און יוגענד, מיר זיינען — אייביגער פריהלינג, מיר זיינען — די צוקונפט פון דער מענשהייט. פּאַדרע, דער טאָגען איז נאָהענט; וועט איהר דען ניט נעהמען אויף זיך אייער טהייל אַרבייט צו העלפען דער זון אויפגעהן? וואַכט אויף און לאָמיר פערגעסען די שרעקליכע קאָשמאַרען פון דער נאַכט! וואַכט אויף און לאָמיר אָנפאַנגען אונזער לעבען פון דאָס ניי! פּאַדרע, איך האָב אייך שטענדיג געליעבט — שטענדיג!

זאָגאָר דאָן, ווען איהר האָט מיך געטויטעט! ניט שוין־זשע וועט איהר מיך א צווייטען מאָל טוידטען?

מאנטאנעלי האָט פון פערצווייפלונג פערבראָכען די הענד.

— גאָטעניו, ערבאַרם זיך אויף מיר! האָט ער אויסגעשריען — דיינע אויגען זיינען ווי ביי דיין מוטער!

א לאַנגער, טיעפער שווייגען איז אַנגעפאַלען אויף ביידען. אין דער סע־ער האַלב־פינסטערניס פון דעם אַנקומענדען אבענד האָבען זיי געקוקט איינער אויפ׳ן אַנדערען און זייערע הערצער זיינען פערגליווערט געוואָרען פון שרעק.

— זאָג מיר נאָך עטוואָס — האָט מאַנטאַנעלי שנעל געזאָגט — גיב מיר וועלכע ניט איז האָפנונג.

— איך האָב ניט מעהר וואָס צו זאָגען. דאָס לעבען איז בלויז פאַר מיר וויכטיג, כדי צו קעמפּפען געגען קלויסטער. איך בין ניט קיין מענש, נור א מעסער. געבענדיג מיר דאָס לעבען, סאַנקציאָנירט איהר בלוט פערגיסונג.

מאנטאנעלי האָט זיך אומגעקעהרט צום קרייצונגס־בילד.

— גאָטעניו, דו הערסט? ...

זיין שטימע איז אָבגעשטאָרבען אין דער טיעפער שטילקייט. קיין ענטפער איז ניט געקומען. דער טייפעל פון שפּאָט האָט אויפגעוואַכט אין דעם שטעכעדיגען.

— רופט איהם העכער! — האָט ער געזאָגט מיט געלעכטער — פי־לייכט שלאָפט ער.

מאנטאנעלי איז אויפגעשפּרונגען ווי אַן אונטערגעשאָסענער. א גע־וויסע ווייל׳ע האָט ער שטאַר געקוקט פאַר זיך, נאָכהער האָט ער זיך צוגע־זעצט אויפ׳ן ברעג פון שטרוי־זאַק און זיך צוואויינט, פערדעקענדיג די אויגען מיט די הענד. דער שטעכעדיגער האָט אָנגעהויבען ציטערען מיט׳ן גאַנצען קערפּער, א קאַלטער שוויים האָט איהם אַרויסגעשלאָגען אויפ׳ן שטע־רען. ער האָט פערשטאַנען, וואָס די טרערען בעדייטען. ער האָט זיך אי־בע־געדעקט די קאָפּ מיט׳ן צודעק, ער זאָל ניט הערען. עס איז פאַר איהם גענוג געווען וואָס איהם איז אויסגעקומען שטאַרבען, פיהלענדיג א צופלוס פון מוטהיגען שטאַלצען לעבען. אָבער די קלאַנגען פון מאַנטאַנעלי׳ס גע־וויין האָט ער ניט געקענט פערטויבען. זיי האָבען געקלונגען אין ויינע אוי־ערען, זיי האָבען איהם געפּויקט אין זיין מח, זיי האָבען געקלאַפּט אין אַלע זיינע אָדערען. מאַנטאַנעלי האָט געוויינט און געוויינט, און די טרעהרען האָבען זיך געגאָסען איבער זיינע פינגער.

דער געוויין איז ענדליך שטיל געוואָרען און מאַנטאַנעלי האָט זיך גענו־מען אויסווישען די אויגען מיט א טיכעל, פּונקט ווי א קינד, וועלכער האָט

אויפגעהערט וויינען. ווען ער איז אויפגעשטאנען, האט זיך די טיכעל אראב־געגליטשט פון זיינע קניע און איז געפאלען אויף דער פאדלאגע.

— אומזיסט די רייד — האט ער געזאגט — פערשטעהסט מיך?

— איך פערשטעה האט געענטפערט „דער שטעכעדיגער" מיט א שטומפער שטימע — דאס איז ניט אייער שולד. אייער גאט איז הונגעריג און מוז געשפייזט ווערען.

מאנטאנעלי האט זיך א קעהר געטהאן צו איהם. דער שווייגען איז געווען שרעקליכער פאר'ן שווייגען פון קבר, וועלכען מען האט אין גיכען געדארפט אויסגראבען פאר איינעם פון זיי.

שווייגענדיג האבען זיי געקוקט איינער דעם אנדערען אין די אויגען, ווי צוויי, מיט געוואלד צושיידטע געליעבטע קוקען איינער אויף דעם אנדערען דורך א צוים, וועלכען זיי קענען ניט אריבערגעהען.

„דער שטעכעדיגער" האט דער ערשטער ארונטערגעלאזען די אויגען. ער האט האסטיג זיך אבגעקעהרט און בעהאלטען זיין געזיכט. מאנטאנעלי האט פערשטאנען, אז דאס איז געווען א סיגנאל פאר איהם אוועקצוגעהן. ער האט זיך אבגעקעהרט און איז ארויס פון קאמער.

עס איז פערבייגעלאפען נאך א מינוט און „דער שטעכעדיגער" איז מיט א מאל אויפגעשפרונגען.

— אה, איך קען דאס מעהר ניט איבערטראגען! פאדרע קעהר זיך אום, קעהר זיך אום!

די טיר איז געווען פערמאכט. א לאנגען, לאנגזאמען בליק האט ער געווארפען אויף די ווענד פון זיין קאמער און האט פערשטאנען, אז אלעס האט זיך געענדיגט. דער גאלילעער האט געזיגט.

אונטען, אויפ'ן הויף, האט די גראז א גאנצע נאכט שטיל געראושט — די גראז, וועלכע איז פעראורטהיילט געווארען אין קורצען פערוועלקט צו ווערען, אבגעריסען ווערען פון איהרע ווארצלען דורך דעם שניט פון דעם גראב אייזען. אויבען האט א גאנצע נאכט איינזאם געיאמערט דער געפאנגענער אין זיין פינסטערען קאמער.

7.

דיענסטאג פריהמארגען איז פארגעקומען דער מיליטער־געריכט.

געדויערט האט ער גאר ניט לאנג און איז דורכגעגאנגען זעהר איינפאך. דאס איז געווען בלויז א פוסטע פארמאליטעט, וועלכע האט זיך געצויגען אין גאנצען א צוואנציג מינוט. די פערטהיידיגונג איז ניט צוגעלאזען געווארען. אלס עדות זיינען ארויסגעטראטען בלויז דער פערוואונדעטער שפיאן, דער פערוואונדעטער אפיציער און עטליכע סאלדאטען. דער אורטהייל

איז נאָך געווען פאַרטיג פון פריהער. מאַנטאַנעלי האָט געשיקט זאָגען, אַז ער איז מסכים און די ריכטער — דער גאָווערנאָר פעראַרי, אַ מאַיאָר און צוויי אָפיציערען פון דער שווייצאַריען־אַרמעע — האָבען געדאַרפט בלויז דעם אורטהייל בעשטעטיגען. מען האָט דורכגעלעזען דעם בעשולדיגונגס־אַקט, די עדות האָבען געזאָגט וואָס זיי האָבען געזעהן, דעם אורטהייל האָט מען אונטערגעשריעבען און פאַרגעלעזען מיט אַ פּאַסענדער פייערליכקייט פאַר'ן פעראורטהיילטען. „דער שטעכעדיגער" האָט שווייגענדיג איהם אויס־געהערט, און אַז מען האָט איהם, לויט דער אָנגענומענער פאָרמע, גע־פרעגט אויב ער האָט עפּעס צו זאָגען, האָט ער מיט אַן אונגעדולדיגען מאַך מיט'ן האַנד געגעבען צו פערשטעהן, אַז די גאַנצע פראַגע איז איבע־ריג. ביי איהם אויפ'ן ברוסט איז געווען בעהאַלטען די טיכעל, וועלכע מאַנטאַנעלי האָט געלאָזען ביי איהם אין קאַמער. דיעזע טיכעל האָט ער בעשאָטען מיט קושען און געוויינט איבער איהר אַ גאַנצע נאַכט. 'זי איבער אַ לעבדיגען וועזען. זיין געזיכט איז יעצט געווען בלאַס און לעבענסלאָז און אַרום די אויגען האָבען זיך נאָך געזעהען די סמנים פון טרעהרען. די ווערטער „פעראורטהיילט צום שיסען", האָבען ווייניג וואָס געווירקט אויף איהם. ווען ער האָט זיי דערהערט, זיינען די שוואַרצאַפּעלס פון זיינע אוי־גען אַ ביסעל ברייטער געוואָרען — דאָס אַלעס.

— פיהרט איהם צוריק אין קאַמער — האָט בעפוילען דער גאָווערנאָר, ווען אַלע פאָרמאַליטעטען האָבען זיך געענדיגט.

דער סערדזשאַנט האָט אַ ריהר געטהאָן פאַר'ן פּלייצע די בע־וועגונגסלאָזע פיגור פון'ם פעראורטהיילטען. „דער שטעכעדיגער" האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן כמעט מיט שרעק.

— אָ, יע, — האָט ער געמורמלעט — איך האָב גאָר פערגעסען.

אויפ'ן גאָווערנאָר'ס געזיכט האָט זיך געוויזען עטוואָס עהנליכעס אויף רחמנות. פון נאַטור איז ער ניט געווען קיין גרויזאַמער און טיעף אין האַר־צען האָט ער' זיך אַ ביסעל געשעהמט פאַר יענער ראָליע, וועלכע עס איז איהם אויסגעקומען צו שפּיעלען דעם לעצטען מאָנאַט. יעצט האָט ער דער־גרייכט דעם געווינשטען רעזולטאַט און ער איז געווען גרייט צו מאַכען דעם פעראורטהיילטען יעדע הנחה, וועלכע איז נאָר געווען אין זיין מאַכט.

— קיינע קייטען מעהר! — האָט ער בעפעהלען, אַ קוק געבענדיג אויף זיינע פערוואונדעטע פערשוואָלענע הענד — ער קען בלייבען אין דער פאָ־ריגער קאַמער. די קאַמער פאַר די טוידט־פעראורטהיילטע איז שרעקליך פינסטער און פער'חשכ'ט — האָט ער צוגעגעבען, וועגדענדיג זיך צו זיין פּליעמעניק. — נאָך אַלעמען איז דאָך דאָס ניט מעהר ווי אַ פאָרמאַליטעט. ער האָט זיך אויסגעהוסט, האָט זיך געביטען פון איין פוס אויף דער

צווייטער שטאַרק צוטומעלט. פּלוצלונג האָט ער צוריק גערופען דעם סער־זשאַנט, וועלכער איז שוין אַרויס פון צימער מיט'ן אַרעסטירטען.

— וואַרט צו, סערזשאַנט, איך דאַרף איהם עפּעס זאָגען.

„דער שטעכעדיגער" האָט זיך ניט גערירט. עס האָט אויסגעוויזען, אַז דעם גאָווערנער'ס שטימע איז צו איהם ניט דערגאַנגען.

— האָט איהר עפּעס פּיליכט איבערצוגעבען אייערע פריינד, אָדער קרובים? איך דענק, אַז איהר האָט קרובים.

קיין ענטפער.

— אַלזאָ, בעדענקט זיך און גיט עס מיר איבער, אָדער דעם גלח. איך וועל זיך צו דעם בעציהען מיט אויפמערקזאַמקייט. איבעריגענס, גיט בעסער איבער וואָס איהר האָט צו זאָגען דעם גלח. ער וועט באַלד קומען און וועט בלייבען מיט אייך די גאַנצע נאַכט. אויב איהר האָט נאָך עפּעס אַ פערלאַנג...

„דער שטעכעדיגער" האָט אויפגעהויבען די אויגען.

— זאָגט דעם גלח, אַז איך וויל בלייבען אַליין. קיין פריינד האָב איך ניט און האָב ניט וואָס איבערצוגעבען זיי.

— אירר דאַרפט דאָך אָבער מתודה זיין זיך.

— איך בין אַן אַטעאיסט. איך וויל בלויז מען זאָל מיך לאָזען צורוה.

ער האָט דאָס געזאָגט טרויעריג און רוהיג. אין זיין שטימע האָט זיך ניט געהערט ניט קיין אַרויסרוף, אָדער אויפרעגונג. ער האָט דאָס געזאָגט און לאַנגזאַם זיך אָבגעקעהרט. אויפ'ן שוועל האָט ער זיך פּלוצלונג אָבגעשטעלט.

— איך האָב פערגעסען, גאָווערנער, איך וויל אייך בעטען איין טובה. בעפעהלט, אַז מאָרגען זאָל מען מיך ניט בינדען און מען זאָל מיר ניט פערבינדען די אויגען. איך וועל שטעהען פאַלשטענדיג רוהיג.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיטוואָך גאַנץ פריה, ביים זונען אויפגאַנג האָט מען איהם אַרויסגעפיהרט אין הויף. זיין הינקענדיגקייט האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען מעהר ווי געוועהנליך. מיט פיעל מיה, פיהלענדיג אַ שמערצליכען וועהטאָג האָט ער קוים געביטען די פיס, שווער אָנשפּאַרענדיג זיך אויף דעם סערזשאַנט'ס אָרעם. פון זיין געזיכט אָבער איז פערשוואונדען דער אויסדרוק פון מיעדער געהאַרכזאַמקייט. דער גייסט פון שרעק, וועלכער האָט איהם אַ גאַנצע נאַכט געמאַטערט, די פינסטערע געשטאַלטען וועגען יענער וועלט זיינען פערשוואונדען צוזאַמען מיט דער נאַכט, וועלכע האָט זיי אַרויסגערופען. ווי נור די זון האָט אָנגעהויבען שיינען און ער האָט זיך בעגעגענט פּנים אל פּנים מיט זיינע שונאים, האָט זיך אין איהם ווידער ער־

וואכט דער קאמפּפס־גייסט און ער האָט זיך שוין פאַר קיין זאַך ניט גע־שראָקען.

נעבען וואַנד זיינען געווען אויסגעשטעלט זעקס קאַראַבינערס, וועל־כע האָבען געדאַרפט דורכפיהרען דעם אורטהייל. דאָס איז געווען די זעל־בע האַלב־צוּשטערטע וואַנד, איבער וועלכע ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזען אין דער נאַכט פון זיין אונגעלונגענעם פערזוך צו אַנטלויפען. די סאָלדאַ־טען, וואָס זיינען געשטאַנען אין איין רייהע מיט ביקסען אין די הענד, האָבען קוים איינגעהאַלטען די טרעהרען. אונגלויבליך־שרעקליך האָט זיי אויסגעוויזען דער געדאַנק, אַז זיי דאַרפען הרג'ענען דעם שטעכעדיגען. „דער שטעכעדיגער” מיט זיינע סאַטירישע, צום מאָמענט פּאַסענדע ענטפערס, מיט זיין אונאויפהערליכען געלעכטער, מיט זיין שטאָלצער אַנשטעקענדער מוט־היגקייט האָט זיך אַריינגעריסען אין זייער סערצען, איינפּאַכען לעבען ווי אַ ליכטיגער שטראַהל און דאָס וואָס ער דאַרף יעצט שטאַרבען דורך זייערע הענד, איז פאַר זיי געווען אַזוי ווי די העלע ליכטיגע זון וואָלט זיך געדאַרפט אויסלעשען.

אויפ'ן הויף, אונטער אַ ריזיגען פייגענבוים, האָט אויף איהם געוואַרט אַ קבר. ביינאַכט האָבען איהם פערשקלאַפטע הענד געגראָבען און טרערען זיינען געריגען אויפ'ן גראָב־אייזען. פערבייגעהענדיג האָט ער מיט אַ שמייכעל אַ קוק געטהאָן אין דער פינסטערער גרוב, האָט בעטראַכט די פערביי־ליגענדע פערוועלקטע גראָז און האָט שווער אַ זיפץ געטהאָן, אַריינציהענ־דיג אין זיך דעם ריח פון דער פריש־אויפגעגראָבענער ערד.

לעבען בוים האָט זיך דער סאַרזשענט אָבגעשטעלט. „דער שטעבעדיגער” האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אַ שמייכעל.

— דאָ שטעלען זיך, סאַרזשענט?

דער סאַרזשענט האָט שווייגענדיג צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. אַזוי ווי אַ ביין וואָלט זיך איהם געשטעלט אין האַלז: ער וואָלט ניט געקענט אַרויס־רעדען אַ וואָרט, ווען זיין לעבען וואָלט געווען אַבהענגיג פון דעם. אויפ'ן הויף זיינען געווען אַנוועזענד דער גאָווערנער, זיין פּלימעניק, דער קאַפּיטאַן, דער נאַטשאַלניק פון די קאַראַבינערען, דער דאָקטאָר און דער גלח. זיי זיינען אַרויסגעטראָטען אין פאַראויס מיט ערנסטע געזיכטער, צומישט ווע־רענדיג פון דעם מוטהיגען בליק פון דעם שטעכעדיגען'ס לאַבענדיגע אויגען.

— וואָס מאַכט איהר, מיינע הערען! אָה, דער הייליגער פּאַטער איז שוין אויך אויף די פיס אַזוי פריה! ווי לעבט זיך עפּעס, קאַפּיטאַן! אונ־זער יעצטיגע בעגעגנים איז פיעל אַנגענעהמער פאַר אייך פון דער לעצטער, ניט אמת? אייער האַנד, זעה איך, ענגט נאָך אויף אַ טיכעל. אַלץ דער־פאַר וואָס איך האָב דאָן ניט געטראָפען אין ציעל. אָט דיעזע העלדען וועל־לען בעסער טהאָן זייער אַרבייט. ניט אמת, ברידער?

ער האט געווארפען א בליק אויף די פערוואלקענטע געזיכטער פון די סאל־צאטען.

— קוקט ניט אויף מיר אזוי טרויעריג! שטעהט גלייך און ווייזט, ווי גוט איהר קענט שיסען. באלד וועט איהר האבען אזוי פיעל ארבייט, דאס איך וויים נים, אויב איהר וועט זיך קענען ספראווען. דערווייל איז דאס ניט קיין ארבייט — בלויז איבונג.

— זוהן מיינער! — האט איהם איבערגעריסען דער גלח, צוגעהענדיג צו איהם — די איבעריגע זייגען אבגעגאנגען, לאזענדיג זיי אליין. — עטליכע מינוט שפעטער וועט איהר דארפען ערשיינען פאר אייער בעשעפער. וועט איהר זיך דורכלאזען דעם לעצטען מאמענט וואס איז אייך פערבליבען תשובה צו טהאן? בעדענקט זיך, איך בעט אייך, וואס פאר א שרעק דאס איז צו שטארבען אהן מחילה, מיט א הארץ פול מיט זינד. ווען איהר וועט שטעהן פנים אל פנים מיט׳ן אלערהעכסטען ריכטער, וועט שוין זיין דאן צו שפעט צו דענקען וועגען תשובה. דענקט איהר דען צוצוקומען צו זיין ריכטער־שטוהל מיט א שפאס אויף די ליפען?

— מיט א שפאס, אייער הייליגקייט? מיר דאכט, אז איהר און אייער גלייבען נויטיגען זיך מעהר אין קריסטליכע זיטען־לעהרען. ווען עס וועט קומען אייער נעקסט, וועלט מיר לאזען ארבייטען הארמאטען, אבער ניט א האלבען טוצען פערזשאווערטע ביקסען. און דאן וועט איהר איינזעהען ווי מיר שפאסען.

— איהר וועט לאזען ארבייטען הארמאטען! אה, אונגליקליכער! פערשטעהט איהר דען ניט אויף דעם ברעג פון וואס פאר אן אבגרונד איהר שטעהט?

„דער שטעבעדיגער" האט איבער׳ן פלייצע א קוק געטהאן אויפ׳ן אפעגעם קבר.

— אלזא, אייער הייליגקייט דענקט, אז ווען איהר וועט מיך אהין אראבלאזען, ווערט איהר אויף אייביג פטור פון מיר? ס׳קען אויך זיין, אז איהר וועט מיט שטיינער פערלייגען מיין קבר, כדי צו זיין איז גאנצען רוהיג. האט קיין מורא ניט, אייער הייליגקייט! איך וועל ליגען רוהיג ווי א מייזעל דארט, וואו איהר וועט מיך אוועקלייגען... אבער דאך וועלען מיר לאזען ארבייטען די הארמאטען.

— אה, בארמהערציגער גאט! — האט אויסגעשריען דער גלח — פערגיב דיעזען אונגליקליכען!

— אמן! האט געענטפערט דער קאמאנדיר פון די קאראבינערען מיט א טיעפען באס. דער גאווערנער און זיין פליעמעניק האבען זיך גאטספארכטיג איבערגע׳צלמ׳ט.

עס איז געווען קלאָר, אַז קיינע גוטע רייד וועלען אויף דעם שטעכעדי־גען ניט ווירקען. דער גלח איז אַבגעגאַנגען אָן אַ זייט שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ און שעפּטשענדיג אַ תפילה. אָהן וועלכע ניט איז שטערונגען זיינען געמאַכט געוואָרען די לעצטע פאַרבערייטונגען און דער שטעכעדיגער האָט זיך געשטעלט גלייך, ווי עס האָט זיך געפאָדערט, אַבקעהרענדיג זיך בלויז אויף איין אויגענבליק אין דער זייט פון די רויטע און געלע שטראַהלען פון דער אויפגעהענדער זון. ער האָט נאָך אַ מאָל געבעטען מען זאָל איהם ניט פערבינדען די אויגען און דער חוצפה'דיגער אויסדרוק פון זיין געזיכט האָט אַרויסגעריסען בייט פּאָלקאָווניק זיין הסכמה. זיי האָבען פערגעסען דאָן וואָס פאַר אַ שווערע משא זיי האָבען דערמיט אַרויפגעוואָרפען אויף די פּליי־צעס פון די סאָלדאַטען.

דער שטעכעדיגער איז געשטאַנען און האָט מיט אַ שמייכעל געקוקט זיי גלייך אין די אויגען. די ביקסען האָבען געציטערט ביי זיי אין די הענד.

— איך בין פאַרטיג — האָט ער געזאָגט.

דער קאָמאַנדיר האָט געמאַכט אַ טריט פאָראויס. ער האָט געציטערט פון אויפרעגונג. איהם איז נאָך קיין מאָל ניט אויסגעקומען דורכפיהרען אַ טויטעס־אורטהייל.

— מאַכט זיך פאַרטיג! ציעלט! שיסט!

„דער שטעכעדיגער" האָט זיך לייכט אַ טרייסעל געטהאָן, אָבער איז ניט געפאַלען. איין קויל האָט איהם עטוואָס צוראַצט די באַק. עטליכע טראָפּען בלוט זיינען געפאַלען אויף זיין ווייסען שניפּס. אַ צווייטע קויל האָט איהם געטראָפען אין פוס, איבער'ן קניע. ווען דער רויך איז פערשוואונ־דען, האָבען איהם די סאָלדאַטען דערזעהן שמייכלענדיג, ווי פריהער, ווי ער ווישט אויס מיט דער פערוואונדעטער האַנד די בלוט פון זיין באַק.

— ניט קיין געלונגענער שאָס, ברידער! — האָט ער געזאָגט — זיין קלאָרע, דייטליכע שטימע האָט אַ שניט געטהאָן ביים הארצען די פון שרעק פערשטיינערטע סאָלדאַטען. — פּרובט נאָך אַ מאָל!

אַן אונציפריערענער מורמלען איז דורכגעלאָפען צווישען די סאָלדאַ־טען. יעדערער האָט זיך געציעלט אָן אַ זייט מיט דער פערבאָרגענער האָפ־נונג, אַז די טויט־ברענגענדע קויל וועט אַרויסגעלאָזען ווערען פון אַ צוויי־טען אָבער ניט פון איהם. און יעצט שטעהט דער פערוואונדעטער און קוקט אויף זיי מיט אַ שמייכעל. עס איז פאַרגעשטאַנען נאָך אַ מאָל דורכ־צומאַכען דיעזע שרעקליכע טהאַט: זיי האָבען די פּראָצעקוציאָן פערוואַנ־דעלט אין אַ בלוט־באַד. עס האָט זיי אַנגענומען אַ שרעק. אַראָבלאָזענדיג די ביקסען, האָבען זיי מיט אַ טומפּען אויסזעהען אויסגעהערט די שרעקליכע זידלעריי פון די אָפיציערען און אין פינסטערער פערצווייפלונג האָבען זיי

געקוקט מיט גרויסע אויגען אויף דעם מענשען, וועמען זיי האָבען גע׳הרג׳עט און וועלכער איז דאָך געבליבען לעבען.

דער גאָווערנער האָט אַ מאַך געטהאָן מיט׳ן קולאַק פאַר זייע׳ע געזיכ־טער, מיט רציחה האָט ער זיי בעפעהלען זיך אויסשטעלען אין רייהע, אָנ־שטעלען די ביקסען אין ציעל און מאַכען שנעל אַן ענדע.

ער איז ווי די סאָלדאַטען, אין גאַנצען געווען דעמאָראַליזירט און האָט ניט געוואַגט אַ קוק טהאָן אויף דעם שרעקליכען גייסט, וועלכער איז אַלץ געשטאַנען און האָט ניט געוואָלט פאַלען. ווען דער שטעכעדיגער האָט זיך צו איהם געווענדעט, האָט ער זיך כמעט ווי דערשראָקען. ער האָט אין גאַנ־צען אויפגעשווידערט ביי דעם ערשטען קלאַנג פון דיעזער אָבשפּאָטענדער שטימע.

— וואָס פאַר אַן אונפעהיגע סאָלדאַטען איהר האָט היינט געבראַכט, גאָ־ווערנאָר! מיר וועלען זעהען צו איך וועל מיט זיי בעסער קענען זיך ספּראַ־ווען. עה, העלדען! עה, דו דאָרטען אויפ׳ן לינקען פלאַנג, האַלט די ביקס העכער! גאָט איז מיט דיר, ברודערקע! ס׳איז ניט קיין סקאַוואָראָדע, ס׳איז דאָך אַ ביקס ביי דיר אין האַנד. אַלע האָבען אָנגעציעלט? נו, יעצט גרייט זיך!

— שיסט! — האָט איהם איבערגעריסען דער גאָווערנער, אַ וואָרף טהוענדיג זיך אין פאָראויס. דאָס איז געווען איבער די מענשליכע כחות! עס איז אונמעגליך געווען צו דערלאָזען, אַז דיעזער מענש זאָל אליין ארויס־זאָגען דעם לעצטען וואָרט פון דער קאָמאַנדע.

עס האָט זיך דערהערט אַ צווייטער אונענטשלאָסענער, אָרדנונגסלאָזער זאַלפּ און די אָרדנונגספולע ליניע פון די סאָלדאַטען איז פערוואַנדעלט גע־וואָרען אין אַ גרופּע ציטערענדע מענשען, וועלכע האָבען ווילד געקוקט פאַר זיך. איינער האָט זאָגאַר גאָר ניט געשאָסען. ער האָט אַ וואָרף גע־טהאָן דעם ביקס און פאַלענדיג אויף דער ערד האָט ער געקרעכצט: איך קען ניט, איך קען ניט!״

דער וואָלקען רויך האָט זיך אויפגעהויבען ביין שיין פון די העלע פריהמאָרגען שטראַהלען און איז לאַנגזאַם צוקראָכען אין שטיקער. זיי האָ־בען דערזעהן, אַז דער שטעכעדיגער איז געפאַלען. זיי האָבען אויך דער־זעהן, אַז ער לעבט נאָך. די סאָלדאַטען און די אָפיציערען זיינען געשטאַ־נען ווי פערשטיינערט אין פערלויף פון די ערשטע מינוטען און האָבען גע־קוקט אויף דיעזען שרעקליכען וועזען, וועלכער האָט זיך געוואָרפען אין טויטליכער אַגאָניע. דער דאָקטאָר און דער גאָווערנער האָבען זיך מיט אַ געשריי אַ וואָרף געטהאָן צו איהם, ווייל ער האָט זיך אויפגעהויבען אויף

איין קניע, האָט ווידער געקוקט אויף די סאָלדאַטען און האָט ווידער גע־לאַכט.

— ווידער א דורכפאַל! פּרובירט... נאָך א מאָל, ברידער!... זעהט אויב איהר קענט ניט...

פּלוצלונג האָט ער זיך א שאָקעל געטהאָן און איז געפאַלען אָן א זייט אויפ'ן גראָז.

— טויד'ט? — האָט געפרעגט דער גאָווערנאָר שטיל אויפ'ן קול.

דער דאָקטאָר איז געשטאַנען אויף די קניע און געהאַלטען זיין האַנד אויף דער מיט בלוט פערגאָסענער העמד. ער האָט ווייך געענטפערט.

— יע, איך דענק אזוי... דאַנקען גאָט!

— דאַנקען גאָט! — האָט ווידערהאָלט דער גאָווערנער — א סוף אָן עק.

זיין פּלימעניק האָט איהם א ציה געטהאָן פאַר'ן האַנד.

— אָנקעל! דער קאַרדינאַל! ער שטעהט ביים טויער און וויל אריין.

— וואָס? ער וועט ניט אריין... איך וויל ניט! וואָס קוקט דער קאַראַאול? אייער הייליגקייט....

די טויערען האָבען זיך געעפענט און האָבען זיך ווידער פערמאַכט. מאַנטאַנעלי איז שוין געשטאַנען אויפ'ן הויף און האָט געקוקט פאַר זיך מיט אויגען פול מיט שרעק.

— אייער הייליגקייט! איך דאַרף אייך בעטען... דאָס איז ניט פאַר אייך! דער טוידט־שטראָף האָט זיך ערשט געענדיגט. דער קערפּער איז נאָך ניט.

— איך בין געקומען א קוק טהאָן אויף איהם — האָט געזאָגט מאַנטאַ־נעלי.

דער גאָווערנאָר איז געריהרט געוואָרען פון זיין שטימע און זיין גאַנג; ער האָט אויסגעזעהן ווי א נאַכט־וואַנדלער.

— אָה, מיין גאָט! — האָט פּלוצלונג אויסגעשריען א סאָלדאַט.

דער גאָווערנער האָט זיך שנעל אומגעקוקט.

דער מיט בלוט פערגאָסענער קערפּער האָט מיט א קרעכץ אָנגעפאַנ־גען קאָרטשען זיך אויפ'ן גראָז. דער דאָקטאָר האָט זיך אָנגעבויגען און אוועקגעלייגט די קאָפּ פון דעם שטאַרבענדען צו זיך אויף די קניע.

— שנעלער! — האָט ער געשריען פערצווייפעלט — שנעלער, באַרבאַ־רען! אום גאָטעס ווילען, דער'הרג'עט איהם ביז'ן סוף! עס איז אונער־טרעגליך....

די בלוט האָט געשטראָמט איבער זיינע הענד. ער האָט געציטערט מיט'ן גאַנצען קערפּער, אונטערהאַלטענדיג די פיגור, וועלכע האָט זיך גע־

קאַרטשעס אין שרעקליכע וועהטאָגען. ווען ער האָט זיך שוין אין גאַנצען פערלאָרען פון שרעק, האָט ער זיך אָנגעהויבען ארומקוקען, זוכענדיג הילף. דער גלח האָט זיך אָנגעבויגען איבער זיין פלייצע און האָט צוגעלייגט זיין צלם צו די ליפּען פון דעם שטאַרבענדען.

— אין נאָמען פון פאָטער און זוהן...

„דער שטעכעדיגער האָט זיך אונטערגעהויבען, אָנשפּאַרענדיג זיך אויף דעם דאָקטאָר׳ס קניע און מיט ברייט-געעפענטע אויגען האָט ער אַ קוק גע־טהאָן אויפ׳ן צלם.

לאַנגזאַם, אין טוידט-שטילקייט, האָט ער אויפגעהויבען זיין דורכגע־שאָסענע רעכטע האַנד און האָט דעם צלם אָבגעשטויסען. אויף זיין געזיכט האָט געבלוטעט אַ שרעקליכע וואונד.

— פּאַדרע... זייט איהר... צופריעדענגעשטעלט?...

זיין קאָפּ איז געפאַלען אויפ׳ן דאָקטאָר׳ס האַנד.

— אייער הייליגקייט!

מאַנטאַנעלי איז געבליבען שטעהן אונבעוועגליך און דער גאָווערנער האָט ווידערהאָלט הילכיגער:

— אייער הייליגקייט!

מאַנטאַנעלי האָט אויפגעהויבען די אויגען.

— ער איז טוידט?

— יע, אייער הייליגקייט. געהט בעסער אוועק ס׳איז צו שרעקליך...

— ער איז טוידט — האָט מאַנטאַנעלי ווידערהאָלט און האָט אַ קוק געטהאָן אויף דעם שטעכעדיגען׳ס געזיכט.

— ער איז טוידט.

— וואָס-זשע וויל ער פון אַ מענשען, אין ווען עס זיצען אַ האַלבע דוצען קוילען? — האָט מיט פעראַכטונג שטיל געפרעגט דער קאָמאַנדיר פון די קאַראַבינער.

דער דאָקטאָר האָט איהם אויף שטיל געענטפערט:

— ווייזט אויס, אַז דער אַנזעהן פון בלוט האָט איהם אויפגעשווידערט.

דער גאָווערנער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנד אויף מאַנטאַנעלי׳ס

— אייער הייליגקייט... קוקט בעסער ניט אויף איהם... ערלויבט דעם קאַפּיטאַן, ער זאָל אייך אָבפיהרען אַהיים.

— יע... איך געה.

ער האָט זיך לאַנגזאַם אָבגעקעהרט פון דעם פערבלוטיגטען קערפּער און איז אוועק. דער גלח און דער סערזשאַנט האָבען איהם נאָכגעפאָלגט. ביין טויער האָט ער זיך אָבגעשטעלט און געוואָרפען אויף צוריק אַ שטומען פער־שטיינערטען קוק.

— ער איז טוידט!.....

— — — — — — — — — — — — — — — —

איינינע שטונדען שפעטער איז מארקאני צוגעקומען צו א קליין שטי־בעל, איבערצוגעבען מארטיני׳ן אז ער דארף שוין מעהר ניט אפפערען מיט זיין לעבען.

אלע פארבערייטונגען פאר׳ן צווייטען פערזוך צו בעפרייען דעם שטע־בערדיגען זיינען שוין געווען פארטיג, ווייל דיעזער פלאן איז געווען פיעל איינפאכער פון דעם ערשטען. דער בעשלוס איז געווען ווי פאלגט: אין דער פריה, ווען די פראצעסיע וועט דורכגעהן פערביי פעסטונג, וועט מאר־טיני ארויסטרעטען אין פאראויס פון דער מענגע, וועט ארויסנעהמען פון בוזעם א רעוואלווער און אויסשיסען אין דעם גאווערנאר׳ס געזיכט. אין דיעזען מאמענט פון אלגעמיינעם אויפרודער, וועלען צוואנציג בעוואפענטע מענשען פלוצלונג א ווארף טהאן זיך צו די טויערען פון פעסטונג, וועלען זיך אריינרייסען אינעווענינ, אבנעהמען מיט גוואלד די שליסלען, וועלען אריין אין דער קאמער פון דעם געפאנגענעם און איהם בעפרייען, טוידטענ־דיג און אומווארפענדיג די יעניגע, וועלכע וועלען זיי שטערען. נאכהער וועלען זיי ארויס פון די טויערען, פערטהיידיגענדיג זיך און און געבענדיג די מעגליכקייט דעם צווייטען אטראד פון בעוואפענטע קאנטראבאנדיסטען אוועקצופיהרען דעם געפאנגענעם אין א זיכערען פלאץ אין די בערג און בע־האלטען איהם דארט. פון דער קליינער גרופע פערשווערער איז דזשעמא געווען די איינציגע, וואס האט ניט געוואוסט פון דיעזען פלאן. דאס איז געווען מארטיני׳ס פערלאנג. „איהר הארץ וועט דאס ניט אויסהאלטען", האט ער געזאגט.

ווען דער קאנטראבאנדיסט איז אריין אין דעם טויערעל פון גארטען, האט מארטיני געעפענט די גלעזערנע טיר און איז ארויס אויף דער ווערא־נדא בעגעגענען איהם.

— פאראן נייעס, מארקאני?

אנשטאט אן ענטפער, האט דער קאנטראבאנדיסט פעררוקט אויף דער פאטילניצע זיין ברייטע שטרויענע הוט.

זיי האבען זיך געזעצט אויף דער וועראנדא. קיינער פון זיי האט ניט געזאגט א ווארט. מארטיני האט אבער אלעס פערשטאנען, בעמערקענדיג דעם אויסדרוק פון מארקאני׳ס געזיכט.

— ווען האט עס פאסירט? — האט ער געפרעגט נאך א לענגערע פאוזע. זיין שטימע האט געקלונגען אין זיינע אויערען אזוי האפנונגס־לאז, ווי אלעס איבעריגעס.

— היינט פארטאג. דער סערזשאנט האט דאס מיר איבערגעגעבען. ער איז דארט געווען און אלעס געזעהען

מאַרטיני׳ס געזיכט איז פינסטער געוואָרען. ער האָט אַראָבגעשאָרט אַ פעדעמעל פון אַרבעל פון זיין ראָק.

הבל הבלים, הכל הבל. מאָרגען האָט ער געזאָלט שטאַרבען, און היינט איז דער געגאַרטעטער ציעל פערשוואונדען אַזוי ווי אַ צויבער־לאַנד און די גילדערנע שטראַהלען פון דער פערגעהענדער זון, וועלכע לעשען זיך אויס, ווען די פינסטערניס לאָזט זיך אַרונטער.

ער האָט זיך אויף דאָס ניי דערפיהלט אין אַ וואָכעדיגער וועלט, אין דער פּראָזאַאישער וועלט פון גראַסיני און גאַלי, פון קאָנספּיראַטיווע בריעף, פּאַמפּלעטען, פּאַרטייליכע רייסעריי צווישען די חברים, געמיינע אינטריגען פון די עסטרייכישע שפּיאָנען — קורץ אין דעם אַלטען, רעוואָלוציאָנערען מיל־ראַד, וועלכער איז איהם שוין לאַנג געוואָרען איבערדריסיג. ערגעץ טיעף אין זיין בעוואוסטזיין האָט געוועהטאָגט אַן אונענדליכע פּוסטקייט, וועלכע מען האָט יעצט שוין מיט קיין זאַך ניט געקענט אָנפילען, ווייל „דער שטעכעדיגער״ איז שוין מעהר ניט געוועזען

אימיצער האָט געפרעגט וועגען עפּעס. ער האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ, וואונדערענדיג זיך, ווי קען מען יעצט וועגען וואָס ניט איז זיך בעאונרוהיגען.

— וואָס האָט איהר געזאָגט ?

איך האָב געזאָגט, אַז וואַהרשיינליך, וועט איהר אויך זיך נעהמען די אויפגאַבע מודיע צו זיין איהר וועגען דיזע נייעס.

דער גאַנצער וועלט־שמערץ האָט זיך אָבגעשפּיעגעלט אויף מאַרטיני׳ס געזיכט.

— ווי קען איך דאָס זאָגען ? — האָט ער אויסגעשריען — בעט שוין מיך בעסער איך זאָל זי טוידטען. אָה, ווי וועל איך דאָס איהר זאָגען, ווי וועל איך דאָס קענען ?

ער האָט צוגעדעקט מיט די הענד די אויגען. ניט קוקענדיג, האָט ער דאָך דערפיהלט ווי דער קאָנטראַבאַנדיסט האָט אַ ציטער געטהאָן און ער האָט אויפגעהויבען די קאָפּ.

דזשעמאַ איז געשטאַנען אין טיר.

— האָט איהר געהערט צעזאַר ? — האָט זי געזאָגט — אַלעס איז געענדיגט. זיי האָבען איהם דערשאָסען.

אויף מאָרגען נאָך דער טוידט־שטראָף איז מאָנטאַנעלי געשטאַנען ביים הויכען אַלטאַר און האָט מתפלל געווען. די גאַנצע קירכע האָט געשיינט פון ליכט און העלען פאַרבען. איבער די אָפענע טהירען זיינען געהאַנגען פורפור פאַרהאַנגען. דורך זייערע פאַלדען האָט געלויכטען די הייסע יוני־זון.

אז ער האָט געענדיגט דאָס געבעט, איז ער אוועק פון אַלטאַר און פאַר־מעלעך צוגעגאַנגען צום טהראָן פון יעפּיסקאָפּ. די גייסטליכע האָבען זיך טיעף געבוקט ביי זיין פערבייגעהען.

— מיר דוכט, אז זיין הייליגקייט איז ניט אין גאַנצען געזונד — האָט דערביי אַ גייסטליכער שטילערהייד געזאָגט צו אַ צווייטען.

— ער זעהט עפּעס מאָדנע אויס.

מאנטאנעלי האָט איינגעבויגען דעם קאָפּ, כדי אַנצוטהאָן די קאַסטבאַ־רע מיטרע. דער דיאַקאָן, וועלכער ער האָט זי איהם אָנגעטהאָן, האָט אַ קוק געגעבען אויף איהם און שטילערהייד געזאָגט:

— איהר זיינט קראַנק, אייער הייליגקייט?

מאנטאנעלי האָט זיך אַ ביסעל אָבגעקעהרט. אין זיינע אויגען איז קיין ענטפער ניט געווען.

— ענטשולדיגט, אייער הייליגקייט — האָט אַ שעפּטשע געטהאָן דער דיאַקאָן, און אַ בויג טהוענדיג די קניע, איז ער אוועק אויף זיין אָרט.

עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דאָס פייערליכע גאָטעס־דיענסט.

מאנטאנעלי איז געזעסען אויפ'ן טהראָן גלייך און אונבעוועגליך. אַן זיין פינקלענדער מיטרע און זילבערפאַרביגע קליידער האָט זיך אָבגעשלאָגען די זון, אָבער אין דעם קאַרדינאַל'ס אויגען, ווי עס האָט אויסגעוויזען איז ניט געווען קיין לעבען, קיין ליכט. ער האָט אויסגעזעהן ווי אַ שיינענדער אייז־גייסט פון די בערג, אָנגעטהאָן אין שנעע־קליידער.

דאָס גאָטעס־דיענסט האָט זיך געענדיגט. די גייסטליכע זיינען ארויס. מאנטאנעלי איז אָבער אַלץ געזעסען אויף דעם זעלבען אָרט, קוקענדיג אָהן אַ שום בעוועגונג אין דער ווייטקייט אריין.

די גייסטליכע זיינען צוריק אריין און האָבען אויף איהם געוואַרט. מאָנ־טאנעלי האָט זיך אָבער ניט גערירט פון אָרט. דער עלטערער דיאקאָן איז צו איהם צוגעגאַנגען, איהם אראָבגענומען די מיטרע פון קאָפּ און אַ פרעג געטהאָן אונענטשלאָסען.

אייער הייליגקייט! זייט איהר זיכער, אז איהר וועט אויסהאַלטען די פּראָצעסיע? די זון באַקט צו הייס.

— וואָס געהט מיר אָן די זון?

מאנטאנעלי האָט גערעדט קאַלט און דער דיאקאָן האָט געמיינט, אז ער האָט אַרויסגערופען אַן אונצופרידענהייט ביים יעפּיסקאָפּ.

— זייט מיר מוחל, אייער הייליגקייט, איך האָב געמיינט, אז איהר זייט ניט אין גאַנצען געזונד.

מאנטאנעלי האָט גאָר ניט געענטפערט, ער איז אויפגעשטאַנען און געבליבען שטעהן אויף דעם אויבערשטען שטאַפּעל פון טהראָן.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער געפרעגט.

דער עק פון זיין לאנגען ראָק איז געווען אויסגעצווינגען איבער'ן באָדען פון אַלטאַר. אין איין אָרט אויף דעם ווייסען אַטלאַס האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען אַ רויטער פלעק.

— דאָס איז אַ זון־שטראַהל וואָס דרינגט אריין דורך די פארביגע שויבען, אייער הייליגקייט!

— אַ זון שטראַהל אַזאַ רויטער?

באַלד האָט זיך אנגעהויבען די פּראָצעסיע, מאָנטאַנעלי האָט גענומען פון דעם דיאַקאָנס הענד אַ הייליג גאָלדען געפעס. די קירכע דיענער האָבען זיך צושטעלט פון פאָרענט און האָבען אויפגעהייבען אַ זיידענעם פּרכת איבער מאָנטאַנעלי'ס קאָפּ.

מאָנטאַנעלי איז געשטאַנען העכער פון אַלעמען, האַלטענדיגג אין דער הויך די הייליגע כלי.

פאַרביי איהם זיינען געגאַנגען אין געשלאָסענע רייהען מאַנאַכען מיט ליכט, מיט פאַקעלען און הייליגע בילדער; ס'זיינען דורכגעגאַנגען די קירכען־געמיינדען אין זייערע ווייסע קיטלען מיט פערדעקטע געזיכטער, באַרמהערציגע ברידער אין שווארצע קליידער מיט מאַסקעס אויף די פּנים'ער. עס האָבען זיך געצויגען פעראַרימטע מאַנאַכען אין דונקעלע קאַפּיושאָנען מיט בּאָרוועסע פערברענטע פיס. דערנאָך זיינען געגאַנגען מיושב'דיגע דאָמיניקאַנער אין ווייסע בגדים. הינטער זיי פּיעלע סאָלדאַטען, דער גאָווערנער מיט אָפיציערען א. ז. וו.

ווען מען האָט אויפגעהויבען דעם פּרכת, כדי עס זאָל קענען דורכגעהן דער דיאַקאָן מיט'ן צלם, האָט מאָנטאַנעלי דערזעהן פון זיין אָרט וואו ער איז געשטאַנען, דעם פּלאַץ פערגאָסען פון זון שטראַהלען, און קינדער אין ווייסע קליידער האָבען פאַנאַנדערגעוואָרפען ראָזען, אַ, די ראָזען, ווי רויט זיי זיינען געווען! נאָר אָט טרעט מאָנטאַנעלי ארוים אויף'ן מארק און עס הויבט זיך אָן די הייליגע פּראָצעסיע.

איבער'ן גאַנצען מארק זיינען געווען פאַנאַנדערגעשפּרייט ראָזען, רויטע ווי בלוט, און מענשען האָבען זיי געטראָטען מיט זייערע פיס.

דער כאָר האָט מיט פּאַראַד געזונגען וועגען דעם, וואָס דאָס ברויט איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ קערפּער און דער וויין און קריסטוס'עס בלוט.

— אַלץ בלוט! אומעטום בלוט! דער טעפּיך, וואָס איז געווען פאַנאַנדערגעשפּרייט פאַר איהם, איז עהנליך צו אַ טייך בלוט; די ראָזען ליעגען, ווי בלוט אויף די שטיינער. אַ, גאָט! ניט־שוין־זשע איז דיין גאַנצע ערד בעגאָסען מיט בלוט, און אויף דער הימעל דיינער? — האָט מאָנטאַנעלי געטראַכט.

ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף דער הייליגער כלי. וואָס איז דאָס? דורך

די גילדערנע שטראהלען פון דער זון האט עפעס אראבגערונען פאר זיינע אויגען פון אימיצענס אן אויפגעהויבענער האנד? דאס גראז אויפ'ן הויף איז געווען צוטראטען און אין גאנצען בעגאסען אין בלוט. דאס בלוט האט אראבגערונען פון באק, פון דער דורכגעשאסענער רעכטער האנד און האט געשפריצט ווי א הייסער קוואל פון דעם דורכגעשאסענעם'ם זייט. אפילו די האר זיינען געווען פערבלוטיגט און א טוידט־שוויים האט זיך ארויסגע־שלאגען אויף זיין שטערען פון די שרעקליכע שמערצען.

דער כאר האט אין דער זעלבער צייט געזונגען אלץ העכער און העכער, אזוי ווי ער וואלט געפייערט א נצחון.

— ניין! ווער קען דאס האבען אזוי פיעל געדולד אריבערצוטראגען! איז נאך ווייניג דער קרבן? איז נאך נויטיג אזא לעסטערונג? דארף מען נאך האבען די שבחים והודאות? דיין קערפער איז געפייניגט געווארען צו מציל זיין מענשען, דיין בלוט האט מען פערגאסען, כדי מוחל צו זיין די זינד. איז דאס נאך ווייניג?

— ניט שוין־זשע שלאפסטו, מיין טייער קינד? ניט שוין־זשע וועט די טיעפע גרוב אונטער'ן בוים קיין מאל דיך ניט ארויסלאזען כאטש אויף איין מינוט?

און פלוצלונג האט זיך מאנטאנעלי'ן אויסגעדאכט, אז ער הערט אן ענטפער פון דער כלי, וואס ער האלט אין האנד.

— צו דען האסטו אליין מיך ניט אבגעגעבען אלס א קרבן? קוק זיך איין, ווי מענשען פאלען אויף די קניע, צו טרינקען דאס בלוט, וואס רינט אראפ פון די וואונדען אויף דיין קלייד; צוליעב זיי איז פערגאסען געווא־רען מיין בלוט, כדי זיי זאלען זעטיגען זייער שרעקליכען דורשט. ווי עס שטעהט געשריבען: „ניטא קיין גרעסערע ליעבע ווי די, וואס גיט אוועק דאס לעבען פאר די פריינד“.

— א, ארטור, ארטור, ס'איז דא נאך א גרעסערע ליעבע, ווי די דאזיגע — די ליעבע, ווען איינער גיט אוועק דאס לעבען פון א מענשען, וואס איז איהם טהייערער פון אלץ. איז דאן אזא קרבן ניט גרעסער?

און ער האט ווידער דערהערט אן ענטפער:

— ווער פארט ליעבסטו מעהר פון אלץ? איך זאג דיר אויפריכטיג: ניט איך בין עס.

און בעת מאנטאנעלי האט איהם געוואלט ענטפערען, זיינען די ווערטער צונקלעפט געווארען ביי איהם צו דער צונג: דאס געזאנג פון כאר האט גע־שוועבט איבער איהם: „נעהמט צו, עסט, דאס איז מיין קערפער, טרינקט עס אלע, ווארים דאס איז מיין בלוט, וואס איז איבער אייך פערגאסען געווארען!

— יא, טרינקט עס, קריסטען, דאָס בלוט איז אייערס! עסט דעם פער־נאַנדערגעפליקטען גוף. דאָס איז אייער מאָהלצייט אייער יום־טוב. איילט זיך צו איהם אלע, —פרויען און קינדער, יונג און אלט. איילט זיך צום מאָהל־צייט און עסט דעם גוף און טרינקט דאָס בלוט, כל זמן עס איז רויט. גאָט מיינער, אָט איז די פעסטונג, אַ פייכטע, אַ פינסטערע. זי קוקט פערצאָרנט אויף די פייערדיגע פּראָצעסיע. ווי אַ ווילדע פערבאָרגענע חיה היט די פעס־טונג איהר רויב. די צייהנער פון די גראַטעס זיינען אראָבגעלאָזען איבער'ן טויער. ווי שטארק אָבער אָט די צייהנער זאָלען ניט זיין צוזאַמענגעדריקט דאַך וועט מען זיי ארויסשלאָגען, דעם טויער וועט מען צושמעטערען און דער קבר אויפ'ן הויף וועט ארויסגעבען דעם טוידטען; ווייל גאַנצע חילות קריס־טען געהען מיט אַ פייערליכע פּראָצעסיע צו דעם בלוט־יום־טוב, ווי חילות הונגעריגע מייז אויף זייער רויב. זיי שרייען שטענדיג: גיב, גיב! און קיינ־מאָל זאָגען זיי ניט: גענוג.

נאָר אָט האָט זיך די פּראָצעסיע געענדיגט. געהענדיג צוריק אין קירכע, איז מאַנטאַנעלי דורכגעגאַנגען דורך די שטומע רייהען פון מאָנאַכען, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף די קניע מיט ליכט אין די הענד. ער האָט געזעהען זיי־ערע גלאַנציגע אונרוהיגע אויגען, וואָס האָבען דורשטיג געקוקט אויף די כלי מיט קריסטוס'עס לייב און בלוט. און בעת מאַנטאַנעלי האָט זיך אוועק־געשטעלט ביים אלטאַר, אויפהויבענדיג, ווי איהם האָט זיך געדוכט, מיט פערבלוטיגטע הענד דאָס צוזאַמונדעטע לייב, האָבען די זינגער אין דער זעל־בער צייט גענומען זינגען וועגען דעם קרבן, וואָס האָט געעפענט דעם וועג צום הימעל.

— איצט זיינען זיי געקומען עסען דיין לייב, — האָט געטראַכט מאַנ־טאַנעלי ביי זיך — זאָל מיין געליעבטער, געשעהן דיין גורל און זאָלען זיך עפענען די שערי־שמים פאַר די דורשטיגע און רויבערישע וועלף. די טויערען, וועלכע זיינען אָפען פאַר מיר — זיינען די טויערען פון גיהנום.

בשעת דער עלטסטער דיאַקאָן האָט אוועקגעשטעלט אויפ'ן אלטאַר די הייליגע כלי, האָט זיך מאַנטאַנעלי געשטעלט אויף די קניע פאַר'ן אלטאַר, און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס רויטע בלוט רינט איהם אראָב פון אלטאַר אויפ'ן קאָפּ.

דאָס גאָטעס־דיענסט האָט זיך געענדיגט. דער עולם האָט זיך שוין געוואָלט פאַנאַנדערגעהען. נאָר אָט האָט זיך מאַנטאַנעלי אויפגעהויבען און אויסגעשטרעקט די האַנד צום עולם — עס זאָל ווערען שטיל.

— זיין הייליגקייט וויל רעדען — האָט זיך דורכגעטראָגען אַ מורמעל איבער דער גאַנצער קירכע.

אַלע זיינען געווען שטאַרק פּערוואונדערט. מחמת ס׳איז קיין מנהג ניט געווען צו האַלטען דרשות אין דעם יום טוב.

מאַנטאַנעלי איז געשטאַנען און האָט געקוקט אויפ׳ן ים קעפּ, וואָס פאַר איהם. דער גאַנצער עולם האָט געקוקט מיט אַן אנגעהאַלטענעם אָטהעם, אויף די מאַיעסטעטישע ווייסע פיגור, וואָס איז געשטאַנען ביים אַלטאַר.

לאַנגזאַם און פעסט האָט מאַנטאַנעלי אנגעהויבען רעדען :

—אין עוואַנגעליום שטעהט: און גאָט האָט אזוי ליעב געקראָגען די וועלט, אז ער האָט אָבגעגעבען זיין געליעבטען זוהן, כדי יעדער, וואָס גלויבט אין איהם, זאָל ניט אומקומען, נאָר ער זאָל האָבען אַן עביגען לעבען.״

— היינט איז דער יום טוב פון דעם קרבנ׳ם לייב און בלוט. דעם קרבן, וואָס מען האָט גע׳שחט׳ען צוליעב דעם מענשען׳ס ישועה. איהר זייט געקו־מען אהער אין יום־טוב׳דיגע בגדים צו פערזוכען פון דעם דאָזיגען קרבן ; איך וויים, אז היינטיגען פריהמאָרגען, ווען איהר זייט אהער געקומען אויפ׳ן מאַהל־צייט, זיינען אייערע הערצער געווען פול מיט פרייד. איהר האָט זיך דערמאָנט אָן די ליידען פון גאָט׳ם זוהן, וועלכער איז געשטאָרבען צוליעב אייך.

— זאָגט אָבער ווער פון אייך האָט אַ טראַכט געטהאָן וועגען אנדערע ליידען — וועגען די ליידען פון אַ פאָטער, וואָס האָט אָבגעגעבען זיין זוהן אויף צו פּייניגען און וואָס האָט פון דער הויך פון זיין הימלישען טהראָן געקוקט אויף דעם זוהן׳ס ליידען ?

— איהר האָט זיך היינט געפרעהט, וואָס איהר זייט געהאָלפען געוואָרען, וואָס מען האָט אייך מוחל געווען אייערע עבירות. בעטראַכט אָבער, מיט וואָס פאַר אַ פּרייז די ישועה איז געקויפט געוואָרען. דאָס איז זעהר אַ טהייערער פּרייז, טהייערער פון רובינען — דאָס איז דער פּרייז פון בלוט.

אַ שווידער האָט דורכגענומען דעם אויפגערעגטען עולם, און דער קאַר־דינאַל האָט ווייטער געזאָגט :

— איך האָב געקוקט אויף אייער שוואַכקייט, אויף אייער טרויער און מיין רחמנות. דאַמאָלט האָב איך אַ קוק געטהאָן אין די אויגען פון מיין טהייערען זוהן און איך האָב געוואוסט, אז אין זיי ליעגט פערבאָרגען אַ מחילה דורך בלוט. איך בין אוועק מיט מיין וועג, און האָב איהם איבערגעלאָזען ביי זיין גורל. אָט דאָס הייסט מחילה. ער איז געשטאָרבען פאַר אייך און איך האָב מעהר קיין זוהן ניט. אָ, מיין אינגעל, מיין אונגליקליכער אינגעל ! ביים קאַרדינאַל האָט זיך ארויסגעריסען אַ לאַנגער ווייטיגדיגער אויסגעשריי און דער עולם, צוטרייסעלט פון שרעק, האָט געענטפערט אויף מיט אזא געשריי.

די גייסטליכע האָבען זיך אויפגעהויבען און אַ וואָרף געטהאָן זיך צום קאַרדינאַל. ער האָט זיי אָבער אָבגעשטויסען פון זיך, מיט אַ פּנים פון אַ צורייצטער חיה.

— וואָס בעדייטעט עס ? איז אייך נאָך ווענינ בלוט ? וואַרט אויף אייער צייט, דורשטינע שאַקאַלען ! נאָך האָט איהר זיך ניט אָנגעזעטיגט ?

ארומגענומען פון שרעק, האָט דער עולם אָבגעטראָטען אויף הינטער און צונויפגעשלאָגען זיך אין איין קופּע. מאַנטאַנעלי האָט זיך ווידער געווענדעט צו דעם צומישטען עולם.

איהר האָט דער'הרג'עט מיין זוהן, איך האָב עס דערלאָזען, כדי אייך מוחל צו זיין. איצט אָבער זעהענדיג אייערע צבוע'צקע געבעטען און שבחים, האָב איך חרטה. אייערע נשמות זיינען ניט ווערטה אזא פּרייז. איצט איז אָבער צו שפּעט ! איך שריי הויך, אָבער מען הערט מיך ניט ; איך קלאַפּ אין די טיהרען פון קבר, אָבער ער וועט ניט אויפוואַכען ; איך שטעה אליין אין מדבר און זעה נאָר די ערד, אָן אָנגעזאַפּטע מיט בלוט, די ערד, אין וועלכער עס ליגט דער, וואָס איז געווען די נשמה פון מיין נשמה. איך האָב אייך איהם פאַר אַ קרבן געבראַכט. איהר אונרייניגע שרצים ! נעהמט אייך אייער ישועה, איך וואַרף זי אייך צו, ווי מען וואַרפט צו אַ ביין פאַר הונגעריגע הינד. געהט צו נעהענטער און זעטיגט זיך אָן, איהר מענשען־פרעסער, בלוטזויגער, חיות ! קוקט, ווי דאָס הייסע בלוט פליסט פון אַלטאַר, דאָס איז מיין זון'ס בלוט, וואָס איז פערגאָסען צוליעב אייך. טרינקט עס ! כאַפּט און רייסט זיך פאַר זיין גוף און פרעסט איהם אויף. אָט איז דער גוף, וואָס איז פאַר אַ קרבן גע־בראַכט צוליעב אייך ; קוקט זיך צו, ער איז צוריסען און צובלוטיגט, ער ציטערט נאָך פון יסורים—כאַפּט עס און עסט !

מאַנטאַנעלי האָט אַ נעהם געטהאָן די הייליגע כלי, האָט זי הויך אויפ־געהויבען איבער'ן קאָפּ און האָט מיט די גאַנצע כחות זיינע אַ שליידער געטהאָן זי אָן דער ערד. בשעת ס'האָט זיך דערהערט דער קלאַנג פון מעטאַל, וואָס האָט זיך אָבגעקלאַפּט אָן באָדען, האָבען זיך די גייסטליכע אַ וואַרף געטהאָן צו מאַנטאַנעלי'ן און האָבען איהם ארומגעכאַפּט.

דער עולם האָט זיך מיט אַ ווילדען היסטערישען געוויין אַ לאָז געטהאָן לויפען פון קירכע, אומוואַרפענדיג די שטוהלען און די בענק, שטיקענדיג און דריקענדיג איינער דעם אנדערען, און צורייסענדיג די בלומענקרענץ מיט די פאָרהאַנגען ; די צומישטע וויינענדיגע מאַסען האָבען זיך ענדליך ארויס־געריסען אויפ'ן גאַס...

עפּילאָג

— דזשעמאַ, אויף אייך פרעגט עפּעס אימיצער. מאַרטיני האָט גערעדט מיט אַ שטילער שטימע ווי זיי זיינען די לעצטע צעהן טעג געוועהנט געוועזן צו רעדען.

דאָס און עפּעס אַ בעזונדערע מעסיגקייט אין די בעוועגונגען און אין רעדען איז געוועזן דער איינציגער אויסדרוק פון זייער קומער.

דזשעמאַ, אין אַ שירץ, מיט פערקאַשערטע אַרבעל, איז געשטאַנען ביים טיש און האָט פאַנאַנדערגעטהיילט קליינע פּעקלאַך מיט פּאַטראָנען. זי איז געוועזן בעשעפטיגט מיט דער אַרבייט פון פריהמאָרגען אָן, און איצט, שוין האַלבער טאָג, אין דער רעכטער היץ, איז אויף איהר געזיכט געוועזן צו בעמערקען אַ מידיגקייט.

— וואָס פאַר אַ מענש איז עס, צעזאַר? וואָס דאַרף ער?

— איך ווייס ניט, מיין ליעבע. ער וויל מיר ניט זאָגען. ער וויל נאָר מיט אייך אַליין רעדען.

— גוט.

זי האָט אויסגעטהאָן דעם שירץ און אַראָבגעלאָזען די אַרבעל.

— מען מוז אַרויסגעהן צו איהם, הגם, עס קען געוויס זיין, אַז דאָס איז אַ שפּיאָן.

— אַלענפאַלס וועל איך זיין אין דעם דערבייאיגען צימער. ווי נור איהר וועט פון איהם פּטור ווערען, מוזט איהר געהן זיך צושפּאַרען — אַ גאַנצען טאָג, אַז איהר שטעהט היינט אויף די פיס.

— אָ, ניין, איך וועל בעסער אַרבייטען. זי איז לאַנגזאַם אַראָפּ פון די טרעפּ. מאַרטיני איז איהר נאָכגעגאַנגען. זי איז פאַר די עטליכע טעג עלטער געוואָרען אויף צעהן יאָהר און דער גרויער לאָק איהרער איז געוואָרען נאָך ברייטער.

איבערהויפּט פלעגט זי האַלטען די אויגען אַראָפּגעלאָזען, אָבער אַז זי פלעגט זיי צופעליג אויפהויבען, פלעגט ער אַ פערציטערטער ווערען פון דעם שרעק-אויסדרוק, וואָס אין זיי האָט זיך אָבגעשפּיעגעלט.

אונטען אין פאָרצימער האָט זי געפונען אַן אומגעלופּערטען מענשען. ער איז געשטאַנען אין מיטען צימער און האָט טהיילוויז איבערגעשטעלט די פיס. לויט זיין אויסזעהן און האַלב-צושראָקענעם בליק, מיט וועלכען ער האָט אויף איהר געקוקט, האָט זי פערשטאַנען, אַז דאָס מוז זיין אימיצער פון דער שווייצערישער וואַך.

ער איז געוועזן אָנגעטהאָן אין אַ פּויערשע העמד, וואָס איז אפנים ניט

געווען זיינס, און ער פלעגט זיך אפט ארומקוקען מורא האבענדיג, מען זאל איהם ניט כאפען.

— איהר רעדט דייטש ?

— א ביסעל. איהר האט אויף מיר געפרעגט ?

— איהר זייט סיניארא באלא ? איך האב פאר אייך א בריעף.

— א בריעף ?

ס'הט איהר געגומען טרייסלען, און זי האט זיך אנגעשפארט אין טיש, איינצוהאלטען זיך אויף די פיס.

— איך בין פון די דארטיגע וועכטער.

ער האט אנגעוויזען אויף די פעסטונג, וואס האט זיך דורכ'ן פענסטער געזעהן אויפ'ן בארג.

— דאס איז א בריעף פון דעם מענשען, וואס מען האט פאריגע וואך דערשאסען. ער האט איהם געשריבען מיט א טאג פריהער. איך האב איהם פערשפראכען איבערצוגעבען דעם בריעף אייך אין האנד אריין.

זי האט ארויסגעלאזען דעם קאפ.

— אלזא, האט ער פארט אנגעשריבען ?

— דעריבער האב איך איהם צו אייך ניט געבראכט — האט דער סאלדאט ווייטער געזאגט — ער האט מיר פערזאגט, איך זאל דעם בריעף קיינעם ניט אבגעבען אויסער אייך, און איך האב פריהער ניט געקענט אוועקגעהן ווייל מען האט מיך נאכגעקוקט. כדי צו קומען אהער, האב איך געמוזט לייהען די קליידער.

ער האט אריינגעשטעקט די האנד הינטער'ן קראגען פון העמד. עס איז געווען א הייס וועטער און דער צוזאמענגעלעגטער בויגען פאפיער, וואס ער האט ארויסגענומען, איז געווען ניט נאר פערפלעקט און צוקנייטשט, נאר אויך אין גאנצען דורכגענעצט. ער איז געשטאנען נאך א מינוט, האט דערנאך אויפגעהויבען די האנד און זיך א קראץ געטהאן דעם קאפ.

— איהר וועט דאך מיך ניט ארויסגעבען — האט ער אנגעהויבען פון דאס ניי מיט א ציטערדיגער שטימע, קוקענדיג אויף איהר מיט פערדאכט. — איך האב געשטעלט מיין לעבען אין געפאהר, געהענדיג אהער.

— געוויס וועל איך קיינעם ניט דערצעהלען, ווארט נאר אויף א ווײלע.

זי האט איהם אבגעשטעלט, בעת ער האט זיך אומגעקעהרט צום טהיר, און האט ארויסגענומען דאס געלד־בייטעל. אבער ער האט זיך בעליידיגט.

— איך דארף אייער געלד ניט — האט ער געזאגט מיט כעס — איך האב עס געטהאן צוליעב איהם ; ער האט מיך געבעטען וועגען דעם. ער איז אזוי גוט געווען צו מיר.

אין צימער האט זיך געפיהלט אן אונהיימליכע שטילקייט.

ער האָט זיך אויסגעגלייכט און אונגעשיקט א נייג טהוענדיג זיך אויפ'ן מיליטערישען שטייגער, איז ער אוועקגעגאַנגען. א קורצע צייט איז זי גע־בליבען שטעהען מיט דעם פּאַפּיער אין די הענד. דערנאָך האָט זי זיך אוועקגעזעצט צום פענסטער לעזען. דער בריעף איז געווען געשריעבען מיט א בליישטיפט און אייניגע ערטער זיינען געווען זעהר אונדייטליך.

קלאָר זיינען אָבער געווען די ערשטע צוויי ווערטער:

„טהייערע דזשעמאַ!"

דאָס איבעריגע איז אזוי ווי א נעבעל פערשוואומען געוואָרען פאַר איהרע אויגען. ווידער האָט זי איהם פערלאָרען! דערזעהענדיג דעם בעקאַנטען קינדערישען אויסדרוק, וועלכען ער האָט איבערגעחזר'ט פון דאָס ניי אין אזוי פיעל יאָהרען ארום, האָט זי ווידער אָנגעהויבען צו פיהלען, אז זי האָט איהם אויף אייביג פערלאָרען. זי האָט אויסגעשטרעקט די הענד פאַראויס אין גרויס פערצווייפלונג, פּונקט ווי די משא פון דער ערד, וואָס האָט איהם צוגעדריקט, וואָלט זיך געלעגט איהר אויפ'ן הארצען.

דערנאָך האָט זי ווידער גענומען דאָס פּאַפּיער און אָנגעהויבען צו לעזען.

„מאָרגען פאַר־טאָג וועט מען מיך שיסען. כדי צו האַלטען וואָרט און צו דערצעהלען דיר אַלץ, דאַרף איך עס גלייך טהאָן! נאָר אין גרונד זיינען גאָר ניט נויטיג קיין לאַנגע ערקלעהרונגען צווישען אונז. מיר האָבען אַלע מאָל איינער דעם אַנדערען פערשטאַנען, אפילו ווען מיר זיינען נאָך געווען קינדער.

זעהסט דו, טהייערע, עס איז זיך ניט געווען וואָס צו קלעמען פון דעם, וואָס דו האָסט מיר א מאָל א פּאַטש געטהאָן. דאַמאָלס איז עס געווען שווער אריבער צוטראָגען, אָבער נאָך דעם איז אויסגעקומען אויסצושטעהען נאָך א סך שווערערע זאַכען און פון דעסטוועגען בין איך אַלץ בייגעקומען. פאַר אייניגע קלעפּ האָט זיך מיר אפילו איינגעגעבען אָבצורעכענען זיך, און איצט בין איך ווידער אזוי ווי יענע פישעלע אין אונזער קינדער־ליעד: „איך לעב, בין פרעהליך און שטיף". שטיפען, אמת, שטיף איך דאָס לעצטע מאָל. מאָרגען פריה קומט אָן... און א סוף צו דער גאַנצער קאָמעדיע. מירביידע דאַרפען זאָגען: „עס האָט זיך געענדיגט די פאָרשטעלונג אין באַלאַ־גען", און דאַרפען דאַנקבאַר זיין די געטער פאַר דאָס גוטע, וואָס זיי האָבען אונז געגעבען. עס איז ניט פיעל געווען, אָבער עפּעס איז דאָך געווען און א לויב זיי דערפאַר.

וואָס איז שייך צו דעם מאָרגענדיגען פריהמאָרגען, וואָלט איך וועלען אז דו און מאַרטיני זאָלען פערשטעהען, אז איך בין גאַנץ צופריעדען און

גליקליך, און אז בעסער פערלאנג איך גאר ניט פון מיין מזל. זאג דאס מאר־טיני׳ן אין מיין נאמען.

ער איז א וואוילער יונג און א גוטער חבר און ער וועט עס פערשטעהן.

„פונדעסטוועגען האב איך יע א פערלאנג. א מענש, וואס געהט צום טויט, האט דאס רעכט אויף א לעצטען קאפריז; מיין קאפריז בעשטעהט אין דעם, צו ערקלעהרען דיר פאר וואס איך בין אזוי הארט געגען דיר, פאר וואס איך האב איך האב אזוי שווער פערגעסען די אלטע בעליידיגונג. אודאי האסטו אליין פערשטאנען די סיבה, אבער איך זאג זי ארויס, צו האבען דעם פערגעניגען, שרייבענדיג די דאזיגע ווערטער. איך האב דיך געליעבט, דזשעמא, ווען דו ביזט נאך געוועזען א קליין מיידעלע אין א קורצע קליידעלע מיט אן אראבגעלאזענעם צאפ און איך ליעב דיך נאך איצט אויך. דו געדענקסט, איך האב איין מאל א קוש געטהאן דיין האנד, און דו האסט מיך מיט תחנונים געבעטען מעהר ניט צו טהאן דאס. דאס איז געוועזען א הזעה פון מיין זייט, איך ווייס עס, אבער זיי מיר מוחל. און איצט קוש איך דאס פאפיער, אויף וועלכען ס׳איז אויפגעשריבען דיין נאמען. איך האב אויף אזא אופן דיך צוויי מאל געקושט און ביידע מאל אהן דיין הסכמה.

אט דאס איז אלץ. זיי געזונד. „טהייערע״.

קיין אונטערשריפט איז אין בריעף ניט געוועזען, נאר צום סוף איז געוועזען צוגעשריבען דאס ליעדעל, וואס זיי האבען ביידע געלערענט אין דער קינדהייט:

צו לעב איך איצט,
צו שטארב איך דאך —
א גליקליך פליג׳ל
בין איך נאך״.

אין א האלבע שעה ארום איז מארטיני אריין אין צימער. א האלבען לעבען האט ער פערבראכט נעבען דזשעמא׳ן אין שווייגען; איצט האט ער פערלארען די מאכט איבער זיך. ארויסלאזענדיג פון די הענד דאס פאפיער, מיט וועלכען ער איז אריין אין צימער, האט ער ארומגענומען די יונגע פרוי.

— דזשעמא, וואס האט געטראפען? וויינט ניט אזוי, איהר האט דאך קיינמאל ניט געוויינט! דזשעמא, דזשעמא! טהייערע, געליעבטע מיינע.

נארנישט צעזאר. איך וועל אייך שפעטער אלץ דערצעהלען. איצט קען איך נאך וועגען דעם ניט ריידען.

זי האט געשווינד אריינגעלייגט דעם מיט טרעהרען בענעצטען בריעף אין קעשענע, און אויפהויבענדיג זיך, איז זי צוגעגאנגען צום פענסטער, כדי

ניט צו ווייזען די געזיכט. מארטיני האט זיך געביסען די ליפען. איינהאלטענדיג זיך לאנגע יאהרען, האט ער זיך איצט ארויסגעגעבען ווי א אינגעל, און זי האט עס אפילו ניט בעמערקט.

— מען קלינגט אין דער גרויסער קירכענגלאק. מן הסתם איז ווער געשטארבען.

— דאס בין איך עס אריין דיר דערצעהלען — האט מארטיני געענטפערט מיט זיין געוועגליכער שטימע. ער האט אויפגעהויבען דאס בלעטעל וואס איז אראבגעפאלען אויפ'ן פלאר און עס דערלאנגט דזשעמא'ן. מיט גרויסע בוכשטאבען איז דארט געווען געדרוקט :

„אונזער האכגעשעצטער יעפיסקאפ, זיין הייליגקייט מאנסיניאר קארדינאל מאנטאנעלי, איז פלוצלונג געשטארבען פון הארץ־שלאג.״

זי האט געשווינד אויפגעהויבען די אויגען פון פאפיער אויף מארטיני'ן און ער, קוועטשענדיג מיט די אקסלען, האט איהר געענטפערט אויף איהר שטומער פראגע :

—איז וואס, מאדאננא! הארץ שלאג איז פונקט אזא גוטער אויסרייד, ווי יעדער אנדערער.

ע נ ד ע.

ערשטע אבטהיילונג.

פאעזיע, ראמאנען און ערצעהלונגען.

	בראש.	געב.
אנדרעיעוו ל. „זיעבען געהאנגענע“. דאס בעריהמטע מייסטערווערק אין אן אמעריקאני־שע אויסגאבע — — — — — — — — — —	25	40
אנסקי. די היינטיגע גרים אין רוסלאנד — —	08	
אפאטאשו י. אין ניו־יארקער גהעטא. א ראמאן פון לעבען אויפ'ן גרונד פון דער אונטערוועלט — — — — — — — — —	45	70
אפאטאשו י. דער ראמאן פון א פערד־גנב און אנדערע ערצעהלונגען. רייך אילוסטרירט —		1.00
באסין מ. פינף הונדערט יאהר אידישע פאעזיע (אנטאלאגיע). א פראכט אויסגאבע, רייך אי־לוסטרירט מיט איבער 300 ספעציעל געצייכנ־טע בילדער, בעציערונגען און פארערבלעטער, 2 בענדער, גרויסער אקטאוו פארמאט, שעהן גע־בונדען מיט אן איינלייטענדער היסטאריש־פי־לאלאגישער אבהאנדלונג פון ב. באראכאוו,ביידע בענדער — — — — — — — — — — —		3.00
בלייכער י. וועה און אונרוה, געדיכטע און פאעמען, אריגינעלע און איבערזעצטע — — —	50	75
גארדין יעקב. סקיצען און ערצעהלונגען. פון פערפאסער אליין אויסגעקליבענע ער־צעהלונגען — — — — — — — — — — —		75
גארקי מאקסים. ערצעהלונגען — — — —	15	

	בראָש.	געב.
גאָרקי מאַקסים. אינטערוויאוס — — —	15	
ביידע געבונדען אין איין באנד — — — — — — — — —		50
געטהע וו. ווערטהער'ס ליידען. דאס קלאַ־סישע מייסטערווערק פון דעם גרעסטען דיכטער אין דייטשלאנד. איבערזעצט און איינגעלייטעט פון ש. יודסאָן, מיט א בילד פון דעם דיכטער	35	55
היינע היינריך. געזאמעלטע שריפטען. איבערזעצט פון לעאָן. ביאגראפיע פון היינע, דער רבי פון בכרך, אידעען, דער טהעע, געדאנ־קען און איינפעלען, וועגען רעליגיע און פילאָ־סאפיע, קונסט און ליטעראטור, מלוכה און גע־זעלשאפט, פרויען, ליעבע און הייראטה — — —		60
הירשביין פּרץ. פון ווייטע לענדער. ריי־זע בעשרייבונגען פון ארגענטינע און בראזיליע. קינסטלערישע שילדערונגען פון דער שעהנער נאטור, די מענשען. בעשרייבונגען פון די אי־דען, און זייער לעבען אין די שטעדט און אין די דערפער. שעהן געבונדען — — — — — — — — —		1.00
זאַקס א. ש. חרוב'ע וועלטען. קולטור־היס־טארישע בילדער פון דער ליטא ;זיין פאלגענדע אבטהיילונגען: 1) זיטען און מנהגים; 2) דער ליטווישער איד; 3) אידישע שמחות און אי־דישע אבלות. שעהן געבונדען — — — — — — —		1.00
חאַימאָוויטש מ. אויפ'ן וועג. א ראמאן פון דער ניו יארקער אידישער אינטעליגענץ —	50	75
חאַימאָוויטש מ. צוויי ערצעהלונגען —	20	40
טאַגאָר ראַבינדראַטה. דער גערטנער. דאס ערשטע ווערק אין אידיש פון וועלט־בע־ריהמטען אינדישען דיכטער — — — — —	50	75